STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07887

DI ZUN FARGEYT BAYM AMU-DARYA

Betsalel Terkel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בצלאל טערקעל

די זון פאַרגייט ביים אַמו־דאַריאַ

ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

168

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס־לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

ב צ ל א ל ט ע ר ק ע ל

די זון פֿאַרגייט בײַם אַמו-דאַריאַ

פונעם פּליטים-לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד

ה ק ד מ ה :
משה קנאַפּהייס

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, 1963 — ה׳תשכ״ג

דאָס דאָזיקן בוך איז געווידמעט מיינע טייערע און ליבע פרוי רבקה, טעכטער: שולמית און יהודית, וואָס האָבן מיט מיר געטיילט דעם שווערן גורל פון וואָגל און וואַנדער, און דאָס מיזינקל, חנהלע, וואָס האָט אונדז געבראַכט טרייסט און מוט נאָכן פאַרלירן אַלץ און אַלעמען.

דער מחבר

בצלאל טערקעל

אינהאַלט

אַ וואָרט וועגן מחבר און זיין פּיינפולער מגילה — משה קנאַפּהייס 9
איידער דו לייענסט דאָס בוך — — — — — — — — — — — — 13

ערשטער טייל:

פאַרפרוירענע נשמות

קאַפּיטל איינס: דאָס שטעטל ברענט — — — — — — — — — — — 19
קאַפּיטל צוויי: יום־כיפּור אין ווארשע — — — — — — — — — 28
קאַפּיטל דריי: אין די נאַצישע לאַפּעס — — — — — — — — — 34
קאַפּיטל פיר: טאַטע און זון — — — — — — — — — — — — 41
קאַפּיטל פינף: אַ מיליך־נאַטשאַלניק — — — — — — — — — — 55
קאַפּיטל זעקס: פאַרפרוירענע נשמות — — — — — — — — — — 62
קאַפּיטל זיבן: אַ פאַרשעמטע יידישע שטאָט — — — — — — — 69
קאַפּיטל אַכט: יהודיתל און שולמיתל — — — — — — — — — 86
קאַפּיטל ניין: די לעקציע פון סערגיי אַלעקסייעוויטש פּאָפּאָוו — — 107
קאַפּיטל צען: קאַלטס און ווארעמס — — — — — — — — — — 123
קאַפּיטל עלף: אַ נישט־אָוועקגעשיקטער בריוו — — — — — — — 135
קאַפּיטל צוועלף: אַ רעווי־פאַרשטעלונג פאַר די פאַרשיקטע — — — 144
קאַפּיטל דרייצן: שלום־עליכם אין פּאַסיאָלאָק לוגאָוואָי — — — 156
קאַפּיטל פערצן: אין „זאַגאָט־זיערנאָ" — די שייערן פון תבואה־
פאַרגרייט — — — — — — — — — — — — — — 164
קאַפּיטל פופצן: קאַלכאָזניקעס בויען אַ קאַנאַל — — — — — — — 181
קאַפּיטל זעכצן: דאָס געוויין אויפן בית־עלמין — — — — — — — 201

צווייטער טייל:

געוויסנס אָן געוויסן

קאַפּיטל איינס: צוויי עקשנים — — — — — — — — — — — 215
קאַפּיטל צוויי: פּאַר צוויי הונדערט גראַם טיי — — — — — — — 222
קאַפּיטל דריי: דער ברויינער האַרבסטמאַנטל — — — — — — — 236
קאַפּיטל פיר: אַן אַלטיטשקע ייִדישע מאַמע — — — — — — — — 241
קאַפּיטל פינף: פיר וואָס האָבן געגעסן... — — — — — — — — 255
קאַפּיטל זעקס: מיט אונדז אָדער קעגן אונדז — — — — — — — 262
קאַפּיטל זיבן: פּאַליט־גראַמאַטע — — — — — — — — — — 272
קאַפּיטל אַכט: דער דריטער פראָנט — — — — — — — — — — 292
קאַפּיטל ניין: הגונב מן הגנב פּטור — — — — — — — — — — 314
קאַפּיטל צען: דער לאַמעד־וואָווניק — — — — — — — — — — 325
קאַפּיטל עלף: אויפן שוואַרצן מאַרק — — — — — — — — — — 338
קאַפּיטל צוועלף: עד, האָבן זיי געטאַנצט! — — — — — — — — 344
קאַפּיטל דרייצן: נישט־פאַרווירקלעכטע חלומות — — — — — — 351
קאַפּיטל פערצן: כ׳וועל דיר אַ מעשהלע דערציילן, מיין קינד — 361
סוף פּסוק — — — — — — — — — — — — — — — — — 378

אַ וואָרט וועגן מחבר און זיין פּיינפולער מגילה

מיטן דאָזיקן בוך פונעם יונג־פאַרשטאַרבענעם שרייבער־פּליט, **בצלאל** טערקעל, ווערט אָפּגעשלאָסן דאָס לעבן פון אַ קאָמפּעריזשער נאַטור, **וואָס** האָט אָרגאַניש נישט פאַרטראָגן קיין עוולות, נישט געקאָנט סובל זיין **קיין** אומגערעכטיקייטן, געפילט אַ ווידערווילן ביז עקל צו די וואָס באַגייען **די** עוולות, די פאַלשע ברואים, וואָס זאָגן איינס און מיינען עפּעס **אַנדערש**; טוען פונקט דאָס קאַפּויערדיקע פון דעם וואָס זיי פּרעדיקן און שטעלן **זיך** נאָך מכלומרשט אײַן פאַרן געקריוודעטן, נעמען אים אונטער זייער **שוץ**, גיבן אים אַ דאַך איבערן קאָפּ, הייבן אים אויף הויך, גאָר הויך — **און** וואַרפן אים פון דאָרט אַרונטער אַז ער זאָל זיך מער נישט קאָנען **אויפ**־הייבן.

דאָס פאַרליגנדיקע בוך, וואָס דער מחבר האָט עס געשריבן **אויפן** טויטנבעט, איז איין גרויס פּיינגעשריי פון אַ שטומער, אַ **פאַרשטומטער** ליידנדיקער וועלט, פול מיט אומפּאַרגעבלעכע בלוטיקע עוולות, וואָס **ווערן** באַגאַנגען אויף טריט און שריט פון גרויסע קעגן קלענערע, פון **שטאַרקע** קעגן שוואַכערע, פון אומגעבעטענע צבועקישע בעלי־טובות, וואָס **ווילן** אויף כוח, מיט די דראַסטישע מיטלען... בעסער מאַכן, באַגליקן די **וועלט**, לויט דער לאָזונג אַז „דער ציל כשרט די מיטלען". אין נאָמען פון **די** העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן מאַכט מען פונעם מענטש אויס **מענטש**; נעמט מען פון אים אַוועק דעם צלם־מענטש, און מע לאָזט דערביי **אויס**־רופן בפני כל עם ועדה:

— דער מענטש — דאָס קלינגט שיין! דער מענטש — **דאָס איז אַלץ!**

אונטערן דאָזיקן דעקמאַנטל האָט מען אַנטמענטשט דעם מענטש.

דעם מחברס יושר־געפיל האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן **גע**־דאַנק אַז די וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די „דערנידעריקטע **און באַ**־ליידיקטע" זענען אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דערנידעריקער **און באַ**־

ליידיקער, גראָד לגבי די אייגענע גורל־חברים, מיטגייער און מיטשפּאַנער אין די פּאַרנטיקע רייען, „שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט", מיטטראָגער פון די זעלביקע רויטע פאָנען וואָס „פון בלוט זענען רויט", נאָך אַלץ רויט פונעם אומשולדיק־פאַרגאָסענעם אַרבעטערבלוט, אומשול־דיק־פאַרגאָסן דורך די... באַפרייער פונעם אַרבעטערקלאַס גופא.

דעם אומפּאַרבעסערלעכן יושר־זוכער האָבן די געשיכטלעכע עוולות פונקט אַזוי ווי געטון ווי די פּערזענלעכע, די אומרעכטן בין אָדם לחברו. באַזונדער פּילעווודיק איז ער געווען אויף די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען אין קעניגרייך פונעם וואָרט דורך מענטשן פון וואָרט וואָס האָבן נישט קיין וואָרט, וואָס נידעריקן אַראָפּ די חשיבות פון וואָרט, וואָס ריכטן זיך לויט קליינלעכע חשבונעלעך פון אַ שמור לי ואשמור לך־מאָראַל. ער האָט נישט געקאָנט צוזען ווי דאָס שלעכטע ווערט געלויבט, אַפּלאָדירט, און דאָס גוטע — פאַרשוויגן, באַשפּיגן, איגנאָרירט, צי גאָר אויף אַ נישט־ערלעכן אופן אַרונטערגעריסן; דאָקעגן, דאָס סטיללאָזע, קייגומעדיקע קוואַטש־לשון, שוין אָפּגערעדט פון תוכן און לאָגישער קייטלונג פונעם זאַצבוי, ווי איין זאַץ מיטן צווייטן קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, — ווערט אַרויסגע־שטעלט ווי אַ מוסטער פון שפּראַכסטיל, פון שיינשרייבערײַ, פון שלימותדיק לשון.

ער האָט נישט געקאָנט מיטמאַכן דעם באַלבעסלדיקן קאָנפאָרמיזם פון קוקן דורך די פינגער אויף דעם אַלעם וואָס ליטעראַרישע פּאַראַזיטן טוען אָפּ — אומגעשטערט — אין און אַרום דער ליטעראַטור, און אויך נישט געקאָנט צוזען ווי ערלעכע אויפריכטיקע קולטור־בויער לאָזן זיך אַראָפּפירן פון גלייכן וועג, לאָזן זיך פירן פאַר דער נאָז דורך קאַריערסט־לעך און פּראָווינצער אינטריגאַנטלעך, וואָס זוכן זיך צוצוקריכן צו דער קהלישער שיסל פאַר יעדן פּרייז, אונטערפירן איינעם קעגן צווייטן און ביידע וויזן די טיר פון יענער זייט, בכדי ס'זאָל נישט זיין ווער ס'זאָל קוקן אויף די הענט.

דערפון האָט זיך גענומען די גרויסע פאַרביטערונג זיינע, פאַרביטע־רונג און נישט אַנט'ישונג. ער האָט דעם יושרדיקן קאַמף פאַר יושר קיין מאָל נישט אויפגעגעבן, נישט רעזיגנירט פון איס, אַפילו ווען ער האָט גע־וווּסט אַז ער וועט אַרויס דער פאַרשפּילטער; ווען ס'האָט אים געדראָעט דערפאַר מיט ערנסטע קאָנסעקווענצן ביזן פאַרלירן די פרייהייט.

זיין פילבאַרקייט פאַר גערעכטיקייט האָט זיך אין אים נאָך מער פאַר־שאַרפט, ווען ער האָט איינגעזען אַז דער יושר איז געפאַלן אַ קרבן גראָד דורך די וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון יושר, און טאַקע די יושר־מאַנער זענען עס געווען זייערע ערשטע קרבנות.

ער האָט נישט אויפגעגעבן זיין יושר־זוכעריי, ווען ער האָט זיך אָנ־געטראָפן פנים־אל־פנים מיט אַ וועלט וואָס האָט באַדאַרפט זיין כולו זכה און איז געוואָרן אַ וועלט פון כולו חייב. אַ וועלט, וואָס האָט אויפגעשריבן אויף איר פאָן דעם העכסטן אידעאַל פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט, צו וועלכן אַלע שיינגייסטער פון דער וועלט האָבן געשטרעבט און געזונגען אָדעס און הימנען, — האָט זי גענומען אָט דעם דריי־איינ־קייט־אידעאַל פון דער פאַרויס־שפּאַנענדיקער מענטשהייט און אים אַריינ־געוואָרפן אין אַ פינצטערן זאַק, אַז ער זאָל מער קיין מאָל נישט זען די ליכטיקע שיין — אים באַגראָבן אויף אייביק.

**
*

פון די זייטלעך פון דעם פיינפולן בוך שרייען אַרויס, ווי געזאָגט, אומ־צייליקע עוולות, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן היימלאָזע, עלנטע מענטשן, געיאָגטע, הילפלאָזע, אומגליקלעכע, מיט גרענעצלאָזער שרעק אין די צעטומלטע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעשפיגלט גיהנומדיקע קאָשמאַרן; עוולות וואָס וועלן קיין מאָל נישט קאָנען אויסגעבעסערט ווערן, פאַרריכט ווערן, ווייל אַ גרויסער טייל פון די באַעוולטע איז אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן אויף די פאַרלוירענע וועגן פון זייער נע־ונד, און יעדער שפור איז נאָך זיי פאַרלוירן געגאַנגען, פאַרטראָגן פון די מידבר־זאַמדן אין מיטל־אַזיאַטישן סטעפּ און פאַרשאָטן פון שנייען אין די סיבירער טייגעס און טונדרעס, ווו דער מחבר איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אין דער ריי און צוזאַ־מען מיט זיי געטיילט זייער גורל פון פיין, צער און אומגעשטילטער בענק־שאַפט.

אויף זיי, די פאַרפאַלענע, פאַרלוירענע, אויסגעגאַנגענע יידישע פּלי־טים, וואָס שרייען שטום אַרויס פון די דאָזיקע בלעטער פון בוך מיט זייער אומענדלעכן צער און וויי, קאָנען געזאָגט ווערן די עלעגישע שורות, וואָס ס'האָט אַמאָל אויסגעפיבערט אַ גרויסער און איידעלער יידישער פּאָעט,

דער דיכטער־קדוש דוויד האָפּשטיין, אויף יענער האַרצלאָזער און גאָט־לאָזער ערד:

„אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווי קאָן מען זיין עלנטער, ווי קאָן מען זיין עלנטער!...״

***

אָט דאָס בוך איז דער קדיש, וואָס בצלאל טערקעל האָט געזאָגט נאָך די פֿאַרוואָגלטע נשמות, נאָך זיינע חברים אין נויט און עלנט — קרבנות פון אַ פֿאַרשאָלטענעם אומגליקלעכן דור — ביים סוף פון זיין לעבן, און אויך נאָך זיך אַליין, נאָך זיין אייגענעם גורל, וואָס ליגט אַ געחתמעטער צווישן די טאָוולען פון דאָזיקן ספר־הזיכרונות.

משה קנאַפּהייס

בוענאָס־איירעס, דעם 18טן נאָוו׳, 1962

איידער דו לייענסט דאָס בוך...

דאָס איז נישט בלויז די געשיכטע פֿון איין לעבן, איין מענטש, נאָר פֿון אַ סך, אַ סך טויזנטער אַזעלכע יידישע פּליטים פֿון פּוילן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט קעלטס און וואַרעמס, וואַנזיניק געלייף פֿון באָמבאַרדירטע שטעט; אונטער האָגל פֿון קוילן איבער וועגן און גרענעצן; טויט־סכּנות און פֿאַרשידענערליי מכשולים, וואָס אַ מענטשלעכע פֿעדער איז עס גאָר נישט ביכולת אַרויסצוברענגען אין דער גאַנצער מאָוימדיקייט — אָט דאָס אַלץ וואָס זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין דער צייט פֿון זייער נע־ונד, ווען די צעפּענטעטע כוואַליעס פֿונעם אומקום־שטורעם האָבן געבושעוועט איבער אייראָפּע.

איך האָב נישט בדעה און וויל צומאָל נישט צולאָזן דעם געדאַנק צו וועלן מאַכן אַ פֿאַרגלייך צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד בנוגע דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי אַ פֿאָלק וואָס האָט אויף זיין בלאָ־ווייסער פֿאָן אויפֿגעשריבן, ווי אַ דעוויז: לא תרצח! אַ פֿרידלעך אומבאַהאָלפֿן און אומבאַוואָפֿנט פֿאָלק וואָס האָט נישט געהאַט קיין ווידערשטאַנד־מיטלען, קיין מיליטערישע מאַכט און במילא נישט געווען קיין סכּנה פֿאַר קיין שום אַנדער פֿאָלק און אַוודאי נישט פֿאַר קיין פֿאָלק וואָס איז געווען באַוואָפֿנט ביז די ציין.

מיר זענען אָבער אַנטוישטע געבליבן שטיין פֿאַר אַ משונה־מאָדנערווירקלעכקייט, זיך אָנטרעפֿנדיק אויף די ברוטאַלע אכזריותדיקע האַנדלונגען פֿון די סאָוועטן, וואָס האָבן אויף זייער רויטער פֿאָן אויפֿגעשריבן: פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, בעת אין לעבן האָבן זיי געטון פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע פֿון דעם אַלעם וואָס זיי האָבן געפּרעדיקט.

די ניי־איינגעשטעלטע סאָוויעטישע מאַכט, די כלומרשטע באַ־פרייער האָבן אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעריסן פון די בעטן יונג און אַלט, פרויען און קינדער, זיי אַלע פאַרמאַכט אין פראַכטוואַגאָ־נען און פאַרשיקט הינטער די הרי־חושך, וווּ זיי זענען געווען אויס־געשטעלט אויף די סאַמע שווערסטע און גרויזאַמסטע באַדינגונגען, אין דער צייט ווען די זעלבע מאַכטהאָבער האָבן גאַנץ גוט גע־ווּסט אַז ייִדן שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין שום איבעריקע גע־פאַר, ווייל ווי פאַרפאָלגטע זענען זיי בלויז פאַראינטערעסירט אין דער מפּלה פונעם נאַציזם, וואָס איז דער שונא נומער איינס פונעם ייִדישן פאָלק.

אמת, אַ דאַנק דער פאַרשיקונג האָט אַ טייל אויסגעמיטן אַ זיי־כערן טויט; צוליבן אַרויספירן די ייִדישע פּליטים קיין סיביר האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון אומקום ביים דייטש. אָבער וויפל פון זיי זענען אויסגעגאַנגען פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט? וואָסער טייערן פרייז האָבן זיי געמוזט צאָלן פאַר זייער לעבן־בלייבן? — אַ פרייז פון פיין, נויט, הונגער, שקאָרבוט, בערי־בערי און אַנדערע חולאתן, וואָס האָבן דעם מלאך־המוות איינגעבערענגט אַ סך אַרבעט. דער שנים איז געווען אַ געננג אָנזעעוודיקער, וואָס האָט שיטער גע־מאַכט די רייען פון די ייִדישע פּליטים אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע.

ביים איבערגעבן דעם לייענער דאָס דאָזיקע בוך וויל איך בלויז פעסטשטעלן, אַז דאָס איבערגעבן די פאַקטן איז נישט געווען דיק־טירט פון שינאה און פאַרביטערונג און אַוודאי איז דאָס אַלץ נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט שאָדנפרייד. מיר איז געגאַנגען בלויז אין איבערגעבן די ווירקלעכקייט אַזאַ ווי זי איז דאָרט געווען. מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז ס׳איז מלחמה־צייט און אין באַדינגונגען פון צערודערונג, אומזיכערקייט און סכנה, ווען אויף די פראָנטן איז די לאַגע אַ סך אַן ערגערע ווי אין הינטער־לאַנד, ווען דאָס לאַנד גייט אָפּ אין בלוט — קאָן מען נישט פאָדערן פאַר זיך דאָס טעלערל פון הימל.

מיר זענען אַריינגעקומען צו די מענטשן אין זייערע היימען, געקומען אין באַרירונג מיטן פאָלק, געווען אויף די פאַבריקן, זאַ־

וואָדן, אין די קאָלכאָזן און אויף די בויונגען איבער אַ גרויסן שטח לאַנד; אויף שריט און טריט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט די בירגער, אויסגעהערט זייערע טענות, הגם זיי האָבן זיך גענוג געהיט און מורא געהאַט צו רעדן צופֿיל. מיר האָבן געזען זייער קלאָגעדיק, נעבעכדיק לעבן, אָן אַן אויסוועג, אָן אַ האָפֿענונג אויף בעסערס, וואָרן אַזאַ איז דאָס לעבן דאָרט געווען אויך פֿאַר דער מלחמה פּונקט ווי בעת דער מלחמה, און הלוואי זאָל זיך עס ווי צום גיכסטן ענדערן אויף צום בעסערן. מיר ווינטשן עס אויפֿריכטיק, פֿון גאַנצן האַרץ די דאָזיקע ברייטהאַרציקע, מכניס־אורחדיקע, מיטפֿילנדיקע און גוטמיינענדיקע רוסישע מענטשן, וואָס אַלע האַלטן זיי אַז זייער לעבן איז אַזוי גוט ווי נישט געלעבט, ווי פֿאַרשפּילט.

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, ווי מע זאָגט, מיט בלוט פֿון האַרץ, מיט אומגעשטילטן, אומפֿאַרגייענדיקן ווייטיק און צער. מיט די אייגענע אויגן האָבן מיר געמוזט צוזען אומבאַהאָלפֿענע די ליידן, דעם אומקום פֿון אַ סך אונדזערע פּליטים — ברידער און שוועס־טער, וועמענס קברים מע ווייסט אַפֿילו נישט וווּ זיי געפֿינען זיך, און פֿון די וואָס מע ווייסט יאָ — וואָס זענען געבליבן הפקרע און פֿאַרוואָרלאָזטע אויף פֿרעמדע בית־עולמס, אָן אַ שטיין, אָן אַ זכר — אין ענדלאָזן עלנט, אין מידברדיקער איינזאַמקייט — נאָמענ־לאָז.

אַ סך מענטש, וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן זייערס געשטרעבט צו גאולה, צו אויסלייזונג פֿונעם לאַנד פֿון דערלייזונג — האָבן נישט זוכה געווען דעם גליקלעכן מאָמענט פֿון די פּליטימדיקער באַפֿרייונג פֿונעם ביטערן באַפֿרייטן לאַנד.

אַזאַ איז זי געווען, די ווירקלעכקייט, די דערקענטעניש, וואָס מיר האָבן דערפֿאַרן אויפֿן סאָוועטישן באָדן. אַוודאי וועט עס דעם לייענער מאַכן אַ שווער געמיט, ווייל פֿון די בלעטער פֿון דעם בוך ווייעט מיט טרויער און צער און שטערט דאָס גלייכגעוויכט פֿון דער זעלבסטצופֿרידנקייט. אַ ייִדישער מענטש מיט ייִדישן באַוווּסט־זיין דאַרף וויסן פֿון דעם אַלעם, כאָטש ס׳וועט אים קאָסטן אַ שלאָפֿ־לאָזע נאַכט זיך צו באַקענען מיטן ליידנסוועג פֿון זיינע ברידער, זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פֿון די וואָס זענען שוין נישטאָ און אָפּ־

לערנען דערפון אַ מוסר־השכל... הלוואי זאָל זיך שוין מער נישט איבערחזרן עפּעס ענלעכס אין אונדזער פּיינפולער, מיט בלוט־דורכ־געזאַפּטער געשיכטע.

***

ס'איז מער ווי יושרדיק פון דעם אָרט צו דאַנקען דעם רעדאַק־טאָר פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", מאַרק טורקאָוו און דעם פאַרלאַג־לייטער, אברהם מיטלבערג, פאַר זייער סטימול און אַריינגעלייגטער מי. ווען נישט זיי וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען דער זכר פונעם קליינעם מענטשעלע, וואָס איז צעריבן געוואָרן אונטער די מילשטיינער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פונקט ווי די אומבאַוווּסטע קברים פון די אומצייליקע אומשולדיקע קרבנות וואָס קיינער ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

פאַרן דאָזיקן סטימול — אַ דאַנק.

דער מחבר

ערשטער טייל

פֿאַרפֿרוירענע נשמות

קאַפּיטל איינס

דאָס שטעטל ברענט...

מיר האָבן היינט — דאָנערשטיק, דעם זיבעטן סעפּטעמבער, 1939 — זיבעטער טאָג מילחמה. וואַרשע איז איינגעהילט אין רויך פון די ברענענ־דיקע הייזער. אויף די גאַסן ליגט פול אָנגעוואַלגערט גרוז פון צעשאָטענע בנינים. שטאַרקע דעטאָנאַציעס פון געשליידערטע באָמבעס. די גאַסן זענען ווי אָפּגעשטאָרבן. די סירענעס צעוואָיען זיך און דער ראַדיאָ גיט צו וויסן אַז ס'קומט פאַר אַן אייראָפּלאַן־אָנגריף. מענטשן לויפן, ווי פאַרסמטע מייז, אין געאייל אַראָפּ אין די קעלערן, אין די קאָרידאָרן — זיך צו שיצן קעגן די שטאָלענע מחבלים.

שוין דער זיבעטער טאָג אַזוי. יעדער טאָג אַלץ שווערער און גרוי־ליקער...

צאָלע אָנצים, וואָס וווינט אויף מוראַנאָוו 2, האָט זיך באַלד אין דער פרי געלאָזט אין וועג. געוואָלט אַרויס וואָס שנעלער פון דער באָמבאַרדיר־טער שטאָט. הונדערטער און טויזנטער האָבן פאַרפולט די גאַסן וואָס פירן קיין פּראָגע. מע גייט אין געאייל, גאַנצע מישפּחות, מיט פּעק, מיט קינדער־וועגעלעך, מיט שטוב־חפצים, שטייגעלעך מיט פייגל, טייל פירן מיט די קעץ און הינט..

דער טאָג איז אַ זוניקער. איינער פון די שענסטע פּוילישע גאָלדענע האַרבסט־טעג. מענטשן שפּאַנען פאַרזאָרגטע, מיט פאַרריסענע אויגן צום הימל, מיט פאַרגיכטע טריט, צו זיין וואָס ווייטער פונעם אייראָפּלאַן־גע־בריל וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער די היימישע דעכער.

אויפן הימל באַווייזן זיך זילבערנע, גלאַנציקע פּינטעלעך, וואָס דער־נענטערן זיך אַלץ שנעלער און פאַררוישן דעם אַרום. באַלד הערן זיך שאָסן פון מאַשין־געווער פון גאָר נידעריק. ווי אַרבעס שיטן זיך די קוילן אין

אַלע זייטן. ווי מע גיט זיך אַ דריי זעט מען ליגן מענטשן, אויסגעצויגענע, מיט שטאַרע טויטע אויגן וואָס גלאָצן אַרויף אין דער הייך, צו די לאַנג־דיקע פּנימער פון די פליער, וואָס שטעפּן גיך־גיך מיטן מאַשין־געווער, זייען טויט און פאַרניכטונג אויף פרידלעכע שוצלאָזע מענטשן, אַרויסגע־ריסענע פון היימען, וואָס פאַרפולן אַלע וועגן און שטעגן, וואָס פירן פון שטאָט אַרויס צו די פרייע אָפענע פעלדער.

***

אויף דער לינקער זייט שאָסיי ציט זיך אַ געדיכט וועלדל. צאַלע אַנציס איז אַריין אין דער געדיכטעניש פון די ביימער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן פרישן גראָז, אויסגעטון די שיך — אָפּצורוען אַ ביסל. די אָפּגעריי־בענע פיס ברענען פונעם שווערן וועג. אין וואַלד איז שטיל. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך אַהער דאָס גערויש פון אייראָפּלאַנען און ווייטע דומפּע אָפּהילכן פון אַן אויפרייס.

די נאַכט איז צוגעפאַלן אומבאַמערקט. לאַנגע רייען מענטשן שלעפּן זיך איבערן שאָסיי. לאַנג און שטענדיק־פאַרטונקלט איז דער וועג. מיט גערויש טראָגן זיך מיליטערישע קאַמיאָנען. זעלנער־פוסגייער איילן זיך מיט פולער אַמוניציע. אַלע ציען אין איין ריכטונג. צאַלע אַנציס איז גע־בליבן שטיין ביי אַ פרשת־דרכים: דריי וועגן קרייצן זיך דאָ. אַנטקעגן פירט דער וועג קיין מינסק־מאַזאָוויעצק, לינקס — אויף ביאַליסטאָק און רעכטס — דער וועג קיין לובלין.

שטייט ער אַזוי אַ נישט־דעצידירטער: לינקס, צו ביאַליסטאָק, איז דער וועג צו זיין היים. דאָ איז דער שאָסיי האַלב־ליידיקלעך; אַנטקעגן, אויף מינסק־מאַזאָוויעצק — פוסטעוועט דער גוט־געפּלאַסטערטער וועג; און רעכטס, קיין לובלין, איז דער וועג שוואַרץ מיט מענטשן, אַלץ ציט אַהין, מיליטער און ציוויל. אויך צאַלע אַנציס האָט זיך געלאָזט מיטן גרויסן שטראָם אין דער נאַכטיקער פינצטערניש — אויפן וועג קיין לובלין.

מע גייט גיך, מע וויל וואָס גיכער אָנקומען צו אַ ציל, וואָס קיינער ווייסט נישט פון אים, ווי ער געפינט זיך, ווי אים צו זוכן און ווי צו דער־גיין צו אים...

אויפֿן וועג האָט זיך צאַלע אַנציס באַגעגנט מיט נאָך אַ ייִד, אַ נידע־ריקער און דיקער וואָס האָט שווער געסאָפּעט. ער איז געווען באַלאָדן מיט אַ שווערן פּלעצאַק און מיט אַ מאַנטל אויף דער האַנט. אויפֿן אָרעם איז ביי אים געווען אָנגעהאָנגען אַ גאַזמאַסקע, וואָס האָט זיך אים געבאָמבלט ביים גיין און שווער געמאַכט זיין טראָט.

ביידע האָבן זיי זיך צונויפֿגערעדט, זיך צו האַלטן צוזאַמען, ווי צוויי מענטשן וואָס טרעפֿן זיך אין אַ נויט.

נאָך אַ לאַנגער שווערער נאַכט זענען זיי פֿאַרטאָג־צו אָנגעקומען אין שטעטל קאָלאָביעל. דאָ האָט געדרישט ווי אין אַ בינשטאָק. טויזנטער מענטשן האָבן פֿאַרפּולט דעם הויפּטוועג, דעם שאָסיי וואָס פֿירט קיין לובּ־לין. זעלנער און ציווילע האָבן זיך אויסגעמישט, ווי אין אַ קעסל. פֿערד און וואָגן, ביקסן און האַרמאַטן האָבן איצט געדרוט נאָך אַ שווערן טאָג לויפֿן און יאָגן. צאַלע אַנציס איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער, מיט צע־וויטיקטע פֿיס, מיד פֿונעם שווערן טאָג גיין. נישט ווייט פֿון אים איז גע־שטאַנען אַן אַלטע ייִדישע פֿרוי, מיט אַ מאַט בלייך געזיכט, אַרומגעבונדן מיט אַ פֿאַטשיילע אונטער דער גאָמבע. אָנגעטאָן אין אַ פֿאַרטעך, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַוועק פֿון דער קיך.

— ליבע פֿרוי — האָט זיך צאַלע אַנציס געווענדט אין זיין פֿאַר־צווייפֿלונג צו דער אַלטיטשקער — אפֿשר ווייסט איר ווו מע קאָן דאָ באַ־קומען אַן אָרט זיך אויסצורוען און איבערשלאָפֿן, בלויז אויף איין נאַכט.

די אַלטיטשקע האָט אים אָנגעקוקט מיט פֿאַרטרערטע אויגן, אַרויס־גענומען פֿון דער פֿאָרנטיקער קעשענע אַ קליין רויט עפּעלע, אַרומגעווישט עס מיטן פֿאַרטעך און אים דערלאַנגט:

— עסט, עסט געזונטערהייט, איר וועט זיך דערכאַפּן ס׳האַרץ.

טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז. מיט ציטעריקע הענט האָט ער גענומען דאָס עפּעלע:

— אַ דאַנק, באָבעשי.

ערשט איצט האָט ער דערפֿילט, אַז ער איז אַ פּליט. פֿון איצט אָן הייבט זיך אָן זיין וואַנדערונג אין דער פֿרעמד.

די אַלטיטשקע האָט מיט באַדויער אַ שאָקל־געטון דעם קאָפּ. געענו־

מען צאַלען ביי דער האַנט און אים אַריינגעפירט אין הויז צוזאַמען מיט זיין וועג־חבר, דעם נידעריקן דיקן מענטשן, וועמענס נאָמען ער האָט אַפילו נישט געוווסט.

ער האָט זיך געפונען אונטערן דאַך פון אַן איינשטאָקיק הייזל אין אַ קליין יידיש שטעטל. דריי צימערלעך מיט קליינע פענצטערלעך. אין איין צימער איז געווען אויסגעשאָטן אַ פולע פאַדלאָגע מיט קאָרן. אין אַנדערן צימערל איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל.

— איר קאָנט זיך דאָ צולייגן אָפּרוען.

ביידע פליטים האָבן זיך אַזוי אינעם אָנטועכץ, געלייגט אין בעטל אַריין.

צאַלע אַנציס האָט פּלוצים אויפגעריסן די אויגן פון שלאָף. ער האָט אַ דערשראָקענער זיך אַרומגעקוקט, געמיינט אַז דייטשן האָבן זיך אַריינגע־ריסן אין הויז. ער האָט געפילט ווי זיין בעטל וואַקלט זיך און אָט ווערט ער אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד. אַרום אים זענען געשטאַנען עט־לעכע מענטשן מיט רויטע פּנימער און געוואַלדעוועט אויף יידיש:

— זע, סאַראַ פּריץ! איינער אַליין אין אַ בעטל! ווי ביי דער מאַמען אין דער היים.

די עטלעכע שרייער האָבן פאַרנומען דאָס בעטל.

צאַלע אַנציס האָט זיך אַ פאַרשלאָפענער אַרומגעקוקט אין צעטומלע־ניש. אויפן טיש זענען געלעגן די זאַכן פון זיין מיטגייער, דאָס רענצל מיטן פּעקל און די גאַזמאַסקע. ער אַליין איז אין צימער נישט געווען. מיט שווע־רע טריט האָט צאַלע אַנציס אַריינגעטשאַפּעט אין צווייטן צימערל און זיך געלייגט אויפן צעשאָטענעם קאָרן.

אַ פרישער טאָג איז אויפגעגאַנגען, פרייטיק דעם 8טן סעפּטעמבער. דאָס שטעטל איז צערודישט און צעכוואַליעט. מענטשן גייען און קומען. פון וואַרשעווער שאָסיי ציִען אַלץ מער קאַראַוואַנען, מיליטערישע אויטאָס, פערד און וואָגן. אַ סך ציווילע מענטשן שטייען אָנגעשפּאַרט ביי די מויערן, אַנדערע ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד ביי די ראָוון.

די זון האָט זיך צעליכטיקט און געוואָרפן וואַרעמע סנאָפּעס ליכט.

פֿון אַנטקעגנאיבערדיקן וואַלד האָט זיך דערטראָגן אַהער פֿייגל־געזאַנג, אַ פֿריילעך טשוויטשעריי פֿון יונגע שוועלבעלעך.

דער מענטש וואָס האָט געלאָזט אויפֿן טיש די זאַכן מיט דער גאַז־מאַסקע איז מער נישט געקומען צוריק. קיינער האָט נישט געזען ווען ער איז אַרויס. ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אָן אַ שפּור. די זאַכן זענען געבליבן ליגן אויפֿן טיש ווי אַ זכר נאָך זייער אַוועקגעקומענעם באַלעבאָס.

שפּעטער־צו איז צוגעפֿאָרן צום הויז אַ דראַבינע־וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי פֿערד און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע פֿאַמיליע ייִדן פֿון וואַרשע. זיי זענען אַלע אַריין אינעם שטיבל מיט רעש און געפּילדער, זיי האָבן זיך געטיילט מיט דער אַלטיטשקער מיט זייערע איבערלעבענישן אויפֿן וועג, ווי די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט אויף אַרבעט, און קוים מיט ניסים האָבן זיי זיך דערשלאָגן אַהער אין שטעטל אַריין.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ טויבער אָפּהילך פֿון אַ דונערנדיקן זעץ און קנאַל. פֿאַר די אויגן איז געוואָרן פֿינצטער. אַ שוואַרצער שטויבוואָלקן האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿאַרביי די פֿענצטער. יאָמערנדיקע געשרייען און קרעכצן האָבן זיך געטראָגן פֿון אַלע זייטן. די אויפֿגעריסענע פֿענצטער פֿונעם שטיבל האָבן זיך אין דער פֿינצטערער, פֿאַרוואָלקנטער און צע־שריגענער גאַס אַ שטרעק געטון ווי פֿאַרצווייפֿלטע הענט, וואָס בעטן רחמים, הילף.

צאַלע אַנציס איז אַ פֿאַל געטון צו דער וואַנט צוזאַמען מיט אַלע שטור־ביקע. ער איז גיך געקומען צו זיך און מיט אַלע כּוחות זיך אַרויסגעריסן פֿון אָנגעצונדענעם הייזל און זיך געלאָזט צום וואַלד. דער גאַנצער ראַנד וואַלד איז שוין געווען פֿאַרפֿולט מיט מענטשן און פֿערד־געשפּאַנען. מורא־דיקע יאָמערן האָבן געריסן די לופֿט.

דער וואַלד איז געשטאַנען אַ שמעקעוודיקער, אַ צעוויגטער. די פֿייגל האָבן זיך באַהאַלטן אין די נעסטן. מענטשן זענען געלעגן אויף דער ערד צוגעטוליעט פֿון שרעק איינער צום אַנדערן. אַ גרויסער טייל מענטשן האָט זיך דורכגעשריגן מיט ווילדע ווידער־קולות צווישן דיביימער, זוכנדיק פֿאַרלוירענע אין דער בהלה. פֿאַרנאַכט, צו ליכטצינדן, איז דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אין פֿלאַמען. ווי ברענענדיקע ליכט האָבן צעפֿלאַמטע

דעכער זיך געריסן צום הימל מיט זייער פֿאַרשרפֿהטער צעצונדקייט, מיט אַ תּפֿילה, אָדער מיט אַ שטומער רוגזה...

די זון האָט זיך געזעצט הינטער די צעצונדן־פֿאַרסמאַליעטע דעכער, און אָפּגעשלאָגן מיטן רויטן שײַן אויף די ביימערקרוינען ביי די ראַנדן וואַלד.

ווי פֿון אַ צעצונדן וואַקסן־ליכט האָבן זיך געהויבן פֿלאַמען פֿון אַ ברענענדיקן דייטשן אַוויאָן אויף יענער זייט שטעטל.

צאַלע אַנציס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿונעם ברענענדיקן שטעטל און זיך געלאָזט גיין מיטן שאָסיי — צוריק קיין וואַרשע...

מיט אומוועגן, זיך האַלטנדיק נישט ווייט פֿון שאָסיי, האָט ער זיך געשלעפּט די גאַנצע נאַכט און דעם שבתדיקן טאָג, ביז ער האָט, שוין גאָר שפּעט אין אָונט, דערגרייכט אָטוואָצק, דאָס דאַטשע־שטעטל הינטער וואַרשע. ער האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ פֿאַרלאָזטע ווילע, און זיך אַוועקגעלייגט אויסדרוען פֿונעם שווערן וועג.

דאָס באַרימטע קוראָרט אָטוואָצק, האָט זיך אינעם זונטיקדיקן פֿרימאָרגן, דעם 10טן סעפּטעמבער, אויסגעצירט אין סאַמע פּראַכט. די סאָסנעביימער האָבן, פּונקט ווי אין פֿרילינג, זיך צעשמעקט מיט פֿרישע יאָדלעריחות. די ווילעס זענען געשטאַנען שטומע און געשלאָסענע, פֿאַרלאָזטע און פֿאַרוואָרלאָזטע. איינצלנע מענטשן זענען פֿאַרביי־געלאָפֿן אין געאייל, זיך נישט־אומקוקנדיק צומאָל אין אַרום.

אין דער לופֿט האָבן אַרומגעקרייזט עטלעכע אייראָפּלאַנען מיט אומהיימלעכן געדרויש און פֿון צייט צו צייט האָבן הילכיקע אויפֿרייסן אַ טרייסל געטון די לופֿט. צאַלע אַנציס האָט זיך נישט געהאַט ווו אויסצובאַהאַלטן בעת די אָפֿטע אָנפֿלי:ען פֿון די דייטשע באָמבאַרדירער. ער איז אַזוי געלעגן אונטער דער באָמבאַרדירונג אַן אַדורכגענומענער פֿון שרעק, קוקנדיק דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין.

אויף אַלייע ניעפּאָדלעגלאָשטשי 32 האָט געוווינט דער באַקאַנטער יידישער שרייבער, אורקע נאַכאַלניק. ער האָט אַ סך געשריבן קעגן נאַציזם. ווי ער וואָלט פֿאַרויסגעפֿילט זייער גיכן אָנקום, איז ער איצט געשטאַנען אין זיין גרויסן אַרבעט־צימער, געריסן און פֿאַרניכטעט זיינע ביכער און מאַנוסקריפּטן.

זיין פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַ טרויער, פול מיט זאָרגן. זיינע שטענדיק־פינקלענדיקע אויגן האָבן פאַרלוירן זייער גלאַנץ. ער האָט גע־ציטערט מער ווי אַלע, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים פאָרויסגעזאָגט זיין שנעלן סוף.

אורקע נאַכאַלניק האָט מיט אַן אומעטיקן בליק אַנגעקוקט צאַלע אַנ־ציסן, אים איינגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט און אַנגעוויזן אויף די גרויסע פּאַליצעס מיט ביכער:

— פון אַלץ דאַרף מען פּטור ווערן, און וואָס שנעלער. אַזוי פיל מי און האָרעוואַניע דאַרף מען פאַרניכטן מיט די אייגענע הענט.

צאַלע אַנציס האָט אים געטרייסט:

— וואָס ציטערסטו מער פון אַלע. מע קאָן נאָך גאָר נישט וויסן ווי ס׳וועט אויסזען דער סוף...

באַלד האָבן זיך צערוישט די אַוויאָנען מיט אַ זשומענדיקן געוווי, פאַר־ביילויפנדיק נידעריק, כמעט איבערן דאַך פון דער זומער־וווינונג.

— דו הערסט, האַ? — האָט אורקע נאַכאַלניק נאָך מער צעשראָקן אַרויסגעזייט צווישן די ציין — דו זעסט מיט וואָס פאַר אַ שטורעם זיי קומען אָן, מיט וואָסער רציחה?...

אורקע נאַכאַלניקס שווערין איז האַסטיק אַריינגעלאָפן מיט צע־שראָקענע אויגן:

— יצחק, גיי זוך אַן אַקושערקע, דיין פרוי גייט צו קינד.

ער האָט האַסטיק אַ שלעפּ געטון נאָך זיך צאַלע אַנציסן. זיי זענען פאַרבייגעלאָפן דעם „סכראָן" — דעם שוצקעלער — ווו זיין פרוי איז גע־לעגן אין געבורטוויייען. זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן איבער דער גאַס, גע־לאָפן פון איין אָרט צום צווייטן זוכן אַן אַקושערקע.

איבערן הימל האָבן געיאָגט די דייטשע באָמבאַרדירער, צעזילבערטע אינעם אָפּגלאַנץ פון דער זון. אורקע נאַכאַלניק איז געלאָפן ווי אַ באַנו־מענער און צאַלע אַנציס נאָך אים, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, ווי זיך צו שיצן קעגן די מחבלים.

אינעם קעלער איז אויפגעגאַנגען אַ ניי ליכט. ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ יידיש קינד, וואָס איז שפּעטער געפאַלן אַ קרבן צוזאַמען מיטן טאַטן,

דעם שרייבער, און מיט דער מאַמען וואָס איז נאָר וואָס געהאַט אויפגע־שטאַנען פון קימפּעט.

פינף אַזייגער פאַרנאַכט האָט שוין אַ גרויסער עולם געוואַרט אויף דער קאַלייקע וואָס האָט געזאָלט אָפּגיין קיין וואַרשע. יעדע ווײַלע איז דער עולם אַריין אין די וואַגאָנען און ווי נאָר ס׳האָבן זיך באַוויזן די דייטשע אײראָפּלאַנען, איז דער עולם צוריק אַרויסגעלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די דערנעבנדיקע גריבער, וואָס האָבן געזאָלט דינען ווי אַ שוץ קעגן לופט־אָנגריפן. ווען די אײראָפּלאַנען האָבן זיך דערווייטערט, איז דער עולם צו־ריק אַריין אין די וואַגאָנען. ווי אַ קאַץ־און מויז־שפּיל האָבן די דייטשע פליער זיך געררייצט, און ווי זיי וואָלטן זיך פון אויבן צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אונטן, האָבן זיי די דאָזיקע סצענע איבערגעחזרט אייניקע מאָל.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן אָפּרוקן, דערווייטערן פון וואָקזאַל און זיך אַוועקגעשלייכט צו די סאָסנעס אין וואַלד.

אַ סך פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן אָפּפאָר פון דער קאַלייקע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צופוס אין אַ ריי, לענג־אויס מיט די רעלסן — איינער הינטערן אַנדערן. טייל לויפערס זענען גע־בליבן הינטערשטעליק. אַנדערע האָבן שווער געסאָפּעט ביים לויפן און דאָך מיטגעהאַלטן מיטן לויף. איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי מענטשן צוריק קיין וואַרשע.

סמאָלינעס און רויך האָבן געשטיקט אין דער קעל און געבריט די אויגן.

אַ גאַנצע נאַכט איז אָנגעגאַנגען דער געלויף פון די מענטשן, איבער די באַן־ליניעס, דערנענטערנדיק זיך אַלץ מער צו וואַרשע.

פאַר די עטלעכע טעג וואַנדערן און שלעפּן זיך איבער די וועגן האָט צאָלע אַנציס נישט דערקענט די שטאָט. די פּראַגער גאַסן זענען געווען דורכגעלעכערט מיט גריבער פון די געפאַלענע באָמבעס, טייל הייזער איינ־געלייגט און פון אַלע זייטן האָבן זיך געררייכערט בנינים. אַרום איז נאָך געווען פינצטער. פון די שריפות איז דער הימל געשטאַנען אַן אָנגעצונ־דענער אין פלאַמען פייער.

נישט געוועזן מעגלעך דורכצוגיין די גאַס. פון אַלע טויערן זענען אַרויס די וואַכן וואָס האָבן קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די פאַרבייגייערס.

דאָס וואַכיקע אויג פון דער קאָנטראָל האָט פאַרפאָלגט אויף טריט און שריט, נישט מעגלעך געווען זיך צו דערשלעפּן צו דער יידישער געגנט. ער האָט שוין געוואָלט זיין אין דער היים, אויף מוראַנאָוו 2, ווו ער האָט געהאַט אַ צימערל ביי יענעם.

אין אַ טויער אויף מאַרשאַלקאָווסקע האָט צאַלע אַנציס איבערגעוואַרט ביז טאָג און זיך קוים דערשלעפּט צו זיך אין שטוב אַריין.

זעקס פאַרטאָג האָבן זיך צעהוזשעט די סירענעס, אָנזאָגנדיק א נייעם אייראָפּלאַן־אַנגריף. צעשראָקענע מענטשן זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די טויערן און קעלערן.

פון אַלע זייטן האָבן אויפגעריסן באָמבעס מיט געקנאַל. שטיקנדיקע רויכן האָבן איינגעהילט די הייזער, וואָס זענען געטראָפן געוואָרן פון די באַזילבערטע באָמבירערס וואָס האָבן געזייט טויט און פאַרניכטונג איבער די פרימאָרגנדיקע וואַרשעווער גאַסן.

אויף מוראַנאָוו 2 האָבן די שכנים באַגעגנט צאַלע אַנציסן מיט באַ־דויערן און פאַרוווּנדערונג:

— איר האָט שוין דורכגעמאַכט די גאַנצע מילחמה אין משך פון עטלעכע טעג.

ער האָט ביטער אַ שמייכל געטון אויף זייערע איראָנישע רייד.

דער גורל האָט פאַר די וואַרשעווער יידן צוגעגרייט גרויליקע סור־פּריזן: די וואַרשעווער עדה־הקדושה איז אין די ניין און צוואַנציק טעג פון נאַצישן אַנגריף אויף פּוילן, אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט, פאַרשאָטן געוואָרן אונטער גרוזן און חורבות, פאַרברענט געוואָרן פון צינדבאָמבעס און געפאַלן פון שראַפּנעלן און קוילן. און דאָס איז געווען בלויז אַן אָנ־הייב, דער פאָרשפּיל צו דער גרויסער טראַגעדיע פון די פּוילישע יידן.

קאַפּיטל צוויי

יום־כּיפּור אין וואַרשע

די שטאָט איז געלעגן אַ צענהרגטע פון די פינצטערע דייטשע לופט־אַנגריפן. שוין פון די פרימאָרגן־שעהען האָט די דייטשע צעווילדעוועטע אַוויאַציע געהאָגלט מיט אויפרייס־ און צינדבאָמבעס אויף דער שטאָט. צום גרויסן יידישן יום־הדין האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרטיליקן אין פייער און בראַנד דעם יידישן שטאָטטייל, די צעמאַטערטע און אויסגעפייניקטע עדה, די שווערגעפּרוווטע וואַרשעווער יידן, וואָס האָבן שוין באַוויזן אין דער קורצער צייט פונעם מילחמה־אויסברוך דורכצומאַכן שבעה מדורי גיהנום.

אַ גאַנצן טאָג האָט אַזוי געדונערט איבערן יידישן וואַרשע. איין גרופּע איירשפּלאַנען איז אַוועק, אַ צווייטע איז געקומען.

אַ גרויסער טייל הייזער שטייט אין פלאַמען, שוואַרצע רויכיקע קנוילן ציען זיך פּאַסמעסוויז צום הימל. די לעצטע שקיעה־שטראַלן רייסן זיך אַריין אין אָנגערויכערטן אַרום און מאַכן נאָך אומהיימלעכער און פיינלעכער דאָס טרויעריקע בילד.

די נאַכט פון כל־נדרי...

דער זאַקראָטשימער רבי, אַ געבראָכענער, אַ פּליט, וואָס איז אַנטלאָפן גלייך נאָך ראש־השנה, ווען די דייטשן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל, שטייט אויף מוראַנאָוו 2, ווי אַן איינגעבעטענער אויף פרעמדן חסד, איינגעהילט אין טלית, ביים פּראָוויזאָרישן שטענדער. דאָס פענצטער איז פאַרהאַנגען מיט אַ שוואַרצער קאָלדרע, בכדי די שיין, וואָס פאַלט פון איינציקן ליכט, זאָל זיך נישט אַדורכרייסן אין דער גאַס אַרויס. מע קאָן עס נאָך אַ מאָל אויסטייטשן, אַז „מ׳האָט געגעבן סיגנאַלן דעם שונא״.

ער שלינגט די טרערן און זאָגט אַרויס מיט אַ געדעמפּט קול:

— כל נדרי ואסרי...

דער גאַנצער עולם, שכנים פֿון אַלע טרעפּ, פֿון די אויבערשטע און אונטערשטע שטאָקן זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט, שלוכצנדיק און קרעכצנדיק, קוים וואָס מע קריגט אַרויס פֿון זיך אַ וואָרט.

דורך די שפּאַלטן פֿון די אויפגעריסענע און צעבראָסטעטע אויסגעהאַקטע פֿענצטער רייסט זי אַריין דער רויך פֿון ברענענדיקע הייזער און שווערע גערוכן פֿון סמאַליענדיקע פֿערד און הינט, געפּאַלענע פֿון פֿייַנטלעכע קוילן.

די דייטשע האַרמאַטן זעצן אָן אויפהער אין די שטאָטישע הייזער. יעדער שאָס טרייסלט אויף ביז די טיפֿענישן פֿון דער נשמה און מאַכט נאָך פֿיינלעכער און ווייטיקלעכער די האַרצרייסנדיקע תּפֿילות פֿון אַלטן זאַקראָטשימער רב.

פֿון יעדן האַרמאַט־אויסשאָס טרייסלען זיך די ווענט און ס׳וואַקלען זיך די פֿונדאַמענטן פֿון דער טויזנטיאָריקער פּוילישער ייִדישקייט.

נדרנאַ לא נדרא...

ווידער האָבן אויפגעדונערט די האַרמאַטן. פֿון שטאַרקן הילך האָט זיך אַ שאָקל געטון די וואַנט ווו ס׳איז געשטאַנען דער עמוד, און אַלע — גרויס און קליין — האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צום קעלער.

צומאָרגנס, יום־כּיפּור ביי טאָג.

די שטאָט זעט אויס ווי אויסגעשטאָרבן. די גאַסן רייכערן זיך. אַ גאַנצע מחנה איראָפּלאַנען האָט זיך אין ווילדן גאַלאָפּ אַ לאָז געטון איבער דער מאַרטירער־שטאָט און געשאָטן מיט טויטנדיקן פֿייער און זידנדיקן שוועבל.

דער עולם פֿונעם גרויסן בנין אויף מוראַנאָוו 2 שטייט צונויפגעטוליעט ווי שעפּסן פֿאַר דער שחיטה. דער אַלטער זאַקראָטשימער רב איז איינגעהילט אין טלית. ער שטייט בדחילו־ורחימו און זאָגט די ימים־נוראימדיקע תּפֿילות.

יעדער קראַך פֿון אַ באָמבע, וואָס טרייסלט אויף דאָס הויז, פֿילט אָן מיט אימה. ווי שפּילצייג גיבן זיך ווענט אַ וואַקל און פֿאַלן איין. פֿון די באָענטע הייזער דערטראָגן זיך קולות און געשרייען:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט! ס׳ברענט, ס׳ברענט! ס׳ברענט!!!

בצלאל טערקעל

ובכן תן פחדך על הגויים...

אין דער אימהדיקער פּיינפולער שטילקייט רייסט זיך אַדורך דאָס טרייסטנדיקע קול פון אַלטן ייִד, דעם זאַקראָטשימער רב, וואָס שטייט מיט פאַרריסענע אויגן צום הימל, ביי וועמען ער זוכט שוץ און רחמים פאַרן כלל ישראל, פאַר זיך און פאַר אַלע, פאַר אַלע ייִדן אין דער באָמבאַרדיר־טער שטאָט.

אויך צאַלע אַנציס האָט געזוכט שוץ. ס'איז נישט מעגלעך געווען אויס־צוהאַלטן דאָס געוואָי פון די צעשפּילטע באָמבעס אויף די וואַרשעווער גאַסן. נאָר טויב צו ווערן פון די יללות וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט.

ער איז געלאָפן זוכן שוץ.

אין הויז פון וואַרשעווער „מאָמענט”, אויף נאַלעווקעס 38, זענען זיך צונויפגעקומען די זעצערס מיט זייערע מישפּחות און אויך אַ טייל פון די פאַרבליבענע שרייבערס וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן צו עוואַקויִרן פון דער שטאָט.

דאָרט, אין טיפן קעלער, ווו ס'געפינט זיך די מאַקולאַטור, האָט ער באַשלאָסן זיך צו שיצן פון דער שרעקלעכער סימפאָניע, פון טויט און פּחד.

די קלאַנגען פון דער גאַס זענען דאָ דערגאַנגען שוואַכער, ווי דער־ווייטערט. אויבן, אין דער דרוקעריי, ווו ס'זענען געשטאַנען די לינאָטיפּן, האָבן זיך די ווייבער און קינדער פון די זעצערס געטוליעט אין די ווינק־לען. פּלוצלינג האָט אַ שוואַרצער רויך אַ שלאָג געטון פאַר די אויגן. ס'האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קנאַל און אויפרייס. אַלע האָבן זיך געלאָזט צו די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צום אַרויסגאַנג.

באַלד האָט זיך אָנגעצונדן דאָס טויער פון גרויסן הויף וואָס פירט צו דער רעדאַקציע און זעצעריי פון „מאָמענט”. אַלע האָבן גענומען לויפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

דורך די אויסגעהוילטע לעכער פון טויער צו טויער, וואָס די באַפעל־קערונג האָט דורכגעבויערט, בכדי צו האָבן אין אַ בויטפאַל ווו צו אַנטלויפן, האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטון דורכן הויף פון באָניפראַטן 2, אַנטקעגנ־איבער דעם משוגעים־שפּיטאָל, און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ צווייטן קעלער.

נאַלעווקעס 38 האָט געברענט. אין סאַמע יום־כיפור, אין מיטן טאָג איז פאַרברענט געוואָרן דאָס הויז, ווו ס׳האָט זיך יאָרנלאַנג געדרוקט די גרעסטע ייִדישע טאָגצייטונג אין פוילן.

דער צעשראָקענער און צעטומלטער עולם איז געשפּרונגען איבערן אַנגעוואַלגער פון גרוזן, ציגל און שטיקער מויער. מ׳האָט זיך געטוליעט צו די גאַנצגעבליבענע ווענט, וועלנדיק זיך שיצן פונעם שונאס בליקן.

מיט בראַנד פייער האָבן די דייטשן געשאָסן אין דער באַטליתטער עדה, וואָס איז געשטאַנען מיט פאַרבונדענע קעפּ און הענט. פאַרוווּנדעטע און געטראָפענע פון שפּליטערס אין די געשיצטע טויערן האָבן די ייִדן נישט איבערגעריסן דאָס דאַווענען.

אַלץ אַרום האָט געברענט. דער ריח פון סמאָלינעס און טשאַד האָט גע־ריסן די נאָזלעכער און געבריט די אויגן. די גאַסן זענען געווען פול מיט פּגרים פון הינט און פערד, און מיט, להבדיל, געהרגעטע מענטשן.

פאַרנאַכטצו האָט די זון ווי קיין מאָל גאָרנישט, זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פאַרדויטלטע און פאַרשעמטע אונטער די צעשרפּעטע מויערן און פאַרזונ־קען אין די פלאַמען.

די לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן הימל אַ פאַרבלייכטע, אַ מידע און באַלויכטן די אָפענע בלוטנדיקע מענטשלעכע ווונדן.

אין קעלער אויף מוראַנאָוו 2 איז געשטאַנען דער זאַקראָטשימער רב איינגעהילט אין טלית, מיט באַזאָקטע פיס און שטיל געמורמלט אַ תפילה פאַר זיך:

— ווער ווייסט? — איז ער אַריינגעפאַלן אין ספקות — צי וועט נאָך דער אייבערשטער אָננעמען אונדזער תפילה...

— נישט שוין־זשע זענען מיר אַזוי זינדיק, אַז אונדזערע בקשות צום הימל זאָלן דאַרפן געשיקט ווערן דורך פלאַמען, פייַן און בושה... אין אַזאַ הייליקן טאָג, אין יום־הדין...

צו נעילה זענען די הימלען געווען פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלע־סער. די בקשות און תחנונים פון צעפייניקטן לעצטן ייִדישן דור אין וואַר־שע זענען נישט אויפגענומען געוואָרן, נישט געקומען פאַרן כסא־הכבוד.

שטייט ער און וויינט דער אַלטער זאַקראָטשימער רב. דורך די הייסע

טרערן זעט ער דעם אָנגעגליטן אַספּאַלט פון דער וואַרשעווער גאַס באַ־שפּריצט מיט מענטשלעך בלוט. מיט אויסגעשפּיצטע אויגן צום הימל ווײַ־טיקט ער אויס די אײנציקע פראַגע:

— רבונו של עולם, פאַרוואָס?

צאַלע אַנציס איז ווי אַ וואַנזיניקער געלאָפן איבער די גאַסן. בײַ יעדן אַנפּלי פון די דײַטשע מחבלים האָט ער זיך געשאַרט בײַ די ווענט, זיך צו־געדריקט האַרט צו דער מויער נישט געטראָפן צו ווערן פון קײן שראַפּנעל.

מיט דער נאַווינאַרסקע־גאַס האָט ער זיך געלאָזט צו דער אַלטשטאָט, צו זײַנס אַ חבר. אַלץ איז געשטאַנען אין פלאַמען. ווי צעצונדענע וואַקסענע ליכט האָבן די פלאַמען זיך געריסן פון די וואַרשעווער הײַזער, אַרויף צו די הימלען. יעדעס פלאַמענדיקע ליכט האָט די פײַערצונגען אויסגעשטרעקט צו גאָט און געמאָנט:

— פאַרוואָס?...

אין די טויערן פון די הײַף, אין די קעלערן, בײַ די דורכגעגנג פון די טרעפּ זענען ייִדן געשטאַנען אײַנגעהילט אין טליתים מיט וואַליזקעלעך אין די הענט. דאָס לעצטע פאַרמעגן. אַ גרויסער טייל מיט פאַרבונדענע קעפּ און הענט געטראָפענע פון שראַפּנעלן. זײ האָבן אַרויפגעשיקט זײערע תפילות צו גאָט:

— אולי ירחם!...

איבערן קלאָרן גאָלדיק־האַרבסטיקן פּוילישן הימל האָבן זיך מיט געוואַי געטראָגן מחבלים־אַוויאָנען מיטן גלאַנציקן מאָנסטער־גוף. זײ זע־נען נידעריק געפלויגן און געזײט טויט און חורבן.

גלײַך ווי עמעצער וואָלט זײ געזאָגט, אַז הײַנט איז דער יום־הדין בײַ ייִדן, האָבן זײ זיך פאַרלײגט אַלעמען צו פאַרטיליקן, צו פאַרניכטן די עדה־הקדושה וואָס האָט נאָך געזוכט שוץ בײַ גאָט און געגלייבט אין זײַן הילף.

די זון האָט זיך געזעצט. די פּראָוויזאָריש־אָוועקגעשטעלטע אָרון־קודש מיט די ספר־תורות זענען געווען צעעפנט. ייִדן האָבן אַרײַנגעשריגן זײער ווײטיק און צער.

פון די צעעפנטע אָרון־קודש איז קײן הילף נישט געקומען.

אַז די אַוויאָנען זענען אַוועק, האָבן זיך איבער דער שטאָט צעהילכט די קאַנאָנען־שאָסן וואָס האָבן צעטרייסלט די געהירן און מוח.

מיט פאַרחושכטע פּנימער האָבן ייִדן אויסגעשריגן: — לשנה הבאה בירושלים! און נאָך מעריב זיך געשטעלט מחדש זיין די לבנה, וואָס איז אַ רויִקע געגאַנגען איר וועג, אַ שטאַרע און פאַרגלאָצטע, געקוקט אויף אַראָפּ און נישט געזען ווי די ייִדן גייען אָפּ אין בלוט און אַנגסט.

אַ סך מתפּללים האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, רעזיגנירטע, פאַר־שעמטע און נישט געקאָנט קוקן אַרויף, אין דער הייך, צום הימל.

— היום הרת עולם — היינט איז געווען דער גרויליקסטער טאָג פאַר דער פּילגעפּרוווטער וואַרשעווער עדת הקדושה...

אַנטקעגנאיבער דעם הויז, וווּ אַנציס האָט געוווינט, אויף מוראַנאָוו 5, איז אַריינגעפאַלן אַ באָמבע, און אַרויסגעריסן אַ שטיק וואַנט. דאָס הויז שטייט אַ צעעפנטס פאַר די אויגן פון דער רשעותדיקער וועלט. די שענק און די שטולן אויף די ערטער. דער טיש באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך... באַר אָן די ווענט. הויל און נאַקעט.

— איר זעט — ווייזט־אָן אַנציסן דער זאַקראָטשימער רב — היינט אין דער פרי, ווען מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ ספר צו קריאת־התורה, האָבן מיר עס דאָרט ביי יענעם שכן אויסגעלי׳ען. אַפילו אַ ספר־תורה אין היכל דאַרף מזל... מיר האָבן זי צוגענומען און אין אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווען איר האָט געוואַנדלט איבער די גאַסן, אַ צעטראָגענער, האָט דאָס הויז נו־מער 5 אויפגעריסן, אָבער די ספר־תורה איז פאַרבליבן מיט אונדז.

— איז דאָס נאָך כאָטש אַ שטיקל טרייסט פאַרן היינטיקן טאָג, אָבער פאַרן מאָרגן? ווו וועט מען זיך אַהינטון מאָרגן. אַז ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין וועט מען מוזן כאַפּן די טאָרבע מיטן וואַנדערשטעקן און זיך לאָזן אי־בער דער וועלט — ווו די אויגן וועלן טראָגן... — אין שאול־תחתיה אַריין...

קאַפּיטל דריי

אין די נאַצישע לאַפּעס

וואַרשע האָט קאַפּיטולירט. אויפן אויסגעבויגענעם דאַך פונעם קע־ניגלעכן שלאָס האָט געפלאַטערט הכנעהדיק אַ ווייסע פאָן. אויפן ניינאונ־צוואַנציקסטן טאָג האָט די העלדישע הויפּטשטאָט פון פּוילן זיך געמוזט אונטערגעבן. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרנומען פונעם שונא. ביזן בוג האָבן זיך די פּליטים געשלעפּט איבער די וועגן. פון יענער זייט בוג איז די פּוילישע ערד געלעגן אַ פאַרנומענע פון דער רויטער אַרמיי.

וואַרשע איז געווען די איינציקע אַרומגערינגלטע שטאָט, וואָס האָט געקעמפט ביזן סוף: אָן וואַסער, אָן עלעקטריע, אָן ברויט. אַ פאַרברענטע, אָנגעפילט מיט רויך, מיט געפגרטע פערד אויף די גאַסן און מיט הימלאָזע וואַנדערנדיקע הינט איבער די גאַנצגעבליבענע הייף, וואָס האָבן, על־פּי־נס, אויסגעמיטן די צעשטערערישע באָמבעס.

דער אָקופּאַנט האָט געשטעלט די לעצטע באַדינגונגען:

— אָפּרייניקן די גרוזן!

גאַנץ וואַרשע — פון קליין ביז גרויס — האָט זיך מאָביליזירט צו דער אַרבעט און פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן שונא וואָס האָט מיט זיך געטראָגן טויט און חורבן אויף טריט און שריט.

דער רויך פון די שריפות האָט זיך געריסן צו די הימלען. שטיקער ווענט און דעכער האָבן זיך געהאַלטן אויף משקולות, זיך געשאָקלט פון ווינט. דער הימל איז געווען פאַרכמאַרעט, באַלד וועט ער זיך פונאַנדער־ווייבען אויפן חורבן פון דער שטאָט וואָס האָט אויסגעהויכט איר לעצטן פרייען אָטעם...

פון אַלע גאַסן און געסלעך האָט זיך צעטראָגן דאָס עזותדיקע פייפאַלן־געפייף און געטראָמבעריי פון נאַצישע אָרקעסטערס. הינטער זיי — דאָס

מאַרשירנדיקע מיליטער מיט חוצפהדיקע בליקן. פאַרגאַפטע האָבן די זעל־נער געקוקט אויפן גרויליקן בילד און נצחונדיק געשמייכלט. זיי האָבן זיך געצויגן צו דער קערבעדזש־בריק — ווייט, צו די אָפּגעריייניקטע גאַסן אויף פּראַגע און אויסער דער שטאָט.

אַ מענגע איינוווינער פון דער שטאָט — טייל מיט פאַרבאַנדאַזשירטע הענט און פיס, פנים און קאָפּ — האָבן געצויגן קיין פּראַגע, מיט פּעקלעך, רוקזעק און וואַליזעס.

עמעצער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז פון יענער זייט ווייסל וועלן קומען די רויטע און ביי זיי איז דאָס לעבן זיכערער און בעסער. איז מען געלאָפן דעם לעבן אַנטקעגן, און צווישן זיי אויך צאָלע אַנציס.

די פּראַגער גאַסן זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. אויפן ברוק זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג מחנות פּוי־לישע זעלנער און אָפיצירן, וואַרטנדיק זיך איבערצוגעבן — לויטן אָפּמאַך — אין געפאַנגענשאַפט.

ביי איינציקע געשעפטן האָבן זיך אויסגעשטעלט לאַנגע רייען מענטשן, אפשר וועט מען קריגן עפּעס צו קויפן.

איבער די גאַסן האָט מען געזען איינצלנע דייטשן, וואָס זענען אַרומ־געגאַנגען און געקוקט דערשטוינטע אויפן אַרום. פּוילישע יונגלעך האָבן הכנעהדיק געטראָגן דעם גוטמאָרגן פאַרויס; יענע האָבן אַפילו נישט גע־ענטפערט.

מיט יעדן טאָג וויטער איז די לאַגע געוואָרן שווערער. מ׳האָט אָנגע־הויבן כאַפּן צו דער אַרבעט, צו רייניקן די גאַסן, אָנטראָגן וואַסער פאַר די דייטשע מיליטער־לייט, וואָס האָבן פאַרנומען וויכטיקע געביידעס און אינסטאַלירט זייערע אַמטן, אויך דאָ, אין פּראַגע.

און די רויטע אַרמיי איז נישט געקומען... אומזיסט האָט זיך די יוגנט געריסן דער באַפרייונג אַנטקעגן. פון אַלע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מיט יעדער מינוט וויטער איז דאָס לעבן אין וואַרשע געוואָרן אומדערטרעגלעכער און שווערער. פאַלאַקן האָבן אָנגעוויזן יעדן דייטש: — „אָט איז יודע!״, און מ׳האָט אַזאַ איינעם אַרויסגעוואָרפן פון דער ריי נאָך

ברויט. ייִדן האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשליסן די טירן. זיך אויסבאַהאַלטן פֿון פֿרעמדע אויגן.

אין די נעכט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט ווי אויף אַ בית־עלמין. די עלעקטריע אין ייִדישע הײמען איז געוואָרן אויסגעלאָשן, אין מורא, נישט צו האָבן קיין אומגעוואונטשענע געסט...

אין איינעם אַ פֿאַרנעפּלט־גראָען פֿרימאָרגן, האָט זיך צאַלע אַנציס אַוועקגעשטעלט אויפֿן ווילנער וואָקזאַל אין פּראַגע. אַן איינגעהילטער אין אַ לייכטן מאַנטל, אין האַנט אַ טעקע פֿאַרוויקלט אין פּאַפּיר. ער האָט זיך געלאָזט מיט די שינעס אויפֿן וועג קיין ביאַליסטאָק — דאָרט ווו ס'האָט געהערשט רו און פֿרידן, אין די היימישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק באַפֿרייט צו ווערן דורך דער רויטער אַרמיי.

אַ פֿאַרדמיונטער, אַן אויסגעטועטער פֿון אַלץ, פֿונעם גאַנצן איבערגעלעבטן קאָשמאַר, האָט צאַלע אַנציס געשפּאַרט קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער, זיך דערנענטערנדיק צו זיין ציל. קיין צוגן זענען נישט געפֿאָרן. אויף די שאָסייען האָבן זיך באַוועגט דייטשע אויטאָס און טאַנקען מיט גערויש און געבראַזג.

אויפֿן צווייטן טאָג פֿאַרנאַכט צו איז אַנציס אָנגעקומען קיין מאַלקין. די לעצטע שטאָט וואָס איז פֿאַרנומען דורכן דייטש, ווייטער אויף יענער זייט בוג איז אַלץ גוט און שיין און די דאָזיקע שיינקייט האָט אים געלאָקט און געצויגן.

געווען איז עס אין אָקטאָבער. דער פּרעכטיקער פּוילישער האַרבסט האָט פֿאַרבלענדט דאָס אויג. געל־גאָלדענע בלעטער האָבן זיך געקוילערט איבער די וועגן, געטריבן פֿון מילדן ווינטל. אַנציס, אַ געיאָגטער פֿונעם חושכדיקן און אין גרוזן ליגנדיקן וואַרשע, איז געלאָפֿן אַלץ גיכער צו אַנטרונען פֿונעם שוידער.

ביי אַן אויפֿגעריסענער בריק איבערן בוג איז ער שטיין געבליבן. די נאַכט איז שוין צוגעפֿאַלן און ס'איז געווען אַ ריזיקע צו גיין אין דער פֿאַרבאָטענער שעה. ער האָט אָפּגעווייכט פֿונעם וועג זיך אַריינבאַקומען אין אַ פּויערשער כאַטע און געבעטן אַ נאַכטלעגער. אין מיטן נאַכט, ליגנדיק אויפֿן בוידעם־שטיבל, איינגעהילט אין זיין מאַנטל, האָט ער דערפֿילט עמע־

צנס האַנטבאַריר. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען דעם פּויער, וואָס האָט זיך פאַרלוירן און אַרויפּציִענדיק העכער דעם מאַנטל איבער אַנציסן אַ זאָג געטון:

— איר זענט געלעגן, פּאַניע, אַן אָפּגעדעקטער, האָב איך אייך צוגע־דעקט...

און ער איז אַוועק.

די איבעריקע נאַכט־שעהען איז שוין אַנציס געלעגן וואַך און אַלע אברים האָבן אים געשווידערט.

אויף דער גאַס איז נאָך געווען גוט נאַכט. דער פּויער איז אַרויס מיט אַנציסן פון זיין כאַטע און אים אַנגעוויזן פאַר דער קאַליטקע:

— זעסט דאָרט קאַנטורן פון אַ קאָשטשאָל, גיי ביז אַהין, נאָך דעם נעם זיך מיטן ברייטן שליאַך אַ קילאָמעטער ווייט. דאָרט צעטיילט זיך דער וועג אויף רעכטס און לינקס, גיי מיטן רעכטן וועג אַזוי לאַנג ביז דו וועסט אַנטרעפן אַן איינזאַמע פּויערשע כאַטע, גיי אַריין אַהין און זאָג:

— פּאַניע קעלבאַסינסקי, פּיאָטר קוכאַרסקי האָט מיך געשיקט צו אייך.

ער האָט זיך איבערגעצלמט און איז אַריין צוריק אין זיין כאַטע.

צאַלע אַנציס האָט זיך געלאָזט אין וועג. ווען ער איז געקומען נעב־טער צום קלויסטער האָט זיך שוין געשאַריעט אויף טאָג. די זון האָט שטיפ־מאַמיש קאַלט געגלעט די שפּיצן פון קלויסטער. דער פרימאָרגן איז געווען איינגעהילט אין נעפּל. אויפן וועג האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש. דער אַנהייב טאָג האָט זיך שטיל געוועקט מיט ריחות פון פעלד און וואַלד. ער איז געגאַנגען לענגויס דער באַן־ליניע וואַרשע־מאַלקין. דאָס געצוימטע שטילשווייגעניש האָט אַנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. נישט ווייט פון קעלבאַסינסקיס כאַטע, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ טונקעלער פלעק אַן איינגעהויקערטע און איינזאַמע אויפן פעלד, האָט זיך געשלענגלט דער בוג, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם גיהנום פון גן־עדן. אַ קליין אַלט שיפל, מיט וויאַסלעס, אַן אַנגעוואָרפנס מיט שטיינער און באַזוימט מיט מאָך, וואָס האָבן געפּאַטשט דאָס וואַסער איבערן פּנים, האָט זיך געוויגט אויף די שווי־מיקע כוואַליעס.

דער פּויער איז געזעסן מיט אַ ברייטן באַראַנטן הוט אויפן קאָפּ מיט

ווייסע שמאַלע הויזן, אַן איינגעוויקלטער אין דער פּאַרע פון הייס־געקאָכטע קאַרטאָפליעס, צוזופנדיק מיט מילך. זיין באַבע האָט זיך געפּאָרעט ביים אויון. ער האָט אַפילו רעכט נישט אָנגעקוקט דעם אַריינגעקומענעם, אים אָנגעוויזן אויף אַ צעבראָכן בענקל און געהייסן זיך זעצן.

קעלבאַסינסקי איז אַריין און אַרויס, געקוקט און נאָכגעשפּירט דעם וועג. ביי נאַכט ווען עס איז פינצטער געוואָרן האָט ער געהיימענישפול, ווי עפּעס אַ מכשף אַ ווונק געטון אַנציסן, וואָס האָט זיך געלאָזט נאָך אים אין דער חשכות פון דער נאַכט, וויגנדיק זיך אויפן צעטרייסלטן שיפל האָבן זיי זיך דערנענטערט צום ברעג און אַרויפגעקראָכן אויף דער צווייטער זייט משופּעדיקן ברעג וואָס איז געווען אָנגעהויפט מיט שטיינער. אַנציס האָט שעפּטשענדיק זיך געזעגנט מיטן איבערפירער און דראַפּענדיק זיך אויף אַלע פיר זיך געגומען שאַרן איבערן פעלד.

פאַרויס האָבן געלויכטן הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן. פון הינטן האָט געהויערט שוואַרצפינצטערע נאַכט.

פון דער זייט בוג האָט זיך געהערט דאָס הינטיש געביל, האָפּערדיק, פריילעך, און פון דאָרט — פון יענער זייט — האָבן זיך די הינטישע גע־בילערייען געריסן מיט האסט, מיט ציין־קריצעניש.

צוויי גרויסע הינט, מיט צעעפנטע פּיסקעס און פייערדיקע אויגן, האָבן זיך אַ וואָרף־געטון אויף אַנציסן, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך צו אָריענטירן, האָט ער לעבן זיך דערזען צוויי אויסגעשטרעקטע ביקסן־לופעס אין די הענט פון צוויי באַפּעלצטע זעלנער.

— ווסטאַוואַי! שטיי אויף!

די זעלנער האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסער שטאַל וואָס האָט געשטונקען מיט קיישער צואה. ער האָט געפילט מענטשלעכע אָטעמס. צו זיין אויער האָט זיך דערטראָגן אַ שטיל שעפּטשען:

— נאָך אַ קרבן...

**

מיט אַ גרילץ עפנט זיך די טיר פון דער שטאַל. אַ זעלנער האָט אַנ־ציסן מיט נאָך אייניקע אַרויסגערופן און זיי געפירט אַ שטיקל וועג צו דער קאָמענדאַנטור.

אין אַ וואַרעם אָנגעהייצט צימערל זענען געזעסן עטלעכע רויטאַרמייער מיט אַן עלטסטן וואָס האָט זיך באַלד גענומען צו אַנציסן. אים אויסגעפרעגט און אַלץ פאַרשריבן. איינער פון זיי האָט זיך צו אים אָנגערופן אין אַ זאַפטיקן ייִדיש:

— נו, יונגערמאַן, ביסט פריי. ביסט געקומען אין אַ גליקלעך פריילאַנד, וועסט גוט אַרבעטן און זיך גוט אויפפירן, וועסטו פון אַלץ געניסן מיט דער פולער האַנט. אָט אַזוי ווי איך און ווי מיר אַלע!

באַלד האָבן זיך צעפראַלט פאַר אים די טויערן פון גן־עדן פריי, רחבותדיק מיט צעוואַרעמטע זונשטראַלן פון פרישן אויפגייענדיקן פרימאָרגן אין זאַרעמבי־קאָשטשעלנע — די נייע גרענעץ צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דעם פאַרבינדטן דייטש.

צאַלע אַנציס האָט פריי אָפגעאָטעמט. זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום אַנדערן ברעג, ווו ס'זענען פאַרבליבן אַ סך הונדערטער טויזנטער ייִדן אונטערן דייטשן שטיוול, און דערפילט צוזאַמען מיט דער זאָרג וועגן זייער גורל, אַ דערלייכטערונג, וואָס ער אַליין האָט דורך אַ נס אויסגעמיטן דעם גורל פון זיינע פאַרמישפטע שוועסטער און ברידער.

ער איז געבליבן שטיין נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע. פון דער אַקעגנאיבערדיקער שענק האָט זיך געטראָגן אויף דער גאַס אַרויס פרייטלעכע מאַרשן און פאָלקעס. צום ערשטן מאָל האָט אַנציס דערזען אַ צעשמייכלטן זעלנער מיט אַ פינפשטערנדיקן עמאַלירטן אָפצייכן אויפן פורטערנעם היטל. דער רויטאַרמייער איז געשטאַנען אויף דער גאַס צו היטן די אָרדענונג. אַנציסן איז פריילעכער געוואָרן אויף דער נשמה. אין דער „פיוונושקע״ האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק. אַ סך יונגעלייט, וואָס האָבן זיך שוין אַריבערגעכאַפט פון דייטש אַהער, זענען געלעגן מיט די פלעצאַקעס אויף דער פאָדלאָגע און געהיט זייערע זאַכן. ביים בופעט זענען געשטאַנען רויטאַרמייער, זיי האָבן געטרונקען ביר, געלאַכט און געזונגען.

אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ צוג וואָס זאָל זיי פירן קיין ביאַליסטאָק.

ביר און וואָדקע האָט זיך דאָ געגאָסן ווי וואַסער אין זאַרעמבי־קאָש־

טשעלנע און דאָרט אויף יענער זייט בוג, האָט זיך דער חושך פאַרנומען צו באַזיגן מענטש און גאָט. צו דערטרינקען די וועלט אין ימען בלוט און רשעות...

***

דער צוג איז פאַרפולט געוואָרן ביז איבער די ברעגן. קאָפּ אויף קאָפּ. דער אינדרויסן האָט זיך צעהעלט. פריידיקע פּנימער מיט שוואַרצע, ייִדיש־פאַרחלומטע אויגן האָבן צום לעצטן מאָל אַ ווענד געטון זייערע בליקן אַהינצו, דאָרט אַרויף, אויף יענער זייט פון וואָקזאַל, אין דער ווייט איבערן בוג, ווו זיי האָבן געלאָזט זייערע נאָענטע און אייגענע.

— נישט אויף לאַנג — האָט יעדער ביי זיך געטראַכט.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געגעבן אַ פייף און מיט כוח אַ שלעפּ געטון די וואַגאָנען, זיך געלאָזט אין געאייל, אַנטקעגן דעם גליק און דער באַפרייונג.

די רעדער האָבן געקלאַפּט מיט פריילעכן אייזן־געקלימפּער און זיך געיאָגט איבער צעליכטיקטע הימלען אויף אַ גליקלעכער ערד.

ביאַליסטאָק, די ערשטע גרויסע שטאָט — אַ באַפרייטע און אַ נישט צעשעדיקטע פון באָמבעס — איז מיט פריילעכן רויטאַרמייִשן ליד געקומען אַנטקעגן דעם לאָקאָמאָטיוו.

די שטאָט האָט זיך צעזונגען אויף אַלע טענער. קליין און גרויס, יונג און אַלט זענען געגאַנגען צעשמייכלטע, פול מיט האָפענונג און בטחון.

אַ נייַ לעבן אויף דער אַלטער פוילישער ערד...

קאַפּיטל פיר

טאַטע און זון

דער „נאַראָדני דאָם"[1] איז פול געפּאַקט ביז איבער די ברעגן. מענטשן אויסגעפּוצט, אין עסיק און האָניק, שטייען אין די דורכגענג. אַ גרויסער טייל איז אָנגעהאָנגען אויף די פענצטער־ראַמען און צוגעדריקט צו די ווענט. די הודזשעריי איז גרויס, אַלע רעדן הויך, דיסקוטירן צווישן זיך, מאַכן מיט די הענט, שרייען.

די ערשטע רייען און די בעסערע פּלעצער האָבן פאַרנומען שער און אייזן, אַלע פּראָלעטאַריער. ווער איז דאָ נישט פאַראַן? חיים דעם וואַסער־פירערס זין מיט זייערע קינדער זיצן און קנאַקן באַניקערן מיט פאַרפלאַמטע פּנימער ווי אויף אַ היימישער שמחה; אַלע שניידערס און שוסטערס: געזעלן פון פּאָדאָל[2]. דאָקעגן, דער אַפּטייקער ווערטער, דער שטעטלשער יידישער דאָקטאָר און די „פּני", די געוועזענע מיוחסים — זיצן פון סאַמע הינטן, אויף די הינטערשטע בענק, דערשלאָגענע, צעטראָגענע, ווי זיי וואָלטן פאַר־לוירן דעם באָדן אונטער די פיס.

באַלד ציט זיך פונאַנדער דער פאָרהאַנג. אויף דער באַצירטער בינע מיט די פּאָרטרעטן פון די היינטיקע מושלים, זענען אויסגעזעצט: דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם[3] וואָרושין, דער פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט, גריבאָיעדאָוו, אייניקע רויטאַרמייאישע מיליטער־לייט, פון העכערן ראַנג, און שלומקע ברוידע, אַן אייגענער שטעטלשער קאָמוניסט, וואָס איז יאָרנ־לאַנג געזעסן אין דער פּוילישער תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

---

[1] פאָלקסהויז

[2] אָרעמע געגנט פון שטעטל

[3] ראַיאָן קאָמיטעט

דער סעקרעטאַר פון „ראַיקאָם“, דער מינסקער וויסרוס, וואָושיך, האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ טרייסל געטון די טשופּרינע און מיט פּאַטאָס אָנגעהויבן:

— חברים! איר זענט היינט געוואָרן גליקלעכע מענטשן. אונדזער שטאַרקע און מעכטיקע רעגירונג האָט אייך באַפרייט אויף אייביק פונעם פּאַנסקן פּוילן און איר וועט שוין פון איצט אָן לעבן גליקלעך. אַ דאַנק דער פּאַטערלעכער זאָרג פונעם גרויסן סטאַלין.

דער גאַנצער עולם האָט זיך ספּאָנטאַן אַ ריס געטון פון די ערטער און געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— הוראַ! זאָל לעבן סטאַלין! הוראַ!!!

וואָושין זעצט פאָר אַ צעהיצטער:

— אונדזער קאָנסטיטוציע איז די רייכסטע און סאַמע יושרדיקסטע אויף דער וועלט. ביי אונדז זענען אַלע גלייך. די ערד האָבן מיר אָוועקגעגעבן די פּויערן און די פאַבריקן — צו די אַרבעטער. ביי אונדז איז נישטאָ קיין אַרבעטלאָזיקייט. אַלע לעבן ווי אין גן־עדן.

די פּנימער ביי די אָנוועזנדיקע שיינען פון גליק און נחת. אויף די אַרעמעלייט, די געוועזענע פאַרשטויסענע און נישט־אָנזעעוודיקע, מאַכט עס אַ געוואַלטיקן רושם. אַלע דרייען אויס די קעפּ צו די הינטערשטע בענק, ווו ס׳זיצן דער אַפּטייקער, דער דאָקטאָר, די געוועזענע פּני, און מע שטעכט זיי דורך מיט גאווהדיקע שפּיזיקע בליקן.

צאַלע אַנציס, וואָס איז ערשט נעכטן געקומען אין זיין היימשטעטל אַריין — נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ לענגערע צייט אין די געביטן, פאַרנומענע דורכן דייטשן מיליטער — זיצט אויפן פענצטערראָם און שלינגט יעדעס וואָרט. עפּעס אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל נייעס! אַזאַ גליק מיט איין מאָל! וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם און גלויבן ביים עולם!... אויך ער, אַנציס, איז געוואָרן מיטגעריסן. ער פּאַטשט מיט די הענט נאָך יעדן וואָרט פונעם רעדנער. ער קוקט אים אין מויל אַריין, גאַרנישט צו פאַרלירן פון די באַגייסטערטע רייד.

לעבן אַנציסן שטייט צוגעדריקט צו דער וואַנט לייבע שילענטשיק — נעבעך דער בעקערינס זון — אַנגעטון אין אַ לאַנגן רויטן סוועטער, אַרי־

בערגעוואָרפן איבער די הויזן. ער קוקט דורכדרינגלעך אין די אויגן פון וואַוושינען און מורמלט צו זיך אַליין אַ סאַפּנדיקער מיט זיין שווערער אַסטמע וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון די תפיסות און קאַרטוז־בערעזע.[1]

— איך האָב ליב צו עסן אַ ביסל און געשמאַק, דער מאָגן קאָכט עס איבער גאָר אַנדערש. נאָר קוים עס איך צופיל, מעג עס זיין אַפילו מאַר־צעפּאַנעס, פאַרדייעט עס נישט מיין מאָגן...

— לייבע, וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט אַנציס אים איבערגע־שלאָגן.

— גאָרנישט, אָט גלאַט אַזוי. איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן עפּעס שיינס — האָט אים לייבע שילענטשיק אָפּגעענטפערט נישט גערן.

אַ שטורעם פון מעכטיקע אַפּלאָדיסמענטן און הורא־אויסרופן לכבוד דעם גרויסן באַפרייער און פירער פון די פעלקער האָט אויפגעטרייסלט די ווענט פונעם פאַלקסהויז.

צאַלע אַנציס האָט אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג פאַרן טאַטן זיינעם, ר׳ חיים, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און אויסגעהערט די רעדנער, ווי זיי האָבן געשילדערט די גרויסקייט פונעם לאַנד און די כסדרדיקע זיגן פון די באַפרייער:

— זעסט, טאַטע, חברה איינע און איינע! פאַרשטייסט כאָטש גוט וואָס זיי זאָגן? — האָט ער נישט געקאָנט באַהערשן זיין התפעלות.

באַלד האָבן זיך פונאַנדערגערוקט שטולן. יצחק וויינערס פּאַזשאַרנער בלאַז־אָרקעסטער האָט זיך צעשפּילט אויף אַלע כלים. יונג און אַלט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ. אַלע האָבן זיך צונויפגעמישט צוזאַמען, ייִד און קריסט, רויטאַרמייער און פּאָלק, אָפיציר און זעלנער, יענער איינער — ווער ס׳האָט געקאָנט טאַנצן, און ווער נישט — אַלע האָבן זיי געהאָפּסלט אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק און אויסגעדריקט זייער פרייד און באַוווּנדערונג פאַר די באַפרייער...

דאָס גרויסע פאַלקסהויז, וואָס האָט צוגעקריגן אַ נייעם נאָמען „אַגיט־פּונקט נומער 4״, האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ צעוויגטע און צע־

---

[1] פאַרשיקאָרט פאַר פּאָליטישע טוער אין פאַרמילחמהדיקן פּוילן

שטורעמטע מענטשן־מאַסע; אַזאַ פריידיקע און צעהוליעטע, ווי ס׳וואָלט ביי זיי געווען די גרעסטע שמחה.

— קום, לאָמיר גיין! — האָט ר׳ חיים אַ שלעפּ געטון זיין זון ביי דער האַנט — קום, לאָמיר גיין אַהיים.

אין דער שפּעטנאַכטיקער שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט דאָס האַווקען פון די הינט און דאָס רוישן פונעם ווינט צווישן די שילדן איבער די מאַרקקרעמלעך.

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס אַלץ — האָט ר׳ חיים אַ פרעג געטון זיין זון, וואָס האָט צום ערשטן מאָל היינט בייגעוווינט אַזאַ ספּעקטאַקל.

— זייער ראָמאַנטיש, טאַטע, — האָט ער געענטפערט שפּאַנענדיק אַ פאַרזונקענער אין מחשבות — איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ ענטוזיאַזם און אַזוי פיל מיסטישן גלויבן ביי מענטשן. עפּעס אַזוי פיל גוטס, אַזוי פיל גליק, אַז עס גלייבט זיך קוים...

— יאָ — האָט ר׳ חיים זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט נישט אונטער — מיר האָבן די באַפרייער דערוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. אַ קלייניקייט, דערלעבט די מינוט, ווען די וועלט וועט אויסגעגליכן ווערן, מיר וועלן האָבן די זכיה צו לעבן ביי אַזאַ לייטישער אָרדענונג און נישט דאַרפן פינצטערן ביים דייטש. אונדזער שטאָט, ווי דו ווייסט, האָט לויטן אָפּמאַך געדאַרפט געהערן צו אונדזערע ברידער. האָבן מיר, אַלע אַרבעטער פון די לעדער־פאַבריקן, אויפגענייט אַ שיינע, גרויסע רויטע פאָן, אָבער אַ פאָן! מע זעט נישט אַזעלכע. מ׳האָט געמאַכט אַלע הכנות צו גיין באַגעגענען די באַפרייער, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען פון גראָדנער שאָסיי. מיר האָבן זיך אויסגעפוצט אין אונדזערע שענסטע און בעסטע בגדים, אויסגעוויילט אַ רעדנער וואָס זאָל באַגריסן, הכלל, אַלץ וואָס מע דאַרף טון אין אַזאַ פייערלעכן מאָמענט. אָבער פלוצים, אומגעריכט, האָבן זיך פון דער צווייטער זייט, פון ביאַליסטאָקער שאָסיי, אַריינגעריסן די דייטשע טאַנקען מיט אַזאַ באַטויבנדיקן געגרילץ אַז מ׳האָט געקאָנט משוגע ווערן.

— מיר, די אַרבעטער־דעלעגאַציע, דערזעענדיק דעם גרויסן בראָך, האָבן מיר זיך קוים מיטן לעבן דורכגעשלאָגן מיט דער רויטער פאָן... אַ צענויפגעוויקלטע איז זי געבליבן ליגן אין מיינע הענט. וואָס טוט מען?

זוו באַהאַלט מען דעם טריף־פּסול? נישט לאַנג טראַכטנדיק האָב איך זי אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסן צוקערזאַק און אַראָפּגעלאָזט אינעם גרוב פון קלאָזעט...

— דריי טעג האָבן די דייטשן געבושעוועט אין שטאָט, געדראָעט, אַז זיי וועלן אַלע ייִדן אויפהענגען, געראַבירט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, און אויפן פערטן טאָג אין דער פרי האָבן זיי אין געאייל — פונקט אַזוי שנעל ווי זיי זענען געקומען — פאַרלאָזט די שטאָט. באַלד נאָך זיי, האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן סאָוויעטישע טאַנקען מיט פריילעכע, לעבעדיקע און צעזונגענע זעלנער וואָס זענען אָנגעקומען מיטן גראָדנער שאָסיי.

— אין שטאָט איז געוואָרן יענע סומאַטאָכע. די טאַנקיסטן דרייען זיך אַרום פריידיקע מיט צעשטראַלטע פּנימער אַרום זייערע טאַנקען. מיידלעך און קינדער, אַפילו אַלטע ייִדן און ייִדענעס קושן זיך מיט זיי, דריקן זיי די הענט. ס׳איז מיט איין מאָל געוואָרן ליהודים.

באַלד איז צו מיר צוגעשפּרונגען דער אַלטער נאַר, דער גאַרבער־אַרבעטער, יצחק שפּערלינג: — ווו איז די פאָן? די פאָן ווו איז? די פאָן, די פאָן זאָל מיר באַלד ווערן!

— איך בין תיכף מיט איין אָטעם אַוועקגעלאָפן דאָרט ווו מע דאַרף, אַרויסגעשלעפּט דעם זאַק, אַרויסגענומען די פאָן, פונאַנדערגעפּאַכעט מיט איר איבערן קאָפּ און אַוועק מיט איר מקבל־פּנים זיין די באַפרייער...

טאַטע און זון זענען אַריין אין שטוב. צאַלעס שוועסטערס מיט זייערע חברטעס זענען שוין געהאַט צוריקגעקומען פון פאַלקסהויז. נישט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, איז דער טיש געווען אויסגעשטעלט מיט גע־טראַנקען און צובייסן. דער „סטאַרשי־לייטענאַנט"[1] גערגאַסימאָוו און נאָך אייניקע זיינע „טאָוואַרישטשעס"[2] האָבן שטיל פאַרצויגן אַ רוסישע מע־לאָדיע וואָס האָט דערמאָנט אין די ברייטע סטעפּעס פון זייער רחבותדיק פאַטערלאַנד.

ר׳ חיים מיטן זון זענען אַריין אין אַ צווייטן צימער. די שוועסטערס האָבן אַריינגעטראָגן טיי און צובייסן.

---

[1] אונטעראָפיציר

[2] חברים

— ווי מיינסטו, טאַטע, — האָט צאַלע גענומען זופּן די טיי, — איז נישט לייבע שילענטשיק גערעכט? עפּעס צופיל עסט מען, אַזוי פיל מאַר־צעפּאַנעס! איצט פאַרשטיי איך. ער, דער אַלטער קאָמוניסט, האָט אַזש מורא געקריגן, מע זאָל זיך נישט פאַרדאַרבן דעם מאָגן...

— יאָ, מיין זון, עפּעס אַנדערש איז פּאָעזיע, שיינע רייד און זיסע האָפענונגען און גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש איז די גראָע ווירקלעכקייט. דאָס טאָגטעגלעכע לעבן. איצט איז נאָך עפּעס אַנדערש פון דעם אַלעם וואָס דו האָסט געהערט היינט אָוונט אין „נאַראָדני דאָם". עפּעס צופיל לאָקריץ־זיס איז דאָס לעבן און צופיל גליק. עפּעס שטימט עס נישט. דער חשבון איז נישט קיין אויסגעהאַלטענער.

דער אַלטער ר' חיים — אַ גאַרבער, וואָס שטייט נאָך היינט, ביי זיינע אַריבער זעכציק יאָר, ביים פּאַלצברעט, ביי קאַצן אין דער לעדער־פאַבריק — האָט זיינע שוואַרצע מאָזאָליעדיקע הענט אויפגעהויבן צום זון און באַוויזן:

— זעסט מיינע הענט? מיט זיי האָב איך געבויט אַ לעבן, אויפגעהאָדעוועט קינדער און זיי געמאַכט פאַר מענטשן. מיט מיינע ערלעכע פאַרדינסטן האָב איך בכבודיק אויסגעהאַלטן אַ שטוב און היינט איז אַזוי שווער געוואָרן דאָס לעבן. ביים פאַבריקאַנט קאַץ האָב איך פאַרדינט 25 זלאָטעס אַ וואָך, האָט פלייש דעמאָלט געקאָסט אַ זלאָטע מיט צען גראָשן אַ קילאָ, און היינט קאָסט שוין אַ קילאָ דרייסיק רובל; אַ קילאָ בעבלעך קאָסט דאָך שוין היינט צען רובל און די פאַרדינסטן זענען די זעלבע. איך קאָן נישט האַנדלען און וואַנדלען ווי אַלע, וואָס האָבן זיך לעצטנס געכאַפּט דערצו, איז טאַקע נישט מעגלעך אויסצוקומען...

— יאָ, ביסט גערעכט, טאַטע, ס'איז שווער, אָבער אין די אַלע שטעט, וואָס דער דייטש האָט אָקופּירט, איז נאָך ערגער. דאָרט טראַכט מען נישט וועגן עסן ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַזוי צו דערהאַלטן דעם גוף, דאָס בידנע לעבן. דאָ איז אַנדערש. ס'איז דאָך ערשט די ערשטע צייט, אַ ניי אָרט. ס'וועט זיך איינשטעלן דער לעבן־סדר, אַלץ וועט זיך נאָרמאַליזירן. מע דאַרף האָבן געדולד, אַזוי וועט עס נישט בלייבן.

פון אַנדערן צימער, ווו דאָס יונגוואַרג איז געזעסן, האָט זיך דער־

טראַגן אַהער אַ הייס טומלדיק געררייד. דאָס יונגוואַרג דאָרט האָט געלאַכט און געזונגען. ר׳ חיימס אויגן האָבן גובר געווען די בלענדנדיקע ליכט און דעם טומל אין זיין שטוב. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און גיך איינגעשלאָפן נאָכן שווערן טאָג אַרבעט.

***

אַ שאַרפער ווינטער האָט זיך געשטעלט. שוין לאַנג ווי די איינוווי־נער פונעם שטעטל געדענקען נישט אַזעלכע שנייען און זאַווערוכעס. נישט אַנדערש, ווי די נייע מאַכטהאָבער, די פרישע, געקומענע פון יענע מקומות, האָבן אַהערצו פאַרשלעפּט דעם שווערן האַרבן ווינטער.

די אַנגעלאָפענע „ביעזשענצעס״[1] פון וואַרשע און אַנדערע שטעט, פאַרנומענע דורכן דייטש, וואָס זענען אַוועק פון זייערע היימען נאָך אין האַרבסט און אויף די וועגן פאַרלוירן אָדער אַוועקגעוואָרפן די זעקלעך מיט די פעקלעך, צי גאָר באַרויבט געוואָרן פון הפקר־יונגען, האָבן געכאַפּט אַ ציטער. דער גרעסטער טייל איז אַרומגעגאַנגען שליגג און שלאַנג, זיך נישט געהאַט צו וואָס צו כאַפּן, מיט וואָס איבערצוקומען דעם טאָג.

אויך נישט אַזוי לייכט איז געווען דאָס לעבן פון די אַלט־איינגעזעסענע תושבים. די נייע מאַכט האָט שוין דורכגעפירט די נאַציאָנאַליזאַציע פון די פאַבריקן, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן אונטער איין דירעקציע, אַרומגעצוימט מיט אַ גרויסן לאַנגן פּלויט, מיט וועכטער ביים טויער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן די אַרבעטער, זיי באַטאַפּט יעדעס מאָל ביים אַרויסגיין פון איינציקן פאַבריק־טויער, צי זיי האָבן נישט באַגנבעט די מלוכה. אַ גרויסער טייל פון די אַלטע אַרבעטער האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט מוחל זיין:

— סטייטש? — האָבן זיי פּראָטעסטירט ביים ייִדישן וועכטער, פּיניע, מאַלקע דער טויבערס זון, אַליין אַ געוועזענער אַרבעטער אין דער פאַבריק און אַ געוועזענער קאָמוניסט — אונדזערע פאַבריקן! מ׳האָט זיי דאָך אַוועק־גענומען ביי די פאַבריקאַנטן און אַוועקגעגעבן די אַרבעטער, איז ווי קומט,

[1] פּליטים

מע זאָל אונדז יעדן טאָג חושד זיין אין גניבה? ביים פאַבריקאַנט קאָץ האָבן מיר אָפּגעאַרבעט אַזוי פיל יאָרן און אים איז גאָר קיין מאָל נישט איינגע־פאַלן, אַז זיינע אַרבעטער באַגנבענען אים...

פיניע, דער אַכראַניק[1] האָט שטאָלץ, מעשה־יחסן, וואָס אים זענען אָנ־פאַרטרויט געוואָרן אַלע פאַבריקן, באַטראַכט די פּראָטעסטירערס פון אויבן־אַראָפּ און זיך גדלותדיק אָפּגערופן:

— „פּריקאַז"[2] איז „פּריקאַז"! מע קאָן טאַקע קיינעם נישט טרויען. איך היט אָפּ דאָס אייגנטום פון דער מלוכה. פאַראַן ביי אונדז אַ סך שעדי־קער, מע דאַרף גוט אַכטונג געבן אויף אַלץ און אַלעמען, פאַרשטאַנען?

דער נייער דירעקטאָר איבער אַלע פאַבריקן, מאַרק אָסיפּאָוויטש גאָ־מעל — אַ געקומענער פון מינסק, אַ נידעריק, קליין, דאַר מענטשל, מיט וויניק פאַך־קענטעניש — האָט אָנגעהויבן פירן די פאַבריק ביד־חזקה. פּינקטלעך צום „גודאָק"[3] האָבן שוין די אַרבעטער געדאַרפט זיין ביי דער אַרבעט. פאַר פאַרשפּעטיקן פופצן מינוט איז מען געגאַנגען „פּאָד סוד"[4].

אין דער וווינונג פון פאַבריקאַנט בובריק האָט ער איינגעאָרדנט אַ „קראַסני אוגאָלאָק"[5], ווו די אַרבעטער האָבן נאָכן שווערן טאָג אַרבעט גע־מוזט אויסהערן פּאָליטישע דרשות. מידע, פאַרמאַטערטע נאָך אַ גאַנצן טאָג, האָבן זיי געמוזט זיצן אין די אווונטן דאָ, הערן און שווייגן. אויסהערן אַזוינס וואָס ס'איז זיי נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ מאַנגל אין פּראָדוקטן. נישט געווען צו קריגן קיין שוועבעלעך, קיין נאַפט, נישט קיין האָלץ צו דערהייצן די קאַלטע שטובן. די פויערן פון די אַרומיקע דערפער האָבן נישט פאַרקויפט קיין פּראָדוקטן פאַר געלט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די נייע מטבעות, נאָר געוואָלט אויסטוישן אויף ווערטפולע חפצים און אַנטועכץ.

צאַלע אַנציס איז געווען ענטוזיאַסטיש געשטימט. ער איז געוואָרן אַ

---

1 וועכטער
2 באַפעל, פאַראָרדענונג
3 סירענע־פייף
4 פאַרן געריכט
5 רויט ווינקל

גרויסער אַנהענגער פון דער נייער אָרדענונג. נאָך די אַלע איבערלעבונגען דאָרט ביים דייטש, ווו דער מענטש איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן, האָט ער דאָ געפונען אַ רו:ק ווינקל. איי, ס׳איז געווען שווער? מילא, ס׳וועט ווערן בעסער. די נייע מאַכט האָט גרויסע שוועריקייטן. אָט ערשט נישט לאַנג האָט זי פאַרענדיקט די פינלענדישע מילחמה. ער האָט געוואַרט און געהאָפט, אַז די אַלע שטרויכלונגען וועלן גאָר אין גיכן באַזייטיקט ווערן.

דער סטאַרשי־לייטענאַנט געראַסימאָוו, וואָס האָט שוין באַוויזן צו קעמפן אויפן פינלענדישן פראָנט און געוואָרן קאָנטוזירט, זיצט שוין צוריק ביי אַנציסן אין הויז. זיין לעבעדיק פּנים איז פאַרכמורעט און זיינע פריילעך־פארדבקהטע ניגונים פון די וויטע ברייטע סטעפּעס פון זיין גרויס און רחבֿ־בותדיק פאָטערלאַנד, האָבן פאַרלוירן זייער געשמאַק און חן. ער זיצט און דערציילט פאַר צאַלע אַנציס שוועסטער שטיל־שטיל וועגן די גרוילן פון דער מילחמה:

— הינטישע זין זענען די פינער — האָט ער אויסגעשפיגן דורך די ציין אויפן דיל — זיי האָבן זיך נישט געלאָזט באַפרייען. צרות האָבן זיי אונדז אָנגעטון, מערזאַווצעס, סוואָלאָטשעס אַזעלכע! ס׳איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט. זיי האָבן זיך מיט אונדז געשלאָגן. האַ־אָ! נאָך ווי אַזוי!...

***

אין דער „בירזשע־טרודא״[1] איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַלע צי־מערן זענען פול געוואָרן מיט פּליטים וואָס זענען געקומען בעטן מע זאָל זיי געבן ווּינונגען, אַרבעט. די גליקלעכע ,וואָס האָבן שוין יאָ אַ ווינקל ווו אַנצושפּאַרן דעם קאָפּ, האָבן נישט קיין האָלץ מיט וואָס צו באַהייצן זייערע צימערלעך. זיי פרירן פון קעלט. ביי איינעם פון די טישן זיצט צאַלע אַנציס. ער איז באַשטימט געוואָרן ספּעציעל פאַר די ענינים פון די פּליטים.

דער שעף פון דער „בירזשע־טרודא״ איז געווען אַ ווייסרוסישע קאָמ־סאָמאָלקע. אַ יונג קאָלכאָזנע שיקסל מיט אַ פאַרריסן רויט נעזל און זאַמדיק־

[1] אַרבעטאַמט

העלע האָר, מיט אַ רויט בערעטל אויפֿן שיפֿן קליינעם פֿויגלשן קעפּל. איר אַדיוטאַנט, דער פּאַלאַק, קאַראַל סנאַרסקי, וואָס איז געווען ביי די פּאַלאַקן אַן אָנגעשטעלטער אין מאַגיסטראַט, אַן אַנטיסעמיט און מסור אין דער פּויליי־שער געהיים־פּאָליציי, האָט נאָכשפּיאָנירט די קאָמוניסטן און אַ סך פֿון זיי האָבן סנאַרסקין געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זייער אַרעסט און פֿאַרשיקונג קיין קאַרטוז־בערעזע. זיי ביידע — שעף און געהילף — האָבן תּכלית־שנאה פֿיינט געהאַט די פּליטים וואָס האָבן פֿאַרפּולט די ביוראָען און געקומען אַהער, אַ ביסל זיך אָנוואַרעמען.

נישט איין מאָל איז אויסגעקומען אַנציסן צו באַזוכן די פּליטים אין דער פּראָווינץ. ער איז געקומען אין זייערע וווינונגען, זיך באַקענט מיט אַלע זייערע פּראָבלעמען. איין מאָל איז ער אויפֿגעוועקט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט. ער האָט געמוזט לויפֿן אויף דער באַן־סטאַנציע אויפֿנעמען נייע פּליי־טים. עס פֿלעגט אָנקומען אַ צוג און אַ באַן־אַרבעטער פֿלעגט אָפּטשעפּען אַ דריי וואַגאָנען מיט מענטשן און דער צוג איז ווייטער געלאָפֿן אויף די אַנ־דערע סטאַציעס. אין די גרעסערע שטעט האָט מען די פּליטים צונויפֿגע־קליבן און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין די קלענערע ערטער. אַנציס האָט זיי אין די נעכט — דאָס רוב איז עס געשען ביינאַכט — איבערגעפֿירט אויף פֿור־לעך אין די בתּי־מדרשים און זיי דאָרט איינגעאָרדנט.

ס'איז אַרויס אַ נייע פֿאַראָרדענונג. מע דאַרף דורכפֿירן אַ גענויע רע־גיסטראַציע פֿון אַלע „ביעזשענצעס". די ביוראָען פֿון דער „בירזשע־טרודאַ" זענען פֿול געוואָרן מיט פּליטים. די רעגיסטראַציע איז פֿאַרגעקומען אין אַ פֿאַרשנעלערטן טעמפּ. אַזוי האָט געפֿאָדערט דער ספּעציעלער שליח פֿון דער ען־קאַ־ווע־דע, וואָס האָט זיך לאַנג געסודעט מיטן בלאָנדן שיקסל אין איר ביוראָ.

אין דער אַנקעטע איז צווישן אַלע אַנדערע פֿראַגעס געווען אויך די פֿראַגע: „צי ווילן מיר פֿאַרבלייבן דאָ אויפֿן אָרט, צי פֿאָרן צוריק אַהיים?".

כּמעט די גרעסטע צאָל פּליטים האָט געענטפֿערט מיט איין קול:

— אַהיים! צוריק אַהיים! נישטאָ מער קיין כּוח זיך צו מאַטערן...

אַ סך פּליטים זענען געשטאַנען ביים רעגיסטריר־טישל און מיט פֿרעגנ־דיקע אויגן געזוכט באַשייד. אַ טייל פֿון זיי האָט געלאָזט אויף יענער זייט

ווער אַ פרוי מיט קינדער, ווער עלטערן, ווער אַ מאַן. מיט פאַרצווייפלונג האָט אַזאַ איינער געפרעגט, צי ס׳וועט אים דאָ דערמעגלעכט ווערן צו ברענגען אַהער די זייניקע צו זיך.

צאַלע אַנציס האָט אויף דער פראַגע נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער. אים האָט אָבער געוווּנדערט איינס: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז מענטשן, וואָס גייען אַרום פריי און פאַרשפאַרן צו האָבן פּחד פאַרן נאַקעטן לעבן, זאָלן וועלן פאָרן אַהין צום דייטש? ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, יידן זאָלן וועלן לויפן צום דייטש...

אים איז אָבער שווער געווען צוצוזען די ליידן פון די פליטים. נאָך דערצו אַז ער האָט באַזוכט זייערע היימען און געזען ווי זיי לעבן. דער עיקר האָט זיי באַאומרויקט דער געדאַנק, אַז זיי קאָנען ווערן אָפּגעשניטן פון זייער היים אויף שטענדיק, ס׳האָט זיי געפייניקט די מורא צו ווערן אויף עולם־ועד אָפּגעריסן פון זייערע נאָענטסטע, און וואָס האָבן זיי דאָ צו טון? אַרבעט איז פאַר זיי נישט געווען, אויסער וואָס מ׳האָט זיי געשיקט אויף שוואַרצער אַרבעט, צו רייניקן דעם אָנגעשאָטענעם שניי אויף דער באַן־סטאַציע. ער איז געזעסן אין דער ביוראָ און מיט רחמנות געקוקט אויף די צעטומלטע אויסגעוואָרצלטע יידן. די זעלבע יידן, וואָס ער האָט געזען אין פאַרמילחמהדיקן וואַרשע, אויסגעפוצטע, באַזאָרגטע מיט חיונה און מיט אַ זאַרגלאָז רויק לעבן, האָבן אין משך פון אַזאַ קורצער צייט באַקומען אַ פּנים פון בעטלערס, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע.

די קאָמסאָמאָלקע האָט, ווי געווייינטלעך, שוועבנדיק־לייכט ווי אַ פעדערל, דורכגעפלאַטערט דורכן ביוראָ־צימער, געוואָרפן שפּיזיקע בליקן צו די פליטים און צודרינגלעך דורכגעשטאָכן אַנציסן מיט אירע העלע וואַסעריקע אויגן. מ׳האָט באַלד דערפילט, אַז דער שלום־בית צווישן דיביידע וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. אויך סנאַרסקי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן וואָס דאָ, אין דער „בידזשע־טרודאַ״, רעדט מען אומגעשטערט יידיש. די פליטים האָבן דאָך קיין רוסיש נישט געקענט. דאָס אַנטיסעמיטיש זשילקעלע ביי סטאַרסקין האָט אים נישט געלאָזט רוען, בפרט ווען אַנציס האָט אים געגעבן אָנצוהערן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט.

כאָטש ס׳איז געווען אַ שווערער ווינטער מיט גרויסע קעלטן, דאָך איז

דער „נאַראָדני־דאָם" יעדן אָוונט פול געווען מיט טאַנצנדיקער יוגנט און מיט אַ סך רויטאַרמייער, צעזונגענע און צעשפּילטע, זאַטע און אויסגעבאַ־ליעטע, וואָס האָבן אויסגעטאַנצט זייער פרייד און צופרידנקייט וואָס זיי זע־נען דאָ די הויפּט־מחותנים אויף דער פאַרנומענער ערד.

דער שטעטלשער קאָמוניסט, שלומקע ברוידע, — וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך די אַריינמאַרשירטע רויטע אַרמיי פון פּוילישן קאָנצלאַגער, קאַרטוז־בערעזע, און האָט געשפּילט די ערשטע פידל אויף אַלע יום־טובים און פאַראַדן, — איז אַריינגעפאַלן אין אומחן. ער איז אַראָפּ פון זיין גדולה און אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער אין זיך, אַ שווייגנדיקער. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן עפּעס צו פרעגן ביי אים. ער האָט זיך צוריק אָנגעהויבן חברן מיט זיינע אַלטע חברים וואָס ער האָט זיי שוין נישט געהאַט געזען און נישט געוואָלט וויסן פון זיי.

אין משך פון דער צייט האָט אַנציס אויך אָנגעוווירן אַ סך פון זיין צוטרוי וואָס ער האָט געשענקט די נייע מאַכטהאָבער. עפּעס האָט ער אָנגע־הויבן דערזען אַז ס'שטימט נישט דער חשבון.

דער בנין פון דער פּוילישער סטאַראָסטווע, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד., איז אין די נעכט געווען שטאַרק באַלויכטן און האָט גע־שראָקן די איינוווינער מיט דער פינקלדיקער צעהעלטקייט. דאָרט איז אָנ־געגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט נאָר ביי נאַכט. דעם גאַנצן טאָג איז שטיל געווען און רויק ווי אויף אַ בית־עלמין.

די איינוווינערס האָבן זיך שוין אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז פון דאָזיקן ליכטיק־צעהעלטן הויז וועט קיין גוטס נישט אַרויס.

די אומצופרידענע און באַעוולטע האָבן זיך כסדר געמערט. דאָס געזאַנג האָט ווי פון זיך אַליין איינגעשטומט. די פיס האָבן זיך מער נישט געהויבן צום טאַנץ. די גראָע ווירקלעכקייט האָט אָנגעהויבן צו דאָמינירן איבער אַלץ און אַלעמען. די נייע מאַכטהאָבער האָבן באַוויזן זייערע ציין און נעגל.

דער פרילינג האָט זיך געשטעלט אין פולן בלי.

די קאָמסאָמאָלקע מיט סנאַרסקין האָבן אויסגעפירט דאָס זייעריקע. זיי האָבן אַנציסן באַזייטיקט און ער איז אַוועק ווי אַ שוואַרצאַרבעטער אויף דער לעדער־פאַבריק.

***

אין שטעטל איז געוואָרן לינדער און מילדער. די גאַסן האָבן באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַ פרייערן. די פּליטים האָבן אויפגעלעבט. זיי האָבן איצט שפּאַצירט פריי איבער די שטעטלשע גאַסן און הנאה געהאַט פון דער וואַרעמקייט.

אין אַ פרימאָרגן האָט זיך דאָס שטעטל אויפגעכאַפּט פאַרוווּנדערט און פריטשמעליעט: איבערנאַכט זענען אַרויסגעפירט געוואָרן די איינזאַמע פּליטים, די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מישפּחות. מ׳האָט זיי אַרויסגענומען ביי נאַכט פון די בעטן און אָפּגעפירט מיט לאַסט־אויטאָס צו דער באַן. מ׳האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיי, אַפילו די וואָס האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן איינצושאַפן פריינד און געליבטע.

אַ שטומע יללה, אַ נישט אויסגעוויינטער שלוכץ האָט אַלעמען געשטיקט אין האַלדז:

— אַזאַ גזלעוואַיע, אַזאַ נידערטרעכטיקייט, אַזאַ סקאַנדאַל — האָט זיך ביי אַנציסן אין דער היים געקאָכט דער אַלטער טאַטע זיינער, ר׳ חיים — נעמען געררודפטע מענטשן, אַנטלאָפענע פון די היימען, פון ווייב און קינדער, און אַרויסשלעפּן זיי אין מיטן דער נאַכט פון די בעטן און אַוועקפירן נישט צו וויסן צו מאָל וואוהין.

— שווייג! — האָט זיך דער זון געבעטן ביים טאַטן — דו זעסט דאָך שוין צו וואָס זיי זענען פעיִק — זיי גיבן זיך מיט אַלעמען אַן עצה... זיי טוען אָפּ זייער אַרבעט נאָר אין מיטן דער נאַכט... צו וועמען איז דאָ צו שרייען.

דער אַלטער ר׳ חיים האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זיינע צעפּאַלדעוועטע באַקן זענען אים געוואָרן נאָך מער צעקנייטשט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם.

דער אַלטער טאַטע האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן הין און צוריק, איינגעבויגן אין דרייען און געזיפצט.

דער זון איז געזעסן איינגעהויקערט און געשוויגן. צו שווער איז אויף צאַלע אַנציסן געפאַלן די דאָזיקע אומגערעכטיקייט. ער האָט געקענט כמעט יעדן איינעם פון די פּליטים פערזענלעך און פאַר די אויגן האָבן אים פאַרבייגעשוועבט כמעט אַלע, די וואָס זענען אין דער נאַכט נעלם געוואָרן —

אַזוינע האַרציקע יִידישע בחורים און מיידלעך. פאַרוואָס, פאַר וועלכע זינד? ווער ווייסט ווי ס׳וועט אויסזען זייער ווייטערדיקער גורל. אַפּנים, אַז מע וועט זיי פאַרשיקן קיין סיביר, ווי מ׳האָט געמורמלט אין שטאָט. מ׳האָט זיי דאָך פּשוט אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. מ׳האָט זיי צוגעזאָגט אַז מע וועט זיי צו־ריק אָפּשיקן אַהיים, פון וואַנען זיי זענען געקומען. צום סוף האָט מען זיי אַרעסטירט און אַריינגעפּאַקט אין פּיוואַגאָנען און מע האַלט זיי דאָרט אין דער וואַגאָן־ענגשאַפט אָן לופט, אָן עסן און טרינקען.

אָן אייזקאַלטע באַציִונג האָט זיך איינגעשטעלט צווישן די איינוווינער און די נייע מאַכטהאָבער. מ׳האָט זיי שוין נישט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פריינד־שאַפט. אַ מורא האָט באַהערשט דאָס שטעטל. דער שאָטן פון די אַרויסגע־שיקטע האָט געוועקט און געשראָקן. נאָך מער האָבן געציטערט די פאַרבלי־בענע פליטים, די פאַמיליע־מענטשן וואָס האָבן אויסגעמיטן צו פאַלן אין שניט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט.

דער פרילינג האָט זיך, פונקט ווי דער ווינטער, געשטעלט אַ טריבער, אַ קאַלטער און אַ קאַלעמוטנער, כאָטש די זון האָט געשיינט. די ביימער האָבן זיך צעבליט, אָבער די שיינקייט און דופטיקייט האָט נאָך מער צעווייטיקט און אַנגעוואָרפן פחד און אַנגסט...

— געדענקסט, מיין זון, — האָט זיך דער אַלטער ר׳ חיים אָנגערופן אין זיין פאַרצווייפלונג — דעם ערשטן אָוונט, ווען דו ביסט געקומען פון דאָרט, און מיר זענען ביידע געגאַנגען אין „באַראַדני־דאָם”. דערמאָנסט זיך כאָטש וואָס ס׳האָט געזאָגט אַזוי כלאחר־יד, מיינענדיק די וואַנט נישט דיך, נעבע דער בעקערינס זון, דער אַלטער קאָמוניסט לייבע שילענטשיק האַ, געדענקסט:

— איך האָב ליב צו עסן אַ ביסל און געשמאַק, דער מאָגן פאַרדייעט עס גאָר אַנדעריש. נאָר קוים עס איך צופיל, מעג עס אַפילו זיין מאַרצעפּאַנעס, פאַרדייעט עס נישט מיין מאָגן...

— אויך אונדזער מאָגן, מיין זון, קאָן עס נישט פאַרדייען...

קאַפּיטל פינף

אַ מיליץ-נאַטשאַלניק

מיירעם סטאָלער, צאַלע אַנציס חבר, האָט זיך געהאַדעוועט אין אַ דייכער היים. קיין שום זאַך איז נישט געווען צו שווער פאַר זיין מאַמען — דער אלמנה נאָך איטשע גראָסבערגן, דעם גרויסן באַקאַליי־סוחר — צו באַזאָרגן איר איינציק זינדעלע וואָס איז געוואקסן שיין און איידל.

ווי די טבע ביי רייכע צעפּיעשטשעטע קינדער, האָט ער אין זיין גוטס זיך געלאַנגווייליקט און נאָך פון די קינדעריאָרן רעוואָלטירט קעגן דער איינגעפונדעוועטער היים, נישט אַנדערש האָט זיך אים פאַרוואָלט, ווי מאַכן אַ רעוואָלוציע קעגן דעם אַלטן לעבן־שטייגער, קעגן זיינע רייכע קרובים און אַפילו קעגן זיין מאַמען דער אלמנה. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַ קאָמוניסטיש יוגנטקרייזל און דאָרט אַוואַנסירט אַזוי ווייט, אַז ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ „פּענסיאָנער" אין קאָסטעק בערנאַצקיס קאַרטוז־בערעזע — אין פּוילנס קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פּאָליטיש־שעדלעכע עלעמענטן.

און אָט האָט אים דער גורל צוגעשפּילט. די רויטע אַרמיי האָט אים באַפרייט פון זיין לאַגער און אים אָנגעטון אַ מיליציאָנערסקע היטל, אים פאַרוואַנדלט אינעם מעכטיקן שעף פון דער מיליץ אין זיין געבוירנשטאָט.

מ'האָט שוין געמעגט אָנקוקן דעם אויסגעוואַקסענעם יידישן בחור, דעם דערצויגלינג פון דער רייכער היים, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט אַלע אויפן גרונט־אַראָפּגעשטויסענע יונגעלייט און מיידלעך! ווי אַזוי ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע רייכע קרובים! ער איז אַוועק פון דער היים, נישט געוואָלט וווינען ביי זיין מאַמען און זיך געדונגען אַ צימער ביי אבנר דעם קצב. אין די נעכט האָט ער געמאַכט אָבלאַוועס איבער רייכע מענטשן, געזוכט פון אונטער דער ערד זיך צו קאָנען איזדיעקעווען איבער זיי. דער

גאַנצער אָנגעלאָדענער כעס צו בערנאַדסקיס לאַגער איז אים קאַפּויער געקומען. ער איז געוואָרן ממש אַ סאַדיסט.

געווען איז דאַן אַ צייט פון שטורעם און דראַנג. אַלע אַלטע לעבן־צוימען און אָנגענומענע פאָרמען זענען איינגעפאַלן ווי קאָרטנהייזלעך. אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַזאַ הפקרות, אַז נישט נאָר דיינע, איז מיינע געוואָרן, נאָר דיינע און מיינע, מיינע און דיינע האָבן זיך אויסגעמישט אין איין טאָפּ און אַפילו גרויסע גבירים זענען געווען צופרידן פון דער לאַגע:

—אַ דאגה האָב איך — האָבן זיי געטענהט — לאָזן זיי אַלץ צונעמען, אַבי מע וועט קאָנען לעבן.

דיווירקלעכקייט האָט אָבער אַנדערש אויסגעזען און גאָר אַן אַנדער פּנים האָט באַקומען דאָס גאַנצע לעבן.

פון מינסק און קיִעוו, פון מאָסקווע און לענינגראַד האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרשידענערליי נאַטשאַלניקעס, אָנגעטוענע אין לעדערנע קורט־קעס, מיט גאַרמאָשקע־שטיוועלעך און פאַרריסענע קאַזירקעס איבער פּלאַ־טשיקע היטלען. לכתחילה האָבן זיי גוטמוטיק געשמייכלט צו אַלץ און אַלעם, איינגעקויפט וואָס מער זאַכן אין די געשעפטן וואָס זענען מיט דער צייט אויסגעליידיקט געוואָרן; פאַרפולט אַלע רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער און באַשטעלט די טישלעך מיט 10־20 בולקעס, אַ צען קאָטלעטן, מיט עטלעכע גלעזער טיי, וואָס די קעלנערינס פלעגן קוים דערטראָגן אויף די פולע טאַצן. אַ טישל פון צוויי פּערזאָן איז געווען באַלאָדן כמעט מיט אַ האַלבן בופעט און ווען מ׳האָט עמעצן פון די חברה־לייט אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס באַשטעלט איר מיט איין מאָל אַזוי פיל? איר קאָנט דאָך אויסטרינקען איין גלאָז טיי און לאָזן באַשטעלן נאָך איינע.

פלעגט אַזאַ מין פאַרשוין אויסגלאָצן די אויגן, שעלמיש זיך צעשמייכלען און ווילדיונגעריש אַ זאָג טון:

— און אַז ס׳וועט אויספעלן? ביי מיר אויפן טישל איז זיכערער...

אַז מע פלעגט זיי אַ פרעג טון, ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט — נאָך געווען טשעקאָווע מענטשן אין די ערשטע צייטן — פלעגן זיי ענטפערן גדלותדיק מיט אַ קלאַפּ אין האַרצן:

— ביי אונדז איז אַלצדינג דאַ.

אין די פאַרנומענע געביטן האָבן זיי אַלץ איינגעקויפט, אָנהייבנדיק פון לעדער ביז פאַרזשאַווערטע נאָדלען פון פרימוס־מאַשינקעס. פאַרלע־גענע סחורות פון אַ סך יאָרן האָבן געפונען אַן ערשטקלאַסיקן אָפּזאַצ־מאַרק.

מיט דער צייט איז געוואָרן אַזוי ביטער, אַז קיין פושקעלע שוועבעלעך האָט מען נישט באַקומען צו קויפן און אַפילו נאָך ברויט האָט מען גע־דאַרפט שטיין אין אָטשערעד, אין די לאַנגע אומענדלעכע רייען.

— ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן...

— און צרות איז ביי אייך פאַראַן? — פלעגט אַ דרייסטערער לץ אַ פרעג טון:

— כוואַטיט, ס'וועט קלעקן פאַר אייך און פאַר אונדז — האָט דער רוס געענטפערט נישט פאַרשטייענדיק דאָס וואָרט „צרות".

— נו און כינים איז פאַראַן ביי אייך אַ סך?

— ס'וועט קלעקן, ברודערל, פאַר דיר און פאַר מיר, פאַר אַלע מענ־טשן...

אָט אַזוי האָט דער עולם געלאַכט און געחוזקט פון זיך אַליין, זעענדיק ווי דאָס לעבן האָט זיך דאָ איינגעשטעלט.

אין די ערשטע צייטן איז געווען טעטיק די „בירזשע־טרודא" וואָס האָט פאַרטיילט אַרבעט און פאָסטנס פאַר אַלע וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט. אין דער ערשטער ריי, נאַטירלעך, פאַר אַרבעטער־קינדער. ביי דעם אַמט האָט אויך געאַרבעט אַ קאָמיסיע וואָס האָט באַטראַכט יעדן רעפלעקטאַנט און גענומען אין אַכט, קודם־כל, פאַרדינסטפולע אַרבעטער און זייערע קינדער.

צאַלע אַנציס האָט געאַרבעט ווי אַן אַנגעשטעלטער אין דער „בירזשע־טרודא". ער איז דאָך עפּעס אַ זון פון איינעם פון די פאַרדינסטפולסטע אַרבעטער, ווען די נייע מאַכטהאָבער האָבן געשעצט פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דער יונגער אַנציס אָבער איז געווען אַ ציוניסט. ער האָט דערפאַר נישט נושא־חן געווען אין די אויגן פון זיין

געוועזענעם יוגנט־חבר, דעם פריש־געבאַקענעם נאַטשאַלניק פון דער מי־ליץ, „טאָוואַרישטש“ מיירעם סטאָלער.

יעדעס מאָל, ווי נאָר ער פלעגט אַריינקומען אין דער „בירזשע־טרו־דאָ“ און זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון זיין געוועזענעם חבר, פלעגט ער אַ זאָג טון:

— ווי לאַנג וועסטו נאָך זיצן און אַרבעטן אין אַ סאָוויעטישן אַמט? דיין פוס טאָר זיך דאָ נישט געפינען.

אַנציס איז רויט געוואָרן. ער האָט אים אָבער גאָרנישט געענטפערט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט אַנציס געלייענט אַ „פּריקאַז“, אַז פון היינט אָן ווערט ער אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט.

מיירעם סטאָלער האָט זיינס אויסגעפירט: אָפּגערוימט פון וועג נאָך איינעם אַ קעגנער פון דער אַרבעטער־רעגירונג. וועמענס פאַרשטייער ער, מיירעם, איז געוואָרן. נישט געקוקט דערויף וואָס זיין סאָציאַלער אָפּשטאַם האָט אים ביי יעדער געלעגנהייט געקאָנט אַליין פאַרראַטן און אים צורע־כענען צו דער קאַטעגאָריע שונאים פון לאַנד און פונעם אַרבעטער־קלאַס.

זיין נאַטשאַלניק־היטל מיטן רויטן פינפעקיקן שטערן האָט אים אָבער אַזוי שטאַרק פאַרבלענדט, אַז ער האָט פאַרגעסן אינעם גאַנצן אַרום, אין דער פאַקטישער ווירקלעכקייט, אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

צומאָרגנס האָט זיך זיין געוועזענער חבר, צאַלע אַנציס, אַריינגעשטעלט אין זיין צימער ביי אבנר דעם קצב און געפּרוווט אַפּעלירן צו זיין געוויסן. ער האָט אים אָנגעוויזן אויף די קאָנסעקווענצן וואָס קאָנען קומען — אַזש ביזן פאַרשיקן אים קיין סיביר. מיירעם סטאָלער האָט זיך אַ כעסיקער, מיט שוים אויף די ליפּן, געוואָרפן אויף זיין חבר און אים אַרויסגעשטויסן פון דער אָפענער טיר:

— אַרויס פון דאַנען! כ׳וויל נישט הערן אַזעלכע ריייד! גיי פון וואַנען דו ביסט געקומען! מיט שונאים פון אַרבעטער־קלאַס דיסקוטירן מיר נישט! ווער ס׳איז נישט מיט אונדז דער איז קעגן אונדז, פאַרשטאַנען? — און ער האָט צוגעהאַקט די טיר הינטער דער נאָז פון זיין פאַרמילחמהדיקן בעסטן חבר.

דער אַלטער אויסגעפּרוווטער אַרבעטער, ר׳ חיים אַנציס, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די עוולה וואָס ס׳איז געשען זיין זון:

סטייטש? — האָט ער געטענהט אויף דער זיצונג פון דער אַרבעט־קאָמיסיע — מיין זון איז אַן אַרבעטער בן אַרבעטער, דור־דורות אַרבעטער, ווער נאָך ווי ער איז באַרעכטיקט צו האָבן אַרבעט און נישט אויסגעשטעלט צו ווערן צו שאַנד און שפּאָט, צו זיין אַנגעוויזן אויף דער שינאה פון איין חבר צום אַנדערן צוליב קאַריעריסטישע שטיק.

די איבעריקע אַרבעטער, מיטגלידער פון דער אַרבעט־קאָמיסיע, האָבן בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן, צוזיפּצנדיק דערביי:

— וואָס קאָנען מיר מאַכן? ס׳וועגדט זיך דען אין אונדז?

ר׳ חיים אַנציס האָט זיך נישט געקאָנט באַרויקן, אים האָט פאַרדראָסן פאַר וואָס אַלע פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער מילחמה אין די פאַרשידענע אַמטן, זיצן זיך רויק און באַקוועם אויף זייערע פּאָסטנס און ווו נאָר מע פּרוּווט אַריינזעצן אַ יידישן בחור אָדער מיידל, מאַכן זיך צרות און דווקא פון די יידישע קאָמוניסטן. מ׳איז אַזוי בודק די ציצית אַז ס׳איז נישט מעגלעך אויסצוהאַלטן.

אויפן צווייטן טאָג, ווי נאָר חיים אַנציס האָט זיך באַפרייט פון דער אַרבעט אין דער לעדער־פאַבריק, האָט ער צוגערופן צו זיך זיין זון און צוזאַמען מיט אים זענען זיי אַוועק אין דער געגנטלעכער פאַרוואַלטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ר׳ חיים האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון ערשטן סעקרעטאַר און אַ זאָג געטון:

— חבר וואָרושין, איך בין געקומען צו אייך מיט אַ „זשאַלאָבע“.[1] מ׳האָט מיר געטון אַן עוולה, מיר און מיין זון.

— אין וואָס גייט עס? זעצט זיך, — האָט וואָרושין אָנגעוויזן אַנציסן אויף אַ שטול אַנטקעגן זיין טיש.

חיים אַנציס האָט אַרויסגעלייגט אַלע טענות.

— הערט מיך אויס — האָט וואָרושין, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגע־הערט אַלץ, פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס אין אַ שטיק צייטונג־פּאַפּיר

[1] אָנקלאָג

— די מעשה איז אַזאַ, טאָוואַרישטש אַנציס, איר זענט ביי אונדז אַ „בלאַגאַ־באַדיאָזשנער"[2] מענטש, אונדזער „וולאַסט"[3] רעכנט זיך מיט אייך. אָבער אייער זון, איז אַ סוואָלאַטש, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַ ציוניסט — אונ־דזערס אַ קעגנער. מיר האָבן נישט צו אים קיין צוטרוי.

— מאַלע וואָס ער איז געווען פאַר דער מילחמה — דערווידערט דער אַלטער אַנציס — ביי אונדז זענען דאָס רוב יוגנטלעכע געווען ציוניסטן און מיר האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר קיין פאַרברעכן.

— ניטשעוואָ ניע פּאַדיעלאַיעש,[4] טאָוואַרישטש אַנציס, מיר האָבן באַ־שלאָסן אַז אייער זון זאָל זיך גיין פּראָלעטאַריזירן. אויפן „קאָזש־זאַוואָד"[5] זאָל ער גיין, זאָל ער אָפּאַרבעטן אַ פינף יאָר, נאָך דעם וועלן מיר ערשט זען, צי ער איז ראוי צו זיין אונדזערס אַ באַאַמטער.

דאָ איז שוין דער יונגער אַנציס אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַ פרעג געטון וואָרשינען:

— נו, און בודריק, איז כשר? דער אַנטיסעמיט פלעגט אונדז שטענ־דיק רודפן... דערצו איז ער נאָך געווען אַ געהיים־אַגענט, געדינט אין דער פּאָליציי און אַרויסגעגעבן אַלע קאָמוניסטן — ער איז אין אָרדענונג?

וואָרשין האָט אַרויסגעלאָזט אַ בלאָלעכן קנויל רויך צוזאַמען מיט אַ איבלדיק־זיסלעכן אַראָמאַט פון זיינע קאָראָשקעס, די געוויקלטע פּאַפּי־ראָסלעך און קאָלט אַ זאָג געטון:

— אים דאַרפן מיר האָבן. אַזעלכע ווי ער קאָנען אונדז ברענגען נוצן. ער איז אונדז נייטיק צו דער „שוואַרצער" אַרבעט, פאַרשטאַנען? איבע־ריקנס, מיר זענען געקומען אין בודריקס לאַנד אַריין, מוזן מיר זיך אומ־גיין פּאָרזיכטיקער מיט זיי און זיין עלאַסטיש מיט אַזעלכע מערזאַווצעס. דאָרט ווו אונדזערע הענט זענען קורץ, דערגרייכן זיינע... דאָ ווו מיר קאָ־נען נישט צוקומען האָט ער אַ צוטריט... און נאָך אייך האָט קיינער נישט געשיקט! איר זענט אונדז, דעם אמת געזאָגט, אַ פינפטער ראָד צום וואָגן.

---

[2] גוטגעזעענער, נייסטיקער, צו וועמען מע קאָן האָבן צוטרוי

[3] מאַכט

[4] ווערט גאָרנישט מאַכן

[5] לעדער־פּאַבריק

מיט אייך האָבן מיר בלויז קלאָפּאָטן — טאָ זיצט־זשע זיך רויִק און דרייט נישט קיין ספּאָדיק...

ווי אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּל קאַלט וואַסער האָבן טאַטע און זון פאַרלאָזט דעם קאַבינעט פון וואָרשינען, וואָס האָט זיי אין דער שטיל נאָכגעשיקט אַ „פּאַמאַטערי״.[1]

אין דער קלעם פון דער נייער ווירקלעכקייט האָט זיך אַנציס געענערמען ביסלעכווייז פּראָלעטאַריזירן. ער איז אַוועק אַרבעטן אין דער לעדערפאַבריק.ביים באַקומען די ערשטע שכירות האָט זיך זיין אַלטער טאַטע אַ ווייל געטון צום ערשטן מאָל אויפן חשבון פון די נייע מאַכטהאָבער:

— איך בין שוין אַן אַרבעטער אַ סך יאָרן און דאָ ערשט אַ חודש פאַרדינסטו שוין מער פון מיר. אַפּנים אַז קיין אויסגעפּרוווטע קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון אַלטן שניט דאַרפן זיי שוין נישט...

דאָס פּראָלעטאַריזירן זיך האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן און דאָס פאַרשווייגן אַלע עוולות אַוודאי נישט. זיין חבר, מיירעם סטאָלער, דער נאַטשאַלניק פון דער מיליץ, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אין אַ שיינער זומערנאַכט זאָלן זיך אַריינשטעלן צו אים אין דער וווינונג מיליציאַנטן מיט רויטע אָרעמבענדער, וואָס האָבן אים אַרויסגענומען פון שטוב און אַוועקגעשיקט צו די ווייסע בערן. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעוואָלגערט מער ווי אַ יאָר נישט ווייט פון אַרכאַנגעלסק, האָט ער באַקומען פון זיין טאַטן אַ בריוול:

„דיין חבר מיירעם, איז אַריינגעפאַלן אין אומחן. ער טיילט שוין דיין גורל נישט ווייט פון דיר״...

[1] רוסיש זידלוואָרט

קאַפּיטל זעקס

פאַרפרוירענע נשמות

אַ שטאַרע דורכנעמענדיקע קעלט, נישט אַרויסצושטעקן די נאָז אויף דער גאַס. דער טייוול אַליין צוזאַמען מיט די „באַפרייער" האָבן זיך פאַרלייגט אויף דער וועלט זי אומצוברענגען און אַ סוף. מאָוימדיקע ווינטן האָבן זיך צעוואָיעט מיט אַ ירגזון, רייסן און צופּן און פליקן שטיקער פליייש פון די לעבעדיקע מתים — די אומזיסטע שקלאַפן וואָס גייען־איין פון טאָג צו טאָג אויף דער פאַרשאָלטענער, פאַרפרוירענער, איינגעשטייפטער ערד.

פלאַכטעס שניי האָבן נישט אויפגעהערט צו שיטן איבערן קאָפּ. זיי זענען געפאַלן אין די אָפענע אָרעמס פון די צעהוליעטע ווינטן, וואָס האָבן זיי אויפגעכאַפּט, זיך געדרייט מיט זיי, געוווייעט און צעפראַשעט און פאַרדעקט מיט זיי די וועגן, טראָטואַרן און דעכער. די עלעקטרישע לאָמפן האָבן זיך ווי שיכור געוויגט אויף די שיטער־צעשטעלטע סלופּעס ביי די ראַנדן וועג... דער גאַנצער דרויסנדיקער אַרום איז געוואָרן אָנגעהויפט מיט חמרים געדיכטע פלאַטן שניי, וואָס האָט זיך אָפּגעלייגט אַלץ דיקער, העכער און גרעבער. איצט וועט שוין נישט זיין מעגלעך אַרויסצושטעלן קיין פוס.

די איינוווינער געדענקען שוין נישט לאַנגע יאָרן אַזאַ קרירה, אַזאַ ווילדע צעהוליעטקייט פון די הפקר־צעפּענטעטע ווינטן.

די טראָטואַרן ווערן איצט מער נישט, ווי פאַר דער מילחמה, געריינקט פון אָנגעפאַלענעם שניי. דעם „פּרעדסעדאַטעל",[1] חבר גריבאָיעדאָוו, אינטערעסירט נישט צי די באַפרייטע האָבן וואָס אָנצוטון אויף די פיס. ער גייט זיך אָנגעטון גוטע וואַלענקעס — אַ פּאָר פעסטע וווילק־שטיוול, אַ גוטן פעלצמאַנטל מיט אַ הויך פוטערן היטל. וואָס דאַרף ער מער? זאָל

[1] פאַרזיצער

דער שניי שיטן אָן אויפהער, אַרט עס אים אויך נישט. ער איז געקומען אַהער אַריינגיסן אַ ביסל אייל אין די מענטשלעכע מוחות, „אי באַלשע ני־טשעוואָ״.[2] דער היינטיקער שניי גייט אים אָן פּונקט ווי דער פּאַראַיאַריקער.

די פּליטים, וואָס האָבן זיך אַריינבאַקומען דאָ אין שטעטל אַריין, כאַפּן אַ שטאַרקן ציטער. זיי זענען אין פּוילישן גאַלדיקן האַרבסט געלאָפן פון מערב צום מיזרח אין אַ לייכטן מאַנטעלע און עלעגאַנטע שיכעלעך. זיי האָבן געמיינט אַז די מילחמה וועט זיך לאַנג נישט פאַרציִען און זיי וועלן זיך גלייך אומקערן אַהיים...

דער הימל האָט זיך אויף מיזרח־זייט טונקל צעבלויט. שוואַרצע קראָען מיט צעפּאָכעטע פליגל פאַרקראַקען די לופט. נאָך עטלעכע מאָל אַרומ־קרייזן איבערן בלייענעם הימל גיבן זיי זיך אַלע אַ שטעל אויס אויף די טעלעגראַף־דראָטן וואָס זענען איבערגעצויגן מיט פראָסט און שניי, ווי זיי וואָלטן זיך איינגעהערט אין וויכטיקע סודותדיקע רייד וואָס די דראָטן גיבן איבער.

אויפן „זאַבראַד״[3] — די געגנט אויף דער צווייטער זייט ליניע — גע־פינט זיך די כאַטע פונעם פּוילישן פעלדשער, נאָסקע, וואָס רעדט יִידיש ווי אַ וואַסער. שוין יאָרנלאַנג ווי ער היילט די שטעטלשע „זשידקעס״, האָט ער זיך פון זיי אויסגעלערנט רעדן יִידיש. נישט ווייט פון אים האָט מען — צום ערשטן מאָל אין דער עקזיסטענץ פון שטעטל — אינסטאַלירט אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע, ווו ס׳אַרבעטן פיר יִידישע מיידלעך אונטער דער לייטונג פון אַ יונגן שייגעץ מיט אַ פאַרריסן נעזל. די מיידלעך קומען פּינקטלעך יעדן טאָג צו דער אַרבעט. חוץ דעם האָבן זיי אויך נאָכטדי־זשורן. פון די צימערן דאָ טראָגט זיך שטענדיק יונג און פריש געלעכטער.

דער אַלטער פּוילישער פעלדשער קאָן נישט פאַרשטיין די דאָזיקע זאַכן. ער קוקט זיך צו גלייכגילטיק ווי די חברה מאַכט אויסרעכענונגען, מעסט, פאַרצייכנט עפּעס ציפערן און האַלט אין איין קוקן אויפן הימל:

— נאָך וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? — גיט דער אַלטער אַ מאַך מיט

[2] גאָרנישט מער

[3] קריסטלעכע געגנט

דער האַנט — וואָס וועט דאָס געבן פאַר אַ נוצן? ס'איז סתם געדרייט אַ ספּאָדעק...

דער אַלטער נאָסקע ווייסט נישט פון קיין קונצן. פאַרשטאָפּט זיך ביי וועמען דער מאָגן, מאַכט ער אַ קאַנע און פאַרטיק. די אַלע ביכער און חש־בונות זענען ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. ביים אַוועקגיין גיט ער אָבער דאָך אַ פרעג איינע פון די מיידלעך:

— הע, יענטל, וואָס פאַר אַ „פּאַגאָדע"[4] וועלן מיר האָבן מאָרגן אין דער צייט?

דאָס מיידל, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטיפטע אין די דיאַגראַמעס — איבער די בויגנס צייכענונגען און אויסמעסטונגען — גיט אַ הייב אַרויס דעם קאָפּ, נישט אָפּלאָזנדיק דעם בליק פון די פאַרנאָטירונגען און ענט־פערט מיט גרויס וויכטיקייט, מעשה־מבין:

— מאָרגן, פּאַניע נאָסקע, וועלן מיר האָבן אַן אָדליגע, פון מערב־זייט קומען ווינטן.

דער פעלדשער נאָסקע האָט פאַרדרייט זיינע לאַנגע פריצישע וואָנסעס און הויך אַ לאַך געטון. ער האָט אַנגענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט און מיטרופנדיק אַלע אויף דער פּראַסטיקער גאַס אַרויס האָט ער אַ וויז געטון מיטן פינגער:

— איר זעט, פּאַניענקעלעך, דעם אַנגעכמורעטן הימל? ער פאַרקרומט זיך ווי ער וואָלט געהאַט מאָגן־קראַמפּן, כאַ־כאַ־כאַ... איר זעט ווי די קראָען זיצן אויף די טעלעגראַפנע דראָטן, יאָ?... טאָ זאָלט איר וויסן אַז מאָרגן וועט קיין אָדליגע נישט זיין. דער פּראָסט וועט נאָר ווערן שטאַרקער, דאָס יאָ, און אַז איר ווילט גאָר וועט איר נאָך האָבן אַ זאַווערוכע אויף אַ צולאָג.

און באַלד האָט דער פעלדשער נאָסקע געגעבן די מיטאַרבעטערינס פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע אַ לעקציע פון הילכות וועטער:

— אַ סימן זאָלט איר האָבן, מיידלעך, אַז די קראָען זיצן אויף די דראָטן מיט די ווידלען צו גראָדנע, וועט זיין אַ פּראָסט, אַ שטאַרקער פּראָסט, און

[4] וועטער

אַז זיי וועלן זיך אויסדרייען מיט די עקן אין דער זייט פון ביאַליסטאָק וועט זיכער זיין אַן אָדליגע...

די מיידלעך האָבן זיך צעהירזשעט ווי ווילדע לאָשיקלעך.

— לאַכט, נאַרישע גענדזעלעך, אַז מע דאַרף מאַכן אַ קאַנע, אָדער שטעלן באַנקעס אַ היימישן, לויפט איר צום פאַן נאַסקע, און אַז איר וועט וועלן וויסן ווען ס׳וועט זיך בייטן די „פּאָגאָדע״, וועט איר אויך מוזן אָנקומען צום זעלבן פאַן נאַסקע. אויסרעכענונגען זענען גוט פאַר מאַטעמאַטיקער און געלערנטע. דער פראָסט אָבער קנאַקט און דער ווינט פייפט אויף דעם אַלעם. קיין שום מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע האָט נאָך קיין מאָל נישט געטראָפן ריכטיק...

ביי נאַכט האָט זיך טאַקע דער פראָסט צעבושעוועט. אַ וואַיענדיקע זאַווערוכע האָט זיך צעהוליעט איבער גאַטס וועלטל. די שטעטלשע איינוווינער האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די פערענעס, נאָר די פרעמדע, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין, די פּליטים, האָבן געכאַפּט אַ ציטער:

— בררר!... ס׳אי קאַלט... אַן אימהדיקע קעלט...

אין דער דאָזיקער זאַווערוכע שלייכן זיך מאַסן פּליטים איבער די גרענעצן, אַנטלויפן פונעם דייטשן טייוול. זיי קומען צו לויפן מיט זייערע באַקעטע נשמות, זוכן שוץ ביי די „באַפרייער״ און טרעפן דאָ ליגן אויסגעצויגן אין די עזרת־נשימס פון אַלע קלויזן, בתי־מדרשים, אין חסידים־שטיבלעך — מענער, פרויען און קינדער, אַלט און יונג. אַלע כאַפּן זיי אַ שטאַרקן ציטער אין זייער עלנטער אויסוועגלאָזער הימלאָזיקייט, און קוקן שוין אויס מיט האַרצקלאַפּעניש דעם גיכן סוף פונעם געוויטער.

די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. דער ביזן־קאָפּ־באַוואָפנטער באַצישער טייוול הערט זיך נישט אויף צו וואַרפן אין קאָנווולסיע. ער שלינגט־איין פרישע לענדער, און די „באַפרייערס״ שיקן אים צו דער גראַיעווער גרענעץ אַלץ מער פּלייש און קאָנסערוון, מעל און ברויט — צו קרעפטיקן אים און צו שטאַרקן זיינע ציין.

דער שניי שיט אַן אויפהער. די טראָטואַרן זענען שוין איבערגעצויגן מיט אַ דיקן שיכט שניי.. אַ מאָל האָט דער פּוילישער אינערן־מיניסטער, סקלאַדקאָווסקי, געמאַכט בליצבאַזוכן איבער די שטעט און שטעטלעך און

געזוכט ריינקייט. אומעטום האָט ער אָנגעוויזן אַז מע דאַרף האַלטן ריין די גאַסן, אַז די שטאָט דאַרף זיין ריין, אָן אַ שפּרענקעלע. די ווייבער פלעגן אין די ווינטער־פרימאָרגנס אַרויסגיין מיט לאָפּעטעס פאַר די שוועלן, אָפּ־רייניקן און פאַרקערן דעם שניי, און אין די גרויסע פרעסט אָנשיטן אַש אָדער זאַמד אויף די טראָטואַרן, אַז מע זאָל זיך נישט אויסגליטשן. היינט איז אַלץ הפקר. וואָס איינער וויל טוט ער. אָבער דעם שניי וועט קיינער נישט אָפּרוימען. נישטאָ ווער ס'זאָל זאָרגן דערפאַר אַז מע זאָל קאָנען דורכגיין די גאַס.

ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל וואַרעם בגד צו שיצן דעם גוף איז אין די אָוונטן געלאָפן אין פאָלקסהויז. די לאָמפּן ברענען העל און ליכ־טיק. דער קלעזמער עליע ווינער מיט זיין בלאָז־אָרקעסטער פון דער פאָ־זשאַרנער קאָמאַנדע שפּילן אַ מאָל אַ פריילעכס, אַ מאָל אַ באַנגלעכס און טרויעריקס. די פּאָרלעך דרייען זיך אין טאַנץ. פאַרוויגן זיך אינעם רויש פון לייכטן טאַנגאָ און שוימיקן וואַלס, פאַרגעסן אויף אַ ווייל אין די שווערע טאָג־טעגלעכע דאגות וואָס גיבן נישט קיין רו. אויך אַ סך פון די פליטים, דער עיקר די יוגנטלעכע, קומען אַהער אַריין מיט בלאָע נעזער פון קעלט. זיי שפּרינגען צום ערשט פון איין פוס אויפן צווייטן און דערוואַרעמען זיך נאָך דעם אין טאַנץ, כאָטש זיי קאָנען נישט פאַרגעסן אַפילו אויף קיין רגע די שמוציקע געלעגערס און די הונגעריקע טעג און פאַרוויגן זייער בענק־שאַפט און נאָגעניש אינעם טאַקט פון עליע ווינערס בלאָז־אָרקעסטער וואָס גיט לשון אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

**
*

דאָס שטעטל סאָקאָלקע ליגט אויפן קרייצוועג צווישן גראָדנע און ביאַליסטאָק, פון איין זייט, און צווישן וואַרשע און ווילנע — פון דער צווייטער זייט. די באַנליניע און דער הויפּטשאָסיי שניידן דורך דאָס שטעטל אין דער לענג. פון די צוועלף טויזנט איינוווינערס זענען צען טויזנט געווען ייִדן. פונקט ווי אין אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך איז דאָ געווען אַ יוגנט וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין אַלע שטרעמונגען און ריכטונגען

וואָס האָבן געהערשט אויף דער ייִדישער גאַס; געווען דורכגענומען מיט די אידייען און חלומות פון אַ בעסערער און שענערער וועלט פון יושר און צדק און ביאת־המשיח. געווען פּראָדוקטיוו, געאַרבעט און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. דאָס שטעטל האָט געלעבט פון די פּערצן לעדער־פאַבריקן, פון די גאַרבאַרניעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין פּוילן מיט זייערע גוטע אויסאַרבעטונגען פון פּאָדעשוועס און כראָם. דאָס רוב איינוווינערס איז באַשטאַנען פון גאַרבערס, אַרבעטער אין די לעדער־פאַבריקן פון וואַנען זיי האָבן געצויגן זייער חיונה.

די נייע מאַכטהאָבער זענען אַרומגעגאַנגען צעשמייכלט. זיי האָבן זיך צוגעקוקט נייגעריק און פאַרגאַפט צו אַלץ אַרום, אָנהייבנדיק פון אַ זייגערל ביז אַ פּאָר פּאָדעשוועס. שפּעטער האָבן זיי נאַציאָנאַליזירט די פאַבריקן און די גרעסערע געשעפטן און אָנגעהויבן הערשעווען ביד־רמה. זיי האָבן אַלץ צעשלעפּט, געשלעפּט פאַר זיך און צו זיך, און געזען, ס׳זאָל וואָס ווייניקער אַריינפאַלן אין די הענט פון די שטעטלשע תושבים. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין די לעדערנע מאַנטלען, מיט פאַרריסענע קעפּ, און זיך שטענדיק געוואָרפן מיטן וואָרט:

— מיר זענען אייערע באַפרייער... מיר האָבן אייך באַפרייט.

אין אַ סך פונקטן פון שטאָט האָבן זיי געהאַט אייגענע "סטאָלאָוועס"[1], ווו זיי האָבן אָפּגעגעסן אַ גוט מיטאָג; אייגענע מאַגאַזינען וואָס האָבן באַזאָרגט זייערע מענטשן מיט פאַרשידענע סחורות און אָנטועכץ. די סאָוויעטישע מענטשן האָבן דאָ געהוליעט און געלעבט אַ גוטן טאָג. טייל פון זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט פאַר בחורים און פאַרזיכערט אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווייבער, זיך געלאָזט ווילגיין מיט די נאַיווע שטעטלשע מיידלעך, איינרעדנדיק, אַז זיי ווילן מיט זיי חתונה־האָבן. די צוימען פון מאָראַל און עטיק זענען ווי פון זיך אַליין אָפּגעפאַלן אין אַ זייט. דאָס צניעות־דיקע ייִדישע שטעטל האָט מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם דורות־לאַנגן שעממאַנטל און מיטגעטאַנצט דעם פרייען הפקרן שיגעון־טאַנץ פון דער אויפגערודערטער שטורעמדיקער צייט.

---

[1] גאַרקיכן

ווי פון אונטער דער ערד האָבן גענומען אויסוואַקסן אַ סך יונגעלייט וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר קאָמוניסטן און מיטגעהאָלפן די נייע מאַכט־האָבער אַריינצודרינגען און דעראָבערן די פּאָזיציעס.

צאָלע אַנציס, וואָס האָט געאַרבעט אין „בירזשע־טרודאַ", אין דער אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָ, ווי דער לייטער פונעם פּליטים־אָפּטייל, האָט זיך שטענדיק געוווּנדערט און אונטערגעשמייכלט:

— וואָס קומט דאָ פאַר אַזוינס ביי די רעגיסטראַציעס אויף אַרבעט? יעדער איינער האָט אין דער רובריק פון זיין סאָציאַלן אָפּשטאַם אָנגעגעבן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, צי אַ שניידער, און אַלע יידישע מאַמעס זענען איבערהויפּט געווען וועשינס. ווּעמען מ'האָט געפרעגט וואָס זיין מאַמע האָט געטון פאַר דער מילחמה? איז געקומען אַן ענטפער, אַז די מאַמע איז געווען אַ וועשין, זי האָט געוואַשן וועש ביי יענעם... ס'איז זיך נאָר געווען צו וווּנדערן פון וואַנען ס'האָט זיך דערנומען אַזוי פיל וועש צו וואַשן? די גאַנצע „בירזשע־טרודאַ" האָט געהאַט אין איר רעגיסטראַציע בלויז וועשינס. דאָס איז געווען אַ מעלה צום שידוך מיט די נייע מאַכט־האָבער.

ווּ זענען מיט אַ מאָל אַהינגעקומען די שטעטלשע קרעמערס, די שניט־סוחרים, תבואה־הענדלער, די באַלעבאַטישע יידן? די האַרציקע יידישע מאַמעס?

זיי האָבן זיך אַלע איבערגעשטעלט אויף דער נייער ליניע. די מאַכט האָט נישט ליב קיין סוחרים און מלמדים, קיין פאַבריקאַנטן און קרעמערס. זי איז זיך נאָר משדך מיט שניידערס און שוסטערס, סטאָלערס און היטל־מאַכערס, וועשינס און דינסטן. זענען עס אַלע געוואָרן איבער נאַכט. ווער עס האָט נישט געקאָנט פאַרמאַסקירן זיין פאַרגאַנגענהייט איז יענעם געווען ביטער זיין לעבן. בעת דער אַרויסגעצוווּנגענער פּאַספּאָרטיזאַציע האָט אַזעל־כער באַקומען אַ ספּעציעלן פּאַראַגראַף און נישט געטאָרט וווינען דאָ אינעם שטעטל ווייל ס'האָט זיך געפונען נענטער ווי דרייהונדערט קילאָמעטער פון דער גרענעץ.

גאָט, טייוול און „באַפרייער" האָבן זיך דערלאַנגט די הענט חרוב צו

מאַכן אַ וועלט און זיי האָבן דאָס זייעריקע דערגרייכט: מיט פראָסט און מיט טיפוס, מיט גזירה און ביקס, מיט הונגער און נויט...

***

צאַלע אַנציס האָט געאַרבעט אינעם אָפטייל פאַר פליטים ביים „ראַי־ספאָלקאָם"[1]. יעדן טאָג זענען געקומען פליטים פון אַנדערע שטעט, צו מיינסט פון ביאַליסטאָק, זוכן דאָ אַ רויִק ווינקל, מיינענדיק, אַז דאָ איז שטילער, זיכערער. אַנדערע זענען געקומען אין פליטים־אָפטייל בעטן אַר־בעט, אַ דירה, אַ דאַך איבערן קאָפּ, און דער, וואָס האָט געהאַט ווו צו וווינען, איז געקומען בעטן אַ ביסל האָלץ איינצוהייצן דעם אויוון, מע זאָל ניט געפרוירן פאַר קעלט.

אין די גאַר גרויסע זאַווערוכעס, ווען די וועגן און באַנליניעס זענען געווען פאַרשאָטן, האָט צאַלע אַנציס געהאַט די עובדה צו גיין איבער די הייזער זוכן פליטים און זיי שיקן רייניקן די באַנליניעס. נאָך אַזאַ טאָג אַר־בעט זענען זיי צוריקגעקומען דורכגעפרוירענע פון קעלט. מיט די דינע לאַטשן און לייכטע האַרבסטמאַנטלען האָבן זיי זיך נישט געקאָנט שיצן קעגן פראָסט און שניידיקע ווינטן וואָס האָבן געריסן שטיקער לייב. אין אַזעלכע טעג האָט צאַלע אַנציס אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר חרפּה, צו־קוקנדיק זיך צום גורל פונעם עלנטן היימלאָזן מענטש. זיי פלעגן אַזוי שטיין מיט געפרוירענע פייערדיקע הענט און אַריינבוכען אין זיי, זיך צו דערוואַרעמען מיטן אייגענעם אָטעם. פלוצים, ווי פון אונטער דער ערד, האָט זיך באַוויזן די קאָמסאָמאָלקע, נינע אַלעקסאַנדראָוונע, מיט אַ רויטן בערעט אויפן קאָפּ, איינגעהילט אין אַ וואַרעמען מאַנטל, וואָס זי האָט שוין באַוויזן איינצוקויפן ביי איינער פון די פליטים־פרויען... מיט אַ פאַררייסן רויט נעזל און אויגן פול מיט גיפט האָט זי אַ וואָרטשע געטון צו זיי, ווען זיי פלעגן איר הכנעהדיק אַנטקעגנטראָגן דעם „גוטמאָרגן":

— דאַרמאָיעדניקי![2] וואָס טוען זיי דאָ? — האָט זי אַ וואָרף געטון צו

[1] ראַיאָנער אויספיר־קאָמיטעט

[2] אומזיסטע פרעסערס

אַנציסן מיט איר הייזעריק כאָרכלדיק שטימעלע — טרייב זיי אַרויס פון דאַנען! זאָלן זיי גיין אַרבעטן! אַלע וועגן זענען פאַרשאָטן... די צוגן קאָנען נישט גיין צוליבן אַנגעוואַליעטן שניי, און זיי קומען זיך דאָ וואַרעמען די הענט...

אייניקע פּליטים, וואָס האָבן געוווינט אין שישקיער וואַלד, אין די זומערדיקע דאַטשע־שטיבלעך, זענען דאָ געקומען יעדן טאָג זיך אָנוואַרע־מען ביים אויוון, און פּאַר איין וועגס שוין האָרכן עפּעס נייעס אויך. זיי האָבן אַליין אויך געפּרוווט עפּענען דאָס מויל און אויף זייער שלעכטן רו־סיש זיך פאַרענטפערן, אָנווייזנדיק אויף זייערע לייכטע בגדים און צע־ריסענע שיך. נינע, די קאָמסאָמאָלקע, האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ווייל, מעשה־יחסנטע, אַ וואָרף געטון מיטן קעפּל אויף אַרויף און זיך פאַרמאַכט הינטער דער טיר פון איר גוט־געהייצטן קאַבינעט:

— מערזאַווצעס![1] — האָט זי בייז געוואָרטשעט צו איר סעקרעטאַרין, אַ היימיש יידיש מיידל וואָס איז שוין געוואָרן אַ קאָמסאָמאָלקע — אַזעלכע אומפאַרשעמטע דאָס זענען! געקומען אין אונדזער לאַנד אַריין און פּיס־קעווען נאָך אַקעגן — האָט זי שקאָציש אַ ווונק געטון מיטן אויג צום מיידל, און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָסל, פון די בעסערע, אַ „ביעלאָמאָר־קאַנאַל"[2] און איר בייז פאַרקרומט פּנימל האָט זיך אין גאַנצן איינגעהילט אין רויך.

**
*

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דער רייכער אייזן־סוחר, לייזער גראָס־מאַן, אַרויפגעגנבעט אין דער שטיל אויפן בוידעם פון זיין געוועזענער רח־בותדיקער היים, פון וואַנען מ׳האָט אים אָן אַ פּאַרוואָס אַרויסגעוואָרפן, נאָכן נאַציאָנאַליזירן זיין גרויס הורט־געשעפט, און זיך דאָרט אויפגעהאָנגען אויף אַ שטריק.

נאָך זיין מיתה, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ גרויסן עולם מלווים,

1 זידלוואָרט

2 נאָמען פון גוטע פּאַפּיראָסן

איז נאָכגעגאַנגען זיין פרוי, אַ צעבראָכענע, אַן איינגעהילטע אין שוואַרצן, און יאָמערלעך געוויינט, געקלאָגט אינעם פּראָסט אַריין:

— לייזערקע, לייזערקע! פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי פאַרשעמט?

לייזער גראָסמאַן אַליין איז געלעגן אַ פאַרשעמטער אויסגעצויגן אויף דער מיטה, און נאָך מער פאַרשעמט האָט אויסגעזען זיין געלוואַקסן פאַרפרוירן פּנים ווען מ'האָט אויף אים אַרויפגעשאָטן די האַרטע פאַרפרוירענע גרודעס ערד.

ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שווערן אומגעריכטן קלאַפּ וואָס ער האָט געקריגן פון די „באַפרייער". אַ יאָרנלאַנגער סוחר און ערלעכער מענטש האָט ער נישט געקאָנט מאַכן קיין פוילע שטיק. ער האָט דען עפּעס ביי עמעצן געגנבעט? איז דען דאָס אַלץ נישט אויסגעהאָרעוועט געוואָרן דורך אים אַליין? קיינער האָט אים טאַקע נישט געפרעגט פון וואַנען ער האָט געמאַכט דאָס פאַרמעגן. מ'איז געקומען צו אים צו גיין און צוגענומען זיין געשעפט, פאַרחתמעט זיין וווינונג, און הויל און נאַקעט אים אַריינגעוואָרפן אינעם דירהלע ווו ס'האָט געוווינט זיין סטרוזש. אויב דאָס איז נאָך וויייניק, האָט מען אים געגעבן אַ פּאַס מיט אַ פּאַראַגראַף, אַז ער מוז פאַרלאָזן זיין שטאָט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און זיך אויפגעצויגן... ער האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן מער. פול מיט פאַרדראָס און פאַרצווייפלונג איז ער אַוועק פון לעבן.

נישט בלויז אים אַליין, אויך אַלע אַנדערע פאַבריקאַנטן פון די גרויסע לעדער־פאַבריקן האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון זייערע דירות און זיי באַזעצט אויפן „פּאָדאָל"[3]. עלאָיקע, דעם שוסטער און שיכור, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע דעקמענטשן, האָט מען באַזעצט אין די רייכע פאַבריקאַנטישע דירות. די גבירים האָבן אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון נויט און מורא פאַרן טויט. אומעטום אָבער — אין די אָרעמע הייזער ווי אין די פרישבאַזעצטע דירות מיט אָרעמעלייט — האָט מען דערפילט אַז עפּעס שטימט נישט; אַז ס'פילט זיך אַ ביי־טעם, אַ נאָך־ריח מיטן אויסגלייכן אָרעם און רייך. די גאַנצע זאַך מיט דער גלייכהייט און ברידערלעכקייט האָט עפּעס נישט דעם

3 אָרעמסטער שטאָטפּערטל

טעם ווי דעמאָלט, ווען מ׳האָט געקעמפט דערפאַר און געגאַנגען צוליב דעם זיצן אין די פּוילישע תּפיסות.

— ס׳איז עפּעס נישט דאָס — האָט מען שטיל געמורמלט צווישן זיך — ווי מ׳האָט זיך עס אַמאָל געהאַט פאַרגעשטעלט.

די משוגענע יענטע, וואָס רימט זיך, אַז זי שטאַמט פון אַ גאַנצע פאַמיליע משוגעים, — אַ מחלה וואָס גייט איבער ביי זיי בירושה פון דור צו דור — האָט זיך אין די דאָזיקע טעג דערפילט ממש אין איר הויט. ווו מע זייט זי נישט — וואַקסט זי אויס, שטעלט אונטער אַן אויער, וואַרפט אַריין אַ וואָרט וואָס רופט אַרויס אַ ציטער. זי ווייסט נישט וואָס ס׳הייסט אַזוינס שרעק. פאַר וועמען זאָל זי מורא האָבן, אַז די גאַנצע וועלט קאָנקורירט איצט מיט איר — אַלע זענען משוגע געוואָרן, און זי, די גלאַוונע משוגענע, דרייט זיך אַרום און קעניגט איבערן שטעטל.

אַנומלט איז זי, ווי איר שטייגער, אַריינגעקומען צו אבנרן, דעם קצב, ביי וועמען עס וווינט דער מיליץ־נאַטשאַלניק, מירעם סטאַליער — דערזעענדיק אים זיצן אַ פאַרטראַכטן ביים מיטאָג האָט זי אים מיט אַ שמייכעלע אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר נאָר, נאַטשאַלניק מיינער, וואָס פאַראַ חכמות באַוויזסטו עס מיט דיינע חברים, די נאַטשאַלניקעס, אויפצוטון? ביי דעם נעמסטו צו, און יענעמס, וואָס ס׳איז נישט אייערס, גיט איר אַוועק, צעטיילט איר פאַר אַנדערע. דו ווייסט, מיירעמקע, שוין דרייסיק יאָר ווי איך גיי איבער פרעמדע הייזער, עפן אויף פרעמדע ספּיזשאַרקעס,[1] נעם אַרויס דעם געפּרעגלטן איינגעמאַכטס און כ׳לייג אים אַריין אין מיין טעפּל. און ביי די גבירים לייג איך אַריין, ווייסט דאָך שוין וואָס?... נו, איז יאַנקל, אָדער איטשקע אייזן, די אַלע גרויסע גבירים, זענען זיי געוואָרן אַנדערש, האַ? איך בין געבליבן יענטע די משוגענע, און זיי — די שיינע יידן!...

דער מיליץ־נאַטשאַלניק האָט זיך צו איר אַ וואָרף געטון מיטן רעוואָלווער אין האַנט:

— דו גייסט אַרויס פון דאַנען צי נישט? איך דערשיס דיך ווי אַ הונט!...

[1] שפּייזשענקל אין הויז־קאָרידאָר

— גיין שוין, גיי, שיסער מיינער — האָט די משוגענע יענטע געקייכט פון געלעכטער — אויב שיסן משוגעים, וועט די גאַנצע וועלט אויסגע־ליידיקט ווערן פון מענטשן... מאַך זיך נישט נאַריש און לייג אַריין דעם שפּייער אין קעשענע... אַזאַ כּלי איז גוט פאַר די פּרייערס, די יאָלדן, נישט פאַר מיר.

מיירעמקע, דער נאַטשאַלניק, האָט זיך עפּעס דערפּילט אומבאַהאָלפן מיטן שווערן רעוואָלווער אין האַנט, וואָס ער האָט געזוכט פאַר אים אַן אָרט אויפן טיש. ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און געקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן אויף דער גערירטער, וואָס רעדט רייד, גאַרנישט ווי קיין צעדרייטע.

— גיי בעסער, מיירעמקע, אַהיים צו דער מאַמען, דאָרט וועסטו האָבן רו. וואָרן דאָ, נאַרעלע, וואָס דו ביסט, גייט — קאָפּ פאַר קאָפּ. זעסט דאָך אַליין, פר׳זער זענען זיי געווען שטילינקע און רויִקע. איצט זעצן זיי אײן יעדן טאָג אַן אַנדערן. אַז זיי וועלן אַזוי איינזעצן כּסדר, וועלן זיי דאַרפן די גאַנצע וועלט פאַרבויען מיט תּפיסות און ס׳וועט אַלץ זיין ווייניק. ס׳וועט שוין נישט סטייען קיין פּלאַץ צו פאַרזייען אַ ביסל בולבעס, ס׳זאָל זיין מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן די נשמה — האָט זי זיך הויל פונאַנדערגעלאַכט מיט איר ציינלאָזן מויל.

פונקט צו דער וואָך איז מיירעמקע אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיין אַמט, געוואָרן אויס נאַטשאַלניק, אויס מאַכער. ער איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ געקומענעם פון „דאָרטן״, מיט איינעם פון די „וואָסטאָטשניקעס״[1], וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ היישעריק און אָנגעהויבן פאַרכאַפּן אַלע גוטע פּאָסטנס.

די משוגענע איז וויטער אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, דאָ געבעטן אַ שטיקל האָלץ, דאָרט אַ פּאָר קאָפּיקעס, אַ שטיקל ברויט און פאַר אַלע זיך באַרימט:

— איר זעט, איך האָב געוווסט אַז ס׳וועט אַזוי זיין. נישט אומזיסט רופט מען מיך שוין נישט מער יענטע די משוגענע, נאָר יענטע די נביאטע. אַזוי איז עס. פונקט ווי ס׳איז דאָ אַ בעקער, אַ שוסטער, אַ שוחט און אַ רב

---

[1] געקומענע פון מיזרח, פון ראַטנפאַרבאַנד

אין שטעטל, אַזוי דאַרף מען אויך האָבן אַ משוגענע צום רומל — האָט מען עס טאַקע מיך אויסגעקליבן פאַרן שטאָטנאַר, און איצט ביי דער נייער אָרדענונג קרוין איך זיך אַליין פאַר אַ גביאטע, און טוט מיר עפּעס! די נבואה שטייט שוין איין פון היינט אָן און ווייטער נישט ביי די נאַראָנים נאָר ביי די משוגעים.

איינגעטוליעט אין אירע אַלטע לאַכעס, מיט וואָס זי האָט זיך געשיצט קעגן פראָסט, האָט זיך יענטע די משוגענע געטראָגן פון איין טיר צו דער צווייטער אינעם פאַרטייעטן ווינטערדיקן שטעטל, מיט איר ווייבערישן מענה־לשון וואָס האָט געבריט ווי קראָפּעווע, אַריינגעטריבן אין אָן אומרו וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פאַרצווייפלונג.

***

צאַלע אַנציס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון האַרטן שלאָף. ער איז אַראָפּ־געשפרונגען פון זיין אויסגעוואַרעמטן געלעגער און אָנגעצונדן די עלעק־טריע. אויף יענער זייט פענצטער איז געשטאַנען דער יידישער מיליציאָ־נער, חיים קרעמער, און געקלאַפּט מיט אַ פינגער אין שויב, וואָס איז געווען באַצויגן מיט פראַסטיקע בלומען און ווייסע אוראַלטע וועלדער. די קאַץ, וואָס איז געלעגן אויף אַ שטול ביים אויוון, האָט אויסגעצויגן די פאָדער־שטע לאַפּקעס און זיך געהויקערט מיטן רוקן, אויפעפענענדיק אַ ברייט צע־געגעצט קעציש מויל. דאָס הינטל, באַבעק, האָט זיך צעהאַווקעט מיט אַ פאַרכריפּעט פאַרשלאָפן קול.

דער מיליציאָנער, חיים קרעמער, מיטן רויטן ליאַמפּאַס אויפן אָרעם, איז אַריין אין שטוב און אָנגעטראָגן שניי און פראָסט פונעם ווינטערדיקן דרויסן:

— טו זיך אָן גיך, באַלעמוטשע נישט! — האָט ער מיט אַ צוגעדושעט קול אַרויסגעזייט צווישן די ציין — אויפן וואָקזאַל איז אָנגעקומען אַ טראַנס־פּאָרט פליטים. מ׳האָט אָפּגעטשעפּעט דריי וואַגאָנען „ביעזשענצעס״ פון אַ צוג, וואָס איז דאָ פאַרבייגעפאָרן, און זיי געלאָזט שטיין אויף אַ זייטיקער ליניע. אין וואָקזאַל קאָן מען זיי נישט לאָזן, ווייל דאָרט איז נאָך קעלטער ווי אויף דער גאַס. נו, קום שוין, גיכער...

אויף דער גאַס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ פֿינצטערע, פּראַסטיק־צעהוליעטע סוף־שבתדיקע נאַכט. דער פּראָסט האָט טרוקן געסקריפּעט אונטער די פֿיס און מיט שדישע פֿייערלעך קאַלט אַנטקעגנגעגלאַנצט אין דער טיפֿער חשכות. פֿון מיזרח און מערב האָבן אַנגעיאָגט שניידיקע ווינטן, וואָס האָבן זיך ווי באַקסערס געראַנגלט איינס מיטן אַנדערן. פֿון הימל האָט זיך אַ שאָט געטון אַ טרוקן שנייעלע, וואָס האָט געשטאָכן אין פּנים ווי נאָדלען און פֿאַרקראָכן אונטערן קאָלנער. ס'איז שווער געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט. דער אָטעם איז ממש פֿאַרשטאַרט געוואָרן אין דער לופֿט.

דאָס הויז פֿון דער געוועזענער סטאַראָסטווע, וואָס איז היינט פֿאַרנומען דורך דער „ענקאַוועדע"[1], האָט זיך צעהעלט דורך די פּראָסטיקע פֿאַרצויגענע שויבן מיט אַן אָפּשרעקנדיקער שדישער ליכטיקייט. אַ גאַנצן טאָג איז דאָ שטיל ווי אויפֿן שטעטלשן בית־הקברות. ערשט נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט צעבליצן זיך די גרעלע עלעקטרישע לאָמפּן און מאַכן אויפֿציטערן דעם גאַנצן אַרום מיט זייער בלענדיקן ליכט. אין אַלע פֿענצטער נעמען זיך באַווייזן פֿאַרביישוועבנדיקע שאָטנס. ס'ווערט אַ געגיי און גערודער ווי אויף אַ מאַרקטאָג אין שטעטל.

צאַלע אַנציס איז געגאַנגען מיט גיכע טריט ביי דער זייט פֿונעם ייִדישן מיליציאָנער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פֿון דער ערנסטער לאַגע: גיין איצט אין מיטן דער נאַכט וועקן די „מיעשטשאַנעס"[2], זיי זאָלן שפּאַנען שליטנס און איבערפֿירן די פּליטים אין שטאָט אַריין, איז נישט קיין ענין. דער באַראָמעטער אויפֿן בנין פֿון „ראַיספּאָלקאָם" האָט געוויזן 42 גראַד אונטער זעראָ. איידער די פֿויערן וועלן אַראָפּקריכן פֿון די געלעגערס הינטער די אויוונס און שפּאַנען די שליטנס נאָכן לאַנגן אַמפּערן זיך מיט זיי, וועלן יענע דאָרט אַלע אויסגעפֿרוירן ווערן ווי די ווינטער־עפּל.

ווען ער איז געקומען נענטער צום וואָקזאַל האָט ער שוין געהערט פֿון דער ווייטנס די הימלשרייענדיקע געוויינען פֿון די וואַגאַנען אַרויס, וואָס האָבן געשפּאַלטן די אַרומיקע פּראָסטיקע שטאַרע לופֿט. ער האָט דאָרט

1 סאָוויעטישע געהיים־פּאָליציי
2 בירגער

געטראָפן אויפן פּלאַץ עטלעכע מיליציאָנערן וואָס האָבן געהיט די „ביעַ־זשענצעס", זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן אין דער פינצטערער נאַכט ווו די אויגן וועלן זיי טראָגן. ער איז צו צו די וואַגאָנען און ווי דער פאַרשטייער פון דער „בירזשע־טרודאַ" אַראָפּגעריסן די פּלאָמבעס און אַ געשריי געטון מיט אַן איבערגענומען קול:

— שנעלער, ייִדן, כאַפּט אייערע זאַכן און קומט מיט מיר!

פון די דריי אָפּגעטשעפּעטע וואַגאָנען האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט גוואַלדן און ביטערן געיאָמער — מענער, פרויען, קינדער און זקנים. זיי האָבן זיך אַלע קוים געהאַלטן אויף די פיס — פאַרשטאַרטע און פאַרשטייפטע פון פראָסט. מ'האָט זיי אַלע געכאַפּט אין ביאַליסטאָק בעת אַן אַבלאַווע אויף „ביעזשענצעס", וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ ריי קלובן, רעסטאָ־ראַנען און אַנדערע עפנטלעכע ערטער, און זיי פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען. צאַלע אַנציס איז געגאַנגען פאָרויס און הינטער אים — די אַריבער הונ־דערט פּליטים מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פּאָלעס, מיט זעק און פּעק אויף די פּלייצעס, מיטן ווייַנענדיקן קליינוואַרג ביי דער זייט. אַלע זענען זיי מער אונטערגעלאָפן ווי געגאַנגען, כדי זיך צו דערוואַרעמען, אַ ביסל אויפטייען די אייַנגעפרוירענע גלידער.

אַזאַ קלאָגעדיקן מאַרש אין מיטן אַ פּראָסטיקער נאַכט האָט דאָס שטעטל געזען צום ערשטן מאָל. ערגעץ ווו האָבן זיך צעהאַווקעט היימ־לאָזע הינט. אין די אויסשניטן פון פאַרמאַכטע לאָדנס האָבן זיך באַוויזן פלעקן ליכט, וואָס האָבן עטוואָס באַלויכטן די חשכות פון די איבערגע־וועקטע גאַסן. דער קאַראַוואַן האָט זיך געשלעפּט אַ צעיאָמערטער, אַ דורכ־געפרוירענער און האָפענונגלאָזער איבער די שטעטלשע שפּעטנאַכטיקע פינצטערע גאַסן.

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, געוואָרן אַנגעצויגן, שטייף, נאָר צום פּלאַצן. די קרירה — גלייך ווי זי וואָלט געוואָרן פאַרשלעפּט אַהער פון וויטן סיביר — האָט פעסט געהאַלטן דאָס גאַנצע שטעטל, אַן איינ־געקאָוועטס, אין אירע שטאַרע קאַלטע לאַפּעס. ביסלעכווייז האָט מען די פּליטים איינלאָקירט אין די שוין אָנגעפּראָפּטע שילן, בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך. די געפרוירענע קינדער מיטן געפּעק האָבן די מאַמעס

געלייגט אין די עזרת־נשימס, מאַכנדיק ענג דאָס אָרט פון די וואָס זענען שוין דאָרט געווען פון פרי:ער.

אין אָנגעפּאַקטן בית־מדרש אויפן פּאָל האָט זיך אַריינגעקוועטשט אַ פאַמיליע וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אַלט פּאָרפאָלק מיט זייערע זין, טעכ־טער און אייניקלעך. דער אַלטער האָט שטאַר געקוקט אויף אַנציסן און פאַרהויבן די אויגן צום הימל:

— זעסט, יונגערמאַן, אַט דאָרט שטייען אין אָרון־קודש אונדזערע היי־ליקע ספר־תורהס און אַז זיי שוויגן און שעמען זיך נישט צוצוקוקן צו אונ־דזער שאַנד, האָב איך זיך שוין נישט וואָס צו שרעקן פאַר קיין שום זאַך. אַלץ איז געענדיקט. אַ שאָד וואָס אַזאַ וועלט עקזיסטירט נאָך אַ מינוט. ס׳איז שוין נישטאָ אין וואָס צו גלייבן, פאַרשטייסט, אַלץ איז אויס, אויס, אויס מיט אַלעם...

***

אין דרויסן האָט גענומען גראָען אויף טאָג. דער מיזרח־ראַנד פון הימל האָט זיך באַצויגן מיט העלע שטאַלבלאָע שטרייפן און פאַסן. אויף די טע־לעגראַף־סלופּעס האָט זיך אָנגעהויבט דער שניי און קראָען זענען געזעסן ווי פאַרשטייפטע אויף די דראָטן, אָן שום ריר און באַוועג.

אַ ליבלעכע וואַרעמקייט האָט צאַלע אַנציסן אַרומגענומען ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב. ער האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַן אויפגערודערטער פון די אַלע געשרייען און געוויינען וואָס ס׳איז אים נאָכ־געגאַנגען ביז אין שטוב אַריין. די אָפּשרעק־בילדער פון דער היינטיקער נאַכט האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים. ער האָט געזען פאַר זיך די איינגעטוליעטע געשטאַלטן, די צעפּאַטלטע קעפּ, די אויגן פול מיט צער און שרעק. גאָט מיינער, וואָס האָסטו פון זיי געוואָלט? וואָס האָסטו זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע אויסגעוואַרעמטע היימען? פאַרוואָס איז נישט געקומען כאָטש איינער, וואָס זאָל וועלן אָפּטרעטן זיין אייגן בעט, וואָס זאָל אייגנוויליק אָנביטן זיין שטוב פאַר די אומגליקלעכע און נישט זיי זאָלן זיך דאַרפן דאָרט שטיקן אין דער ענגשאַפט ביז צום חלשן, ביז צום אויסגיין...

פון זיינע קרעכצן אויפן געלעגער האָבן זיך די שטוביקע איבערגע־וועקט:

— וואָס איז געשען? — האָט אים זיין ווייב אַ טאָרע געטון — פאַר־וואָס שלאָפסטו נישט? ס'איז דאָך שוין באַלד טאָג... שוין באַלד נישטאָ ווען צו שלאָפן.

— זיי האָבן זיך פאַרלייגט חרוב צו מאַכן די וועלט, און זיי וועלן זי חרוב מאַכן, דו וועסט זען...

ער האָט געפּרוווט פאַרמאַכן די אויגן, אפשר וועט קומען דער שלאָף און אים באַפרייען פון די נאַכטיקע קאָשמאַרן און גרויליקע בילדער. אין גאַס האָט זיך צעוואָיעט דער ווינט מיט אַזאַ רוגזה, ווי נאָר פונאַנדערצו־יאָגן די הייזער, אַוועקטראָגן זיי ווי שפּענדלעך צו אַלדי שוואַרצע יאָר, אין שאול־תחתיה אַריין, און אַן עק, אויס וועלט...

קאַפּיטל זיבן

אַ פאַרשעמטע יידישע שטאָט

אין פאַרנעפּלטן פרימאָרגן איז ווילנע געלעגן אַ פאַרשעמטע, פול מיט טרויער. פון די מויערן האָט אַראָפּגעוויינט דער עלנט און וויי. פון ערגעץ האָבן זיך נישט געטראָגן קיין געזאַנגען.

די נייע מאַכטהאָבער האָבן באַשלאָסן אָפּצוגעבן ווילנע די אַלטע פרע־טענזיע־האָבער, — די ליטווינער, וואָס מאַכן זי פאַר זייער הויפּטשטאָט — ווילניוס. און ביז וואָס־ווען, — נאָך איידער די סאָוויעטן זענען אַוועק און די ליטווינער האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויפצוצי:ען אויף זיך זייערע פּאַ־ראַדנע אוניפאָרמען, — זענען די איינוווינער געלאָפן פאַרזאָרגטע און אומ־רו:קע, ווי אין אַ צייט פון שטורעם, ווען מע זוכט זיך אויסצובאַהאַלטן, ווו ס'זאָל נישט זיין, אין אַ בערגנאָרע, פונקט ווי אין אַ מויזנלאָך.

דאָס קליינע פוילן איז איצט צעשניטן געוואָרן אויף דריי גרענעצן: סאָוויעטיש־דייטשע, סאָוויעטיש־ליטווישע און סאָוויעטיש־אַלטסאָוויעטישע, וואָס זענען באַשטעלט געוואָרן מיט גרענעץ־וועכטער, וועלפישע שפּיר־הינט, אויטאָמאַטיש געווער און תפיסות.

מענטשן לויפן פון פייער אין וואַסער! פון גיהנום אין גן־עדן. אָט טובלט מען זיך אָפּ אין אַ קאַלטן טוש און אָט בריט מען זיך אָפּ אויף הייס. שווער צו זיין אַ חכם אין אַזאַ צייט, צו קאָנען שטעלן אַן אויסגערעכנטן טריט אויף די צעטרייסלטע וועגן פון אַ משוגענער וועלט.

***

צאַלע אַנציס איז געקומען קיין ווילנע, אַרויסראַטעוועון פון זיין היימ־שטאָט זיין פרוי און קינד.

— זיכערער איז מיט זיי אין די פאַרנומענע געביטן פון די סאָוויעטן,

זוי ביי די ליטווינער, וואָס היינט זענען זיי דאָ און מאָרגן — ווער ווייסט...
— האָט ער איינגעטענהט מיט זיין פרוי.

די מילחמה האָט אַנציסן געטראָפן אין וואַרשע. זיין פרוי און קינד זענען געווען אין ווילנע און איצט, ווען די גרענעץ גייט זיך אָ ליאַדע טאָג שליסן איז ער זיי געקומען נעמען צו זיך, דאָרט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, ווו דאָס לעבן ליגט אָ צעזונגענס און אָ פריילעכס און ס'איז דאָ מער האָפענונגען אויף לעבן.

אַנדערע ווידער האָבן באַשלאָסן צו בלייבן ביי די ליטווינער, ווייל פון דאַנען — האָבן זיי געטענהט — וועט זיך עפענען אָ פענצטער צו דער פרייער וועלט און מע וועט קאָנען אַוועק פון דער איבערגעטריבענער פריילעכקייט און לעבעדיקייט און אַריינגיין אין אָ נאָרמאַלן לעבן, אָט אַזוי ווי פאַר דער מילחמה.

— נעם, פאַרפאַק די זאַכן — האָט זיך אַנציס אַנגערופן צו זיין פרוי
— בלויז דאָס וואָס מע קאָן נעמען מיט זיך, אין האַנטגעפעק.

עס זענען גקומען פריינד און שכנים, אַלע האָבן זיך געישובט און לסוף איז געבליבן: אַהין, דאָרט איז זיכערער.

פון דעסטוועגן האָבן אָ סך זיך נישט גערירט פון די ערטער, זיי זענען געבליבן זיצן אין ווילנע און נישט וויניק איז געלונגען — בעת דער ליטווישער ממשלה — זיך אַרויסצורייסן אין דער פרייער וועלט.

אַנציס מיט פרוי און קינד האָבן זיך געלאָזט קיין סאָקאָלקע — איינע פון די "באַפרייטע" שטעט אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

ער האָט פאַרלאָזט ווילנע. איינער פון די לעצטע צוגן האָט אַנציסן צוועקגעפירט פון ווילנע, וואָס האָט זיך ווי אַן אָבל צעלייגט מיטן טרויער פאַר איטלעכער טיר און שוועל.

דער הימל האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן...

***

דאָס לעבן אין סאָקאָלקע איז אַנגעגאַנגען מער־וויניק נאָרמאַל. אָט אַזוי ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געוואָרן באַפרייט. אַלע

גאַסן און עפנטלעכע פּלעצער זענען באַהאַנגען געוואָרן מיט גרויסע ביל־דער פון די היינטיקע מושלים. די דענקמעלער פון דער פריערדיקער מאַכט האָט מען פונאַנדערגעוואָרפן און אין אַלע ראָגן גאַסן זענען צע־שטעלט געוואָרן מעגאָפאָנען וואָס האָבן זיך הילכיק צעזונגען מיט לידער פון פרייהייט און ניצחון.

אַ סך שטאָטישע מיידלעך האָבן זיך באַפריינדט מיט רויטאַרמייער און נייגעקומענע פון די פוילישע געביטן. אין יידישע הייזער האָבן אָנ־געהויבן אַריינקומען אַרטיקע מענטשן. מ׳האָט געשמאַק צוגעביסן, און דער־ביי ווערבירט פרישע אָנהענגער און פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר דער נייער אָר־דענונג.

אַנציסעס יוגנט־חברטע באַבעלע אַוונעט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם שם פון דער שענסטער מיידל, פון דער באַלעבאַטישסטער היים אין שטאָט, האָט זיך פאַרליבט אין אַ סאָוויעטישן קאַפּיטאַן און איבערגעלאָזט איר גע־ליבטן ברוך פורמאַן און פאַראַדירט אין גאַס מיטן רוסישן מיליטער־מאַן. זי האָט נישט געקוקט דערויף וואָס די עלטערן אירע זענען געווען פרומע מענטשן און איר אויפפירן זיך קאָן זיי ווייטון. זי האָט פונקט ווי אַלע אַנ־דערע מיידלעך אויסגעטון דאָס שעמהיטל. אירע עלטערן האָבן אַלץ פאַר־שוויגן. זי איז דאָך פאָרט אַן אייגן קינד. וואָס וועלן זיי מיט איר מאַכן? היינט זענען אַנדערע צייטן. זי האָט זיך פאַרשריבן מיטן רוסישן קאַפּיטאַן אין „זאַגס"[1] און מיט דעם אָפּגעקומען די גאַנצע חתונה, אָן אַ חופה, אָן גאָר־נישט. זי האָט איבערגעלאָזט דאָס שטעטל און אַוועקגעפאָרן מיט איר מאַן, דעם קאַפּיטאַן, אין די מרחקים, קיין אַרכאַנגעלסק, וווהין מ׳האָט איר מאַן איבערגעשיקט אויף אַ נייעם אַמט.

לכתחילה האָט עס אַרויסגערופן דערשטוינונג און גערייעדרייען דאָס אויפפירן זיך פונעם לייטישן מיידל. אָבער צום סוף האָט זיך דער עולם איינגעשטילט און נאָך אַ סך אַנדערע האָבן נאָכגעטון איר ביישפיל.

אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געטראַכט וועגן אַ שידוך פאַר זייערע טעכטער, זענען ממש געוואָרן אויפגעריכט. די דאגה וועגן נדן, אויס־

[1] אַמט צו רעגיסטרירן חתונות

שטייער וכדומה אַלטע זאַבאַבאָנעס האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַר דער נייער ווירקלעכקייט:

— זאָל לעבן די פרייהייט!...

אָבער די פרייהייט האָט זיך געשטעלט דיבאָם, ווי אַ באַראָוויסטער פערד, צום ערשט זיך פונאַנדערגאַלאָפּירט און אין גייעג מיטגעשלעפּט אַלץ און אַלעמען. אַלץ איז נאָכגעלאָפן דער נאַטור־סטיכיע מיט פריילעכן געזאַנג אויף די ליפּן:

— טרי טאַנקיסטאַ, טרי וועסאָליך דרוגאַ...

די פּליטים אָבער האָבן אין דער ערשטער ריי פאַרגעפּילט אַז מיטן דאָזיקן געזאַנג איז מען אויסן עפּעס וואָס צו פאַררעדן די ציין!

אַרויסגעריסענע פון זייערע היימען, אָפּגעריסענע פון דער נאָענטער מישפּחה, האָבן זיי דערפילט דעם שוידער פון זייער לאַגע און די פרייד מיט דער פרייהייט האָט זיך נישט געקלעפּט צו זיי.

אַ טייל האָט זיך געריסן צוריק, געלאָפן איבער גרענעצן. די סאָ־וויעטן האָבן שטאַרק באַוואַכט זייער גרענעץ, דער דייטש האָט זיך גע־מאַכט נישט זעענדיק און אַריינגעלאָזט. אויך ביי דער ליטווישער גרענעץ אין בעניאַקאָני האָבן גרענעץ־זעלנער געוואַכט מיט גרויסע וואָלפהינט און מאַשין־געווער. איינציקע זענען געווען די גליקלעכע וואָס האָבן זיך דורכגעריסן.

עס זענען אַוועק עטלעכע חדשים. פון באַבעלע אַוונעטן האָט זיך באַ־קומען אַ באַדויער־בריוו, זי האָט זיך באַקלאָגט אויף איר לאַגע, אויף איר אָפּגעטוענער נאַרישקייט, אָבער דער צוריקקער אירער אַהיים איז געווען זייער שווער: ווייט און קאָמפּליצירט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע פון די פּליטים: אַהער אָדער אַהין און כמעט אַלע האָבן זיך פאַרשריבן צוריק אַהיים.

— אַהיים, צום נאַצי גאַר? — האָט זיך אַנציס געוואָרפן אין ברוגזנדיקן כעס צו זיין חבר, דעם פּליט ישראל מאַריינע פון וואַרשע — די היים איז נאַצי און נאַצי דאָס איז טויט.

— איך וויל זיין צוזאַמען מיט מיין מישפּחה און אויב שטאַרבן איז

אין איינעם, איך וויל נישט קיין איינזאַמען טויט, פאַלן ערגעץ אין אַ ווינקל ווי אַ הונט.

— איר וועט דערפאַר טייער באַצאָלן. איר זינדיקט קעגן דער מאַכט.

— פאַרוואָס — האָט מאַריינע געענטפערט — זיי זענען דאָך פאַרבינדעטע, איז וואָס איז עס פאַר אַ פאַרראַט?

די גרעלע פענצטער פון דער ענקאַוועדע, האָבן שטאַרק געלויכטן אין די נעכט און פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ בייזע בשורה וואָס קיינער האָט נישט פאַרגעאַנט.

***

אַנציסעס פרוי האָט זיך פאַרבענקט אַהיים קיין ווילנע. אין די באַקומענע בריוו האָט מען איר געשריבן, אַז דאָרט איז גוט און וויל און באַקוועמער איז צו זיין אין אַזאַ צייט צוזאַמען.

צאָלע אַנציס האָט געמאַכט אייניקע באַמיונגען זיך דורכצורייסן קיין ווילנע דורך דער גרענעץ פון בעניאַקאָן — אָבער אומזיסט. דער פאַרפראָסטיקער אינדרויסן און די שפּיזיקע אויגן און אויסגעשפּיצטע נאָז פון גרענעץ־וועכטער און הונט פאַרשלאָגן אַלע אַפּעטיטן.

און אַז ס׳איז געקומען די רעגיסטראַציע פון די פּליטים — האָט זיך אויך אַנציס מיט פרוי און קינד פאַרשריבן צוריק אַהיים — קיין ווילנע.

דער וואַרשעווער פּליט ישראל מאַריינע, האָט זיך געזעגנט מיט זיין חבר:

— אויך איר אַהיים? עס וועלן זיין קאָנסעקווענצן.

— איך פאַרשרייב זיך דאָך צו די ליטווינער, זיי זענען דאָך אמתע פאַרבינדעטע.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך מאַריינע פונאַנדערגעלאַכט — אויך די דייטשן זענען דאָך אונדזערע פאַרבינדעטע. אַ שיין פּנים האָבן מיר אַלע... ווער קאָן פאַרויסזאָגן דעם סוף פון אַזאַ פּיסק־קושעניש...

***

— נו, וואָס זאָגט איר, אַנציס, איצט? — האָט זיך ישׂראל מאַריינע אָנגערופן צו זיין חבר, וואָס איז געזעסן אַ פּאַראומערטער און איינגעזונ־קענער אין מחשבות אויף זיין קלומיקל, אַרומגערינגלט מיט זיין פרוי און קינד אין פאַרהאַמערטן וואַגאָן, אויף אַ זייטנליניע אויף דער באַנסטאַנציע.

— יאָ, מיר זענען אין פעקל — האָט זיך אַנציס אָפּגערופן. — מ'האָט אונדז פאַרנאַרט אין זאַק אַריין. ווילסט אַהיים — האָט צו מיר געזאָגט דער נאַטשאַלניק פון ענקאַוועדע, גוסיעוו — ווען ער איז מיך געקומען נעמען מיט האַק און פּאַק אין מיטן דער נאַכט — פאַרסטו אַהיים.

אַ טויט שטילשווייגן האָט געהערשט אין וואַגאָן. די פּליטים, וואָס זענען צונויפגעטריבן געוואָרן די נאַכט, זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— אָט איז אונדזער היים — אָט האָט איר, מאַריינע, אַהיים...

קינדער האָבן זיך פונאַנדערגעוויינט.

די פרימאָרגן־זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די שפּאַלטן פון וואַגאָן און דורכן קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטער.

דער לאָקאָמאָטיוו איז געשטאַנען און שטיל געסאָפּעט. לסוף זיך אַ ריס געטון פון אָרט, אָנגעהויבן אַלץ מער צו צישען פון די אָנגעוואָרפענע קוילן אין זיינע אינגעווייד, זיך געגרייט אַ לאָז צו טון האַסטיק אין וועג מיט גערויש פון שטאָלענע רעדער.

זיך פונאַנדערגעהוקעט מיט צעפּונקענעם שוואַרצן רויך:

— מאַכט אַ וואָרע, רוקט זיך צו נענטער. איך פיר „סאָע", „ספּעצ־פּערעסעלענצעס"[2] — קינדער, אַלטע און פרויען, וואָס האָבן מורד געווען במלכות, נישט געוואָלט נעמען קיין פּעסער...

— אוף־אוף־אוף! דרך־ארץ! פאַרן דערנענטערן זיך וועלן די ענקאַ־וועדיסטן אין די צווישן וואַגאָן־בודקעס באַשיסן מיט אַ האָגל קוילן און איך וועל מיט מיינע שטאָלענע רעדער צעשניידן.

— אוף, אוף — האָט ער זיך פונאַנדערגעבלאָזן פונעם צו שטאַרקן קוילן־אָנשיט און געלאָפן האַסטיק איבער די שינעס.

[2] אַ ספּעציעל נישט־זיכערער עלעמענט, פאַרשיקטע

אַפּגעריסענע שוואַרצע רויכקנוילן האָבן זיך צעשאָטן צווישן פּור־פּור־ווייסע פּליטערלעך איבערן צעהעלטן סוף יוני־הימל, ווי שוואַרצע אָרעמבענדער אויף אַבלשע אָרבל...

**
*

ווילנע — אַנציסעס שטאָט — האָט זיך הכנעהדיק געשטעלט אויף די קני פאַרן גרויסן שכן. ווילניוס איז געוואָרן אַ סאָוויעטישע רעפּובליק, גלייכגעשטאַלט ווי אַלע.

די מעגאַפאָנען זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אויף אַלע ראָגן גאַסן און ווידער האָבן זיי זיך פונאַנדערגעזונגען מיט פרייהייט־לידער.

גלייכהייט, פרייהייט, יושר און צדק מוז איינגעפירט ווערן מיט דער פויסט. אויך אַזאַ גוטן און פעטן ביסן וויל קיינער נישט נעמען גוטווייליק. אויך צו פרייהייט דאַרף מען האָבן מזל...

קאַפּיטל אַכט

יהודיתל און שולמיתל

די דרייאַריקע שולמיתל האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף מיט אַ געוויין. אין דער האַלב־פינצטערניש פון דער שטוב האָבן זיך באַמערקט סילועטן פון דריי באַוואָפנטע זעלנער. מיט טעמפּע געשרייען האָבן זיי אויפגעוועקט איר טאַטע־מאַמע וואָס זענען איצט געשטאַנען אַרומגעכאַפּט פון שרעק.

באַלד האָט זי זיך געפילט זיכערער. דער טאַטע אירער האָט זי גענומען אויף דער האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ פּעקל זאַכן. ער האָט מיט איר אַוועקגעשפּרייזט אין אַ לאַנגן וועג. די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַ שיינע, מיט אַ פולער לבנה. ס'האָט געשמעקט מיט בעז און פריש־צעגראָבענער ערד. הינט האָבן זיך צעבילט אויפן אָפּהילך פון די טריט, פון די געדעמפטע ציווילע טריט און פון די האַרטע זעלנערישע שיך אויף דער ברוקירטער נאַכטיקער גאַס.

די לבנה אין דער הייך האָט נאָכגעקוקט שולמיתל, וואָס האָט איצט געהאַט אַ מאַט, בלייך פּנימל מיט צוויי פאַרוווּנדערטע גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן. זי האָט געכליפּעט אין דער שטיל. ס'האָט זי געשראָקן די אויסגעשטרעקטע ווייסע באַגנעטן פאַרשטעקט אויף די ביקסן. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אין דער זייט פון די שלעכטע מענטשן וואָס זענען זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן. שולמיתלס מוטער האָט געוויינט הויך אויפן קול. די זעלנער האָבן זיך געבייזערט.

דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס טעכטערל פון דער האַנט אינעם וואַגאָן ווו ס'האָבן זיך געפונען נאָך אַ סך דערוואַקסענע מענטשן מיט קינדער. אַלע מיט צעשראָקענע פּנימער. מאַטע און מידע זענען זיי געלעגן אויסגעצויגן אויף די האַרטע נאַרעס און געהעשעט...

הענער האָבן זיך צעקריצט. דורך דער פאַרריגלטער טיר און פאַרקראַ־טעוועטן פענצטערל פון וואַגאָן האָבן זיך דורכגעריסן קאַרגע ליכט־שטראַלן פונעם איינציקן עלעקטרישן לאָמפּ וואָס האָט באַלויכטן די באַנסטאַציע. אין וואַגאָן האָט געהערשט אַ פּחדימדיקע שטילקייט. יעדער איינער איז געלעגן פאַרטון אין אייגענע מחשבות. יעדנס האַרץ האָט געציטערט פאַרן אומבאַקאַנטן און אומבאַוווסטן...

אַ קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין אין ווינקל פון וואַגאָן, אויף דער אייבערשטער נאַרע. די מאַמע האָט עס געפּרוווט פאַרויגן מיט אַ שטיל צעבראָכן ניגונדל. דאָס קינד האָט זיך נאָך העכער צעוויינט, באַלד האָבן זיך אַלע קינדער אין וואַגאָן אויפגעוועקט פון זייער שלאָף מיט יללות.

דער זעלנער ביי דער טיר פון יענער זייט וואַגאָן האָט אַריינגעשריגן מיט רוגזה:

— שטיל זאָל דאָרט זיין, פאַרשטאַנען?

די קינדער האָבן זיך נאָך מער דערשראָקן, דערהערנדיק די רציחה־דיקע שטים פון יענער זייט טיר, און שטאַרקער זיך צעוויינט, טוליענדיק זיך צו די ציטערדיקע הערצער פון זייערע מאַמעס.

אין דרויסן איז געוואָרן טאָג. אָפּגעריסענע פאַרבלאָנדזשעטע שטיקער זון האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן דורך די שפּאַרונעס פון די וואַגאָן־ברעטער און אַ שפּיל געטון מיט די צעשויבערטע קינדערשע געקרייזלטע קעפּלעך.

דער לאָקאָמאָטיוו איז געשטאַנען און שטיל געציששעט, ווי ער וואָלט זיך געישובט, ווו צו פאָרן מיט דער טריפהנער סחורה — די אומגליקלעכע יידן. לסוף ווי אויף עמעצנס אַ פאַראָרדענונג האָט ער זיך אַ ריס געטון פונעם אָרט און אין געאייל זיך אַוועקגעלאָזט איבער די צעגלאַנצטע שינעס אויף מיזרח־זייט, אַוועק אין אומבאַקאַנטע מרחקים.

די עטלעכע קינדער פון וואַגאָן האָבן פון פאַרוווּנדערונג אויפגעריסן תמימותדיק־פרעגנדיקע אייגעלעך, געפּרוווט אַרויסלאָזן אַ געוויין וואָס איז פאַרשטיקט געוואָרן אין דער קעל.

צאַלע אַנציס איז געזעסן אויף אַ ברעג נאַרע. ער האָט געהאַלטן שול־מיתל אויף דער שויס און זיך געשפּילט מיט אירע לאָקן. די אויגן זענען

אים פייכט געוואָרן. קיין מאָל געדענקט נישט שולמיתל איר טאַטע זאָל וויינען. ער איז דאָך אַזאַ שטאַרקער, ער האָט נישט קיין מורא פאַר קיינעם און דאָ... ס׳האָט איר אַזש פאַרקלעמט ביים הערצל. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געגלעט דעם טאַטנס פנים.

דער גאַנצער וואַגאָן איז פול מיט אַזעלכע פּאַסאַזשירן וואָס האָבן זיך פאַרשריבן צוריק צו פאָרן אַהיים. אַלע איבעריקע וואַגאָנען זענען אויך אַזוי אָנגעפּראָפּט מיט אַזאַ עולם אומגליקלעכע, וואָס האָבן, נאָכן פאַרלאָזן זייערע היימען, נישט געקאָנט געפינען קיין רו אין די נייע ערטער ביי די נייע באַדינגונגען. אין זייערע אויגן זענען געשטאַנען פאַרגליווערטע טרערן און אַ פלעמל פון מורא האָט זיך געצאַפּלט אין די שוואַרצאַפּלען.

שולמיתל איז געזעסן און געקייט נאָכלעסיק אַ שטיקל ברויט, וואָס די מאַמע האָט פאַרכאַפּט מיט זיך בעת דער נאַכטיקער אָבלאַווע. אויף דער צווייטער, איבערשטער נאַרע, אַ קעגן איבער, האָט זיך אַ קינד פונאַנדערגעוויינט און געבעטן ברויט. אויפן פרייען שטח צווישן די נאַרעס איז אַ קליין בלאָנד מיידעלע פון צוויי יאָר אַרומגעלאָפן און געזונגען פריי, מיט קלאָרע דייטלעכע ווערטער: „יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ״[1]. ווי אָנגעזאָליעט ס׳איז נישט געווען ביים דערוואַקסענעם עולם אויף דער נשמה, האָבן זיי האַרציק זיך צעשמייכלט, קוקנדיק אויפן דאָזיקן זאַרגלאָזן נפשל.

אויבן אויף דער נאַרע איז געזעסן איר מאַמע, אַ יונגע פרוי, איינע אַליין, אָן אַ מאַן. דעם קינדס עלטערן האָבן געשמוגלט די דייטש־סאָוויעטישע גרענעץ און געקומען אין די פאַרנומענע געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד. דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו די נייע און שווערע לעבן־באַדינגונגען אויפן נייעם אָרט, און איז צוריק אַוועק צו זיך אין דער אַלטער היים, וואָס איז שוין געווען אָקופּירט פון די דייטשן, זען ווי ס׳זעט דאָרט אויס און וואָס מע קאָן דאָרט טון. די מאַמע האָט זיך בעת אַ רעגיסטראַציע פון די פליטים פאַרשריבן צו פאָרן צוריק צו איר מאַן און פאָטער פון איר קינד. אָנשטאָט אַהיים האָט מען זי, ווי אַלע, פאַרפּאַקט מיטן קינד אין פליטים־צוג. איז אָט זיצט זי אויף דער נאַרע, די יונגע

---

[1] ווערטער פון אַ זעלנעריש לידל: „אויב וועט מאָרגן זיין מילחמה״

פרוי, מיט איר צווייִ־יאָריקן קינד, אַ פאַרבענקטע, מיט שרעק פאַרן אומ־באַוווסטן... ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן מיט זיך ברענגען דער מאָרגן?...

דער צוג רייסט זיך מיט אימפעט און רעש אַלץ ווייטער אין די מרחקים, שניידט דורך די געוועזענע שטחים פון פוילן און דערנענטערט זיך צו דער פאַרמילחמהדיקער פויליש־סאָוויעטישער גרענעץ — ניעגאָראָלאָיע.

דער לאַנגער עשאַלאָן איז שטיין געבליבן אויף דער גרענעץ־סטאַציע. נאָך אַ סך ענלעכע עשאַלאָנען זענען אַזוי געשטאַנען אויף פאַרשידענע באַנליניעס. די טירן האָבן זיך צעעפנט. דער עולם פליטים איז — נאָך צוויי טעג פאַרן אין צוגעשלאָסענע, פאַרריגלטע וואַגאָנען — אַרויס אויף דער פריי זיך אָנשעפּן מיט פרישער לופט, זיך אַרומקוקן אויף גאָטס וועלטל און זיך אָנקוקן, זען ווי מע זעט אויס.

צאַלע אַנציס איז אַרויס פון וואַגאָן. אויף דער האַנט האָט ער געהאַלטן זיין שולמיתל. פלוצים האָט ער דערזען פון דער ווייטנס זיין שוועסטער און שוועגערין אויסשטייגן פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג. זיי זענען אים נאָכגעפאָרן, נישט קוקנדיק אויף די דראָונגען פון די ענקאַוועדיסטן וואָס זענען דאָ געוואָרן אַ ביסל נאָכגעלאָזענער. די צוויי פרויען האָבן זיך צו אים דער־נענטערט און אים איבערגעגעבן שפּייז־פּראָדוקטן און געלט וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרכאַפּן אין יענער גורלדיקער נאַכט.

די שוועסטער האָט אַ כאַפּ געטון שולמיתלען אויף די הענט און זי געטוליעט צו זיך אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. מיט אויגן פאַרלאָפענע פון טרערן האָט זי פאַרגעלייגט דעם ברודער, ער זאָל איר געבן דאָס קינד, צו וואָס דאַרף ער זי פירן צו די ווייסע בערן, ס׳איז דאָך אַ פּיצלס. זי וועט דאָך נישט לעקן דאָרט קיין האָניק:

— וועסט גיין מיט מיר, שולמיתל? — האָט זיך די מומע עטל צו איר געווענדט מיט אַ צערטלעכן גלעט איבערן קעפּעלע.

שולמיתל האָט זיך אַ ריס געטון צו איר מוטערס אויסגעשטרעקטע הענט און זיך פונאַנדערגעוויינט. איר קינדיש הערצל האָט אָנגעהויבן האַס־טיק צו קלאַפּן. די קליינטשיקע האָט זיך אַזש פאַרכליניעט:

— ניין, ניין! איך וויל מיט דער מאַמען — האָט זי זיך גענומען צאַפּ־

לען ביי דער מומען אויף די הענט און זיך שטאַרק איינגעקלאַמערט אין דער מאַמען, וואָס איז געשטאַנען אַ בלייכע און צעציטערטע.

באַלד איז געקומען אַ מעלדונג, אַז אַלע זאָלן איינשטייגן אין די נייע ברייטערע וואַגאָנען קעגן איבער, אויפן אַנדערן „טאָר" [1]. די זייטיקע מענטשן האָבן די ענקאַווערדיסטן פונאַנדערגעטריבן און צום לעצטן מאָל האָט צאַלע אַנציס אַרומגענומען מיט די בליקן זיינע מישפּחה־מענטשן — זיין שוועס־טער און שוועגערין, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער באַנ־סטאַציע.

די ענקאַווערדיסטן האָבן אַריינגעוואָרפן 35 ברייטלעך, לענגלעכע, ווי די ציגל, פאַר די זיבעציק מענטשן אין וואַגאָן, פאַרריגלט די טירן און אָנ־געזאָגט, זיך צו פאַרהאַלטן שטיל:

— דאָ איז אייך נישט די „פּאַנסקע פּאָלשע" [2]. איר פאָרט אַריין אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַר מאַכן סקאַנדאַלן וועלן מיר איזאָלירן, אַריינזעצן באַ־זונדער, פאַרשטאַנען?

קיינער האָט נישט געענטפערט אויף די דראָונגען. יעדער איינער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף די פאַרכאַפּטע ערטער און טיף פאַרזונקען אין מחשבות.

די זון איז פאַרגאַנגען אין רויטע פלאַמען, ווי זי וואָלט זיך אַנגעצונדן פון בושה. דער לאָקאָמאָטיוו האָט גערירט פון אָרט, איינוויקלענדיק אין שוואַרצן רויך די לעצטע פּוילישע באַנסטאַציע.

דער עשאַלאָן האָט אָן אויפהער געשניטן די ווייט, געשלונגען די קי־לאָמעטערס סאָוויעטישע ערד. איינציקע כאַטקעס מיט שטרוידעכער וואַרפן זיך דורך דאָ און דאָרט. פויערן און פויערטעס שטייען געבויגענערהייט איבער דער אויפגערודערטער ערד. אַ פאַסטעך פאַשעט אַ טשערעדע שאָף. פון די ווייטגעשפּרייטע פעלדער אַרום יאָגט אָן עלנט, גראָ און סומנע איז די רוסישע לאַנדשאַפט. דאָס ברויט און וואַסער האָט זיך אויסגעלאָזט. אַ באַנגנדיקער הונגער האָט געמאַטערט, געמאָנט און נישט געגעבן קיין רו.

[1] באַלייניע

[2] פריצישע פוילן

די קינדער אויף די נאַרעס זענען געלעגן האַלב־פֿאַרחלשטע מיט טרוקענע גומענס. די קליינע צעזונגענע יהודיתל, וואָס האָט שוין באַוויזן צו געווינען אַלעמענס ליבע אין וואַגאָן, איז געלעגן צוגעטוליעט צו איר מאַמען און געשוויגן. זי איז שוין מער נישט אַרומגעלאָפֿן איבערן וואַגאָן און נישט געזונגען אויפֿן קול די סאָוויעטישע לידעלעך, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט און אויסגעלערנט דאָן ווען זי האָט געהאַט צו עסן צו דער זאַט...

אַ שטילקייט האָט באַהערשט דעם וואַגאָן. די סקריפּענדיקע רעדער האָבן נאָך מער גערייצט און דענערווירט. די גאַנצע נאַכט זענען אַלע געלעגן ווי אין היך־הערפּלעט. פֿון צייט צו צייט איז די נאַכטשטילקייט אויפֿגעריסן געוואָרן דורך אַ געוויין פֿון אַ קינד וואָס האָט פֿון זיך אַרויסגעקריגן אַן אויסגעשריי: — מאַמע, עסן!

גאַנץ פֿרי האָט דער רעדער־געסקריפּ אויפֿגעהערט און דער עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פֿון אַ סטאַציע אויף אַ פּוסט פֿעלד.

יהודיתל מיט שולמיתלען האָבן פּונקט ווי זייערע עלטערן זיך צוזאַמען באַפֿריינדט. די צוויי קינדער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל און דערזען אויפֿן פֿעלד, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט קאָרנבלימלעך, ליגט אויסגעצויגן אַ זעלנער מיט אַ רויטער אָקאָלאָשקע. ער איז געלעגן מיט דער פּלייצע אַרויף און זיך געשפּילט מיט אַ שטרויעלע. זיי האָבן ביידע אין איין קול אויסגעשריגן:

— העי, טאָוואַרישטש, וואַדי דאַוואַי! כלעבאַ![1]

דער ענקאַוועדיסט איז געלעגן בנעימותדיק אויפֿן פֿרישן שמעקעוודיקן גראָז. ער האָט זיך געשפּיגלט אין בלאָען הימל, נישט אומגעקוקט זיך פֿון וואַנען ס׳דערטראָגט זיך דאָס געשריי און געשוויגן.

— העי, טאָוואַרישטש, דאַוואַי כלעבאַ! וואַדי דאַוואַי! — האָבן זיך געריסן די קינדערשע העלדזעלעך און דער עכאָ האָט זייער פֿאַרצווייפֿלט געיאָמער אַוועקגעטראָגן צווישן די צעבליטע פֿעלדער אין העל־צעזוניקטן דרויסן.

[1] העי, חבר, גיב וואַסער! ברויט!

די קינדערלעך זענען אָפּגעטראָטן פון פענצטערל מיט געוויין און זיך געוואָרפן צו דער מאַמעס שויס מיט געשרייען:

— עסן!

— גיב מיר עסן!

— מיך הונגערט!

— ס׳קלעמט מיך אַזוי, מאַמע!

מאַמעס האָבן זיך צעכליפּעט. אין די טאָרבעס איז שוין נישט געווען צו געפינען קיין קרישקע. און דער צוג איז ווייטער געלאָפן אין דער אומענדלעכקייט אַריין, אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג.

**
*

יהודיתל און שולמיתל האָבן געוווינט בשכנות, אין באַראַק נומער זיבן. שולמיתלס פאָטער איז יעדן פרימאָרגן אַוועק צו דער אַרבעט אין וואַלד, און יהודיתלס מאַמע, רבקה גרינבערג, האָט געראַמט די ביוראָ פון בייזן קאָמענדאַנט שוואַריאַוו.

יעדן פרימאָרגן האָבן זיך ביידע קינדער געטראָפן און פאַרבראַכט צוזאַמען אין שולמיתלס באַראַק־צימער. זיי האָבן זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער און זיך צוגעקוקט צו די שיינע אוזאָרן וואָס דער זיידע־פראָסט האָט געמאָלן מיט אַ געניטער האַנט. וואָס איז דען נישט געווען אויסגעמאָלט אויף די קליינע שייבלעך פון באַראַק־צימער: ביימער און בלומען און פייגעלעך פון אַלע מינים.

ביידע זענען זיי געווען הונגעריק — אַ שרעק! זיי האָבן געמוזט וואַרטן ביז דער אַלטינקער גוטינקער דיאַדיאַ שערעשעווסקי, האָט געבראַכט די מילך פון צענטראַלן פאַסיאַלאָק, פון וועלכן די קינדער פלעגן באַקומען צו גלאָז און ביז די מאַמעס זענען נישט געקומען האָבן זיי זיך געשפּילט אין צימער און געוואַרט אויפן עסן.

זומער איז זיי געווען בעסער. דער גרויסער אוראַלטער וואַלד איז געלעגן אָן אָפענער און ברייטער. די ביימער האָבן געשמעקט מיט זשיוויצע. ס׳האָבן אָבער דערקוטשעט די גרויסע בייזע פליגן און קאָמאַרן וואָס

האָבן געביסן און געשטאָכן דאָס לייב.ביידע קינדער האָבן זיך פונקט, ווי די גרויסע טאַטע־מאַמע, געהאַלטן צוזאַמען. זיי האָבן זיך געשפּילט אינעם זאַמד אַרום באַראַק מיט נאָך אַ סך קינדערלעך.

**
*

אַ לאַנגער עשאַלאָן האָט זיך געצויגן צוריק פון פּאַסיאַלאָק, וווּ די פּליטים זענען געווען פאַרשיקט. ער האָט געצויגן פון ווייטן צפון, ווייט אָוועק צום מיזרח — פון קאַלטן צפון צום הייסן זוניקן אוזבעקיסטאַן. אַהין האָבן די פּליטים באַקומען זייערע דאָקומענטן צו פאָרן נאָכן באַפרייט ווערן פון דער סיבירער קאַטאָרגע.

דאָס מאָל זענען די טירן פון די וואַגאָנען געשטאַנען אָפן, צעכראַס־טעט פאַר דער זון, פאַרן רעגן און ווינט. יעדער האָט זיך געקאָנט באַוועגן פריי, ווי נאָר דער עשאַלאָן איז געבליבן שטיין אויף אַ סטאַציע.

די קינדערלעך האָבן געשטיפט אין וואַגאָן פריילעכע און מונטערע. זייערע הערצעלעך האָבן געפלאַטערט אין דערוואַרטונג פון עפּעס בעסערס, אָנענדיק פון די געשפּרעכן וואָס די גרויסע האָבן צווישן זיך געפירט.

אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך געטוקט אין דער גרויסער וואַגאָנטיר, האָבן זיך אַלע קינדערלעך גענומען פאַר די הענטעלעך און געזונגען די אַלטע לידער, און די נייע וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון די עלטערע מענטשן אויפן פּאַסיאַלאָק.

די עלטערן האָבן זיי באַזאָרגט מיט ברויט און גרויסע רויטע אַרבוזן וואָס די קאַזאַכן האָבן פאַרקויפט אויף די סטאַציעס. זיי האָבן מיט הנאה זיך שטיל אויסגעלייגט צופרידענע אויף די נאַרעס צום שלאָפן.

לאַנג האָט זיך געצויגן דער וועג. נאָך אַ סך לאַנגע טעג האָט געדויערט ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן באַשטימונג־אָרט אין אוזבעקיסטאַן.

יהודיתל און שולמיתל זענען געלעגן הינטער אַ פּלויט אויף אַ גאַס. זייערע געלעגערס זענען געווען אויפן זאַמדיקן באָדן הינטער אַן אוזבע־קישער קיביטקע־שטיבל. אַ סך מענטשן מיט גרויסע פּעק זענען געלעגן אויסגעלייגט ביי אַלע פּלויטן, הינטער גאַניקעס און קיביטקעס. בייטאָג

האָט געברענט די היץ און ביינאַכט האָט זילבעריק געלויכטן די לבנה, און צפּעס משונה־מאָדנע קולות פון חיות האָבן געבויערט די לופט. אייזלען האָבן זיך צעגאָרגלט פּונקט ווי גאַנצע הויפנס גלאָז וואָלטן זיך צעשאָטן און צעבראָקלט.

יהודיתלס מאַמע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד ביים פּאַרקאַן אין גאַנצן געל ווי וואַקס. אירע ליפּן זענען געווען כמעט ווייס און דאָס פּנים אויסגעבלייכט. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח צו גיין אויף די פיס. פונעם שלעכטן, נישט באַרמאַלן עסן האָט זי באַקומען אַ בלוטיקע דיזענטעריע. שולמיתלס מאַמע האָט זי אונטערן אָרעם געפירט צום מעדפּונקט און זי איבערגעלאָזט אויף אַ פּאָר טעג אין סטאַנציאָנאַר אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר, ווו זי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך...

אין די טעג, וואָס יהודיתלס מאַמע איז געלעגן אין סטאַנציאָנאַר, איז די קליינע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע און דערצאָרנטע. איר זענען נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין די אַלע קינדערשע שפּילערייען אינעם גערטנדל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט די קיביטקעס. די אַלע קינדער — וואָס זי האָט געקענט פון פּאָסיאָלאָק נאָך, און די פריש־צוגעקומענע, וואָס פלעגן יעדן טאָג קומען מיט זייערע טאַטע־מאַמע באַלאָדן מיט אַ סך פּעק און מיט טרויער אין די אויגן — האָבן נישט געקוקט אויף דעם וואָס ס'איז געווען ווייניק צו עסן. זיי זענען געווען צופרידן וואָס זיי קאָנען זיך כאָטש שפּילן. אין די ליכטיקע לבנה־נעכט האָבן זיי ליב געהאַט זיך צוזאַמענצן אין אַ גרופּע און דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען. זיך איבעררעדן אויף די געלעגערס און לאַכן הויך אויפן קול, שטערנדיק דעם שלאָף פון די עלטערע מענטשן וואָס פלעגן בייז ווערן אויף זיי און אָנשרייען זיי זאָלן זיין רויק.

יהודיתל און שולמיתל זענען ווידער געוואָרן נאָענט צווישן זיך. זיי ווינען אין איין קיביטקע אין אַ קאָלכאָז וואָס ציט זיך אויף אַ לאַנגער גאַס. זייער קיביטקע איז אַ שיינע מיט אויסשניצן און קאַרניזן מיט אַ משונהדיקן קיילעכדיקן גרויסן אויוון צו באַקן לעפּיאָשקעס[1]. זיי האָבן, ווי־

---

[1] אוזבעקישע פּלעצלעך

שכנים, אַ גרויסע ווייסע קו מיט שוואַרצע פלעקן און אַ גראַ־געפלעקט אייזל מיט אַזעלכע לאַנגע גרויסע אויערן און פאַרוואָסערטע תמעוואַטע אויגן. ווען ער צעשרייט זיך אין די נעכט וועקט ער אַלעמען איבער פון שלאָף. לעבן זיי ווױנען אוזבעקן וואָס טראָגן לאַנגע געבלומטע כאַלאַטן; אוזבעטש־קעס מיט פאַרשטעלטע פנימער, פאַרהאַנגען מיט אַ שוואַרצן טול. אַ סך יונגע אוזבעקלעך מיט שוואַרץ־פאַרחלומטע אייגעלעך, מיט קלאָר־ווייסע ציינדעלעך און אוזבעטשקעלעך מיט קוילשוואַרצע אויגן מיט אַ סך פאַר־פלאָכטענע צעפּעלעך און לאַנגע ברייטע קליידעלעך. זיי קאָנען זיך נישט צונויפרעדן מיט זיי. שטייען זיי פון דער ווייטנס און קוקן זיך אָן איינע די אַנדערע און כיכיקען אין דער שטיל.

שיין איז אין קאָלכאָז — אַ פּראַכט! אַ סך ביימער און פלאַנצן. ס'שמעקט אַ מחיה. די קינדער שפּילן זיך אונטערן שאָטן פון די ביימער און פּרוּוון געפונען צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

קיין עסן איז אין קאָלכאָז נישטאָ. וויינט יהודיתל און שרייט:

— איך וויל ברויט!

אויף איר קוקנדיק צעוויינט זיך אויך שולמיתל און דער אייזל אין שכנותדיקן שטאַל צערעוועט זיך אויך, פּונקט ווי ער וואָלט מיטגעהאָלפן זיינע צוויי נייע שכנות אין זייער געבעט.

ביינאַכט ליגן די קינדער מיט אָפענע אייגעלעך. ס'צופּט ביי דער נשמה. ס'ווילט זיך זיי עסן. זיי ווייסן, אַז ביידע מאַמעס זענען אַוועק אין מיטן דער נאַכט אין שטאָט אַריין, וואָס ליגט אַן ערך פינף קילאָמעטער ווייט פון דאַנען, זיך צו שטעלן אין אָטשערעד צו קריגן ברויט. די קינדער ווייסן אַז מיטן טאָג צוגלייך וועלן קומען די מאַמעס, וועלן שניידן פּעניצלעך ברויט און זיי געבן צו עסן. וואַרטן זיי, וואַרטן און די נאַכט איז אַזוי לאַנג — אַן אייביקייט.

איין מאָל אין אַן אינדערפרי, ס'איז נאָך נישט געווען שטאַרק ליכ־טיק, איז שולמיתלס מוטער געקומען די ערשטע אין דער קיביטקע מיט אַ וויינענדיק פּנים. זי איז אַרויפגעפאַלן אויפן געלעגער, וואָס איז געווען אויפן דיל, און זיך פונאַנדערגעוויינט. שולמיתל האָט זיך דערשראָקן. דאָס הערצל האָט איר אָנגעהייבן צו טיאָכקען.

די מאַמע האָט געהעשעט:

— קינד מיינס, כ׳האָב נישט געקריגן קיין ברויט. ווען כ׳האָב אַזוי געוואַרט אין דער ריי, בין איך איינגעשלאָפן און מ׳האָט מיר אַראָפּגעצויגן די לעצטע פּאָר שיך פון די פיס...

אַ גאַנצן טאָג איז שולמיתל אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקע און געניש־טערט צווישן די ביימער — אפשר וועט זי געפינען אַן אַראָפּגעפאַלענעם עפּל, אָדער אַן אוריוק, אַזאַ געלע פלוים.

די לאַגע אין דער קיביטקע ביי די פּליטים איז געוואָרן ערגער. שולמיתלס טאַטע, וואָס איז געוואָרן אַ קאָלכאָזניק, האָט קיין לוין פאַר דער אַרבעט נישט באַקומען און קיין ברויטנאָרמע, ווי ס׳באַקומען עס אַלע אַר־בעטער, אויך נישט. ער האָט געדאַרפט אָפּאַרבעטן אַ יאָר. נאָך דעם ווי דער קאָלכאָז האָט — נאָכן אויספירן די נאָרמע — אָפּגעגעבן זיין טייל דער מלוכה, איז דאָס איבעריקע פאַרטיילט געוואָרן צווישן די קאָלכאָזני־קעס. דערווייל אָבער האָט אַ שרעקלעכער הונגער געהערשט אין שטוב. די דערוואַקסענע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און בייזע, אָנגעברוגזטע אויף דער גאַנצער וועלט און איינער אויפן צווייטן. די קינדער האָבן זיך אויפגעהערט צו שפּילן. זיי זענען געלעגן פאַרשמאַכטע אויפן דיל מיט אויסגעסטאַרטשעטע אייגעלעך צום סופיט און געשוויגן.

ביידע קינדער האָט מען אַריינגעגעבן אין קאָלכאָזנעם קינדערגאָרטן. זיי האָבן יעדן טאָג באַקומען אַ נאָרמע פון 300 גראַם ברויט און אַ גלאָז מילך. די קינדערלעך פלעגן אַהיימקומען שלאָפן צופרידענע און גליקלעכע און שוין אַ ביסל אָנגעזעטיקטע. אין די פאַרנאַכטן פלעגן זיי זיך שפּילן מיט זייערע אוזבעקישע שכנים און געפּלאַפּלט צוגלייך מיט זיי אין דער אוזבעקישער שפּראַך.

שווער איז געוואָרן דאָס לעבן פון די פּליטים אינעם קאָלכאָז. שו־למיתלס טאַטע איז געפאָרן אַרבעטן, צוזאַמען מיט נאָך קאָלכאָזניקעס, זייער ווייט פון דער שטאָט. איר מאַמע מיט יהודיתלס מאַמע זענען אַרויס אין קאָלכאָז, טון פאַרשידענע אַרבעטן און געקומען אַהיים טויטמידע און אויס־געהונגערטע. זיי האָבן זיך גענערט בלויז מיט דעם וואָס זיי האָבן אויפ־געזוכט אונטער די ביימער אַראָפּגעפאַלענע פּירות וואָס דער ווינט האָט

דורך דער נאַכט אַראָפּגעשליידערט. די 300 גראַם ברויט, וואָס זיי האָבן באַקומען ווי פּליטים, האָבן נישט געקאָנט זעטיקן דעם הונגער. אין דער קיביטקע האָט געהערשט אַ שטענדיקער אומעט און זאָרג.

שולמיתלס מאַמע איז פון טאָג צו טאָג איינגעדאַרטער געוואָרן, זיך אויסגעדרייט ממש ווי אַ סאַקסאַול־בוים. דאָס פּנים אירס איז געוואָרן בלייך. די אויגן אויסגעלאָשן. זי איז קוים געגאַנגען אויף די פּיס. זי האָט באַקומען אַ בלוטיקע דיזענטעריע און איז מער געלעגן אויסגעצויגן אויפן לייִמיקן דיל פון דער קיביטקע, ווי אַרומגעגאַנגען.

שולמיתלס טאַטע האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין דער ווייטער שטאָט אַן אויסגעמאַטערטער און אויסגעצערטער. דעם מאַנטל זייַנעם, וואָס איז נאָך איז געבליבן פון דער היים, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, און די מאַמע, ווי קראַנק זי איז געווען, האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות אויפגעהויבן פון אָרט און געמאַכט אַ שייטער צו פאַרטרייבן פונעם מאַנס מאַנטל די חמרים לייז, וואָס האָבן זיך איינגענאַדזשעט אין די פאַלדן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ דערצאָרנטער, פאַרטראַכט אין זיך און געשוויגן פאַרביסן. ביז איין מאָל האָט ער שוין אין דער פרי נישט געקאָנט אויפשטיין. ער האָט באַקומען גרויסע היץ און געבליבן ליגן באַוווסטלאָז אויף דער ערד.

שולמיתלס מאַמע איז שוין פון איר געלעגער נישט אויפגעשטאַנען. די קראַנקייט האָט געמאַכט פון איר אַ תל, זי איז אויסגעשעפּט ביז צום סוף. ווי אַזוי צו ראַטעווען זי איז נישט געווען מיט וואָס. אַפילו קיין דאָקטאָר איז נישט געווען צו קריגן און זי איז שטיל אויסגעגאַנגען אויף איר געלעגער אין דער אוזבעקישער קיביטקע.

שולמיתלס טאַטע האָט זיך געראַנגלט אַ שטיק צייט ביז ער איז געזונט געוואָרן, אָבער איר מאַמען האָט מען אַוועקגעפירט אין דער אַלטשטאָט אויפן בוכאַרישן בית־עלמין און דאָרט האָט מען זי מקבר געווען.

צו זיי אין דער קיביטקע האָט זיך אַריינגעצויגן אַן אָרעמע פרוי, פייגע דאַווידאָוויטש, מיט איר זעקסיאָריקן זונעלע, מענדעק, וואָס איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען אין אוזבעקישן קינדערגאָרטן.

אַ פּשוטע ייִדישע מאַמע, אַן אָפּשטאַמיקע פון דער ייִדישער נויט.

דער מאַן אירער איז אַוועקגעפאַלן פון הונגער און זי איז פאַרבליבן מיט איר זעקסיאָריק יינגעלע. הונגערן זיי ממש ביידע — פייגע און מענדעק.

פייגע גיט זיך נאָך אַן עצה: זי עסט נישט, אָבער מענדעק, פון אים איז נישט אויסצוהאַלטן: ער פאַרשטייט נישט קיין חכמות, ער וויל עסן.

לויפט זי אַרום, פייגע, איבער די קאַלכאַזנע פעלדער און נישטערט מיט די אויגן, טאַפּט אין די הויכע גראָזן און זוכט אַן אַראָפּגעפאַלענע פרוכט פון דיביימער און מענדעק לויפט איר נאָך, שלעפּט זי ביים קלייד:

— מאַמע, כ'חלש עסן!

פייגע קאָן נישט צוקוקן מענדעקס צער. זי ווערט דרייסטער און גיט אַ צעטרייסל אַ בוים און פרוכטן גיבן אַ פאַל אַראָפּ אין די הויכע גראָזן.

דער בוים מאַכט אַן אַ רעש, צעבונטעוועט זיך אויף פייגען, הלמאי זי שאָקלט אים מיט רוגזה און זיינע פירות, נאָך נישט קיין צייטיקע, פאַלן פון אים אַראָפּ האַלבגרינע, רויע.

דערשנאַפּט עס אַ שכן, אַן אוזבעק, און כאָטש ס'זענען נישט זיינע, פאַרדריסט עס אים, וואָס זי לאָזט נישט איבער פאַר אים די פירות. לויפט אַרויס מיט אַ גראָבן שטעקן און הייבט זי אַן שלאָגן.

צעווייגט זיך מענדעק הינטער דער מאַמעס קלייד מיט ביטערע קינדערשע טרערן און ציטערט ווי אַ בלאַט. ווייגט אויך פייגע קוקנדיק אויף מענדעקן און אויך פונעם צעווייטיקטן גוף, פון די באַקומענע קלעפּ מיטן גראָבן שטעקן.

דער אוזבעק ווערט בייזער, רציחהדיקער. ער שלעפּט זי ביי דער האַנט אין דער קאַלכאַזנער „אופּראַוולעניע"[1].

דער אוזבעק שלעפּט זי פאַר די האָר מיט גוואַלד און געשרייען און פייגע פרווט זיך מיט אַלע כוחות צי'ען צוריק:

— האָב רחמנות, האַרעלע, ס'איז פאַר מענדעקן, נישט פאַר מיר... ער וויל עסן... איך קאָן נישט צוקוקן זיין צער... ס'איז דאָך אַ קינד... אַ הונגעריק קינד...

ווערט ער נאָך אויפגערעגטער, דער אוזבעק, און פאָכעט מיטן שטעקן:

---

[1] פאַרוואַלטונג.

— אַרבעטן גיי, סוקאַ[2] און נישטער נישט אין פֿרעמדע גערטנער, קריך נישט ווו מע דאַרף נישט.

וויינט ער, דער קליינער מענדעק, פֿאַר הונגער און שרעק און פֿייגע ספּאַזמירט פֿון חרפּה און בושה.

טוט דער אוזבעק אַ מאַך מיט דער האַנט, גיט אַ שפּיי אויס און לאָזט זיי איבער אויפֿן מיטן וועג מיט אַ קללה, זי זאָל גיין צום טייוול.

שטייט זי, פֿייגע, און שלוכצט פֿאַר ווייטיק און מענדעק פּויזעט אויף אַלע פֿיר. שלעפּט אַרויס פֿון טיפֿן גראָז די גרינע פֿלוימען און שלינגט זיי זשעדנע...

די פּליטים־עלטערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין קראַסנאָגוואַרדייסק — דרייסיק קילאָמעטער ווייט פֿון סאַמאַרקאַנד — געפֿינט זיך אַ יתומים־הויז וואָס ווערט אויפֿגעהאַלטן פֿון פּוילישן פּונקט. האָבן זיי געמאַכט אַלע באַמיִונגען אַפּצושיקן אַהין די קינדער.

די קינדער האָבן געעפֿנט די אויגן. זיי זענען געלעגן אויף בעטלעך און געגעסן צו דער זעט, מ׳האָט זיי אויסגעטון די אָפּגענוצטע אַלטע טראַנטעס און זיי אָנגעטון לייטיש, מענטשלעך. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק צו שפּילן, זינגען און טאַנצן. יהודיתל האָט צוריק באַקומען איר פֿריִערדיקע פֿריילעכקייט. זי איז אַרומגעגאַנגען און געזונגען, זיך געפֿרייט צוגלייך מיט אַלע קינדער.

שולמיתלען אָבער האָט מען שטענדיק געזען אַרומגיין אַן אָפּגעזונדערטע, אַן אומעטיקע, אַ פֿאַרטרויערטע און פֿאַרבענקטע.

די קאָלכאָזנע פּליטים־שכנים האָבן זיך איין מאָל אַרויסגעלאָזט אין וועג אויף אַ באַזוך צו די קינדער, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געזען. מיט דער באַן פֿאָרן אַהינצו די דרייסיק קילאָמעטער איז געווען אוממעגלעך. מ׳האָט געדאַרפֿט האָבן אַ קאָמאַנדיראָווקע פֿון אַן אַמט אַז מע שיקט זיי אַהין. זיי האָבן אַזאַ פּאַפּירל נישט געקאָנט באַקומען. האָבן זיי זיך געלאָזט צופֿוס מיטן שאָסיי וואָס פֿירט פֿון סאַמאַרקאַנד קיין קראַסנאָגוואַרדייסק. קוים מיט צרות, זיך שלעפּנדיק מידע און הונגעריקע, האָבן זיי זיך

---

[2] צויג

דערקליבן צום יתומים־הויז און געפונען די קינדער גליקלעכע און צו־פרידענע.

צאַלע אַנציס האָט זיך פאַרקליבן מיטן דירעקטאָר פון אַנשטאַלט אין זיין קאַבינעט און אים איבערגעגעבן אַלע דאַטעס און ידיעות פון די קינ־דער, אַנגעשריבן אויף פּאַפּיר, בכדי זיי זאָלן שפּעטער, ווען זיי וועלן אויס־וואַקסן, וויסן זייער אָפּשטאַם, ווער זייערע עלטערן זענען געווען, ווייל, ווער ווייסט — האָט ער געזאָגט — צי מע וועט אין די באַדינגונגען קאָנען אי־בערלעבן דאָס אַלץ. מילא די קינדער — אַז זיי וועלן האָבן צו עסן, און אַן אויפזיכט — וועלן זיי אפשר איבערלעבן, אָבער די עלטערע, ווער ווייסט...

אָנגעפּרייט זיך מיט די קינדער דעם גאַנצן טאָג, האָבן די קאָלכאָז־ניקעס זיך צוריק געלאָזט איבערן פּרעכטיקן וועג — קראַסנאָגוואַרדייסק־סאַמאַרקאַנד — צופוס די גאַנצע דרייסיק קילאָמעטער — פאַרבענקטע און פאַרהונגערטע.

די נאַכט איז געווען אַ טיף־אויסגעשטערנטע, שיין ווי עס קאָנען זיין די נעכט אין אוזבעקיסטאַן. כאָטש אויף דער נשמה איז געווען אַזוי ביטער און קאַלעמוטנע איז דער טראָט געווען אַ מונטערער און האָפערדיקער.

דאָס יתומים־הויז פון קראַסנאָגוואַרדייסק האָט זיך ליקווידירט. די קינדער זענען איבערגעשיקט געוואָרן צוריק קיין סאַמאַרקאַנד אין „דיעט־דאָם"[1] אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג. אַ גרויס הויז מיט געראַמע צימערן און אַ סך קינדערלעך פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. דאָ זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, בייטאָג און ביינאַכט. די פאַרוואַלטערין — אַן אויסגעפּאַשעטע היובכע אוזבעקשקע מיט אַ גרויסן בונט שליסלען ביים גאַרטל — גייט מיט איר דריי־גאָרנדיקן גוידער פון איין צימער אין צווייטן, פון איין קעמערל אין אַנדערן, זי גיט אַכטונג אַז ס'זאָל פון אירס גאָרנישט געמינערט ווערן.

ביים הויפּט־אַריינגאַנג, ווו דער וועכטער קאָנטראָלירט די אַרבעטער, איז שטענדיק פול, באַלאַגערט פון אַ מחנה קינדער וואָס קוקן נאָך יעדן איינעם, קוקן אין די אויגן, אויף די הענט; שפּיזן דורך מיט צוויי קוקערס

[1] קינדערהיים.

די סאַמע פאַרמאַכטסטע קיישעלעך וואָס גליקלעכע מאַמעס ברענגען פונעם לעצטן אָפּגעשפּאָרטן ביסן פאַר זייערע פאַרוואָגלטע קינדער.

יהודיתל מיט שולמיתלען שלאָפן דאָ אין אַ גרויסן צימער, מיט אַן אמתן דיל פון האָלץ וואָס איז אָפּגעפאַרבט אויף רויט. דערפאַר אָבער האָבן זיי שוין דאָביידע, צוגלייך ווי אַלע אַנדערע קינדער, אָפּגעשפּאָרט אַ סך לייז, וואָס קריכן זיי אַריין אַפילו אין די ברעמען. שולמיתל האָט שוין באַקומען אַ פאַרך פון נישט וואַשן דעם קאָפּ און די קליינע יהודיתל האָט טראַכאָמע אין די אויגן. ווען די קראַנקנשוועסטער דאַרף איר מאַכן אַן איינשפּריצונג, גיט זי איר אַ צוקערל, זי זאָל נישט וויינען, און די קליינע טאַקע פאַרשעמט די ציין און שווייגט.

ביים ברויט־פאַרטייל, ווען יעדער קינד באַקומט זיין נאָרמע פון 300 גראַם, קוקן די קינדער נאָך צי מ׳האָט זיי נישט אָפּגענאַרט. יעדעס איינע קינד לויערט מיט די אויגן און ווינטשט זיך צו באַקומען אַ קראַיטשיקי[1]. ביים עסן האַלטן זיי אונטער די דלאָניע בכדי נישט צו פאַרלירן קיין איין ברעקל.

יהודיתל איז אינעם קינדערגאָרטן געווען צווישן די בעסטע און פאָלגעוודיקסטע קינדער, זי האָט נישט געוויינט און נישט קאַפּריזעוועט. זי האָט זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט איבער דער נאָרמע, צו באַקומען מיט אַ לעפל עסן מער. זי האָט שוין פאַרגעסן דעם טעם פון אַ ווייך און וואַרעם געלעגער, צוצוטוליען זיך צו דער מאַמעס שויס. די קינדערלעך קרעכצן צו פון צייט צו צייט, פאַרשמאַכטע און הונגעריקע, ווי ציטעריקע בלעטלעך אויף אַ בוים אין אַ שטורעם, טוליען זיי זיך איינע צו דער אַנדערער און וואַרטן געדולדיק, ווי די גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן, אַז דער שטורעם זאָל פאַרביי, אַז די מאַמע זאָל שוין קומען צו גאַסט און ברענגען נאָך אַ קרישקעלע ברויט צו דערכאַפּן דאָס הערצעלע...

צאַלע אַנציס איז אַרומגעגאַנגען ווי צעדולט נאָכן טויט פון זיין פרוי, וואָס איז ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען אויפן האַרטן ליימיקן באָדן פון דער קי־

---

[1] רעפטל, זייטיק שטיקל ברויט

ביטקע. די צייט איז געווען אַ שווידערלעכע. מענטשן זענען ממש געפאַלן ווי די פליגן. נישט געווען קיין דאָקטאָר און קיין רפואות אַוודאי נישט. פון די אַריקן[1]־וואַסערן, וואָס זענען געווען אָנגעפילט מיט כלערליי אומ־ריינקייטן, זענען מענטשן קראַנק געוואָרן אויף בלוטיקער דיזענטעריע, אויף מאַלאַריע און געשטאָרבן אין גרויסע יסורים. קיין הילף האָט זיך פון ערגעץ נישט געזען. גוט איז געווען נאָר די יעניקע וואָס האָבן זיך באַצייטנס גענומען מיט אַלע כוחות צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן אויף אַן אַנדערן אופן: שלעפּן און נעמען פון אונטער די הענט אַלץ וואָס ס'לאָזט זיך נאָר אָפּצועסן און קאָנען אויסהאַלטן די שווערע צייט. צאַלע אַנציס איז אַוועק צו דער אַרבעט אויף אַ זאַוואָד, דאָרטן ווו מע קריגט יעדן טאָג די ברויטנאָרמע און ס'איז פאַראַן אַ סטאָלאָווע ווו אָפּצועסן. זיין איינציק געבליבן טעכ־טערל, וואָס ער האָט דורכגעטראָגן דורך אַלע שטורעמס, האָט ער אָפּגע־היט ווי אַן אויג אין קאָפּ. נישט ווייניקער זאָרג האָט אים פאַרשאַפט די קלענערע, יהודיתל, וואָס איז געווען צו אים צוגעבונדן ווי אַן אייגן קינד.ביידע קינדער, ווען דער געמיינזאַמער גורל האָט זיי פאַרבונדן נאָך אין עשאַלאָן אין יענער נאַכט, זענען זיך געוואָרן אייגן, נאָענט ווי צוויי שוועס־טערס. אין קינדערגערטנער און יתומים־הייזער זענען זיי צוזאַמען גע־שלאָפן, זיך געהאַלטן צוזאַמען, נישט אָפּגעטרעטן איינע פון דער צווייטער. די עלטערע, שולמיתל, האָט אַכטונג געגעבן אויף דער יינגערער, יהודית־לען. אַזוי אויך יהודיתלס מוטער האָט געזאָרגט פאַר שולמיתלען.

מיט צאַלע אַנציס אַוועקגיין אַרבעטן אויפן זאַוואָד האָט זיך זיין לאַגע געענדערט אַ ביסל צום בעסערן. דאָ האָט ער באַקומען מער פּראַקטיק און מער רוטין ווי אַזוי זיך צו אָרגאַניזירן דאָס לעבן. די איבעריקע אַרבעטער — יידישע פּליטים פון פּוילן — האָבן אים אָנגעוויזן ווי אַזוי עס צו מאַכן און ער האָט שוין אָנגעהויבן עסן צו דער זאַט, באַקומען אַן אַנדער פּנים. יעדן פרייען טאָג איז ער געגאַנגען צו די קינדער. פון אַן אָפּגעשפּאָרטן ביסן האָט ער זיי צוגעטראָגן אַ שטיקל ברויט, אַ מאָל אַ פרוכט. פון צייט צו צייט אַ שטיקל פּוטער. און די קינדער האָבן זיך ממש מחיה געווען.

[1] רינשטאָק

די קינדער פון די פּליטים האָט מען איבערגעשיקט אין אַ ניי־געגרינ־דעטן „דיעטדאָם" וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביים פאַרבאַנד פון די פּוי־לישע פּאַטריאָטן. אין דער דאָזיקער פּאַרטיע איז אויך אַריין שולמיתל מיט יהודיתלען.

צום שלימזל איז צאַלע אַנציס אַריינגעפאַלן אין תפיסה.

ס׳איז פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע פון די אַלע וואָס האָבן מיליטע־רישע ביכלעך. אַנציס, וואָס האָט געהאַט אַ וויסן באַפרייונג־בילעט, האָט געהאַלטן אַז אויף אים איז דער „פּריקאַז" נישט חל. בעת אַן אַבלאַווע איז ער אַריינגעפאַלן אין דער מיליץ און פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַרעסט. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסע קאַנטשאַפט דאָרט ווו מע דאַרף און אויך נישט קיין געלט. זיין לאַגע איז געווען אַן אויסזיכטלאָזע. ער האָט אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי.

יהודיתלס מאַמע, וועמענס מאַן איז גלייך אַוועק צוריק קיין פּוילן, אינעם אָקופּירטן טייל פון די דייטשן, איז געבליבן וווינען אינעם קאָלכאָז. זי האָט זיך, ווי דאָס רוב פּליטים, געמאַטערט פאַר איר טאָגטעגלעך אויס־קומעניש, זיך שווער געראַנגלט פאַר איר עקזיסטענץ. זי האָט געזוכט מיט־לען און וועגן ווי אַזוי אַנציסן אַרויסצורייסן פון דער תפיסה און אָפּגע־שלאָגן די טירן ביי אַ ריי באַקאַנטע, ביים אויספאָרש־ריכטער און פּראָ־קוראָר. מיט אַלע כוחות האָט זי זיך באַמיט צו דערווייזן זיין אומשולד און ס׳איז איר געלונגען — איין פאַל פון הונדערטער — ווייך צו מאַכן דאָס האַרץ פונעם פּראָקוראָר — אַ פרוי. אַנציס, וואָס האָט זיך שוין געריכט אַוועקגעשיקט צו ווערן אין אַ נייעם לאַגער, איז אַרויס אויף דער פריי.

ער איז באַלד געלאָפן אינעם קינדערהויז צו די קינדער. די דירעק־טאָרין איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים:

— שולמיתלס פאַרך, וואָס זי האָט באַקומען אין דער קינדערהיים אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג, האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן: יהודיתלס טראַכאָמע איז ערגער געוואָרן, צעפּייערטער. זי איז איינגעדאַרט און איינ־געקוואַרט אַז ס׳איז אַ רחמנות אַ קוק צו טון אויף איר. יהודיתל וועט אַ ליאַדע טאָג אויסגיין. מיר האָבן נישט קיין שום מיטל דערצו, נישט קיין דאָקטוירים און נישט קיין מעדיקאַמענטן.

די דירעקטאָרין האָט אים צוגעפירט צום צימערל ווו יהודיתל איז געלעגן. ער האָט זי אַ נעם געטון אויף דער האַנט. אירע אויגן זענען גע־ווען פאַרמאַכט פון דער טראַכאָמע. די העלבלאָנדע הערעלעך צוגעקלעפּט ווי מיט קליי צום קאָפּ, און לייכט איז זי געווען ווי אַ פּעדערל. ער האָט זי מורא געהאַט צו האַלטן אויף דער האַנט. טאָמער וועט זי זיך פּשוט פאַר־באַנדערשיטן. ביי דער צווייטער האַנט האָט ער גענומען שולמיתלען. ער איז אַוועק מיט זיי צו זיך אין דער קיביטקע.

ביסלעכווייז זענען די קינדער געקומען צו זיך. יהודיתלס מאַמע האָט זאָרגפעלטיק זיך גענומען מיט אייגענע מיטלען היילן די קינדערשע קעפּ־לעך וואָס זענען ריינער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

דער גורל האָט איצט געוואָלט אַז אַנציס זאָל זיך בעסער איינאָרדענען אין לעבן. דורך אַ צופאַל איז ער געוואָרן אַ געהילף־בוכהאַלטער אין אַן אַרטעל ווו דער נאַטשאַלניק איז געווען אַן אייגענער פּוילישער ייִד. פון די אַלע „זדיעלקעס"[1], וואָס יענער האָט געמאַכט, איז נאָכן צונויפשטעלן די געהעריקע דאָקומענטן צוגעפאַלן גאַנץ היפשע שיריים. אין שטוב איז גע־וואָרן פולער. מ'האָט שוין אָפּגעקאָכט אַ ביסל עסן און צוגעקויפט אַ שטיקל ברויט אויפן שוואַרצן מאַרק. די קינדער האָבן באַקומען אַן אַנדערן אויס־זען. גאָר שנעל זענען די קינדער געקומען צו זיך, דער פּאַרך האָט זיך אויס־געהיילט, די טראַכאָמע האָט זיך פאַרבעסערט. די קינדער זענען פולער געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן בעסער אויסזען. יהודיתל איז געוואָרן לעבעדי־קער, פריילעכער און געקריגן אַ פּנימל פון אַ געזונט קינד.

אין דער קיביטקע האָבן זיך שוין געהערט קינדערשע געזאַנגען און זאָרגלאָזע געלעכטערס.

די מלחמה איז שוין געגאַנגען צו איר סוף. די רויטע אַרמיי האָט זיך איצט גערוקט כסדר פאַרויס פאַרנעמענדיק אַלץ פרישע שטחים פון געוועזענעם פּוילן. שטאָט נאָך שטאָט זענען באַפרייט געוואָרן פון דער נאַ־צישער פּעסט. די לאַגע פון די פּליטים האָט זיך די לעצטע צייט פאַרבע־

[1] מאַכערייקעס, קאָמבינאַציעס

סערט און אַ סך האָבן זיך שוין געגרייט אין וועג צו פאָרן אַהיים, צוריק קיין פוילן.

כאָטש מ׳האָט געוווּסט אַז די היים איז פאַרניכטעט, האָט דאָך יעדער איינער נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז זיין היים איז פאַרבליבן גאַנץ און אַז ביי אים האָט זיך על־פּי־נס עמעצער געראַטעוועט...

שיין איז געווען דער פרילינג פון פאָרן סוף קריג אין דער הערלע־כער שטאָט סאַמאַרקאַנד וואָס האָט מיט טויזנטער חנען געשיינט און גע־לאָקט. די פרעכטיק־צעוואַקסענע וויינטרויבן־פעלדער און די צעשפּילטע וואַסערן אין די צעשלענגלטע אַריקן האָבן אָנגעווייעט אַ סך האָפענונג און צוגעגעבן מוט און אויסדויער אויסצוהאַלטן ביז צום טאָג פון דער באַפרייונג.

אַ לאַנגער עשאַלאָן האָט זיך פאָרמירט אויף דער סאַמאַרקאַנדער באַנ־סטאַציע וואָס האָט פארשלונגען אין זיינע איינגעווייידן אַריבער צוויי טויזנט פּליטים. צווישן זיי אַ סך ייִדישע קינדערלעך. מיט ייִדיש געזאַנג און ווי־וואַט־אויסרופן האָט זיך דער עשאַלאָן געלאָזט אין וועג פירנדיק אַהיים די פאַרבענקטע און אויסגעמאַגערטע פּליטים, וואָס האָבן דאָ געלאָזט נישט ווייניק קרבנות פון צווישן זיך — פון הונגער, נויט און פּיין — אויפן אַלטן בוכאַרישן בית־עלמין.

דער עשאַלאָן איז געוואָרן באַגלייט פון אַ געפייפערײ פון אַ סך אוז־בעקישע יונגטלעכע. אַ סך האָבן אַפילו צוגעוואָרפן שטיינער. דער צוג האָט זיך געשלענגלט פאַרביי די ליימיקע קיביטקעס. אויף שוועלן זענען געשטאַנען די איינוווינער און באַטראַכט — ווער מיט שטוינען, ווער מיט קנאה — דעם צעזונגענעם עשאַלאָן וואָס האָט זיך געריסן „באַ זאַפּאַד"[1].

אינעווייניק אין די וואַגאָנען האָבן די פּליטים מיט פאַרטרערטע אויגן, אויסגעמישט מיט פרייד, באַטראַכט צום לעצטן מאָל די שטאָט, וואָס האָט זיי, ווי אַ מאַמע צוגעטוליעט אין דער שווערער צייט, און אַנדערע פון זיי, זייערע פאַמיליע־מענטשן אַריינגענומען צו זיך אין דער ערדשויס, פאַר־שלאָסן אויף אייביק אין די נאָמענלאָזע קברים, אָן מצבות, אינעם ליימיקן באָדן פון אוזבעקיסטאַן.

[1] אויף מערב

יהודיתל מיט איר מאַמען זענען געקומען צוריק קיין פּוילן. דער עשאַ־לאָן איז שטיין געבליבן אין אויבערשלעזיע און אַרויסגעוואָרפן פון זיך פאַריתומטע מענטשן, וואָס האָבן דאָ געטראָפן בלויז חורבות און עלנט. קיינער איז נישט געבליבן לעבן. אַלץ האָט דער שטורעם פאַרטראָגן, אַלץ האָט דער ווינט פאַרווישט אָן שום שפור, קיין שום לעבן. טויט, דער סאַמעראָדנער טויט אַליין...

יהודיתל האָט מיט אַ טרויעריקן בליק, ביי אירע זיבן יאָר, פּונקט ווי אַ דערוואַקסענע, דערפילט דעם עלנט און דערזען דעם חורבן אין זיין גאַנ־צער גרייס.

אויך זי איז אַ יתומה פאַרבליבן. די מאַמע אירע האָט זיך דאָ דערוווסט אַז די דייטשן האָבן דערמאָרדעט איר מאַן און יהודיתלס טאַטע. ער איז אומגעקומען אויף אַ שווידערלעכן אופן אין זיין געבוירן־שטאָט.

געבליבן זענען זיי אין צווייען — יהודיתל מיט שולמיתלען — צוויי יתומות: איינע האָט איר מאַמען פאַרלוירן פון הונגער און נויט, און די צווייטע האָט פאַרלוירן איר טאַטן אויף דער אָקופּירטער ערד — דערהרגעט געוואָרן דורך די נאַצישע באַנדיטן.

צוויי יונגיטשקע יתומות, ווי אָפּגעטרייסלטע בלעטלעך פון אַ בוים נאָך אַ שטורעם...

צווישן די צוויי דערוואַקסענע, אויסגעוואָרצלטע פּליטים — אַ טאַטע מיט אַ קינד, אַליין אויף גאָטס וועלט, און אַ מאַמע מיט אַן איינציק קינד אויף די הענט — האָבן זיך פאַראייניקט בכדי צו קאָנען גרינגער גיין אין לעבן צוזאַמען, נישט אַזעלכע עלנטע און אַנטוישטע.

דאָס לעבן האָט זיך זיי געשטעלט דיבאָם אַנטקעגן און צו קעמפן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. נאָר גיבורים האָבן עס געקאָנט אויס־האַלטן.

די שוואַכע זענען, ווי האַרבסט־בלעטער, אָראָפּגעשליידערט געוואָרן דורך ווינט און שטורעם אין דער לאַנגער נאַכט פון יידישן אומקום און צעטראָטן געוואָרן דורך די מאַרשירנדיקע דייטשע חיילות וואָס האָבן אַליין געבראָכן דעם קאָפּ, געוואָרן צעטראָטן און צעריבן אויף שטויב, אויף אַש און פּראָך.

קאַפּיטל נײַן

די לעקציע פון סערגיי אַלעקסייעוויטש פּאָפּאָוו

דער עשאַלאָן איז געבליבן שטיין אין אַ וואַלד־געדיכטעניש. נישט ווייט האָבן זיך געזען קוימענס פון נידעריקע הייזקעס. אַרום, ווו דאָס אויג האָט נאָר דערגרייכט, איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ ביימערוועלט וואָס האָט זיך געצויגן אין דער ענדלאָזיקייט אַריין. באַלד נאָכן אָפּשטעלן זיך האָט מען אָפּגעטשעפּעט אַכט וואַגאָנען און דער איבעריקער טייל פונעם עשאַלאָן איז מיט רעש אַוועק ווייטער און פאַרשווינדן צווישן די ביימער.

— גיכער! פאַרנעמט אייערע זאַכן און היידאַ אויף די פורלעך!

ווי פון אונטער דער ערד איז ער אויסגעוואַקסן, דער הויכער פאַר־שוין מיט דער גרינער אָקאַלאָשקע אויפן מיליטערישן היטל, וואָס האָט עס אַ קאָמאַנדעווע געטון מיט אַ כריפּעוואַטן קול צו די צעטומלטע „ביעזשענ־צעס". ביי דער זייט פון זיין ציווילן וואַטענעם שפּענצער האָט זיך געבאָמ־בלט אַ צוגעשפּיליעטע רעוואָלווער־שייד וואָס האָט צוגעשמידט צו זיך אַלעמעס בליקן.

צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין געשלעפּט מער ווי דריי וואָכן היינטערוועגנס, איז אויסגעבראָכן אַ בהלה. יעדער איינער האָט שוין גע־וואָלט זיין וואָס פריער אויף אַן אָרט, אויף אַ שטיקל מקום־מנוחה. מיט געאייל האָט מען אָנגעהויבן אַרויפוואַרפן די זאַכן איופן ערשטן בעסטן פורל וואָס איז אונטערגעקומען. די פורמאַנקעס האָבן אַלעמען צוגעפירט צו די באַראַקן. די ערשטע האָבן טאָקע — צו פינף־זעקס מענטשן — פאַרנומען די איינצלנע צימערלעך. פאַר די איבעריקע איז געבליבן אַ גרויסער אַל־געמיינער באַראַק ווו זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט צוזאַמען. אין די באַזונ־דערע צימערלעך זענען געשטאַנען צו צוויי אייזערנע בעטלעך און אַ טישל.

דער מאַגאַזין האָט זיך געעפנט. די פּליטים האָבן זיך געשטעלט אין

דער רײַ צו באַקומען זײַער נאָרמע ברויט — צום ערשטן מאָל אויף זײַער נײַעם וווינאָרט אין דער טײַגע. ערשט איצט האָבן זיך די מענטשן אָנגע־קוקט. אין משך פון גאַנצן וועג האָבן זײ זיך נישט געקאָנט באַגעגענען אײ־נער מיטן צווייטן. יעדער האָט איצט אין צווייטנס צורה דערזען זײַן אײ־גענעם קלאָגעדיקן אויסזען.

אין דער רײַ נאָכן ברויט איז דאָ געשטאַנען צאַלע אַנציס מיט זײַן וואַגאָן־חבר יואל שוואַרצמאַן. זײ האָבן שטיל צווישן זיך געשמועסט:

— ווי מײַנסטו — האָט זיך צאַלע אָנגערופן — וואָס קאָן דאָ זײַן שלעכט? דאָ איז גאַנץ שײן, אַ שײנער געדיכטער וואַלד, שײנע צימערן, ווי אויף אַ דאַטשע, יאַקאַש וועט מען קאָנען אויסהאַלטן.

— נישטאָ קײן אַנדערע ברירה — האָט שוואַרצמאַן געטרײסט זיך און זײַן חבר — מע וועט דאַרפן אַרבעטן, זיך צופּאַסן צו די נײַע באַדינגונגען און שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז מיט דעם ענדיקט זיך די וועלט. איר זעט דאָך ווו מ׳האָט אונדז פאַרוואָרפן. מיר זענען בײַם גורל אין די הענט, און וואָס ער וועט וועלן אַזוי וועט ער מיט אונדז מאַכן.

די רײַ אין מאַגאַזין איז מיטן לאַנגן שטײן אַלץ קלענער געוואָרן. די פּליטים זענען — יעדער באַזונדער מיט די אײגענע מחשבות — אַוועק צו זיך אין באַראַק אַרײַן מיטן פרישן שמעקעדיקן שוואַרצן ברויט.

די פּערצן באַראַקן, וואָס זענען געשטאַנען אַרומגעזוימט מיט וואַלד, האָבן אין זײַערע אינגעווײדן פאַרשלונגען די קרוב פינפהונדערט נפשות, וואָס זענען דאָ אַראָפּגעבראַכט געוואָרן מיטן עשאַלאָן — צו פּראָוון זײַער פאַרשיקונג אויפן ווײַטן צפון בײַ קאַטאָרזשנע אַרבעט פון קאַרטשעווען בײמער אין די אומענדלעכע וועלדער.

אויפן גאַניק פון דריטן באַראַק איז אומגעריכט, ווי בײַם אָנקומען פונעם עשאַלאָן, אויסגעוואַקסן דער הויכער בלאָנדער רוס, וואָס האָט אין דער פרי מקבל־פּנים געווען דעם עולם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, זיך גוט אויסגעהוסט און אַ כריפּע געטון:

— „גראַזשדאַניע"[1], איר זענט איצט אין מײַן רשות. איך בין דאָ דער

[1] בירגער

קאָמענדאַנט. איר זענט דאָ געקומען אַרבעטן. ווער ס׳וועט אַרבעטן גוט און ערלעך — וועט האָבן אַ גוט לעבן. איר מוזט זיך צוגעוויינען צום געדאַנק אַז איר זענט דאָ געקומען „נאַ וסיעגדאַ״[2]. פּאַקט אויס אייערע טשעמאָדאַנען און פאַרגעסט אייער פריערדיק לייכט לעבן וואָס איר האָט געהאַט אין פּאַנסקן, פּריצישן פּוילן.

די פּליטים זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים איבער אַ מת. ביי אַ סך האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. דער קאָמענדאַנט האָט גאַוואַדיק, מעשה־באַלעבאָס, אַרומגענומען מיט זיינע שאַרפע בליקן דעם גאַנצן עולם:

— איר זענט „ספּעצפּערעסעלענצעס״[3], פאַרשטאַנען? אַ ספּעציעלער שעדלעכער עלעמענט אויף וועמען מע דאַרף גוט אַכטיק געבן. קיינער פון אייך האָט נישט קיין רעכט זיך צו באַוועגן מער ווי הונדערט מעטער פון זיין באַראַק אָן מיין דערלויבעניש. פאַרן נישט צופּאַסן זיך צו דער פאַראָרדענונג דראָעט טויטשטראָף, פאַרשטאַנען? נו, אויף היינט וועט זיין גענוג, גייט זיך פונאַנדער, און מאָרגן דאַרפט איר אַלע גיין צו דער אַרבעט.

אַ שפּיזיקער פראָסט האָט אַלעמען אַרומגענומען, כאָטש עס איז איצט געווען קוים אָנהייב יולי, אַ וואַרעמער און אָנגענעמער זומערטאָג מיט אַ צעגרינטן וואַלד ביי די ראַנדן און אַ ליכטיקן הימל איבערן קאָפּ. מיט קרעכצנדיקע שווערע טריט איז יעדער אַוועק צו זיך אין זיין ווינקל.

***

די זון האָט זיך פייערלעך שטיל געזעצט אין פאַרנאַכט און מיטן אָפּבליאַסק באַגילדיקט די קרוינען פון די הויכע פעסטע דעמבעס אין אורוואַלד, וואָס האָט איצט געגומען שרעקן מיט זיינע פאַרטונקלטע ווייטקייטן. דער הימל האָט זיך צעצונדן מיט כלערליי פאַנטאַסטישע פאַרבן. אַ מילד ווינטל האָט אַ בלאָז געטון און צעוויגט די ביימערקרוינען מיט אַ

[2] אויף שטענדיק
[3] ספּעציעל־פאַרשיקטע

געהיימעניש־פולן אויפגערויש און געפליסטער, ווי זיי וואָלטן איינגערוימט עפּעס אַ סוד, גענומען אויסזאָגן פון חדר...

אויפן טרעפּל פאַרן באַראַק איז געזעסן צאַלע אַנציס און זיך צוגע־קוקט אַ פאַרגאַפטער צום ווונדערלעכן זונפאַרגאַנג אין דער טייגע. אַזאַ הערלעך ספּעקטאַקל האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געזען אין זיין לעבן. דער טונקל־בלאָער הימל האָט זיך געצירט אין אַ בונטער פילפאַרביקייט פון געל־רויט־גרין־פיאָלעט־אַמאַראַנט־לילע־ראָז, מיט אַלע ניואַנסן פון אַ רע־גנבויגן האָבן זיך די פאַרבן געמיניעט און אָפּגעשלאָגן זייער שיין אויף די שפּיצןביימער. הינטערן וואַלד האָט זיך צעגאָסן אַ צונטער־רויטקייט אי־בערן האָריזאָנט, ווי אַ שטיק העליש פייער וואָלט אונטערגעצונדן דעם וואַלד ווי וויט דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק פייערדיקער מאָנסטער וואָלט געלאָפן אַ צערייצטער — גרייט אונ־טערצוצינדן דעם אוראַלטן וואַלד, חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

פונעם צווייטן עק וואַלד האָט זיך אַ טינטשוואַרצע גרופּע וואָלקנס געלאָזט האַסטיק מיט פערד־און־וואָגנס, ווי אַ פייערלעשער־גרופּע מיטן גאַנצן קלאַפּערגעציג, אַנטקעגן דער גיגאַנטישער הימל־שריפה, און שטי־קערווייז גענומען לעשן דעם פלאַמיקן צעצונדענעם הימל.

ווען די הימל־שריפה איז איינגעלאָשן געוואָרן איז שוין אַרום געהאַט צוגעפאַלן די נאַכט.

אַ בלאַסע לבנה האָט פאַמעלעך אויסגעשפּירט דעם וועג צי ער איז פריי און זיכער און זיך אַרויסגעשאַרט פון די וואָלקן־שפּאַלטן אַ העלע און לויטערע, ווי אַן אויסגעשייערטע פאַן לכבוד שבת אין אַ היימיש־יידי־שער שטוב, זיך אַרויסגלעאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דיביימערקרוינען און נאָך דעם זיך געדרוקט אַלץ העכער און העכער איבערן זילבערדיק־באַ־לויכטענעם „פּאָסיאָלאָק״...[1]

באַלד האָט זיך לאַנג און אימהדיק צעוואָיעט דער „גודאָק״[2] און אָפּ־געקלונגען מיט טויזנטער עכאָס אין אַרומיקן וואַלד, וואָס האָט אָפּגעענט־

[1] ישוב

[2] סירענע־פייף

פערט מיט טויזנטער קולות פון דיווילדע פייגל פון די וואַלד־טיפענישן. אַן אָנגעלויף פון מיליאָנען אינזעקטן האָט זיך מיט רוגזה אַ וואָרף געטון אויף יעדן שטיקל נאַקעט־אָפּגעדעקטן לייב, געביסן, געצופּט און געריסן שטי־קערווייז. ווילדע און צערייצטע האָבן זיי בלוטגיריק אַטאַקירט פון אַלע זייטן, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך צו באַפרייען פון זיי אויף קיין רגע.

די ערשטע נאַכט אין דער טייגע איז געווען אַ שרעקלעך־אומדער־טרעגלעכע און שלאָפלאָזע. מ'האָט שוין געוואָרט אויפן ערשטן שפּראָץ פון טאָג וואָס זאָל אויסלייזן פון די בייספּליגעלעך וואָס האָבן געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט.

**
*

אין דער פרי האָבן זיך די פּליטים פאַרזאַמלט פאַר דער סטאַלאָווע. אַלע זענען געווען באַשאָטן מיט רויטע פּענכערלעך — צעביסן פון די קאָ־מאַרן און צעפּרעסן פון די מחנות וואַנצן, וואָס זענען זיי באַפאַלן פון אַלע זייטן און נישט געלאָזט צוטון קיין אויג די גאַנצע נאַכט. איצט זענען זיי אַלע געשטאַנען מידע, נישט אויסגעשלאָפענע, מיט פאַרשוואָלענע אויגן. מ'האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, וואָס זענען געווען שווער ווי די קלעצער.

אַ יונגער חברה־מאַן, מיט אַ פאַרשאַרצטן קאַזיראָק איבער דער טשופּ־רינע, איז אַ פאַרשמייעטער אַרומגעלאָפן צווישן עולם און האָט פאַרמירט בריגאַדעס האָלצהעקערס, זעגערס ביי די מעכאַנישע זעגן און גרוזטשיקעס — פליייצע־טרעגערס. די בריגאַדעס האָט ער צוגעזאָגט גאָלע גליקן: זיי וועלן באַקומען ספּעציעל אָנטועכץ, בעסער עסן און גרעסערע פאַרדינסטן. און טאָקע באַלד אויפן אָרט האָט ער יעדן איינעם געגעבן צו צען רובל — אַן אַוואַנס אויף דער אַרבעט, מיט אַן אויסגעצחזרטן פּיזמון:

— גייט זיך אָפּרוען — האָט ער ליבלעך אַ שמייכל געטון — איר האָט געהאַט אַ שווערע רייזע... מאָרגן וועלן מיר זיך דאָ ווידער טרעפן.

אין משך פון טאָג האָבן זיך די פּליטים באַקענט צווישן זיך און מיט די נייע באַדינגונגען אויפן נייעם אָרט, מיט זייערע פאַרזאָרגערס. דער קאָמענדאַנט האָט געוווינט אין איינעם מיט זיי אויפן פּאָסיאָלאָק גופא, צו־

זאַמען מיט זיינע געהילפן — פּאַפּאָוו און אַווראַטשענקאָ. זייער עובדה איז געווען צו היטן און שיצן, אַכטיק צו געבן און זאָרגן אַז אַלץ זאָל קלאַפּן, אַלע זאָלן אַרבעטן און ברענגען נוצן דערווירטשאַפט, אַרויסגעבן וואָס מער פּראָדוקציע. ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר זיי האָט מען דערפאַר אַראָפּגענומען צען פּראָצענט ביי די פּליטים, ביים אויסצאָלן זיי פאַר דער אַרבעט.

אויסער די מאַכטהאָבערס זענען נאָך געווען אויף די אַרבעט־פּלע־צער דעסיאַטניקעס, בריגאַדירן, מעסטערס און אויפזעערס. יעדע נישט־גע־האָרכזאַמקייט, אָדער קרום מיט דער נאָז, נישט צו ווען אויספירן זייערע באַפעלן האָבן זיי דערטראָגן צום קאָמענדאַנט.

די צווייטע נאַכט האָבן די בייספּליגעלעך נאָך מער אַטאַקירט. אין די ריינע באַראַקן, וואָס זענען פריער, נאָך פאַרן אָנקומען פון די פּליטים, גע־וואָרן געוואַשן און גערייניקט, האָבן גענעסטיקט מחנות וואַנצן. ס'איז דער־ריבער שווער געווען צו פאַרמאַכן אַן אויג. די מענטשן האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי פונאַנדערצולייגן אַ פייער, זיך כאָטש צו שיצן קעגן די קאָמאַרן.

די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע און אויסגעשטערנטע. פון וואַלד האָבן זיך געטראָגן רייצנדיקע ריחות, וואָס האָבן דערקוויקט דאָס האַרץ. די פּליטים זענען געשטאַנען אַרום פייער און געמיטלעך געשמועסט וועגן זייער פאַרנעפּלטן מאָרגן.

פון ווייטנס האָט זיך אָפּגעשאָטנט דער סילועט פון אַ מענטש וואָס איז האַסטיק געלאָפן אַהערצו צום פייער. אַ פאַרסאָפּעטער איז ער אָנגעקומען, דער געהילף־קאָמענדאַנט, סערגיי אַלעקסייעוויטש פּאַפּאָוו, געבליבן שטיין אַ ווייל, אַרומגעכאַפּט מיטן בליק די גאַנצע גרופּע און מיט אַ מאָל זיך צע־שריגן ווי אַ ווילדבאַנומענער:

— וואָס טוט איר דאָ אין מיטן דער נאַכט? ביי אונדז טאָר מען נישט אַנלייגן קיין פייער! איר „ורעדיטעלעס"[1] וואָס איר זענט! שוין זאָל ווערן פאַרלאָשן דאָס פייער! מאַרש אַהיים! איר קאָנט נאָך אַוועקלאָזן מיטן רויך דעם גאַנצן פּאָסיאָלאָק!

[1] שעדיקערס

די מער דרייסטע האָבן זיך נישט פאַרלוירן און אים אויפגעקלערט, אַז דאָס שיצן זיי זיך קעגן די קאָמאַרן, ווייל אין די באַראַקן קאָן מען נישט איינליגן... די וואַנצן האָבן זיך צעבושעוועט...

—עך, טשודאַקי! — האָט ער גאַליק אַ בורטשע געטון מיט אַ קרום שמייכעלע — צו וואַנצן איז ביי אונדז דאָ אַ גוט מיטל. איר זענט דאָך עפּעס אַ „קולטורני נאַראָד"[2] און איר ווייסט נישט פון דאָזיקן מיטל... כאַ־כאַ־כאַ!...

פּאַפּאָוו האָט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ תקיף און וווילגעלערנטער אין מיטן קרייז פון די נייגעריקע ייִדן וואָס האָבן געעפנט מויל און אויערן, צו הערן זיין „תורה".

— גראַזשדאַניע, ביי אונדז איז צו אַלץ דאָ אַ מיטל. מיר זענען אַ פאָלק וואָס קאָן בייקומען אַלע שוועריקייטן. אין די סאַמע שווערסטע און קאָמפּליצירטסטע מאָמענטן קאָנען מיר געפינען אַ לייזונג. אָט אַ שטייגער, צו וואַנצן, איז דאָ ביי אונדז אַ פּשוט מיטל: מע רייסט אָן קראָפּעווע, מע לייגט עס אונטערן מאַטראַץ און איר זענט געהאָלפענע מענטשן. די וואַנצן, פאַרשטייט איר מיך, פאַרטראָגן נישט דעם קראָפּעווע־ריח. דאָס דאָזיקע גע־וויקס איז דאָ ביי אונדז איבער געננוג. נאָך זיכערער איז צו נעמען אַ שי־סעלע וואַסער און אַריינשטעלן אַהין יעדעס פיסל פון בעט. די וואַנצן וועלן נישט קאָנען אַריינקריכן אין אייערע בעטן אַריין, זיי וועלן דערטרונקען ווערן אינעם וואַסער.

פאַרשלאָפענע האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו פּאַפּאָווס באַלערנדיקע אויפקלערונגען. מ'האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער און באַרוּיִקטע זענען אַלע אָוועק צו זיך אין די צימערלעך.

די נאַכט איז מען שוין סיי ווי נישט געשלאָפן. די וואַנצן האָבן געטון דאָס זייעריקע. ס'איז נאָך נישט געווען ווען אָנצוווענדן פּאַפּאָווס מיטל. צו מאָרגנס האָט מען אָנגעריסן קראָפּעווע און צוליב זיכערקייט וועגן זיך באַזאָרגט מיט שיסעלעך וואַסער, זאָרגפעלטיק אַלץ איינגעאָרדנט און זיך געלייגט אין די בעטן מיט דער האָפענונג צו האָבן אַ רויִקע נאַכט.

---

[2] קולטורפאָלק.

וויינט אויס אַז די וואַנצן האָבן זיך וויניק וואָס גערעכנט מיט פּאַפּאָווס וואַנצן־טעאָריע. דורך די אויסגעשטעלטע שיסעלעך מיט וואַסער זענען זיי טאַקע נישט געקראָכן, און דער ריח פון דער שטעכיקער קראָפּעווע, וואָס האָט צעבריט די הענט ביי די פּליטים ביים רייסן, איז די וואַנצן אַנגעגאַנגען ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. באַנדעסווייז האָבן זיי איצט אַטאַקירט פון סופיט, פון וואַנען זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט רוגזה, געביסן און געפּוצט, געגאַגט און געזייגט דאָס פרישע בלוט פון די פּוילישע אויסגעאיידלטע פּרי־צימלעך, געהאַט אַ גוטן און געשמאַקן ביסן וואָס טרעפט זיך זיי זעלטן אַזאַ געלעגנהייט.

***

די סירענעס האָבן זיך צעוואָיעט לאַנג און אויסגעצויגן אין דער האַלב־טונקלקייט פונעם פרימאָרגן. די טירן פון די באַראַקן האָבן זיך זשאַווער־דיק צעסקריפּעט. מידע, נישט־אויסגעשלאָפענע האָבן זיך די אַרבעטער אַרויסגעלאָזט צו דער „לעסאָ־בירזשע"[1]. אַ לאַנגע ריי איז געשטאַנען ביי דער „אינסטרומענטאַלקע", ווו עס ווערן אַרויסגעגעבן די אַרבעט־מכשירים צו גיין אין וואַלד אַריין האַקןביימער. די בריגאַדירן זענען שוין אַלע געווען אויפן פּלאַץ און צונויפגעזאַמלט זייערע בריגאַדעס.

צאַלע אַנציס, וואָס איז געוואָרן אַ בריגאַדיר פון „גרוזטשיקעס", איז אונטער דער לייטונג פון אינסטרוקטאָר אַווראַמענקאָ געגאַנגען צו דער זי־בעטער באַנליניע ווו מ'האָט באַדאַרפט לאַדעווען באַנשפּאַלן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זעט ער אַזוי פיל באַנקלעצער, אַזעלכע גרויסע און שווע־רע, אַז ס'איז זיך נישט געווען פאַרצושטעלן ווי אַזוי מע קאָן זיי רירן פון אָרט. זיי זענען דאָ געלעגן איבעם לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ נאַסע, פאַרזונקענע אין אַ טיפער בלאָטע. די בריגאַדע איז געבליבן שטיין געפּלעפט. מ'האָט זיך אַנגעקוקט איינער דעם צווייטן פאַרוואונדערט און דערשטוינט. אויף דער באַנליניע איז געשטאַנען אַן אָפענער וואַגאָן — גרייט אַריינצונעמען אין זיך די מאַסע שפּאַלן וואָס זענען געווען כמעט ווי נישט צום רירן פון אָרט.

---

[1] האָלד־קאָמבינאַט

דער יונגער געזונטער אַוראַמענקאָ האָט באַמערקט די צעטומלעניש ביי זיינע מענטשן. ער האָט לאַנג נישט געקלערט, געגעבן אַ הייב אויף אַ שפּאַל, אים אויפגעשטעלט, אויסמעסטנדיק מיטן בליק פּונקט אויף דער העלפט, אָנגעזאָטלט אויף זיין רוקן און שנעל זיך אַ לאָז געטון אויפן אויפ־געשטעלטן ברעט אין דער שיף פון דער ערד ביזן וואַגאָן, געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ דעם שפּאַל אויפן וואַגאָנדיל אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ. אַן אויסגעגלייכטער, מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ, ווי אַ זיגער, איז ער האַסטיק אַראָפּגעלאָפן פון ברעט און אָפּגעמאָסטן זיינע מענטשן מיט אַ טריומפירנדיקן בליק:

— אָט אַזוי דאַרף מען אַרבעטן, איר האָט געזען? אַזוי אַרבעטן אַלע ביי אונדז.

איינצלנע, דרייסטערע, די וואָס האָבן זיך געפילט שטאַרקער, האָבן געפּרוווט אויפהייבן אַ שפּאַל און בשום־אופן אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. מיט שווערער מי האָבן זיי אין צווייען אַרויסגעשלעפּט אַ שפּאַל פון דער זומפּ און אים קוים אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן. קוקנדיק אויף זיי האָבן שוין אויך די אַנדערע געקריגן מער קוראַזש און קוים מיט צרות גענומען אַזאַ שפּאַל אויף די אַקסלען, איינעם און נאָך איינעם. שווער־סאָפּענדיק, באַגאָסענע מיט טייכן שוויס האָבן זיי געשלעפּט די שפּאַלן און זיי אָפּגעלייגט אין וואַגאָן.

די הענט האָבן אָנגעהויבן ציִען און ברענען. די אַקסלען, אויף וועלכע מ׳האָט אָנגעלאָדן די שפּאַלן, זענען געוואָרן אָפּגעריבן. אַ פּוילער ווייטיק האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. אַ טייל האָט זיך צעוווּנדיקט פּיס און הענט. פליגן פון משונהדיקער גרייס האָבן זיך איינגעזויגן אין צעוווּנדיקטן פלייש, געביסן און פאַרשאַפט אומגעהייערע יסורים.

דער אינסטרוקטאָר, אַוראַמענקאָ, האָט אונטערגעאיילט קאַלט און אכזריותדיק:

— גיכער, גיכער! מע דאַרף אָנגרוזעווען דעם וואַגאָן שפּאַלן! באַלד וועט אָנקומען דער פאַראַוואָז[1].

---

[1] לאָקאָמאָטיוו

ווי אַ צולאָג האָט די זון זיך איינגעגעסן מיט אירע ברי׳עדיקע שטראַלן און נאָך שטאַרקער אויסגעמידט די אברים, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. מיט גרויס מי האָבן די פּליטים — אין צווייען און אין דרייען — געשלעפּט די שפּאַלן אין וואַגאָן אַריין. דאָך האָבן זיי ביז מיטאָג נישט באַוויזן מער צו פאַרגרוזעווען ווי קוים אַ האַלבן וואַגאָן.

דער גודאָק האָט זיך צעפּייפט אויף מיטאָג. פון אַלע אַרומיקע אַרבעט־פּלעצער האָבן זיך די אַרבעטער געשלעפּט צו דער סטאָלאָווע[2] וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ הויך בערגל, וווהין ס׳זענען געווען געווענדט אַלעמענס בליקן. די בריגאַדע גרוזטשיקעס האָט נישט געטאָרט פרי׳ער פאַרלאָזן דעם אַר־בעטפּלאַץ ביזן סוף פון דער „פּאַגרוזקע״[3].

וואָס ווייטער איז די אַרבעט געוואָרן אַלץ שווערער. אַ מידקייט און שלאַבעריקייט האָט אַלעמען באַצווינגען גלייך ווי די כוחות וואָלטן גע־נומען אויסרינען — טראָפּן נאָך טראָפּן.

— ווער ווייסט — האָט זיך אָנגערופן כאַזאַנאָוויטש, אַ יונגער קרעפּ־טיקער בחור פון לאָדזש, אַ געוועזענער טרעגעריונג, וואָס האָט פאַרזוכט אין זיין לעבן דעם טעם פון שווערער פיזישער אַרבעט — מיר דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע פאַרשאָלטענע אַרבעט וועט מיך אַוועקלייגן. דאָס איז שוין, ברידערלעך — האָט ער צוגעגעבן אַ רעזיגנירטער — נישט פאַר מיינע כוחות.

— אויב מיר וועלן די אַרבעט נישט אַוועקלייגן וועט זי אונדז אַוועק־לייגן — האָט ביטער אַ שמייכל געטון שמואל ראָזענבערג, אַ יונגערמאַן אין די פערציקער, אַ קרעפּטיקער מיט בלוטשפּריצנדיקע באַקן און פעסטן געשטעל — דער היינטיקער טאָג איז דער שווערסטער אין מיין לעבן.

די בריגאַדע האָט קוים פאַרענדיקט דאָס גרוזעווען. מיט די לעצטע כוחות און שלאַבעריקע טריט האָט מען זיך געלאָזט צו דער סטאָלאָווע. די יידישע פּליטים, פאַרוואָרפענע אין דער וויסטער פרעמד, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן פאַרזוכן דעם טעם פון קאַטאַרזשנער אַרבעט, זענען געזעסן

[2] אַרבעטער־קיך
[3] אָפּלאָדעווען

שווייגנדיק־פֿאַרלוירענע ביי די טישן און קוים געשלונגען די זופּ פֿון געזאַלצענע פֿיש, פֿאַרבייסנדיק מיטן שוואַרצן ליימיקן ברויט.

צאַלע אַנציס האָט זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צו זיך אין באַראַק־צימער, אַוועקגעפֿאַלן אַזוי אין אָנטועכץ אויפֿן געלעגער און פֿון גרויס אָנגעהאַרעוועטקייט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. די זון האָט פֿאַר איר לעצטן אָפּשייד פֿון דער ערד געוואָרפֿן הייסע ברייטע־קלעפּיקע שטראַלן, וואָס האָבן צעפּאַרעט דאָס גאַנצע צימערל, אַז ס'איז ממש נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. אין אַלע באַראַק־צימערן איז געווען שטיל. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס. ביסלעכווייז האָט זיך די זון געזעצט, אַלץ טיפֿער און ווייטער זיך אַראָפּגעזעצט הינטער די ביימער־קרוינען. אַ קיל מחייהדיק ווינטל האָט איצט געגלעט און געצערטלט איבערן פּנים און אָפּגעקילט אַ ביסל פֿון דער ברענענדיקער היץ.

דער גודאַק, וואָס איז דער איינציקער אָנזאָגער פֿון צייט און אויסלייזונג פֿון דער שווערער פּראַצע, האָט זיך צעשריגן מיט אַ געוואַי. פֿרייכנדיקע זענען אין צימער אַריין אַנציסעס מיט־שכנים און טויטמידע געפֿאַלן אויף די בעטן.

— אמת, אַ שווערער טאָג היינט געווען — האָט אַנציס געפּרוווט טרייסטן זיינע שכנים — מיט דער צייט וועט לייכטער ווערן, מע וועט זיך צוגעוויינען און ווי ס'איז דורכקומען...

קיינער האָט אים נישט געענטפֿערט. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט שטום און דראָענדיק. שווערע קרעכצן האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט אַ שווערן כראָפּען פֿון די גליקלעכע וועמען דער שלאָף האָט גובר געווען. אַנדערע האָבן געפֿירט אַ קאַמף מיט די קאָמאַרן און צודרינגלעכע וואַנצן און קאָנוווּלסיוו זיך געוואָרפֿן אויף די געלעגערס.

צאַלע אַנציס האָט נאָך נישט באַוויזן איינצושלאָפֿן ווי אַ האַסטיק קלאַפּן אין באַראַק־פֿענצטערל האָט אים מיט אַ מאָל וואַך געמאַכט:

— היי, שטיי־אויף! — האָט אים אַוראַמענקאָ אַ רוף געטון — רוף צונויף דיין בריגאַדע! וואַגאָנען זענען אָנגעקומען!

צאַלע אַנציס האָט אויסגעגלייכט זיינע אברים און אַרויס אויף דער ליכטיקער גאַס. צו זיין נאָז האָבן זיך דערטראָגן פֿרישע וואַלד־ריחות פֿון

צעטריפטן סאָסנעזאַפּט וואָס האָט אים אָפּגעפּרישט. ער האָט אַ צעפּיר גע־טון די הענט, אויסגעקנאַקט די ביינער און זיך געלאָזט גיין פון באַראַק צו באַראַק וועקן זיינע אַרבעטער. לכתחילה האָט אים קיינער נישט געענט־פערט. אַלע זיינע אַרבעט־חברים זענען געלעגן מידע, געשנאָרכט און גע־קרעכצט אין יסורים. נאָר די מורא און דיסציפּלין האָט זיי גלייך אויסגע־טשוכעט און פוילע זענען זיי אַראָפּגעקראָכן פון די בעטן.

די בריגאַדע איז אָנגעקומען אויף דער באַנראַמפּע. דער וואַגאָן איז נאָך נישט געהאַט געוואָרן צוגעשטעלט צום אָנלאָדעווען.

— אַזוי איז שוין דער גורל פונעם גרוזטשיק — האָט זיך מיט זיי געוויצלט אווראַמענקאָ, פאַדרייענדיק אַ מאַכאָרקע אין אַ גרויס שטיק ציטונג־פּאַפּיר — אַ מאָל איז נישטאָ קיין אַרבעט אייניקע טעג און אַ מאָל טרעפט אַז די וואַגאָנען ווערן צוגעשטעלט אין מיטן דער נאַכט. דער לאָקאָ־מאָטיוו ביי אונדז, ברידערלעך, קאָן נישט וואַרטן. מע דאַרף תיכף, פאַ סטאַכאַנאָווסקי, פאַרגרוזעווען. אונדזער לאַנד נייטיקט זיך אין געהילץ, מע דאַרף אַלץ טון אונדזער לאַנד גרויס צו מאַכן, וואָט־קאַקי — האָט ער אויפ־געהויבן אַ פויסט — אייזן־שטאַרק, פאַרשטאַנען?

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס רוישן פון לאָקאָמאָטיוו און געבראַזג פון אָפּגעטשעפּעטע וואַגאָנען. אווראַמענקאָ האָט אויף דער שינע אַוועק־געלייגט אַ קלאָץ און דער וואַגאָן האָט אונטערשפּרינגענדיק אַ האָפּסל גע־טון אויף אַ זייט ווי וועלנדיק אומפאַלן און געבליבן שטיין האַרט לעבן זיי.

— נו, רעביאַטאַ, ביסטרעע[2], — האָט אווראַמענקאָ באַפוילן און זיך אַראָפּגעזעצט אויף די דערלעבנדיקע באַנשינעס.

דאָס מאָל איז די באַנאַרבעט געווען אַ סך אַ לייכטערע. זיי האָבן פאַר־לאָדן צוויי מעטערדיקע געשניטענע קלעצלעך. געמוטיקט פון אווראַמענ־קאָן האָבן זיי דאָס געהילץ פלינק און אין גרויס איילעניש געשליידערט אין וואַגאָן, וואָס האָט יעדן קלעצל אויפגענומען מיט אַ הילכיקן גערויש. די קאַמאַרן האָבן אויך דאָ נישט אָפּגעלאָזט. אין גאַנצע סטאַדעס האָבן

---

[1] אָט ווי אַזוי

[2] נו, חברה, גיכער!

זיי אַרומגעשוועבט מיט אַ הוזשעריי און געררויש, אַז ס׳איז שווער געווען זיי אָפּצוטרייבן.

דריי שעה האָט געדויערט ביז די צען־פּערזאָניקע בריגאַדע האָט אָנגעפּילט דעם זעכצנטאָניקן וואַגאָן. אַוראַמענקאָ האָט זיי געוויזן ווי אַזוי הערמעטיש צו פאַרמאַכן די וואַגאָנטיר און געוואָרנט דערביי:

— געדענקט, לייגט צו דעם קאָפּ, איר וועט דאַרפן אַרבעטן זעלבשטענדיק און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייער פאַרגרוזעוועטן וואַגאָן.

— עס איז שווער — האָט דער בריגאַדיר צאַלע אַנציס דערווידערט — מיר האָבן קיין מאָל אַזאַ אַרבעט נישט געטון. איידער מיר וועלן זיך דערצו צוגעוויינען וועט לאַנג געדויערן.

— „ניטשעוואָ, פּריוויקניעש״![1] — האָט אַוראַמענקאָ אַ קלאַפּ געטון ווילינגעריש אַנציסן אין דער פּלייצע — „אַ קאַק ניע פּריוויקניעש, טאָ פּאָדאָכניעש״[2], — האָט ער זיך ווילד צעהירזשעט, אַרויסשטעלנדיק זיינע געזונטע ווייסע ציין. — ביי אונדז געוויינט מען זיך צו צו אַרבעטן. מיר זענען אויך מענטשן און אויך מיר האָבן זיך צוגעוווינט און ס׳גייט „וואָט קאַק״[3] און מיר בויען דאָס לאַנד.

די בריגאַדע האָט זיך צוגעזעצט אויף די שינעס אָפּצורוען אַ וויילע און באַטראַכט דעם ערשטן וואַגאָן, וואָס זיי האָבן אַליין אָנגעגרוזעוועט, און זיך איינגעזויגן מיט די אויגן אין די רעדער, וואָס געפינען זיך אין דער גליקלעכער לאַגע צו קענען אַוועקקוילערן זיך פון דאַנען ווייט...

דער הימל האָט זיך ביי די וואַלד־ראַנדן איינגעהילט אין ראָזן קאָליר. באַלד האָט די יולי־זון געשיקט דעם ערשטן שטראַל וואָס האָט זיך פאַרפלאָכטן אין די ביימער־שפּיצן. אַ שאָקל געטון פון די בלעטער די ראָסעפּערל און אויפגעגלאַנצט מיט אַ בלאַסן אָפּשיין. פון איין צווייג צום אַנדערן האָבן פייגעלעך, צעוועקטע פון שלאָף, אָנגעהויבן צו פליִען און אַ שטיל נחתדיק געזאַנג האָט זיך צעטראָגן אין אַרום. זיי, די פייגל, האָבן

1 נישקשה, וועסט זיך צוגעוויינען

2 אַ נישט וועסטו פגרן

3 אָט ווי אַזוי!

דעם יאָך פון קנעכטשאַפט און שווערקייט אויף דאָ אינעם ווייטן צפון נישט געפילט. זיי זענען פריי און זאָרגלאָז.

די סירענע פון טאַרטאַק האָט זיך מיט קולי קולות, אָט גרילצנדיק און אָט פייפנדיק בנעימותדיק זיך צעגאָסן, צעפיצלט צווישן די צווייגן און פאַרלוירן געגאַנגען אין דער אומענדלעכקייט פון אַלטן סודותפולן וואַלד.

***

דאָס לעבן אויפן פּאָסיאָלאָק איז אַוועק נאָרמאַל. די קאַמאָרן זענען שוין געוואָרן אַ ביסל היימישער. די אַרבעט — אַ געוווינהייט. די עסנס אין דער סטאָלאָווע האָבן שוין גוט געשמעקט. אינעם איינציקן מאַגאַזין האָבן די אַרבעטער באַקומען אויף ספּעציעלע טאָלאָנען צוקערלעך, בראָנפן, אַ מאָל אויך מאַרמעלאַד. מ'האָט געקאָנט קריגן צו קויפן טינט, אָן איינציקע גיטאַרע האָט זיך געהנדלט אויף אַ פּאַליצע און אַ סך, גאָר אַ סך ביכלעך מיט דער אָפּגעדרוקטער סטאַלין־קאָנסטיטוציע, וואָס איז שנעל געוואָרן אויסגעכאַפּט. דאָס איז געווען דער איינציקער אַרטיקל וואָס האָט שטענדיק אויסגעפעלט, מ'האָט עס געניצט צום רויכערן און צו אַנדערע באַדערפענישן...

די אַרבעטער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט, האָבן פון דער קאָמענדאַטורע באַקומען „פּראָפּוסקן"[1] צו גיין אין די אַרומיקע קאָלכאָזן. די פּליטים האָבן אויסגעטוישט ברויט, אַ בגד פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל און מילך. די קאָלכאָזניקעס זענען געווען אָרעם און פאַר אַ שטיקל אָפּגעניצט בגד האָבן זיי אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע ביסל קאַרטאָפל, מיט וואָס זיי האָבן דערנערט זיך מיט דער מישפּחה. מ'האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט גרופּעסווייז אין דער געדיכטעניש פון די וועלדער קלייבן מאַלינעס, יאַגדעס, באָרוווקעס און שוואָמען וואָס זענען געווען אָנגעשאָטן לרוב. די וואָס האָבן באַקומען צוקער אין פּעקלעך, אָדער אין מאַגאַזין האָבן איינגעלייגט מאַלינעס, ווי אין די אַלטע גוטע היימישע צייטן, געטריקנט און איינגעזייערט שוואָמען אויפן ווינטער.

---

[1] דערלויבענישן

נאָך דער אַרבעט האָט זיך די יוגנט אָנגעטון אין די בעסערע בגדים, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט פון דער היים, געשפּאַצירט אויפן איינציקן הילצערנעם טראָטואַר אַרום די באַראַקן און געזונגען. דאָס יונגוואַרג האָט די מרה־שחורה פאַריאָגט מיט פריילעכן געזאַנג און שטיפערייען.

***

אַדוואָקאַט איגנאַצי פּאַפּערבוך — אַ הויכער שלאַנקער יונגערמאַן — האָט אויך דאָ נישט פאַרלוירן זיין שטיפקייט. ער איז שטענדיק געגאַנגען עלעגאַנט אָנגעטון און מיט גאווה אַראָפּגעקוקט צו דער „כאַלאַטע", ווי ער האָט אָנגערופן די איבעריקע פּליטים. ער האָט זיך געחברט מיט די עט־לעכע ייִדישע דאָקטוירים, אינזשעניערן און אינטעליגענץ, וואָס איז אויך אַריינגעפאַלן אויפן פּאַסיאָלאָק. פּאַפּערבוכן האָט דאָס מזל צוגעדינט: אַנ־שטאָט צו שטיין און זעגן האָלץ, אַראָפּלאָזן ביימער, האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין קאַנטאָר. ער האָט געדאַרפט גיין יעדן טאָג אַ פּאָר קילאָמעטער צום קאַנטאָר, אָבער דערפאַר איז ער געווען פאַרזיכערט פון רעגן, שניי און פראָסט.

אַ גוט־אויסגערוטער און זאַטער, האָבן זיך אין אים דערוועקט די ליבע־געפילן. שוין לאַנג ווי ער איז אַליין. זיין פרוי און קינד האָט ער געלאָזט אין וואַרשע. דאָ גייט שוין דאָס לעבן נאָרמאַל, ביז ווען קאָן מען אַזוי זיין אָן אַ פרוי? בפרט נאָך ווען אין זיין באַזונדער צימערל, וואָס ער האָט איבערן קאַרצער־קעלער, קומט אַריין די יונגע שיינע אויפרוימערין סאַבינע, וואָס איז אויך „אובאַרשטשיצע"[1] אין דער קאָמענדאַטור. אויך זי האָט געלאָזט איר מאַן ביים דייטש און איז דאָ פאַרשיקט געוואָרן מיט איר דריי יאָריק קינד. פּאַפּערבוך האָט באַשלאָסן זיך צוזאַמענצוקומען מיט איר, בפרט ווען דער קאָמענדאַנט דערמוטיקט סאַבינען צו דעם.

— ביי אונדז — זאָגט איר דער קאָמענדאַנט, — זענען פאַראַן אַ סך מענער, מע טאָר נישט אַרומגיין און בענקען נאָך אַ מאַן. ס'פּעלט נישט דער מין.

[1] דינסטמיידל, ריין־מאַכערין

יעדן אינדערפרי ווי נאָר סאַבינע איז אַריין אין זיין צימער — ער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט די פּריווילעגיע, ווייל ער האָט שטאַרק גושא־חן געווען ביים קאָמענדאַנט מיט זיין געשליפן צינגעלע, הכנעה און חניפה — איז ער צו איר צוגעשטאַנען, פריער צודרינגלעכער, און נאָך דעם סאָלידער און מענטשלעכער, ער האָט איר געגעבן אָנצוגע־הערן, אַז ער האָט זי באמת ליב.

לכתחילה האָט סאַבינע דערווידערט. אין איר עלנטקייט און איינזאַמ־קייט האָט זי דערפילט, אַז זי איז בלויז אַ שוואַכע איינזאַמע פרוי, וועלכע בייטיקט זיך אין צערטלעכקייט, אין דער שטיצע פון אַ מאַן און נישט גע־קוקט דערויף וואָס זי האָט איר מאַן ליב געהאַט און נישט פאַרגעסן אין אים אויף קיין מינוט, האָט זי נישט געקאָנטביישטיין דעם נסיון. זי האָט זיך אָנגעהויבן אָפטער צו טרעפן מיט פּאַפּערבוכן אין די אָוונטן, און אין די שפּעטע נאַכט־שעהען פאַרלאָזט זיין צימער.

דאָס איז געווען די ערשטע נויטליבע אויפן פּאַסיאַלאַק.

ווי לאַנג דעם פּאָרל איז געלונגען האָבן זיי זיך באַמיט פאַר אַ זייטיק אויג נישט אַרויסצווייזן זייער נאָענטקייט. צווישן מענטשן האָבן זיי אַרויס־געוויזן איינער צום אַנדערן גלייכגילטיקייט, נאָר אין אַזאַ קליינעם אָרט, ווען כמעט אַלע פּליטים האָבן שוין איינער דעם צווייטן גוט געקענט, האָט עס לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן.

עס האָבן זיך געפינען פּליטים, וואָס האָבן פאַראורטיילט סאַבינען פאַר איר טאַט, אָבער לסוף האָט מען זיך אויך דערצו צוגעוואוינט און ס'האָט שוין גאָרנישט איבערגעראַשט ווען סאַבינע האָט זיך אַריינגעקליבן צו אַדוואָקאַט פּאַפּערבוך אין צימערל.

— דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אונדז — האָט סאַבינע געזאָגט צו די יעניקע, וואָס האָבן זי געפּרוווט צו מוסרן — ווער ווייסט ווען די מילחמה וועט זיך ענדיקן און איך ווער אויפגעפרעסן אין מיין איינזאַמ־קייט און עלנטקייט.

סאַבינע האָט געמאַכט דעם אָנהייב. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך אַזעלכע פּאָרלעך, וואָס זענען זיך צונויפגעגאַנגען צוליב נויט און איינ־זאַמקייט.

קאַפּיטל צען

קאַלטס און וואַרעמס

דער זומער איז געגאַנגען צום סוף. די שלאַקסרעגנס זענען געפאַלן און אויפהער. מ'איז געקראָכן אין טיפע בלאָטעס, שווער געוועז אַרויסצושלעפּן אַ פוס פון דער געדיכטעניש. די רעגנס האָבן געשמיסן אין פּנים אַריין. די שטשאַפּעס האָלץ זענען געוואָרן גליטשיק. אין אַזעלכע באַדינגונגען ביי דער אַרבעט איז מען געוועזן איינגעשטעלט מיטן לעבן, ביי יעדן אומפאָרזיכטיקן באַוועג האָט געדראָעט צו פאַלן אונטער דער משא און מער נישט אויפשטיין פון דער בלאָטע, פאַרזונקען ווערן אונטערן שווערן שפּאַל.

אומגעריכט האָט זיך געשטעלט דער ווינטער — אַ האַרבער און שווערער, מיט טיפע שנייען און שטאַרער פראָסט. דער איינציקער ברונעם איז פאַרפרוירן געוואָרן און דאָס וואַסער אינעם טייכל, וואָס איז זומערצייט געפלאָסן לויטער צווישן די קשאַקעס, איז איינגעפרוירן געוואָרן, געלעגן פאַרקאָוועט — איין שטיק אייז. די קליידער און שיך, וואָס די פּליטים האָבן נאָך געהאַט אויף זיך, זענען געוועזן מיזערנע, נעבעכדיקע. זיי האָבן נישט געקאָנט שיצן קעגן דער מוראדיקער קעלט. די הענט און פיס האָבן געגרינען שטאַרן און געוואָרן באַשיט מיט בלאָטערס און געשווירן.

בלויז אין די קליינע באַראַק־צימערן איז געוועזן וואַרעם. האָלץ איז דאָ געוועזן לרוב. אַליין זיך נעמען איז אָבער געוועזן פאַרווערט. מ'האָט געדאַרפט אויסקויפן אַ טאַלאָן אין קאַנטאָר אויף צו באַקומען דאָס האָלץ און אַ פורמאַן האָט עס צוגעפירט צום באַראַק.

די בריגאַדע פון צאַלע אַנציס האָט באַקומען הויכע ווויליק־שטיוול צו קאָנען אַרויסגיין אויף דער פאַגרוזקע. די וואַלענקעס זענען געווען אַ שטיקל שוץ קעגן פראָסט וואָס האָט קודם־כל אָנגעגריפן די פיס. אַז ס'איז וואַרעם

אין די פיס איז שוין אויך וואָרעם אין גאַנצן קערפּער, מע קאָן זיך שוין נישט אַזוי גרינג פאַרקילן, און מע טראָגט גיכער איבער די קעלט.

יעדן אָוונט האָט סערגיי אַלעקסייעוויטש פּאָפּאָוו געמאַכט אַן אינס־פּעקציע איבער די באַראַקן און אויך איבערן אַנטוּעכץ. ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט ביי איינעם, אַ צווייטן און אַנגעוויזן אויף יענעמס אויסגעקרומטע צעלעכערטע וואַלענקעס, פאַרלאַטעט פון אַלע זייטן, האָט ער אַ וויש געטון די פאַרפרוירענע נאָז און געזאָגט באַדאַכט מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן:

— די פיס ביים מענטש זענען דער עיקר. אַז מ׳האָט נישט קיין פיס איז ווי צום קאָפּ. אין דער ערשטער ריי דאַרף מען באַשיצן די פיס. דאָס זיכערסטע מיטל דערצו זענען וואַלענקעס. בפרט דאָ, אין אונדזערע מקו־מות, אין די קאַלטע געגנטן דאַרף מען היטן די פילצענע שטיוול ווי אַן אויג אין קאָפּ.

צאַלע אַנציס האָט זייטיק אַ שמייכל געטון. ביז איינער קריגט צוגע־טיילט אַ פּאָר וויליק־שטיוול קריכן אים פריִער אַרויס די אויגן פון קאָפּ.

אין די פּראַסטיקע אָוונטן זענען אַ סך פּליטים געזעסן צוזאַמען אין די גוט־איינגעהייצטע צימערלעך און זיך דערמאָנט אין דער אַלטער היים וואָס האָט מיט טויזנטער חן־פּלעמלעך געווונקען דורך די פּראָסטיק־פאַר־צויגענע פענצטערלעך.

דער קאָמענדאַנט איז שטרענגער געוואָרן צו די פּליטים. ער האָט נישט דערלאָזט אַז עמעצער פון די פּליטים זאָל זיך אַרויסדרייען פון דער אַר־בעט. זיך אַפילו פאַרלייגט אויפן אַלטן ר׳ יעקב וויגאָדע. דער סאַמע אָרעמ־סטער פון די פּליטים. ער האָט געוווינט אין אַלגעמיינעם באַראַק מיט נאָך פופציק ייִדן. נישט ער און נישט זיין ווייב האָבן געטויגט צו דער אַרבעט. זי איז געווען אַלט, קראַנק און צעבראָכן. זייערע דריי ייִנגלעך זענען געווען בלייכע און אויסגעדאַרטע. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט צומאָל קיין קישן, קיין וואָרעמען בגד אויפן לייב. ס׳איז געווען אַ שרעק צו קוקן ווי זיי ליידן פון הונגער און פון קעלט.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך ביי יעדער געלעגנהייט געטשעפּעט צו אים, נישט אַראָפּגעלאָזט אים פון אויג, שטענדיק געשטראָפט און געמוסרט און אים געיאָגט צו דער אַרבעט:

— ביי אונדז גייען נישט קיין קונצן. ביי אונדז אַרבעטן אַלע, עלטערע פון דיר און שוואַכערע פון דיר. אַרבעטן דאַרף מען!

נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פונעם קאָמענדאַנט האָט צאַלע אַנציס געזאַמלט וואָס ס'איז נאָר געווען מעגלעך בכדי צו לינדערן די נויט פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער מישפּחה.

דער שווערער ווינטער איז אַוועק. ענדלעך פּטור געוואָרן פון די קעלטן. אויך די פּלאָג האָבן די פּליטים איבערגעטראָגן, זיך צוגעוווינט, געליטן און איבערגעטראָגן.

טריי זיין צוזאָג, אַז די פּליטים וועלן שוין דאָ בלייבן אויף שטענדיק, האָט זיך איצט דער קאָמענדאַנט פאַרגענומען דורכצופירן אַ גרויסן פּלאַן. ער האָט יעדן איינעם באַזונדער פאַרגעלייגט אַ שטיקל ערד, נאָענט פונעם כאָסיאַלאַק. צוגעזאָגט זריעה, אַ פלוג און אַ פערד, און זאָל מען פאַרזעצן קאַרטאָפל. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס באַוויזט צו וואַקסן אין משך פונעם קורצן זומער.

דער עולם האָט עס אויפגענומען סקעפּטיש:

— ווייסעך וואָס, מיר וועלן דען זיין ביז די קאַרטאָפל וועלן צייטיק ווערן...

אַ מאָדנע זאַך מיט די פּליטים. זינט דעם ערשטן טאָג פון דער פאַר־שיקונג ביז היינט, פאַרוואָרפן עק וועלט, האָבן זיך די פּליטים געהאַלטן אין איין איינרעדן אַז זיי וועלן אַרויס פון דאַנען, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג ווען זיי וועלן פאַרלאָזן די דאָזיקע פאַרשאָלטענע ערד, כאָטש די אַלטע תּוש־בים — די פאַרשיקטע רוסן וואָס געפינען זיך שוין דאָ שיינע יאָרן — האָבן געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן אַז פון דאַנען איז נאָך קיינער צוריק נישט אַרויס.

— און איך האַלט — האָט צאַלע אַנציס געטענהט — אַז דער קאָמענ־דאַנט האָט רעכט, מיר דאַרפן פאַרזייען קאַרטאָפל. וואָס קאָן עס שאַדטן? וועט מען אַוועק פון דאַנען איז פאַרפאַלן, וועלן אַנדערע געניסן פון אונ־דזער פראַצע. אלא נישט, וועט מען דאָך כאָטש האָבן וואָס צו עסן.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיך עטלעכע פּליטים, צוזאַמען מיט צאַלע אַנציסן אַרויסגעלאָזט אויסקאָרטשעווען אַ שטיק אויסגעהאַקטן וואַלד. זיי

האָבן דורכגעאַקערט דאָס פעלד און פאַרזייט די גראָדקעס ערד. דער קאָ־מענדאַנט איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און זיך צוגעקוקט צו דער אַר־בעט און געווען צופרידן:

— אַט די זענען ביים שכל! דער צאַלע אַנציס פאַרשטייט אַן ענין.

דער געהילף־קאָמענדאַנט, פאָפּאָוו, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אומע־טום אַריינצושטעקן זיין נאָז, האָט זיך אויך צוגערוקט, באַטראַכט ווי אַנ־ציס אַרבעט, גלייך ווי אַ געניטער ערדאַרבעטער, כאָטש ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געהאַלטן קיין אַקעראייזן אין האַנט. פאָפּאָוו האָט זיך גלייך געמאַכט די טוזשורקע, פאַרשאַרצט דאָס האַלבמיליטערישע היטל מיטן רויטן עמאַל־שטערן אויף פאָרנט — דער סימבאָל פון זיין מאַכט — און זיך ברייט צעשמייכלט:

— קאַרטאָשקי, גראַזשדאַנין אַנציס, איז ביי אונדז אַ וויכטיק מאכל. מע קאָן זיך מיט זיי אָנשטאָפּן דעם בויך און אַז דער בויך איז פול ווערן שוין אַלע קשיות פאַרענטפערט. אמת, אַ סך אַרבעט גיט עס און נישט ווײ־ניקער קלאָפּאָטן, און וואָס מער קלאָפּאָטן איינער האָט אין דער באַלעבאָ־טישקייט, אַלץ ווייטער איז ער פון קאַרצער, פאַרשטאַנען? דו, אַנציס, ביסט אַ פאַרשטאַנדיקער יונג. אַלע דייניקע זענען עקשנים, איינגעשפּאַרטע ווי די אייזלען. שפּעטער, אין האַרבסט, ווען דו וועסט שוין האָבן אַראָפּגענומען די קאַרטאָפל, וועלן זיי ערשט באַדויערן, וועסט זען...

צאַלע אַנציס האָט זיך אָפּגערוט אַ ווייל. ער איז געשטאַנען אַ רויקער און געווישט דעם שוויס פון שטערן. ער האָט פון אַ זייט אָנגעקוקט פּאָ־פּאָוון און אים צוגעוואָרפן:

— איך פאַרנעם זיך מיט פעלדאַרבעט ווייל איך וויל זיך מיט עפּעס צעשטרייען, נאָר גערעכט זענען מיינע זעמליאַקעס: איך וועל אַרבעטן און איר וועט עסן די קאַרטאָפל. מיר וועלן פריִער באַפרייט ווערן פון דאַנען.

— נאַרישקייטן — האָט פאָפּאָוו אַרויסגעפּלאַצט אַ רויטער פון כעס — ביי אונדז, ברוודערל, ווערט מען נישט אַזוי געשווינד באַפרייט. וואָסי, ס׳גייט אין כאַפּעלעך? מע ברענגט מענטשן פון ווי ווייט, מע טוט אַלץ פאַר זיי, און שוין טריל־טראַל, שוין נעמט מען זיי אַוועק? פּוסטיאַקי, גראַזש־דאַנין, נאַרישקייטן רעדסטו...

פּאַפּאַוו האָט אייליק אַוועקגעשפּרייזט, ווי אַן אָפּגעבריטער און אי־בערגעלאָזט אַנציסן זיך פּאָרען ביים קאַרטאָפל־פעלד.

כאָטש מ׳איז שוין אַריין אין די ערשטע טעג פון מיי איז נאָך אַלץ דער איינציקער ברונעם פאַרקאָוועט מיט אייז ביי די זייטן. אין מיטן טאָג מאַכט זיך היים און גלייך נעמען אַטאַקירן די קאָמאַרן און די גרויסע פליגן גיבן אַ צופּ און אַ שטאָך ביז בלוט.

פּאַפּאַוו לויפט אַרום אַ פאַרשמייעטער. דער רעוואָלווער באַמבלט זיך אים ביי דער זייט פון דער טוזשורקע ווי אַן אומנייטיקע זאַך. עפּעס איז געשען גאָר וויכטיקס. ער האָט עס איינגעהילט אין אַ סוד וואָס איז באַלד געוואָרן אויס סוד. יאַנקל לעוויצקי פון דער בחורישער בשותפותער ווי־נונג האָט עס באַלד איבערגעגעבן איינעם און ס׳איז שוין געגאַנגען פון אויער צו אויער:

— דייטשלאַנד איז באַפאַלן אונדזער לאַנד... ער האָט אַליין געהערט דורכן ראַדיאָ.

די פּליטים זענען געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון אַ פיבערדיקער שטימונג. יעדער האָט עס אויסגעטייטשט אויף אַן אַנדערן אופן. אין ערשטן מאָמענט איז זיך שווער געווען אָפּצוגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון. איין זאַך איז אָבער פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר, אַן ענדערונג מוז קומען וואָס וועט זיך אויך אויסווירקן אויפן גורל פון די פאַרשיקטע פּליטים.

די עטלעכע מאַכטהאָבער אויפן פּאָסיאָלאָק זענען אַרומגעגאַנגען צע־טראָגענע, אַנגעכמורעטע און אויסגעמיטן צו רעדן מיט די פּליטים. אויפן ערשטן מאָמענט זענען זיי אַזוי צעמישט געוואָרן אַז זיי האָבן נישט געוווּסט ווי צו האַנדלען. גלייך אויף מאָרגן האָט דער „זאַוומאַג" — דער לייטער און פאַרקויפער פון מאַגאַזין — דער יונגער סאַשע באַקומען אַן אויפפאָ־דערונג פון וועלסקער „ראַיאָנעם וואָיענקאָמאַט"[1] אַז ער זאָל זיך צושטעלן צום מיליטער און ער איז טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן. ביי דער געזעגענונג מיט זיינע עלטערן און מיט זיין יונגער פרוי האָט ער אַזוי שטאַרק געוויינט אַז ס׳איז געווען אַ רחמנות אַ קוק צו טון אויף אים, אַזוי ווי אַ קליין קינד. מ׳האָט אים גאָרנישט געקאָנט איינגעמען מיט קיין רייד.

[1] געגנטלעכן מיליטער־קאָמיסאַריאַט

אַלע זענען געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון פיבער פון דערוואַרטן ווי ס'וועלן זיך אויסוויקלען די געשעענישן. אַ מאָדנע געפיל איז עס געווען. מ'האָט זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן גענוי און פּינקטלעך דעם אינהאַלט פון די „סוואָדקעס"[1] פון פּראַנט, כאָטש אַלע האָבן גלייך געהערט פונעם איינציקן ראַדיאָ־הילכער וואָס איז געווען אינסטאַלירט פאַר דער קאָמענ־דאַנטור. די אַרבעטן זענען איצט צוגעגאַנגען שלאַבעריק. ווי פון זיך אַליין האָט יעדער פאַרלוירן דעם חשק צו טון עפּעס. די דיסציפּלין האָט נאָכ־געלאָזן. אויך די דעסיאַטניקעס און בריגאַדירן האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט. מ'האָט געאַרבעט ווי פון יוצא וועגן, כאָטש זי איז געווען אַ געצוווּנגענע, ווייל מ'האָט פאַרדינט אויפן אויסקומעניש.

ווי אויף צו להכעיס האָט אַנציס קאַרטאָפל־פעלד אַרויסגעלאָזט צווייטן. דאָס פעלד איז זיך שיין פונאַנדערגעוואַקסן. צאַלע אַנציס האָט געקוואָלן פון נחת און גערופן זיינע באַקאַנטע אַ קוק צו טון אויף די צעגרינטע גראָד־קעס, זיי זאָלן באַוווּנדערן זיין אַרבעט.

*****

דער געגאַרטער טאָג, וואָס אַלע פאַרשיקטע האָבן אויסגעקוקט דורך די ענדלאָזע נעכט אויף זייערע האַרטע געלעגערס, איז ענדלעך געקומען. דער אויסגעחלומטער טאָג פון באַפרייונג איז געשטאַנען אויף דער שוועל. די פּליטים זענען אַמנעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך צווישן דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג און דער סאָוויעטישער מאַכט. אַ זאַך אין וואָס פּאַפּאָוו און אַלע רוסן דאָ האָבן נישט געגלייבט, זיך נישט גע־קאָנט צומאָל פאַרשטעלן אַז ס'קאָן געשען. דאָס סאַמע אומגלייבלעכסטע איז געוואָרן אַ פאַקט נישט צום אַפּלייקענען און נישט אָפּצורופן.

נישט אַזוי לייכט איז אָבער אָנגעקומען דער וועג צו דער באַפרייונג. נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט האָט צערודערט די אָנגעשפּאַנטע נערוון פון די פאַרשיקטע פּליטים אויף דער שוועל פון זייער באַפרייונג. אין דער

---

[1] באַריכטן, נייעס

קאָמענדאַטור האָט אָנגעהויבן צו אַמטירן אַ יונג שיקסל, וואָס איז געקו־מען פון ראַיאָן. פּאַפּאָוו איז געגאַנגען פון באַראַק צו באַראַק און איינציק־וויז געגרופן אַהין די צעטומלטע „חברים״ פּליטים.

דער ערשטער איז אַרויסגערופן געוואָרן ר׳ יידל מערמלשטיין, אַ שטילער קרענקלעכער ייִד, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון זיין פאַרשיקונג געטון זיין אַרבעט אָן תרעומות, נישט טוענדיק צומאָל קיין קרעכץ, כאָטש די אַרבעט איז אים אָנגעקומען גענוג שווער. פון דער קאָמענדאַטור איז ער אַרויסגעלאָפן מיט אַ גיכן טריט אין גאַנצן אַ צעפּלאָמטער. מיט איין אָטעם איז ער אַריינגעלאָפן צו זיך אינעם אַלגעמיינעם באַראַק און פאַר די אַרומיקע שכנים זיינע געוויזן זיין באַקומענע „אודאָסטאָווערעניע״ — זיין באַפרייונג־שיין. אַ סאָפּעדיקער, מיט אַ קורצן אָטעם האָט ער געוואָרפן ווערטער, הייסע, ברי־עדיקע:

— אויף דער וואַנט הענגט אַ מאַפּע. איר הערט? דער קאָמענדאַנט האָט מיך צוגערופן, געוויזן מיטן פינגער דאָ און דאָרט און מיך געפרעגט וווהין איך וויל פאָרן. ווו כ׳האָב געוויזן אויף אַ שטאָט, האָט דער קאָמענ־דאַנט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין״. נישט אין אַלע שטעט קאָן מען פאָרן. וועגן די צענטראַלע גרויסע שטעט איז אָפּגערעדט. דאָרט — זאָגט ער — וועט מען אונדז סיי ווי נישט אַריינלאָזן. איז מיר איינגעפאַלן צו בעטן מע זאָל מיר דערלויבן צו פאָרן דאָרט ווו ס׳איז וואַרעם, אין די וואַ־רעמע געגנטן. כ׳האָב געדענקט נאָך פון דער היים אַ נאָמען פון אַ שטאָט אין מיטלאַזיע. האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיטן וואָרט טאַשקענט. פאַר דער מילחמה איז געוועזן אַ בוך וואָס האָט געהייסן „טאַשקענט די שטאָט פון ברויט״. האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיך שיקן קיין טאַשקענט. אָנ־שטאָט טאַשקענט האָט מיר דער קאָמענדאַנט געגעבן די שטאָט סאַמאַרקאַנד. ס׳דאַרף זיין נישט ווייט פון דאָרט, אין יענע קאַנטן. זאָל זיין סאַמאַרקאַנד. וואָס וועל איך מאַכן מיט אים. מע קאָן זיך דאָך נישט אויסביטן ביי זיי דאָס טעלערל פון הימל.

און דער נאָמען פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד האָט אָנגעהויבן וואַנ־דערן פון מויל צו מויל. כאָטש דעם נאָמען האָט דער גרעסטער טייל גע־הערט אפשר צום ערשטן מאָל און קיינער האָט נישט געוווּסט גענוי ווו

ערגעץ די שטאָט ליגט און אַוודאי נישט וואָס עס דערוואַרט זיי דאָרט, און גלייך האָט עס אַלעמען אָנגעהויבן ציִען אַהין ווי מיט אַ מאַגנעט. באַלד האָבן זיך שוין געפינען אַזעלכע וואָס האָבן גענוי געקענט די שטאָט, איר קלימאַט, אירע איינוווינער, זעענסווירדיקייטן און אַלע מינים גוטע זאַכן מיט וואָס די מיטלאַזיאַטישע שטאָט איז געבענטשט. ביי יעדן איינעם האָט זיך דער נאָמען סאַמאַרקאַנד איינגעקריצט אין זכרון. קוים וועט מען אים פרעגן זאָל ער וויסן וווהין צו וועלן פאָרן. דער גרעסטער טייל פון פאַסיאַזשאַק האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין יענער פרעמדער שטאָט וואָס איז שוין געוואָרן נאָענט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פון די שוליאָרן געדענקט דעם נאָמען פון אַ שטאָט אין קאַזאַכסטאַן, און זיי האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן קיין טשימקענט. וועלכע שטאָט ס'איז וועמען אַריין שטאַרקער אין קאָפּ אַריין האָט ער זיך אַזוי רעגיסטרירט. אַן אונטערשיד וועלכע שטאָט. אַלע יוונים האָבן איין פּנים. אַבי ס'זאָל זיין וואַרעם, מע זאָל נישט דאַרפן פרירן אין די ווינטערדיקע טעג.

די פּראָצעדור פון אַרויסגעבן די באַשטעטיקונגען און באַפרייונג־שיינען איז צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלעך. ווי נאָר פּאַפּאָוו האָט זיך פאַרנאַכט — ווען דער עולם איז געקומען פון דער אַרבעט — זיך באַוויזן צו איינעם אין באַראַק און אַ זאָג געטון: — גיי אַריין אין דער קאָמענדאַטור! — איז יענער געווען ווי אויפן זיבעטן הימל. די פּליטים האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער און זיך גרייטן אין וועג אַריין. נישט אַפּרעדנדיק זיך האָט מען געוואַרט איינער אויפן אַנדערן. אַלע האָבן זיך געוואָלט האַלטן אין איינעם.

בלויז פינף פאַמיליעס זענען נאָך געבליבן וואָס האָבן נישט באַקומען די באַפריי־צעטלעך צום אַרויספאָרן. צווישן די פינף איז אויך געווען צאַלע אַנציס. זיי זענען אַלע אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. עפּעס האָט יעדער פון זיי געהאַט אַ שלעכט פאַרגעפיל אַז אויף זיי איז נישט חל דאָס דאָזיקע געזעץ און זיי וועלן נאָך דאָ, חלילה, דאַרפן בלייבן... ווען איינער האָט אונטערגעכאַפּט פּאַפּאָוון און געוואָלט ביי אים דערגיין די סיבה, האָט ער עס קאַלט אָפּגעפּטרט מיט אַ פוילן תירוץ:

— גאָר פשוט, ס'האָבן אויסגעפעלט די פאָרמולאַרן. מע דאַרף וואַרטן. מע דאַרף זיי באַקומען פון וועלסק.

צאַלע אַנציס האָט אַנגעהויבן נאָכטראַכטן, חוקר ודורש זיין, צי ער האָט נישט מיט עפּעס וואָס דערצערנט דעם קאָמענדאַנט. אפשר האָט ער געזינדיקט קעגן מלכות. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז ווען דער קאָמענדאַנט זאָל אים דאָ וועלן פאַרהאַלטן האָט ער געגנוג סיבות דערצו. נישט איין מאָל האָט ער אים געענטפערט טראַציק, נישט אַזוי קלאָר אויף זיינע געשטעלטע פּראַגעס. אָפט מאָל געטון זאַכן קעגן זיין ווילן.

— אפשר ווערסטו, טאָוואַרישטש פּאַפּאָוו, אָפּקויפן מיינע וויליק־שטיוול — האָט אים אַנציס איין מאָל פאַרהאַלטן, ווען יענער איז פאַרבייגעגאַנגען זיין קאַרטאָפל־פעלד — איך פאַר דאָך שוין אַוועק פון דאַנען.

— פאַרקויף נישט דיינע וואַלענקעס, אַנציס — האָט פּאַפּאָוו, ווי שטענדיק, אַ נישט־איבערגעשפּיצטער אים צוריק געענטפערט — אַז מע פאַרמאָגט אַ פּאָר וויליקעס זענען די פיס געזיכערט קעגן פראָסט. אין אונדזערע מקומות אַז מ׳האָט נישט קיין געזונטע פיס איז בעסער נישט צו לעבן, דער קאָפּ איז דעמאָלט אויך גאָרנישט ווערט, דו פאַרשטייסט?

אַנציס האָט שוין איצט גוט פאַרשטאַנען. פון זיינע רייד האָט ער געדרונגען אַז מע וועט אים שוין דאָ אָן ספק פאַרהאַלטן. פון בלויזן געדאַנק איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן שוין כמעט אַלע געהאַט באַקומען די אַרויספאָר־באַשטעטיקונגען. נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף אַנציסן האָט זיך יעדער גיך פאַרפּאַקט זיינע זאַכן און גרופּעסווייז איז מען אַוועק די צוויי קילאָמעטער צופוס צו דער אוסט־שאַנאַשער באַנסטאַנציע — צו בעמען דעם צוג. ווען די באַן איז אַנגעקומען האָט זיך אַנציס געזעגנט מיט די אָפּפאָרנדיקע. דער צוג איז אָפּגעגאַנגען און ער מיט זיין פרוי און קינד זענען פאַרבליבן איינזאַם אין דער וויסטעניש צווישן די אויסגעליידיקטע פינצטערע באַראַקן וואָס האָבן אין די נעכט אַנגעוואָרפן אַ פחד.

— נאָך גוט — האָט ער געטרייסט זיין פרוי און זיך אַליין אויך — נאָך גוט וואָס מיר האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט קאַרטאָפל. מיר וועלן כאָטש האָבן מיט וואָס זיך צו דערנערן. דער קאָמענדאַנט איז געווען גערעכט. אַ מענטש — האָט ער געזאָגט — דאַרף זיך פאַרזאָרגן אויף שפּעטער.

אין די עלנטע איינזאַם־שווייגנדיקע טעג האָט צאַלע אַנציס געפונען

אַ טרייסט אין זיין קאַרטאָפּל־פעלד מיט דער גרינער צעצווייגטקייט וואָס איז זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן.

***

שוין געווען טיפער סעפּטעמבער. דער הימל האָט זיך אַ בלייענער אויסגעשפּרייט פון עק ביז עק. די כמאַרעס האָבן פאַרטריבן די זון, אַרויס־געיאָגט זי פון דער געגנט. אַ דראָבנע רעגנדל האָט אָן אויפהער געווייקט און צעפּליעסקעט די ערד, דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו טריפן אויף אַנציסעס געמיט, אויף זיין גאַנצן לייב און לעבן. די נעכט זענען איצט געשטאַנען אימהדיקע, פינצטערע ווי די תהומען.

אויפן פּאָסיאָלאָק זענען געבליבן ווינען דער קאָמענדאַנט מיט זיינע צוויי געהילפן און צאַלע אַנציס מיט זיין פאַמיליע. די דריי געוועזענע באַ־לעבאַטים, וואָס האָבן דאָ קאָמאַנדעוועט מיט די פּליטים, געיאָגט זיי צו דער אַרבעט, שיקאַנירט, געדראָעט מיט שטראָפן, — זענען איצט אַליין גע־גאַנגען צו דער אַרבעט אין וואַלד. מיט שמוציקע, ביז אַרויף פאַרבלאָטיקטע שטיוול האָבן זיי געשפּאַנט צו דער לעסאָ־בירזשע, אויפן אָרט פון די פריִער־דיקע פאַרשיקטע. דעם פּלאַן מוז מען אויספירן, פאַר יעדן פּרייז מוז גע־מאַכט ווערן די נאָרמע. צאַלע אַנציסן האָט מען דערווייל געלאָזט צו רו. מ׳האָט נישט געוווסט וואָס מיט אים צו מאַכן. נישט צו זיין גרויס אין די אויגן האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום זיין קאַרטאָפּל־פעלד. אַ בריגאַדע אַר־בעטער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן דראָטענעם צוים אַרום די באַראַקן און אויפגעשטעלט אין אַלע פיר זייטן וואַך־טורעמלעך, ווי מע וואָלט זיך דאָ געגרייט אויפצונעמען פרישע פאַרשיקטע, מי־יודע וואָסערע געפערלעכע פאַרברעכערס.

צאַלע אַנציס האָט איצט אַראָפּגענומען די קאַרטאָפּל פון פעלד. ער האָט צעגראָבן די פרישע אויפגעטייעטע ערד, אַרויסגעגראָבן די קאַרטאָפּל — יעדע איינע גרויס און פול און שווער. די פרישע אויפגעאַקערטע ערד האָט אַ שלאָג געטון צום קאָפּ און נחתדיק געררייצט די נאָזלעכער. די אָפּ־געהאַקטע נאַסע געלע קאַרטאָפּל־קאַרטשעס האָט ער צונויפגעלייגט אין

קופּעס און זיי אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן. אַן איינגעהילטער אין רויך איז ער געשטאַנען איבער דער דערברענענדיקער קופּע און געווענדט זיין בליק ווייט אַוועק, אין דער ריכטונג פון אוסט־שאַנאַשער וואָקזאַל. יעדער פאַרביילויפנדיקער צוג האָט אים מיטן אויפגעריש צעטייעט זיין בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך דער אָפענער גרויסער וועלט.

— ווער ווייסט — האָט ער זיך איין מאָל צערעדט פאַר זיין ווייב — צי עמעצער פון מיינע כלומרשטע גוטע פריינד האָט נישט אַ מאָל דער־טראָגן צום קאָמענדאַנט די אַלע פאַרביטערטע רייד, וואָס איך פלעג זיך ווען ס'איז אַראָפּרעדן פון האַרץ פאַר זיי און איצט נעמט ער נקמה אין מיר.

אין אַ טאָג האָט מען אַנציסן באַפוילן זיך אַריבערצוקלייבן אין צענ־טראַלן פּאָסיאָלאָק — אַ צוויי קילאָמעטער ווייטער פון דאַנען. צו זיין שטוי־נען האָבן זיך אויך איבערגעצויגן דער קאָמענדאַנט מיט זיינע צוויי גע־הילפן. ער קאָן גאָרנישט פּטור ווערן פון זיי, פון זיינע אומגעבעטענע אַפּי־טרופּסים.

ווידער האָבן זיך אָנגערוקט די קעלטן און אומגעריכט איז אָנגעפאַלן דער ערשטער שניי וואָס האָט ווייס געמאַכט די גאַנצע געגנט אַרום. אַנציס האָט שוין איצט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק צו פאַרבלייבן דאָ ווינטערן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער באַקומען אַ מעלדונג פון קאַנטאָר, אַז ער זאָל זיך תיכף מעלדן צום הויפּטלייטער. אַ שליח פון וועלסק האָט אים דאָרט איבערגעגעבן אַן „אודאָסטאָווערעניע", אַז ער ווערט באַפרייט און קאָן אַרויספאָרן פון דאַנען. אויף דער פראַגע פונעם שליח, וווהין ער וויל פאָרן, האָט ער נישט לאַנג געקלערט און געענטפערט ווי אַלע פּליטים:

— שיקט מיך קיין סאַמאַרקאַנד, דאָרט וועט מען זיך כאָטש קאָנען דערוואַרעמען די ביינער איידער מע וועט פאָרן אַהיים...

הייסט עס, אַז אויך ער ווערט אויסגעלייזט פון די גוייִשע הענט, אויך אים לאָזט מען אַרויס אויף דער פריי. אַוודאי האָבן זיי נישט קיין רעכט אים דאָ לענגער צו פאַרהאַלטן ביי זיך. אָבער אַנטון יסורים, כל־זמן ער האָט זיך געפינען אין זייערע הענט, האָבן זיי באַוויזן, די סאַדיסטן.

אין גאַנצן אַ ציטערדיקער האָט ער גענומען דעם באַפריי־שיין אין די הענט און געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן אַז

מע נאַרט אים נישט אָפּ, אַז מע טוט אים נישט אָפּ קיין שפּיצל, און גיך זיך געלאָזט גיין צו זיך אין באַראַק אַריין, אָנזאָגן זיין ווייב די גוטע בשורה, אַז ענדלעך וועלן זיי שוין אויך דערזען די ליכטיקע שיין פון דער דרויסנ־דיקער וועלט, אָן קאָנטראָלן און אָן דין־וחשבונס אויף יעדן טריט און שריט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אַנציס געזעגנט מיט זיינע רוסישע שכנים און מיט אַ וואַרעם און ציטערדיק געפיל זיך אָוועקגעלאָזט אינעם אומבאַוווסטן און וויטן מיטלאַזיע, אין דער אַמאָליקער פּערסישער הויפּט־שטאָט סאַמאַרקאַנד.

קאַפּיטל עלף

אַ נישט־אָוועקגעשיקטער בריוו

דער שווערער ווינטער האָט זיך געשטעלט אומגעריכט און איינגע־קאָוועט אין אייזיקן פראָסט דעם פּאָסיאָלאַק לוגאָוואַי, וואָס ליגט צוויי קי־לאָמעטער פון דער סטאַנציע אוסט־שאַנאַשע מיט די פיר הונדערט און פופציק יידישע פּליטים פון פּוילן.

דער אוראַלטער וואַלד, וואָס ליגט אויסגעצויגן שטאַר ווי אַ ריזיקער מת איינגעהילט אין תכריכים, וואַרפט אָן אַ שרעק אויפן פּאָסיאָלאָק. דער אָטעם ווערט פאַרפרוירן אין דער לופט. דער שמאָלער פאָס טייכל, וואָס שלענגלט זיך אַרום פּאָסיאָלאָק, פון וואַנען מ׳האָט אַ גאַנצן זומער געשעפּט וואַסער, האָט פון דער מוראדיקער קעלט געענדערט זיין לויף און אָוועק זוכן אַ וואַרעם באַהעלטעניש צווישן די אַרומיקע באַמאָכיקטע בערגלעך.

נאָך עטלעכע קילאָמעטערס ווייטער ענדיקט זיך דער באַנוועג און שוין... אויס, עק וועלט. ווייטער ציט זיך אַ וואַנט פון הויכע הונדערטיאָ־ריקעביימער און אַ זאַמדיקער צעהויקערטער וועג, וואָס פירט צום ראַיאָן־שטעטל וויעלסק, ווו ס׳קעניגט ביד חזקה דער סטאַרשי־לייטענאַנט קאָ־ראַשקאָוו, דער נאַטשאַלניק פון דער ענקאַוועדע.

פונקט ווי ס׳איז קאַלט אין דרויסן אַזוי איז אויך קאַלט אויף דער נשמה. אין סך־הכל איז עס ערשט דאָס ערשטע יאָר אויף דער פאַרשיקונג. די פּליטים, וואָס זענען, דאַכט זיך, אָט ערשט געוואָרן אויסגעוואָרצלט פון זייערע זאַטע און וואַרעמע היימען, פון די ווייכע בעטן מיט די פּוכענע קישנס, טוליען איצט זייערע גופים אויף הילצערנע נאַרעס, אויף אייזער־נע בעטלעך פול מיט וואַנצן און דעקן זיך צו מיט די לעצטע, איבערגע־בליבענע מלבושים וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון דער היים.

אַ סך אָרעמעלייט געפינען זיך צווישן זיי, וואָס האָבן אַפילו נישט

מיט וואָס אויסצוקויפן די פּיקע ברויט אינעם איינציקן מאַגאַזין און אָפּ־צועסן אַ וואַרעמע וואַסער־זופּקע אין דער סטאָלאָווע. זיי האָבן זיך נישט ווי אַנצוּוואַרעמען. אין די באַראַקן יאָגט אַ קעלט. כאָטש האַלץ וואַלגערט זיך דאָ לרוב. נאָר פאַרן נעמען אַליין, נישט־אויסקויפנדיק קיין טאַלאָן אין קאַנטאָר, באַקומט מען קאַרצער, ווו ס'איז נאָך קעלטער און ס'וואַיעווען נאָך דאָרט אַרום גרויסע שטשורעס.

אויף אַ סך נאַרעס זעט מען שוין ליגן קראַנקע. אויסער די זקנים און קינדער, וואָס גייען בכלל נישט אַרויס צו דער אַרבעט, זעט מען שוין לעצטנס זיך אַרומדרייען אויך דערוואַקסענע. זיי האָבן שוין דערגרייכט די נאָרמע וואָס דערלויבט זיי שוין צו בלייבן אין באַראַק: זיי האָבן שוין 39 גראַד היץ און טייל נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער. איז זיי טאַקע גוט און ווייל וואָס זיי דאַרפן נישט אַרויסגיין אין די אימהדיקע פרעסט צו דער אַרבעט אין פאַרשנייטן וואַלד, אָדער אויף דער לעסאָבירזשע, וואָס איז פאַרקאָוועט מיט אייז, ווו ביים שטעלן אַ טריט קאָן מען זיך אויסגליטשן און ברעכן האַלדז און נאַקן. דאָס לאַגער־געזעץ זאָגט אָבער, אַז מע אַרבעט נישט, פאַרדינט מען נישט, אַז מע פאַרדינט נישט האָט מען נישט קיין געלט און אַז מ'האָט נישט קיין געלט האָט מען נישט פאַר וואָס זיך צו קויפן קיין עסן: די בידנע פּייקע ברויט און די שיטערע זופּ אין דער סטאָ־לאָווקע.

— ביי אונדז — זאָגט דער בייזער און שטרענגער קאָמענדאַנט פון פּאָסיאָלאָק, שוואַריאָוו — איז נישטאָ קיין פילאַנטראָפּיע. דער וואָס אַרבעט נישט דער עסט נישט, פאַרשטאַנען? אַזוי זאָגט אונדזער קאָנסטיטוציע וואָס איז די סאַמע דעמאָקראַטישסטע און יושרדיקסטע אויף דער וועלט.

מיט שוואַריאָוון איז זיך נישטאָ וואָס צו ווילצלען. מיט אים שפּילט מען זיך נישט און אַ קעגן רעדן אַ וואָרט, אָדער אויפקלערן עפּעס איז אַ שאָד די מי און די נערוון צו פאַטערן אומזיסט. די אַלע פונקטן פון יושר און גערעכטיקייט זענען ביי אים פאַרשריבן פאַראַגראַפנווייז אין אַ העפט און קיינער וועט אים נישט איבערשפּאַרן.

עטלעכע פליטים האָבן אָפּגעהאַלטן אַ שטילע באַראַטונג מיט גרישע זאַלקינד, וואָס האָט פון ערשטן טאָג פון זיין פאַרשיקונג נושא־חן געווען

ביי שוואַריאָוון וואָס האָט אים געמאַכט פאַר סטאַראָסטע איבערן גאַנצן פאַר־סיאַלאַק. במילא האָט אים זיין אַמט פאַרפליכטיקט צוצוטראָגן דעם קאָמענ־דאַנט אַלץ וואָס קומט אים פאַר פאַרדעכטיק, וואָס זעט אים אויס צו זיין געהיים פון אַ וויכטיקן באַטייט.

די דעלעגאַציע האָט ביי אים געבעטן צו פועלן, מע זאָל קאָנען איינ־אָרדענען יעדע וואָך פאַרשטעלונגען און טענץ. דער פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: קודם וועט מען אַ ביסל פאַרגעסן אין די צרות, די אייגענע און די פרעמדע; מע וועט זיך טאַקע אויסלעבן קולטורעלער, און דער עיקר, ווער ס׳וועט קומען צו דער פאַרשטעלונג, וועט מען ביי אים נעמען אַ פּאָר רובל און מיט דעם געלט וועט מען אויסהאַלטן די קראַנקע און די זקנים.

דער פּלאַן פון איינאָרדענען טעאַטער־פאַרשטעלונגען איז שוואַריאָוון געפעלן. אדרבא, ס׳ליגט אויף דער ליניע. די באַלעבאַטים דאָ איבערן גורל פון די מענטשן — די ענקאַוועדע — איז פון דעם איינפאַל צופרידן. ס׳שמעקט מיט קולטור און דערציִונג, מיט נאָכגיביקייט פון די אומזיסטע אַרבעטער־שקלאַפן, מיט צופרידנקייט און מיט אַבסאָלוטער רו און דיס־ציפּלין, אָן די נאָכאַנאַנדיקע טענות און מענות, דערקוטשענדיקע פראַגעס און אַלע אַנדערע פרעטענסיעס וואָס די פּליטים קומען מיט זיי יעדן טאָג.

גערעדט און געטון. שוואַריאָוו האָט באַפוילן אַפּצורייניקן די „אָב־שעזשיטיע"[1] נומער פערצן. די זעכציק איינוווינער האָט ער צעוואָרפן אין אַלע אַרומיקע באַראַקן. מ׳האָט גלייך אָנגעשטעלט אַ פּאָר אַרבעטער צו בויען אַ בינע און מאַכן בענק צום זיצן. אָן אמתער טעאַטער אין מיטן פון דער טייגע מיט די טיפע שנייען, אַרומגערינגלט מיט אוראַלטע וועלדער, אונטער דער שטרענגער וואַך פון קאָמענדאַנט און זיינע משרתים.

די טרופע איז באַשטאַנען פון אַ צוואַנציק מענטשן, וואָס האָבן אַ מאָל אין די פאַרמילחמהדיקע יאָרן געשפּילט אין פאַרשידענע דראַמקרייזן אין די היימישע שטעט און שטעטלעך. באַלד האָבן זיך געפינען איינער אַ פּיד־לער, אַ צווייטער אַן אַקאָרדעאָניסט, עטלעכע זינגערס און זינגערינס. מ׳האָט זיך דערמאָנט לידלעך, געמאַכט סצענקעס און סקעטשן, און דער רעזשי־

[1] בשותפותדיקע וווינונג

סער פון דער טרופּע — דער געוועזענער שרייבער פון פּוילן, צאַלע אַנ־
ציס — האָט אָנגעשריבן אַן אַקטועלע הומאָרעסקע וואָס זאָל אַריינברענ־
גען אַ ביסל הייטערקייט און דערוואַרעמען די נשמה.

שבת פאַרנאַכט, ווען מ׳איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט די גרופּע
בראָש מיטן רעזשיסער צונויפגענייט אַ פאָרהאַנג פון די שוואַרצע קאָצן
וואָס זענען געלעגן איבער זייערע בעטן. דער אומגעדולדיקער עלום — אַ
לעבצנדיקער נאָך אַ ביסל פרייד און פאַרוויילונג — האָט אָנגעהויבן שטראָ־
מען אין דער קעלט צום טעאַטער־באַראַק, וואָס איז געווען גוט אָנגעהייצט
און ליכטיק פון אַ סך עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס די אייגענע עלעקטראָ־
טעכניקער האָבן, ספּעציעל צום אָוונט, אַרויסגעדרייט פון די אַרבעט־וואַר־
שטאַטן, אויסלייענדיק זיי פאַרן טעאַטער.

ביי דער טיר איז געשטאַנען אַן אייגענער מענטש און בשתיקה, קיי־
נער זאָל נישט באַמערקן, געטומען ביי וועמען מ׳האָט געקאָנט צו עטלעכע
רובל איינטריט־געלט. צו דער פאָרשטעלונג זענען אויך געקומען רוסן און
אוקריינער, די פאַרשיקטע פון צענטראַלן פּאָסיאָלאָק און די באַאַמטע פון
קאַנטאָר. זיי האָבן אין דער שטיל צוגעטראָגן זייער חלק — אַ הערינג, אַ
שטיקל סאַלע[1] וואָס איז גלייך, נאָך דעם זעלבן אָוונט, אָוועקגעטראָגן גע־
וואָרן אין די באַראַקן ווו ס׳האָבן זיך געפינען די קראַנקע און זקנים.

פאַרן אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַוויזן די הויפּטגעסט:
דער קאָמענדאַנט שוואַריאָוו מיט זיין נידעריק אויסגעשטאָפּט ווייב, וואָס
האָט געפּרייכט ווי אַ גאַנדז ביים גיין איבער די גרודעס שניי און אייז;
הינטער זיי זענען געגאַנגען די געהילפן — אַלעקסאַנדראָווסקי און פּאָפּאָוו
מיט זייערע יפי־פיות. זיי האָבן פאַרנומען די ערשטע ריי, זיך באַזעצט אויף
די בעסטע פלעצער. נאָך זיי האָט זיך דער עולם פליטים — יומטובדיקע
און הייטערע — אויסגעזעצט אויף די בענק, געשמועסט צווישן זיך אויפן
קול, ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן אַלץ און אַלעמען.

אין אָנגעשפּאַנטער דערוואַרטונג האָט זיך דער קאָלדרע־פאָרהאַנג פונ־
נאַנדערגערוקט. אויף די נאַקעטע הילצע בינע־ברעטער האָט זיך באַוויזן

---

[1] חזיר־פעטס

דער רעזשיסער, צאַלע אַנציס, וואָס האָט באַגריסט דעם עולם, צום ערשט אין אַ צעבראָכענעם רוסיש און דערנאָך אין יידיש. ער האָט פאָרגעשטעלט דעם זינגער, יאַנקל וואָלנאָוויטש, וואָס האָט טאַקע באַלד געוויזן וואָס ער קאָן. מיט זיין שטאַרקער טענאָרשטים האָט ער אַ זונג געטון „אלי־אלי" און אַלעמען אויפגערודערט ביז די טיפענישן פון דער נשמה. אַ מעכטי־קער אַפּלויז האָט אָפּגעהילכט אינעם זאַל.

ווען דער עולם אין זאַל איז שוין געווען אַרומגעכאַפּט פון דער וואַ־רעמער שטימונג, האָט דער רעזשיסער געגומען פאַרלייענען זיין הומאָ־רעסקע פונעם לעבן פון די פּליטים אויף דער פאַרשיקונג, וואָס האָט אַרויס־גערופן גרויס הייטערקייט צווישן די פּליטים, וואָס האָבן געלאַכט ביז טרערן זיך זעענדיק ווי אין אַ קרומען שפּיגל. צווישן אַנדערע נומערן איז אויך געווען אַ בריוו פון אַ פאַרשיקטער צו איר חברטע קיין וואַרשע — „אַ נישט־אָוועקגעשיקטער בריוו". כמעט אַלע האָבן געוווּסט אַז דאָס וועט זיין דער טשוואָק פונעם גאַנצן אָוונט. מ'איז געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַפילו דער קאָמענדאַנט, וואָס פאַרשטייט נישט קיין וואָרט יידיש, האָט געפּרוּווט, קוקנדיק אויף די עקזאַלטירטע פּנימער פון די צושויער, אַראָפּלייענען און פאַרשטיין וואָס אַזוינס עס זאָגט דאָ דער רעזשיסער. און געזאָגט האָט ער אָט וואָס:

— מיינע חשובע פריינד, חברים פון דער נויט — האָט צאַלע אַנציס אָנגעהויבן מיט אַ געדעמפטן טאָן — צוויי חברטעס האָבן צווישן זיך, נאָך אין וואַרשע פאַר דער מלחמה, אָפּגערעדט, אַז וועגן יעדער וויכטיקער געשעעניש, וואָס וועט פאַרקומען אין זייער לעבן, זאָלן זיי זיך עס איבער־געבן מיט אַלע פּרטים. אויב דער גורל וועט זיי פונאַנדערשיידן, וועלן זיי דאָס געשעענע זיך איבערגעבן שריפטלעך. און אָט האָט דער גורל געוואָלט, אַז איינע פון די חברטעס זאָל פאַרוואָגלט ווערן אין פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי, און די צווייטע זאָל בלייבן אין וואַרשע. די חברטע פון אונדזער פּאָסיאָלאָק האָט דעריבער אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר חברטע קיין וואַרשע וואָס לייענט זיך אַזוי:

„מיין טייערע צעלינע, איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע, געדענקסט דאָך, ווען די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן איזדיעקעווען איבער די יידן, גע־

שניטן בערד און געכאַפּט אויף דער אַרבעט. מיר איז נמאס דאָס געקלאַפּ פון די דייטשע באַטשוועקעטע שטיוול איבער די היימישע טראָטואַרן, די שרעק בייטאָג און די פינצטערניש ביינאַכט. כ׳האָב באַשלאָסן זיך אַרויס־צוקריגן פון דאַנען. ווי דו ווייסט מיסתמא, האָב איך אָנגעהערט צו אַ קאָ־מוניסטיש יוגנטקרייזל. מיר האָבן זיך — עטלעכע חברים און חברטעס — געלאָזט צו דער דייטש־סאָוועטישער גרענעץ, בכדי זיך אַריינצובאַקומען אין לאַנד פון מיינע טרוימען (אַן איינגעהאַלטן געלעכטער אין זאַל). אַריי־בערגייענדיק די דייטשע גרענעץ זענען מיר אַרעסטירט געוואָרן דורך די רויטאַרמייער. נאָך לאַנגע טעג און נעכט זיצן אין דער „טשופּע"[1] האָט מען אונדז צום סוף אַרויסגעלאָזט און מיר האָבן זיך דערשלאָגן ביז ביאַ־ליסטאָק.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? די פרייד האָט מען געפילט אין די גאַסן. אַלע זינגען. די ראַדיאָ־הילכערס גיבן איבער פריילעכע מוזיק. רויטאַר־מייער שפּאַצירן איבער די גאַסן, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון, גלייך ווי חסידישע יונגעלייטלעך, להבדיל, מיט פאַרשאַרצטע היטעלעך איבער די באַטשופּרינעטע קעפּ גייען זיי שמייכלענדיקע, אונ־טערטענצלדיקע, און זינגען זיך אונטער: „יעסלי זאַווטראַ וואָינאַ"[2] מיט אַזאַ פרייד און עקסטאַז גלייך ווי זיי וואָלטן טאַקע געווען די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט.

אמת, דאָס זינגען און טאַנצן איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, אָבער נישט פאַר אַזעלכן וואָס איז אַ פרעמדער אין שטאָט און דאַרף גיין זוכן אַ געלעגער ווו איבערצונעכטיקן די ערשטע נאַכט. און אַז ס׳נאָגט אונטערן לעפעלע קאָן מען מיט לידער אַליין נישט אָנפילן דעם מאָגן, ווי פּאַטריאָטיש די לידער זאָלן נישט זיין.

די ערשטע נאַכט בין איך איבערגעשלאָפן, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברטעס פון אונדזער יוגנטקרייז, אין דער עזרת־נשים פון אַן אַלטן בית־מדרש, וואָס איז געווען איבערגעפּאַקט פון „ביעזשענצעס". די לופט איז

---

[1] טורמע

[2] „אויב וועט מאָרגן זיין מילחמה" (סאָוועטיש ליד)

געווען אַ שווערע און זויערע נאָר צום ברעכן. דאָס געשריי פון די הונגע־ריקע קינדער האָט געשניטן ביים האַרץ. די קרעכצן פון די מאַמעס און פון די קראַנקע האָבן געלעכערט דעם מוח. ווי נאָר מיר האָבן געקריגן אַ שטיקל פלאַץ און מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד זענען מיר באַפאַלן געוואָרן פון אַזוי פיל בייס־חיהלעך, אַז ס'האָט אַזש אונטערגע־הויבן פון אָרט. אַ יונג ווייבל, וואָס געפינט זיך שוין דאָ איבעם הקדש עט־לעכע וואָכן, האָט אונדז געטרייסט:

— נישט געפערלעך, באַרישניעס, זיי וועלן זיך צו אייך צוגעוויינען און איר צו זיי — און איר וועט ווערן די בעסטע גוטע פריינד. זיי וועלן אייך נאָר אויסזייגן דאָס בלוט און נאָך דעם קאָן מען שוין מיט זיי דורכ־קומען. זיי זענען די הערשער איבער גאַנץ „מאַטושקאַ ראַסיי״...

דער עולם האָט אויסגעשאָסן אין אַ שטורמיש געלעכטער. דער קאָ־מענדאַנט שוואַריאַוו האָט אַ פרעג געטון זיין נאָענטן שכן וואָס אַזוינס ער האָט עס געלייענט וואָס דער עולם קייכט פאַר געלעכטער. יענער האָט אים שטיל איינגערוימט עפּעס אין אויער.

דער רעזשיסער האָט געכאַפּט אַ בליק אין קאָמענדאַנטס זייט און זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, פון זיין אומרו:קייט און ווייטער פאָרגעזעצט לייענען דעם בריוו:

„פאַרשטייסט דאָך, טייערע צעלינע, אַז די נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. די גאַנצע מאַרקסיסטישע „תורה״, וואָס דער אָנפירער פון אונ־דזער קרייזל, סטאַשעק סטאַווינסקי, האָט אין אונדז אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, איז מיט איין מאָל צערונען געוואָרן ווי אַ זייפנבלאָז, צוזעענדיק די ביטערעווירקלעכקייט פון די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס ליגן דאָ הפקר אויפן פאָל פון ביאַליסטאָקער בית־מדרש און ס'איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיי, וואָס זאָל זיי אין זינען האָבן און זיי פאַר־זאָרגן מיט אַ ביסל געקעכץ, מיט אַן אָרט צו שלאָפן ווי אַ מענטש. ס'איז דאָך שוין דאָ אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, טאָ ווי דערלאָזט מען עס אַז די מענטשן זאָלן אויסגיין ווי אַ ליכט, און ס'זאָל נישט זיין אַפילו צו וועמען צו רעדן... נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ פאָרשפּיל פון דער גרויסער טראַ־געדיע.

די אמתע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטער: נויט, אַרבעט־לאָזיקייט, דאַכלאָזיקייט, טעג און נעכט אין די אַטשׂעריעדס. די פּינצטערע רייען וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט געענדיקט, וואָס האָבן ווי אַ שלאַנג אַרומגעקרייזט ס׳גאַנצע לאַנד. און צום סוף, צוזעענדיק דאָס אַלץ, האָב איך געפּרוווט שמוגלען די גרענעץ צוריק קיין וואַרשע. איז עס מיר אָבער נישט געלינגען און כ׳האָב שוין געמוזט פאַרבלייבן און טיילן דעם גורל פון אַלע פּליטים. נאָכן רעגיסטרירן זיך צוריקצופאָרן אַהיים, איז מען גע־קומען צו מיר, ווו כ׳האָב זיך אויפגעהאַלטן, מ׳האָט מיך אַרויסגענומען פון בעט און באַגלייט פון אויסגעשטרעקטע ביקסן האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ טיעפּלושקע־וואַגאָן און — היידאַ צו די ווייסע בערן:

— האָסט געוואָלט אַהיים, באַרישניע — האָט זיך געוויצלט איינער פון די באַוואָפנטע באַגלייטער — וועלן מיר דיך איצט פירן אַהיים, צו אונדז אַהיים...

און אָט געפין איך זיך אין לוגאַוואַי און וווין אין דער זיבעטער „אָב־שעזשיטיע״ פון אַריבער פערציק פּרויען, טראָג אַ פופייקע, אַ וואַטענעם שפּענצער מיט וואַטענע הויזן, דאָ איז עס שטאַרק אין דער מאָדע. ווען דו זעסט ווי עלעגאַנט איך זע אויס אין דעם סטראָי, וואָלסטו זיכער געמיינט אַז איך אַרבעט אין אַ צירק ווי אַ קלאָון. אין דער אמתן אָבער אַרבעט איך אויף דער באַלאַנסירקע, ביי דער מעכאַנישער זעג, וואָס צעשניידט די קלעצער אויף ברעטער. און אַז מע דאַרף גרוזעוועט מען אָן אַ וואַגאָן האָלץ „פּאָד־פּאָראָוואָזאָם״, דאָס הייסט, דער לאָקאָמאָטיוו וואַרט און צו די צוויי שעה מוז דער וואַגאָן האָלץ זיין אָנגעלאָדן, כאָטש יאָג פון זיך אַרויס די נשמה. דערפאַר אָבער ווערסטו פאַררעכנט צו די בעסערע מענטשן, ווערסט אַ סטאַכאַנאָוויעץ און דו עסט מיט אַ לעפל, ווי אַ מענטש, ווערסט פאַר־רעכנט פאַר אַ נוציקן עלעמענט פון דער געזעלשאַפט און אַ פּאַטריאָט פון פאָטערלאַנד.

נו, זיי מיר געזונט, טייערע צעלינע, איך גריס דיך האַרציק און וואָלט געוואָלט נאָך האָבן די זכיה צו אָטעמען מיט דער וואַרשעווער לופט און שפּאַצירן מיט דיר אין איינעם אין זאַקסישן גאָרטן. דיין האַלינע״.

אַ שטורעם פֿון אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט דעם רעזשיסער, צאַלע אַנציס, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער בינע ווי אַ זיגער.

דער זינגער, יאַנקל וואָלנאָוויטש האָט אָנגעהויבן זינגען אַ פֿאָלקס־ליד, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער איז אַרויס פֿון זאַל רויט ווי אַ בוראַק, באַגלייט פֿון זיינע אַדיור־טאַנטן. עמעצער האָט אים איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פֿון דעם אַלעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן פֿון דער טריבונע אַראָפּ. נישט־קאָנענדיק אויפהייבן קיין טומל, ווייל ס׳קאָן אויסגיין אויך צו זיין קאָפּ, האָט ער גע־האַלטן פֿאַר נייטיק בעסער זיך איצט אָפּצוטראָגן פֿון זאַל. דער עולם פּלי־טים איז נאָך דער פֿאָרשטעלונג נאָך לאַנג געשטאַנען אין באַלויכטענעם זאַל און קאָמענטירט צווישן זיך האַלינעס נישט־אָװעקגעשיקטן בריוו צו איר חברטע צלינע אין וואַרשע.

קאַפּיטל צוועלף

אַ רעווי־פאַרשטעלונג פאַר די פאַרשיקטע

אויפן האַרטן געלעגער זענען פאַר צאַלע אַנציס אויפגעגאַנגען שאַרף און קלאָר די געשעעניש, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט אים פון די ערשטע טעג פון דער מילחמה ביז היינט. ווען די מילחמה איז אויסגעבראָכן, דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939, האָט ער זיך געפינען אין וואַרשע. באַלד נאָכן אַריינמאַרש פון דער דייטשער צעיושעטער אַרמיי האָט ער געזען אַז ס׳דערוואַרט אים נישט קיין גוטס ביי זיי, דערצו איז ער דאָ אַ פרעמדער, נישט ביי זיך אין דער היים. ער איז אַוועק צום פּראַגער וואָקזאַל און זיך געלאָזט צופוס מיט דער באַנליניע — דער אָנהייב פון זיין נע־ונד.

אין משך פון צוויי טעג און צוויי נעכט איז ער געגאַנגען כמעט אָן איבעררייס און אָנגעקומען צו דער צעשמעטערטער בריק איבערן בוג, צווישן מאַלקין און זאַרעמבע־קאָשטשעלנע וואָס האָט שוין געהערט צו די רוסן. דער פּאַטרולירנדיקער דייטש ביי דער בריק האָט אים בלויז אָנגעקוקט מיט פאַרוואָסערטע אויגן און אַדורכגעלאָזט. דאָס מזל, זעט אויס, האָט אים צוגעשפּילט. ער איז אַריין מיטן רעכטן פוס אין דער גרענעצשטאָט, זאַרעמבע־קאָשטשעלנע וואָס איז שוין געווען פול אָנגעשטאָפּט מיט פּליטים. צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי האָט זיך פאַרמירט אַן עשאַלאָן און אַלע אָנגעלאָפענע פּליטים זענען אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

די שטאָט האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ חתונה־שטאָט. אַלע זענען מחותנים, וואָס פרייען זיך און יובלען. מע טאַנצט און מע זינגט פריי און אָפן איבער די צעבאַלעוועטע גאַסן, אויסגעמישט יידן מיט גויים, רויטאַרמייער מיט ציווילע, מיידלעך און יינגלעך, יונג און אַלט. איבער אַלעם הילכן אַראָפּ פון די סלופּעס די צעהאַנגענע מעגאַפאָנען איבער דער שטאָט. די מוזיק רוישט אין די אויערן אַן אויפהער, אָן איבעררייס...

פון ביאַליסטאָק איז ער אַוועק אַהיים אין זיין געבוירנשטאָט, אין סאָ־קאָלקע, וואָס איז איצט פונקט ווי ביאַליסטאָק געווען פאַרנומען דורך דער רויטער אַרמיי. אין זיין היימשטאָט האָט צאָלע אַנציס אָנגעטראָפן נישט זוייניקער פרייד און געזאַנג ווי אין ביאַליסטאָק. די ייִדן האָבן אויפגעלעבט. אָרעמע ייִדישע היימען, וווּ ס'איז פריִער נישט געווען קיין ברויט צו דער זעט, זענען אויפגעריכט געוואָרן כמעט ווי איבער נאַכט. שוסטער־לאַטוטניקעס, וואָס האָבן ביז דער מלחמה געגומען פאַרן אויפנייען אַ פּאָר שטיוול פון אַכט ביז צען זלאָטעס, האָבן שוין איצט באַקומען גאַנצע פופ־ציק זלאָטעס. זיי זענען געווען פאַרלייגט מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. די רויט־אַרמייער האָבן געריסן פון די הענט. לעדער און מאַנופאַקטור איז געווען לרוב. מ'האָט נאָך געהאַלטן פאַר דער נאַציאָנאַליזאַציע, איידער די רעגי־רונג האָט אַלץ רעקוויזירט, אַרויסגעוואָרפן די באַלעבאַטים, און די מאַכט אין די פאַבריקן האָבן איבערגענומען די אַרבעטער.

וואָס אַ טאָג ווייטער האָבן די מוזיק־קלאַנגען פאַרלוירן זייער רייץ. עפּעס האָט זיך שוין איצט נישט אַזוי געזונגען. די האָפערדיקייט איז ביס־לעכוויז געוואָרן אויסגעוועפּט. מ'האָט אויפגעהערט נעמען די זלאָטעס און די רובלס האָבן נישט געהאַט קיין האָפט. מ'האָט שוין פאַר זיי גאָרנישט באַקומען. אַלע מאַגאַזינען זענען איצט שוין געווען אויסגעליידיקט. ס'האָבן זיך שוין אַפילו פאַרמירט לאַנגע אָטשערעדן צו באַקומען ברויט. מ'האָט שוין אויפגעהערט גלייבן די רויטאַרמייער, אַפילו פון די העכערע ראַנגען, אַז זיי זענען בחורים, כדי זיי זאָלן קאָנען פירן ליבעס מיט ייִדישע מייד־לעך. מ'האָט שוין אָנגעהויבן שלעפּן אין תפיסה אַריין פאַר אַרויסטראָגן עפּעס פון אַ מאַגאַזין, פון אַ וואַרשטאָט. מ'האָט שוין איינגעזעצט, אַפילו פאַרן בלויזן פאַרדאַכט, טייל שטעטלשע קאָמוניסטן וואָס האָבן געפּינצ־מערט יאָרן אין קאַרטוז־בערעזע. די טורמעס זענען פול געוואָרן מיט איי־גענע, באַקאַנטע, פריינד און חברים.

די מאַסע אַנגעלאָפענע פּליטים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דייטש, זענען דאָ אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיי האָבן שוין נישט וואָס אַראָפּצופאַרקויפן פון זיך. קיין אַרבעט באַקומען זיי נישט, קיין דירות אויך נישט. מע וואַלגערט זיך אין בתי־מדרשים און וווּ נאָר ס'לאָזט

זיך. און אַז מען אַרבעט יאָ, קלעקט די שכירות קוים אויף דריי־פיר טעג אין דער וואָך. די געדריקטע שטימונג ווירקט זיך שוין אויך אויס אויף די שטענדיקע תושבים, ווייל מע זעט נישט קיין אויסוועג פון דער לאַגע וואָס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

צאַלע אַנציס גייט אַרום אַ פאַרזונקענער אין מחשבות. ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ פאַר יעדן איינעם, כאָטש ער ווייסט אַז ס׳דראָעט דערפאַר תפיסה און סיביר. אָט הייבט זיך אָן די פּאַספּאָרטיזאַציע. אַלע דאַרפן אַרויסנעמען סאָוויעטישע פּאַרפּאַרטן. די פּליטים זאָגן זיך אָפּ פון דער גרויסער געפעליקייט, פונעם גרויסן כבוד, וואָס מע טיילט זיי צו צו ווערן סאָוויעטישע בירגער. זיי פאַרשרייבן זיך בעסער צוריק אַהיים, דאָרט ווו יעדער איינער פון זיי האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב, אַ קינד, שוועסטער און ברידער, טאַטע־מאַמע. די לאַגע איז שוין געווען גענוג טרויעריק אַז כאָטש אַלע האָבן געוווסט אַז אין זייערע היימען הערשט דאָס רשעות פון אכזריות־דיקן דייטש, דאָך האָט יעדער געוואָלט אַרויס פון דאָזיקן גיהנום, אַזוי ביטער איז שוין דאָ געווען, אַזוי ענג און פינצטער האָט זיך פאַר זיי געמאָלט דאָס בילד פון דער צוקונפט. צו דעם אַלעם האָט נאָך צוגעשפּילט דער שווערער ווינטער מיט די גרויסע פרעסט און זאַוויערוכעס. די אַלטע פויערן, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן געטענהט, אַז דאָס האָט מען פאַרשלעפּט אַהער דעם ווינטער אַזש פון סיביר.

אין צווישן האָט זיך דורכגעשמוגלט פון ווילנע אַנציסעס פרוי מיטן קינד. די שטאָט איז איבערגעגאַנגען צו די ליטווינער און זי האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אַליין מיטן קינד אין דער צערודערטער שטאָט, זי זאָל אַ מאָל נישט ווערן אָפּגעשניטן פון מאַן מיט אַ גרענעץ. אַנציסן איז איצט געוואָרן נאָך שווערער אויסצוקומען די וואָך. ס׳איז אים געווען שווער זיך צוגעוויינען צום גראָען מאָנאָטאָנעם אַרט לעבן, וואָס איז ענלעך צום לעבן פון אַ קאַזאַרמע און דער מענטש גופא פילט זיך ווי אַ שקלאַף, וואָס שטייט אויף צו דער אַרבעט מיטן פייף פון דער פאַבריק־סירענע און לייגט זיך שלאָפן מיטן זעלבן סירענע־פייף, אַזוי טאָג נאָך טאָג.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע רעגיסטראַציע פון די פּלי־

טים, האָט צאַלע אַנציס, כאָטש נישט קיין אָפיציעלער פּליט, אָבער ווי אַ ווילנער איינוווינער זיך רעגיסטרירט צוריק קיין ווילנע.

דער שווערער ווינטער איז אַוועק און ס׳איז געקומען דער פרילינג פון 1940. ווי שווער דאָס לעבן איז נישט געווען האָט דאָך דער מחייהדי־קער אַראָמאַט פון די צעבליטע ביימער לייכטער געמאַכט דאָס געמיט. דער צוטרוי צו די סאָוויעטישע מענטשן איז שוין אין גאַנצן געווען אַרונטער־געריסן. די „וואָסטאָטשניקעס״ האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע פּאָסטנס. קיי־נער האָט שוין נישט געגלייבט זייערע באַרימערייען, אַז ביי זיי איז אַלץ דאָ. געבונג געווען בלויז אַ קוק צו טון אויף זיין הולך און סטראָי, מיט די אויסגעוואָקסענע רעקלעך און אויסגעטעפּטע הויזן, צו פאַרשטיין אַז מע לעקט נישט דאָרט קיין האָניק אינעם סאָוויעטישן גן־עדן, און אַז אויך די באַפרייטע וועלן דאָ נישט לעקן קיין האָניק; אַז זיי וועלן דאָ האָבן אַזאַ פאַרביטערט לעבן ווי יענע — דאָרטן.

דאָס קאַלענדאַר־בלעטל האָט געוויזן דעם 28סטן יוני פון פערציקסטן יאָר. ס׳איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. צוועלף אזייגער ביינאַכט האָט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר אויפגעריסן אַנציסן פון טיפן שלאָף. דאָס קינד זיינס האָט זיך פון שרעק צעוויינט אויפן קול. אין דער אויפגעעפנטער טיר האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ציווילע. ער האָט דערקענט דעם פרעדסעדאַטעל פון רייספּאָלקאָם[1], גריבאָיעדאָוו; דעם דירעקטאָר פון דער לעדער־פאַבריק, גאָסעל; דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי, קאָזלענקאָ. זיי זענען אַלע געקומען אין באַגלייטונג פון צוויי ענקאַוועדיסטן מיט אָנגעשפּיזטע ביקסן.

די הויכגעשטעלטע לייט האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דער וווי־נונג און געהייסן די שטובמענטשן זיך אָנטון. צאַלע אַנציס האָט פאַרכאַפּט מיט זיך אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אונטערן קאָנוואָי האָט מען די מישפּחה אַנציס אָפּגעפירט אויפן וואָקזאַל און אַריינגעוואָרפן אין אַ טעפּ־לושקע. דאָרט האָבן זיי שוין געטראָפן אַ פולן וואַגאָן מיט פּליטים, וואָס האָבן זיך געוווּנדערט ווי אַזוי קומט דאָ צאַלע אַנציס אַריין אין דער חברה אומגעוווּנטשענע געסט. ער איז דאָך נישט קיין פּליט. ער האָט זיך פאַר־

[1] פאַרזיצער פונעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט

שריבן צוריק קיין ווילנע וואָס איז דאָך אויך סאָוויעטיש. גיי, פאַרשטיי די „פאַראָנדקעס" זייערע, ווער ס'טויג און ווער ס'טויג נישט פאַר זיי, אַז אַלע פאַלן דאָ אַריין אין פעקל ביי זיי.

אַזוי האָט ער זיך געשלעפּט מיט אַלעמען איבער אַ חודש אינעם לאַנגן עשאַלאָן וואָס האָט זיי אויסגעשפּיגן פון זיינע אינגעווייד — די קרוב 450 נפשות — אויף דער סיבירער סטאַנציע אין אַרכאַנגעלסקער אָבלאַסט, וווּ דער באַלעבאָס איבערן לעבן און טויט איז געוואָרן דער קאַצאַפּ, שוואַריאָוו, אונטער וועמענס קאָמאַנדעס און קאַפּריזן די יידישע פּליטים פון פּוילן האָבן געלעבט, געאַרבעט און זיך געמוטשעט אַזוי ווי איינער פאַרן טויט.

צאַלע אַנציס האָט דאָ באַלד דערשנאַפּט ווי אַזוי מע דאַרף זיך אומגיין אין די מקומות. ער האָט גוט געאַרבעט, מיט ערנסט און איינפאַל ביי דער אַרבעט, וואָס האָט אי פאַרגרינגערט אי געגעבן מער פּראָדוקציע. ער איז געוואָרן בריגאַדיר פון אַ גרופּע גרוזטשיקעס. צו יעדער צייט, ווען דער ביי־זער דעסיאַטניק זאָל אים נישט קומען רופן צו דער פאַגרוזקע, איז ער גע־ווען גרייט צו לויפן צונויפרופן די בריגאַדע, אין די פינצטערסטע נעכט, אין די גרעסטע קעלטן און אין די גרויסע היצן. דערפאַר אָבער, ווען ער איז פריי געווען, אין דער פרייער צייט זיינער, האָט ער זיך אויסגעסטראָצלט אין זיינע שענסטע מלבושים, וואָס זענען אים נאָך געבליבן פון די גוטע יאָרן, און געפאַראַדירט פראַנק און פריי אויפן פּאָסיאָלאָק, זיך געדרייט פאַר דער קאָמענדאַנטור, ווי צו שפּילן אַ צו להכעיס שוואַריאָוון:

— נאַ, זע, וואָס מיר פאַרמאָגן, און דו, דו קוק אָן דיין הולך, קאַצאַפּ איינער, מיט דיין צעדריוולטער פופייקע און מיט דיינע וואַטענע הויזן, מיט די צעדרייטע שטיוואַלעס, וואָס ביי אונדז וואָלטן זיי זיך געווען געוואַל־גערט אויפן מיסט.

ער האָט אָבער גוט געאַרבעט, צאַלע אַנציס, זיך אויסגעצייכנט ביי דער אַרבעט און געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ, אַ שלאָגלער. דעריבער האָט זיין טראַציקייט און די פאַרריסענע, חוצפּהדיקע ענטפערס, וואָס ער האָט געגעבן דעם קאָמענדאַנט, געהאַט אַ באַזונדערן חן. דער קאָמענדאַנט פלעגט אים גוטברודעריש קלאַפּן איבער דער פּלייצע, מיט אַ „מאָלאָדיעץ" פאַר אַ צולאָג, און בעת אַ יום־טוב אָנווייזן אויף אים, ווי אויפן בעסטן, איבער־

געגעבנסטן, טרייען אַרבעטער, וואָס איז אַ שיינדל פֿאַרן פֿאַטערלאַנד און אַ כבוד פֿאַר די אַרבעטנדיקע...

***

דער טעאַטער־באַראַק איז געווען העל באַלויכטן. דער פּראָסט אין דרויסן האָט געפּלאַצט און ס'איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער. היינט וועט מען שוין זיכער טאַנצן נאָך דער פֿאָרשטעלונג, ווייל ס'זענען געקומען די מוזיקאַנטן: ווילוש זיידמאַן מיט זיין גיטאַרע, יולעק מאַסטאַוויטש מיטן פֿידל און דער רוס, מיכאַיל יעזשאָוו, פֿון קאָנטאָר, מיט דער מאַנדאָלינע. דער זאַל איז פֿול ביז איבער די ברעגן. דער עולם וואַרט אומגעדולדיק אויפֿן אָנהייב פֿון דער פֿאָרשטעלונג. דער זייגער איז שוין באַלד ניין און מע הייבט נאָך אַלץ נישט אָן.

אומגעריכט איז אַריינגעקומען שוואַריאָוו. אַנשטאָט זיך צו זעצן אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ איז ער האַסטיק אַריינגעלאָפֿן הינטער די קוליסן און געטראָפֿן אַלע אַרטיסטן פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס. ער האָט נישט לאַנג גע־וואַרט און זיך אַ ווענד געטון גלייך צו אַנציסן:

— אַ נוקאַ, גראַזשדאַנין אַנציס, לייען איבער דאָס זעלבע בריוול וואָס דו האָסט געלייענט יענע וואָך פֿון דער בינע אַראָפּ, ס'איז געווען זייער אינטערעסאַנט.

צאַלע אַנציס האָט כיטרע זיך איבערגעקוקט מיט זיינע מיטשפּילער און קאַלט, גלייך ווי נישט אים מיינט מען, אַ זאָג געטון דעם צעפּלאָמטן שוואַריאָוון:

— גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט, דער בריוו איז שוין לאַנג נישטאָ אויף דער וועלט, כ'האָב נישט געהאַט קיין פּאַפּיר אין וואָס צו דרייען מאַכאָרקע, האָב איך עס דורך דער וואָך פֿאַרנוצט אויף צום רייכערן. איבעריקנס, האַלט איך נישט קיין מאַנוסקריפּטן.

— עט, פּוסטיאַקי, — דערווידערט שוואַריאָוו, — נאַרישקייטן, גע־דענקסט עס נישט פֿון אויסנווייניק? אויף אַן אמת, ס'איז אַ געלונגענער נומער. אַלע ווילן עס הערן נאָך אַ מאָל.

— נו, גוט — האָט אַנציס געקוקט דעם קאָמענדאַנט גלייך אין די אויגן אַריין — אַז דעם קאָמענדאַנט איז עס ליב איז מיטן שענסטן פאַר־געניגן.

שוואַריאָוו איז אַרויס פון הינטער די קוליסן אַ צופרידענער און פאַר־נומען זיין ערנפּלאַץ אין פול־געפּאַקטן זאַל.

נאָכן קאָמענדאַטס אַרויסגיין האָט זיך אַנציס צוגעזעצט צום זייטיקן טישל ביי דער וואַנט און גענומען אָנוואַרפן שורות אויפן בייגעלע בריוו־פּאַפּיר אין גרויס געאייל ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען איבער אים און געוואַרט דערויף.

דער עולם אין זאַל איז געוואָרן אומגעדולדיק און זיך געדרייט אויף די בענקלעך: — וואָס אַזוינס איז געשען וואָס מע הייבט נאָך אַלץ נישט אָן, שוין באַלד אַ האַלבע שעה און אַ נעכטיקער טאָג. און אָט גיט זיך דער פאַר־האַנג אַ צעכוואַליע און הייבט זיך אַרויף צום סופיט.

אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן צאַלע אַנציס אַ טראַציקער און האָ־פּערדיקער. ער קוקט זיך אַ ווייל אַרום איבערן זאַל און טרעפט זיך אָן מיט די שפּיציקע בליקן פונעם קאָמענדאַנט און גיפטיקע אייגעלעך פונעם איינגעדאַרטן נעבעכל, יאַנקעלע בראַנשטיין, דער מסור, וואָס זיצט לעבן שוואַריאָוון, ווי אַ געטרייער הונט, גרייט אויסצופּילן יעדן באַפעל פון זיין באַלעבאָס. אַלץ איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן פאַר צאַלע אַנציסן. ער האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט געוווסט אַז ס'זענען נישטאָ קיין באַווייזן קאָן מען נישט פאַרמישפּטן, איז די שולד נישט קיין שולד. דאָך איז עס שוין אַ שפּיל פאַרן טייוול אויב ס'מישן זיך אַריין אייגענע, היימישע מוסרים. די גייען איבער קערפּערס. פאַר דריי גראָשן קאָנען זיי אומברענגען אַ מענטש. אָט די לייט האָט ער פיינט בתכלית־השינאה, און ער באַהאַלט זיך נישט דערמיט. ער וויזט עס זיי אַרויס ביי יעדער ערשטער בעסטער געלעגנהייט וואָס קומט אים נאָר אונטער דער האַנט. ער וויל טאַקע אַז זיי זאָלן פילן זיין עקל און פאַראַכטונג צו זיי ביז אין דער זיבעטער ריפּ.

ער האָט געלאָזט זיין בליק בלאָנדזשען איבערן זאַל און בעת־מעשה פאַר־נאַנדערגעוויקלט דאָס אָנגעשריבענע בייגעלע פּאַפּיר און גענומען לייענען:

„מיין טייערע צעלינע,

דו זאָלסט וויסן זיין אַז איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע, ווייל די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אָנטון ייִדן צרות, די שלעכטע דייטשן, פאַרשטייס זיך. וואָרן מיט די גוטע דייטשן האָבן מיר דאָ געשלאָסן אַ נישט־אָנגריף־אָפּ־מאַך. אַט די דייטשן האָבן זיך גוט געהאַלטן מיט דער ייִדישער באַפעל־קערונג (געלעכטער אין זאַל). מיך האָט אָבער געצויגן צום לאַנד פון מיינע יוגנט־חלומות, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט שמוגלען די דייטש־סאָוויע־טישע גרענעץ. דאָרט טאַקע, ביי דער גרענעץ, האָבן מיך פאַרברידערטע חברים דייטשן און רוסן — אויפגענומען מיט פריינדלעכע האַנטדרוקן. זיי האָבן מיך, צוזאַמען מיט אַלע פּליטים אַריינגעזעצט אין די לוקסוס־וואַגאָ־נען, ערשטע קלאַס, און אונטערן באַגלייט פון אַ מוזיק־אָרקעסטער זענען מיר אַלע אָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

איך מיט מיינע חברטעס האָבן זיך גלייך געמאָלדן צום בירגערלעכן אויפנעם־קאָמיטעט, וואָס האָט אונדז איינגעאָרדנט אין שענסטן האָטעל פון שטאָט, אין האָטעל „ריץ". מ'האָט אונדז געגעבן צו עסן פון שענסטן און בעסטן, עכטרוסישן קאַוויאַר און פינקלדיקע פלעשער בראָנפן מיט געבראָ־טענע טייבעלעך, טאַקע ממש ווי אין גן־עדן, אין סאָוויעטישן גן־עדן (גע־לעכטער אין זאַל אונטערן אָפּלויז פונעם עולם).

אומעטום האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף לאַנגע אָטשערעדן פאַר יעדן געשעפט. דאָס האָבן די אומדערצויגענע מענטשן אָנגעמאַכט אַ פּאַניק אין שטאָט, אַז אַלץ וועט אויספעלן און מע דאַרף זיך באַזאָרגן מיט וואָס נאָר מע קאָן. זיי טוען עס ספּעציעל כדי צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די באַ־פרייער אונדזערע. דו פאַרשטייסט דאָך גאַנץ גוט אַז דאָ אינעם לאַנד איז דאָס פאָלק אַן אַרבעטנדיקס און אַרבעטזאַם. קיינער וויל זיך נישט פאַר־נעמען מיט מיסחר. דערפאַר איז דאָ בלויז איין פאַרקויפער אין יעדן גע־שעפט און קויפערס — אַ לאַנגע אומענדלעכע ריי. מע רייסט פון די הענט, אַ בייז אויסכאַפּעניש, ווי אַלע וואָלטן געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון אַ פּאַניק, אַז ס'וועט נישט קלעקן פאַר אַלע. מע שטופּט זיך, מע שפּאַרט זיך, אַ ריי־סעריי און קריגעריי. אונדזער מיליץ האָט אַרבעט, זי מוז האַלטן אָרדע־נונג, איינגעמען די חצופהניקעס, די נישט־דערצויגענע אין אונדזערע רייען,

וואָס בענקען נאָך נאָכן פאַרשווינדענעם צעפוילטן קאַפּיטאַליסטישן סיס־טעם (הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע קוקן אין דער זייט פון שוואַריאָוון, וואָס באַטראַכט אי דעם פאַרלייענער אי דעם לאַכנדיקן עולם און פאַרשטייט נישט די פּלוצימדיקע הייטערקייט אין זאַל.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע פון די פּליטים צו פאָרן צוריק אַהיים צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברודער, האָב איך, ווי דו קוקסט מיך אָן, באַקעמפט אין זיך די אַלע קליינלעכע בורזשויסקע געפילן, די קליינבירגערלעכע סענטימענטן און גרויסמוטיק זיך פאַרשריבן צו פאָרן אויפן ווייטן צפון, אויפן פּאַסיאָלאָק לוגאָוואַי, וווּ ס'איז אַזוי פּרעכטיק שיין, אַז דער גרעסטער מאָלער וואָלט נישט געווען בכוח אויפצומאָלן אַזאַ פּרעכ־טיקן פּייזאַזש פון אוראַלטע ביימער באַדעקטע מיט פּלאַכטעס שניי, באַ־לויכטן פונעם פאַנטאַסטישן זונפאַרגאַנג, וואָס מע זעט אַזוינס נישט אין דער גאַנצער וועלט.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערע צעלינע, איך ווין דאָ צוזאַמען מיט נאָך פערציק פרויען אין דער זיבעטער „אָבשעזשיטיע." מיר ווערן באַ־דינט פון אַ „דניעוואַלניע", אַן אויפזעערין, הייסט עס, וואָס האַלט ריין די שטוב, די געלעגערס, אַן אמתער גן־עדן. ווי נאָר דער גודאָק צעפּייפט זיך אין גראָען באַגינען, טאַנצן מיר אַראָפּ פון אונדזערע אויסגעוואַרעמטע בעטן און היידאַ צו דער אַרבעט, צו בויען און פאַרפעסטיקן דאָס פאָטערלאַנד קעגן אַלע שונאים פון אינעווייניק און פון דרויסן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערע צעלינע, וואָלסט געמעגט הערן דעם געקלאַנג פון די מעכאַנישע זעגן, וואָס צעסקריפּען זיך ביים שניידן די זעקסמעטערדיקע קלעצער. האָסט נאָך אַזאַ סימפאָניע נישט געהערט אין דיין לעבן. ס'וועט נאָך געדויערן יאָרן ביז ס'וועט זיך געפינען דער קאָמ־פּאָזיטאָר, וואָס וועט קאָנען שאַפן אַזאַ הערלעכע מוזיק, וואָס באַרוישט און דערהייבט און גיט כוח און מוט צום לעבן. דאָס אַלץ אָבער איז גאָרנישט קעגן דעם גרויזווען די וואַגאָנען. דו דאַרפסט זען דעם ריטמישן באַוועג פון די מענטשלעכע הענט ביים הייבן, טראָגן און אַרויפדערלאַנגען די קלעצער. די פערציק וואַגאָנען, וואָס דער לאָקאָמאָטיוו פירט צו צו דער לעסאָ־בירזשע, ווערן אָנגעפילט ביז אַרויף מיטן געהילץ אין משך פון

געציילטע צוויי שעה, קיין מינוט נישט שפּעטער, וויל פּונקט צו די צוויי שעה פּאַרט־אַפּ דער צוג וואָס צעפירט דאָס געהילץ איבערן גרויסן מעכ־טיקן לאַנד — פאַר די שטעט און פון אַלע אַרבעטנדיקע. און מיר, פאַר אונדזער איבערגעגעבענער אַנגעשטרענגטער אַרבעט, ווערן פאַררעכנט פאַר די בעסערע מענטשן, פאַר די פאַרגעשריטנסטע — סטאַכאַנאָווצעס — העלדן פון אַרבעט.

דערשוויצטע, באַגאָסענע מיט שוויס קערן מיר זיך אום אַהיים, פאַר־ברענגען אין די אָוונטן ביים לייענען אַ בוך, גייען אין טעאַטער, אין קינאָ, אויף אַ לעקציע. מיט איין וואָרט, מיין טייערע, די תורה פון סטאַשעק סאַ־ווינסקי זענען מיר דאָ מקיים יעדן טאָג און אַ דאַנק דעם ראַטעווען מיר זיך דאָס לעבן.

נו, זיי מיר געזונט, טייערע צעלינע, נעם צו מיין האַרציקסטן גרוס און איך באַדויער זייער וואָס דו קאָנסט נישט ווי איך געניסן פון די אַלע באַ־קוועמלעכקייטן. אַ כפרה דער זאַקסישער גאָרטן און אַלע וואַרשעווער תענוגים פאַר איין טאָג לעבן אויף דער דאָזיקער זאַטער, רייכער און גליק־לעכער ערד. — דיין האַלינע.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, אויסגעמישט מיט ספּאָזמאַטישע גע־לעכטערס האָבן פאַרהילכט דעם זאַל. דער עולם האָט זיך אויפגעריסן פון די ערטער. די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט טאַנצמוזיק און די יוגנט האָט זיך אַ לאָז געטון אין צעשטורעמטער פריילעכער פּאָלקע.

***

שוואַריאַוו האָט זיך אויפגעריסן אַ צעיאָכמעטער פון זיין אָרט. דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט זיך באַדעקט מיט רויטפּאַרלאָפענע בלוטפלעקן. ווי אַ באַנומענער איז ער אַריינגעלאָפן הינטער די קוליסן און געטראָפן אין סאַמע מיטן געלעכטער און האַרציקע האַנטדרוקן, וואָס אַלע האָבן אונטער־געטראָגן צאַלע אַנציסן אין אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר זיין געוואַגט־קייט און דרייסטקייט.

— דו הינטישער זון — האָט זיך דער קאָמענדאַנט צערעוועט — דו

האָסט מיך אָפּגענאַרט, האַ? האָסט נישט געליינט דאָס זעלבע וואָס יענע וואָך. האָסט מיך אויסגעשטעלט צום נאַר! איך וועל דיר ווייזן חוזק מאַכן פון נאַטשאַלסטווע!...

צאַלע אַנציס איז געשטאַנען אַ רויקער, אַ טראַציקער מיט אַ גרין פּייערל אין די אויגן, אַ טריומפירנדיקער:

— איר האָט אַ טעות, גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט, איך האָב געליינט דאָס זעלבע וואָס יענע וואָך, טאָטש וו׳ טאָטש. אַ שאָד בלויז וואָס איך האָב די יענע־וואָכיקע דערציילונג פאַררייכערט אין מאַכאָרקע. וואָס בין איך שולדיק וואָס כ׳בין אַ ליידנשאַפטלעכער רייכערער... ווען ס׳קומט מיר אָן די תאווה, רייס איך אָפּ אַפילו אַ שטיק פון אַ וויכטיקן דאָקומענט און איך רייכער.

— איך וועל דיך אָנלערנען, כ׳וועל דיר ווייזן ווי אַזוי מע לאַכט פון אַ קאָמענדאַנט.

די אַלע אַרומשטייענדיקע האָבן זיך צעלאַכט נאָך שטאַרקער.

— וואָס לאַכסטו? — איז ער צוגעפאַלן צו אַ פּליט און אים אָנגענומען ביי דער גאָמבע.

— איך לאַך פון אַנציסן, סאַראַ טשודאַק ער איז — האָט דער פּליט שטאַמלענדיק אַרויסגעזייט צווישן די ציין.

— און פון וואָס לאַכסטו, האַ? — האָט זיך שוואַריאָוו אַ וואָרף־געטון צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן.

דאָס געלעכטער איז פאַרפרוירן געוואָרן ביי אַלעמען אויף די ליפּן. אַנציס האָט זיך טראַציק אַ ריס־געטון פון זיין אָרט:

— גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט, אַרעסטירט, זעצט איין אין קאַרצער דעם גאַנצן זאַל מיט געלעכטער. מיר לאַכן ווייל ס׳איז אונדז ווויל, ווייל ס׳איז אונדז גוט... מיר זענען פאַרזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן, מיר האָבן אַ גוטן באַשיצער ווי איר, גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט, איז לאַכן מיר, פרייען מיר זיך, ווייל וואָס אַנדערש קאָנען מיר טון ווי לאַכן, כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך צעהילכט אַנציס און מיט זיין ווילדן געלעכטער אָנגעשטעקט אַלעמען.

שוואַריאָווס פּנים האָט זיך געצונדן ביז רויט, ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט די באַטשוועקעטע שטיוואַלעס אין דער פּאָדלאָגע, זיך געלאָזט גיין

צו דער טיר און אַרויס. הינטער אים איז די טיר געבליבן אָפן און דער סמאָליעדיקער פראָסט איז אַריין אין טעאַטער־באַראַק ווי אַ היימישער גאַסט.

דער עולם פּליטים האָט אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט און געהוליעט.

אין דער קאָמענדאַנטור האָט זיך געלויכטן און דער געהילף־קאָמענ־דאַנט, פּאָפּאָוו, איז אַלע ווײַלע געלאָפן אין טעאַטער־זאַל אַרויסרופן אַן אַנדערן פּליט אויף אַ פאַרהער צום קאָמענדאַנט, וואָס האָט נאָר געוואָלט וויסן גענוי, פאַרוואָס יענעם מאָל, בעת דער ערשטער פאָרשטעלונג, ווען אַנציס האָט געלייענט דעם בריוו האָט מען אַזוי פיל נישט געלאַכט און דאָס מאָל האָבן די געלעכטערס ממש צעזנומען דעם זאַל.

אויסער דעם פּראָפעסיאָנעלן מסורל, יאַנקעלע בראָנשטיין, וואָס האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן דעם קאָמענדאַנט דעם אונטערשיד פונעם ערשטן ביזן צווייטן בריוו, האָבן אַלע געטענהט, אַז ביידע בריוו זענען ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער איינער צום אַנדערן. משמעות, אַז דער מסור האָט מיט זיין צעבראָכענעם רוסיש נישט באַוויזן צו באַקרעפטיקן זיין מסירה, און שוואַריאָוו האָט זיך, ווייזט אויס, באַרויִקט. ער איז געקומען אין זאַל און זיך געשמאַק אַ נעם געטון צום טאַנץ מיט אונדזערע ייִדישע מיידלעך און ווייבלעך...

אויך פּאָפּאָוו איז צוריקגעקומען סאַמע פאַרטאָגס און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט צום טאַקט פון דער מוזיק און זיינע באַוואָליקטע אויסגע־דרייטע פיס האָבן זיך באַוויגן צום טאַקט פון די טאַנצנדיקע יוגנטלעכע, וואָס האָבן אַפּנים פאַרגעסן אין אַלע זאָרגן און צרות, אינעם שמוץ און פּראָסט, אין דער לעסאָ־בירזשע, אינעם וואַלד, און אויסגעטאַנצט זייער בענקשאַפט צו דער וויטער היים, פון וועלכער זיי זענען אַזוי אכזריותדיק געוואָרן אַרויסגעריסן.

דער גודאָק האָט זיך אין פרימאָרגן אַריינגעריסן מיט זיין הייזעריקן און קאַלעמוטנעם געוואָי אינעם זאַל און דערמאָנט, אַז מע געפינט זיך אויפן פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי, אויפן ווייטן צפון...

קאַפּיטל דרייצן

שלום־עליכם אין פּאַסיאַלאַק לוגאַוואַ

אַנהייב וואָך איז פֿאַרלאָפֿן עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך: די איינ־וווינער פֿון פּאַסיאַלאַק האָבן באַמערקט, אַז פּאַפּאָוו, דער פֿאַרטרעטער פֿון קאָמענדאַנט, האָט באַלד אין דער פֿרי געעפֿנט די קאָמענדאַנטור און גע־וואָרן דער מושל איבער דער אַרבעט. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט דער־וויסן ווו ס'איז פּלוצלינג פֿאַרשוווּנדן דער קאָמענדאַנט שוואַריאָוו.

די דיסציפּלין האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. פֿאַר פּאַפּאָוון האָט מען זיך שוין נישט אַזוי געשראָקן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ תמעוואַט פֿויגל, אַן אָפּגעלאָזטס און אַ טויגעניכטס, טאָ מיט וואָס וועט ער אָפּשרעקן דעם עולם?

צאַלע אַנציס מיט זיינע נאָענטסטע מענטשן פֿון טעאַטער־אַנסאַמבל האָבן דעם פֿאַקט פֿון שוואַריאָווס פֿאַרשווינדן ווערן אויסגעטייטשט פֿאַר־שידן. טייל האָבן געהאַלטן, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין ראַיאָן־שטעטל זויעלסק צום סטאַרשי־לייטענאַנט, קאַראַשקאָוו, וועמענס אונטערגעאָרדנ־טער ער איז געווען, כדי אים צו ראַפּאָרטירן וועגן דעם פֿאַל מיט די בריוו. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער וועט עס נישט דערוועגן צו טון, מורא־האָבנדיק פֿאַר זיין אייגענער שקורע. אַזוי צי אַזוי, גלאַט וועט עס שוין נישט אָפּגיין, אַ קרבן וועט מוזן פֿאַלן און ווער דער קרבן וועט זיין, איז שווער געווען צו באַשטימען.

דערווייל זענען די עטלעכע קראַנקע און אָרעמע מענטשן געקומען צו זיך. אַ דאַנק די פֿאַרשטעלונגען איז געבליבן אַ פּאָר רובל און פּראָדוקטן זיי צו העלפֿן. אייניקע פֿרויען וואָס האָבן באַקומען פּעקלעך פֿון ווילנע אָדער ביאַליסטאָק, ווו זיי האָבן געהאַט קרובים, האָבן בעתן אָפּקאָכן אַ זופּ פֿאַר דער אייגענער מישפּחה אויך אין זינען געהאַט צוצוטראָגן, לויט דער ריי, צו אַ נויטבאַדערפֿטיקן קראַנקן. פֿאַרקערט, מ'האָט געהאַלטן פֿאַר אַ חוב

אַרויסצוהעלפן איינער דעם אַנדערן, כאָטש „ביי אונדז אין לאַנד — ווי עס חזרט עס איבער אַ סך מאָל שוואַריאַוו — איז קיין פילאַנטראָפּיע נישטאָ, דער וואָס אַרבעט דער עסט...".

פון דעסטוועגן האָט דער דראַמקרייז נישט אָפּגעשטעלט זיין טעטי־קייט. מ'האָט צוגעגרייט אַ נייעם סקעטש, נייע נומערן געזאַנג, דאָס מאָל מיט נאָך צוגעקומענע פרישע כוחות און אַלץ האָט געקלאַפּט נאַרמאַל, כאָטש עפּעס אַ וואָרעם האָט געטאָטשעט און גענאַיעט ביי אַלעמען, און דער עיקר ביי צאַלע אַנציסן.

***

די דריטע נאַכט נאָך שוואַריאַווס פּלוצלינגן אַוועקפאָרן, האָבן די אַר־בעטער פון דער נאַכט־שיכט באַמערקט אין דער קאָמענדאַנטור אַ באַוועגונג און אַ שאַרף עלעקטריש ליכט האָט פּאַסנווייז דורכגעשניטן די נאַכט־פינצטערניש אין דרויסן אַרום דער געביידע.

נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט האָט אַ שטיל קלאַפּן אין דער טיר אויפ־געוועקט צאַלע אַנציסן. ער האָט געעפנט די טיר און אַ שטאַרקע פראָסט האָט אים אַרומגענומען. אויף דער שוועל איז געשטאַנען פּאַפּאָוו:

— גראַזשדאַנין אַנציס, דער קאָמענדאַנט בעט דיך אַריינקומען צו אים אין דער קאָמענדאַנטור, ווי מעגלעך שנעל — האָט פּאַפּאָוו ווי אַ פאַרשלאָ־פענער אַרויסגעזייט צווישן די ציין:

— גוט, — האָט אַנציס זיך אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן — איך קום באַלד צוגיין און צוהאַקנדיק די טיר הינטער פּאַפּאָווס נאַז, האָט ער באַלד אַרויפגעצויגן אויף זיך די בגדים, און איז אַוועק צו שוואַריאַוון.

אַ העל ליכט פון אַ צעצונדענעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ האָט אים אַ שלאָג געטון אין די אויגן פון וואָס ער האָט זיי געמוזט אויף אַ ווייל צו־מאַכן. אויסער דעם האָט דער גוט־געהייצטער קאָמענדאַנטור־צימער אים אַרומגענומען מיט אַ ליבער וואַרעמקייט, אַזש די ברילן־גלעזער האָבן זיך פאַרצויגן ווי מיט אַ נעפּל.

— קום צו נענטער — האָט שוואַריאַוו אַנגעוויזן אַנציסן אויף אַ בענקל — סאַדיס, זעץ זיך, לאָמיר זיך דורכשמועסן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

אַנציס האָט זיך רוּיק אָוועקגעזעצט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, געוואָרט מיט אומגעדולד, כאָטש ס'איז נישט געווען אין זיין טבע, וואָס אַזוינס וויכטיקס וועט עס אים שוואַריאָוו זאָגן.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער גרויס, זיך געמאַכט וואַזשנע און עפּענענדיק דעם שופלאַד האָט ער אַרויסגעצויגן אַ יידיש ביכל און אונטערגעטראָגן אַנציסן אונטער דער נאָז:

— נאָ, זע, איך האָב דיר געבראַכט אַ ביכל פון אונדזער גרויסן הו־מאָריסט שאָלעם־אַלייקעם. ער איז ביי אונדז אַ זיכערער מענטש. ער האָט נאָך אין די צאַרישע צייטן געהאַלטן מיטן ראַבאָטשי־נאַראָד און אויסגע־לאַכט די בורזשויעס, פּאָניאַטנאָ? מיט אים זענען מיר זיכער. איר וועט זיך קאָנען אָפּשפּיגלען און זען ווי איר זעט אויס. שוין די וואָך וועט איר עס שפּילן אין טעאַטער. אויסער אים — גאָרנישט. אַפילו נישט זינגען קיין לידער אין יידיש. אין רוסיש — יאָ און נאָך דער פאָרשטעלונג — טענץ.

צאַלע אַנציס האָט אַ נעם געטון דאָס געדרוקטע ביכל שלום־עליכמס מיטן שפּאַס אין איין אַקט „אַ דאָקטער" און אים אינסטינקטיוו צוגעדריקט צום האַרצן פון פרייד וואָס אין אַזאַ פּראָסטיקער נאַכט, אין וויטן פאַר־וואָרפענעם צפון, האָט ער זיך געקענט מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון אומ־פאַרגעסלעכן שלום־עליכם.

— אָבער די וואָך, גראַזשדאַנין קאָמענדאַנט — האָט זיך אַנציס אָנ־גערופן אַן עקזאַלטירטער — וועלן מיר נישט באַוויזן איינצורעפּעטירן דעם איינאַקטער. מיר וועלן עס מוזן מאַכן די צווייטע וואָך. די וואָך וועלן מיר שפּילן דאָס וואָס מיר גרייטן שוין איצט.

— ניע לזיאַ! נישט דערלויבט! אויב איר וועט נישט באַווייזן אויף דער וואָך וועט מען אין גאַנצן נישט שפּילן — האָט זיך שוואַריאָוו צעיאָכמעט — דו מיינסט איך וויס נישט, אַז דו האָסט מיך גענאַרט, דו האָסט געלייענט אַן אַנדערן בריוו מיט אַן אַנדערן טעקסט, אָבער ס'איז דיר געלונגען...

אַנציס האָט גאָרנישט געענטפערט. שוואַריאָוו האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער אַ כעסיקער אָבער אַ שוויגנדיקער.

— איך קאָן שוין גיין צו זיך אין באַראַק? איך דאַרף מאָרגן אויפשטיין צו דער אַרבעט — האָט אַנציס איבערגעריסן די פּיינלעכע שטילקייט.

שוואַריאָוו האָט אים בייזלעך און צודרינגלעך אָנגעקוקט און אַרויסגע־זייט צווישן די ציין:

— אידי! גיי צום טייוול!

— איך קאָן נעמען דאָס ביכל? — האָט ער אַ רו:קער געפרעגט דעם קאָמענדאַנט.

— נעם, און פּראָווע מיר מער נישט קיין שטיק — האָט שוואַריאָוו אָן אָנגעצונדענער אַ זאָג געטון — געדענק, אַז מיר האָבן פאַר אַזעלכע לייט ווי דו ביסט, נאָך ערגערע ערטער, דער פּאָסיאָלאָק קעגן זיי איז אַ גן־עדן.

אַנציס האָט האַסטיק אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר הינטער זיך, לאָזנ־דיק זיך פרעגלען אין כעס דעם בייזן אוןווילדן קאָמענדאַנט פון פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי.

מיט האַסטיקע טריט, צוטוליענדיק שלום־עליכמס איינאַקטער צום האַרצן, איז ער דערלאָפן אין באַראַק אַריין און זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעט. ער האָט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. אין קאָפּ זענען אים געקומען דער־אינערונגען פון פאַר דער מילחמה, ווען מ׳האָט געשפּילט שלום־עליכמען און דער עולם האָט געקוואָלן פון נחת. ווער וואָלט זיך עס פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט זיך באַגעגענען מיט שלום־עליכמען ביי אַזאַ דראַמאַטישן צו־פאַל אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק, וווּ די וועלט ענדיקט זיך און וואָס ליגט איינגעקאָוועט אין אַזעלכע מוראדיקע פרעסט, אַז ס׳איז אַפילו אַ שאָד אַ בייזן קאָמענדאַנט אַרויסצולאָזן אין אַזאַ באַכטיקן דרויסן אַרויס.

— ליבער שלום־עליכם, צו וואָס פאַר אַ מדרגה דיינע זין און טעכטער זענען געקומען — האָט אַנציס גערעדט הויך אויפן קול — די מילחמה האָט זיי פאַרוואָרפן אַזוי ווייט און דער גורל האָט געוואָלט, אַז אויך דו זאָלסט זיין צווישן די פאַרשיקטע, געפּלאָגטע און אויסגעמאַטערטע יי:דישע פּליטים...

לאַנגע מינוטן נאָך האָט זיך אַנציס געדרייט אויף זיין האַרטן געלע־גער און צום סוף אַ מידער איינגעשלאָפן מיט זיסע זכרונות פון אַ מאָל, אַ מאָל, אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

***

אַלע גאַכט האָט געלויכטן אין טעאַטער־באַראַק. גלייך נאָך דער אַר־בעט האָט אַנציס, צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דראַמקרייז, אָנגעהויבן צו רעפּעטירן שלום־עליכמס שפּאָס אין איין אַקט „אַ דאָקטער”. די פיר פּרויען־ראָלן און דריי מענער־טיפּן וואָס נעמען אָנטייל אין איינאַקטער איז געווען לייכט צו באַזעצן און זיי האָבן עס שנעל תופס געווען. אָבער ביי די פּראָבן איז שוין נישט געווען דער זעלבער ענטוזיאַזם ווי פריִער, מחמת די טעמאַטיק פונעם איינאַקטער וועגן אַן אויסגעפּוצט מיידל, אַ צעבאַלעוועטע ביים גביר אין הויז צו וועמען עס קומט אַ שדכן רעדן שידוכים אויף אויס־וואַל אָדער אַ דאָקטער אָדער אַ סוחר, האָט עפּעס נישט האַרמאָנירט דאָ אינעם אָנבליק פון נאַקעטע נישט־געהובלטע קלעצער פון די ווענט, דאָס נעבעכדיקע טישל און אַלע צודאַטן וואָס דער עולם פּליטים האָט געהאַט אויפן פּאָסיאַלאָק.

דאָך, ביי יעדער פּראָבע, איז דער קליינער קרייז אַמאַטאָרן געוואָרן ממש עקזאַלטירט. זיי האָבן נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט אין די געדרוקטע יידישע אותיות, יעדעס מאָל, ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט יעדער איינער אַ גלעט געטון די בלעטלעך פון געדרוקטן ביכל און זיך ממש געקוויקט פון נחת.

דער פּאָרטרעט פון שלום־עליכם אויפן שער־בלאַט, האָט אַזוי גוט־מוטיק און פריינדלעך געשמייכלט מיט זיינע קינדיש־נאַיווע אויגן, ס'האָט אַזוי געוואַרעמט און געגלעט, אַז מ'האָט נישט געפילט די שרעקלעכע קריִרה פונעם ווילדן און בייזן אינדרויסן.

שוואַריאַוו האָט באַפוילן: בלויז דעם איינאַקטער און טענץ, מער וועט ער נישט דערלויבן. ער האָט מורא זיך אָנצוהייבן מיט אַנציסן, טאָמער שמוגלט ער דורך קראַמאָלע. פאַר זיין וואַרעמען בענקל, כאָטש אין עק־וועלט, איז ער גרייט צו ברענגען פאַר אַ קרבן אַפילו דעם גאַנצן פּאָסיאַ־לאָק. און מיטן קאָמענדאַנט האָט מען זיך נישט געטאָרט שפּילן. פון דער טבע אַ רויער פּויער, אַ גיריקער נאָך מאַכט און הערשאַפט, בפרט איבער גוט־אָנגעטוענע מענטשן צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען אייניקע דאָק־טוירים, אינזשינירן. האָט ער זיך מחיה געווען ווען ער האָט געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך צוצוקוקן צו זיינע אונטערטאַנען, וואָס קומען צו אים נאָך

אַ פּראָפּוסק צו גיין אין נאָענטסטן קאָלכאָז אויסצוטוישן אַ בגד פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל, אָדער ווען עמעצער פון זיי איז אַריינגעפאַלן צו אים אין קאַר־צער. ווי אַ ווילדער פויגל האָט ער פאַררימסן זיין שנאָבל, גרייט דורכצולע־כערן ביז בלוט זיין קרבן.

אַנציס האָט אים, שוואַריאַוון, שוין גוט דערקענט און דעריבער, טראָץ זיין טראַציקייט און עקשנות האָט ער אויסגעמיטן מיט אים זיך צו טרעפן אויג אויף אויג, בפרט נאָך אַזאַ סצענע מיט די בריוו.

דעריבער איז שוואַריאָווס ווילן אויפצופירן בלויז שלום־עליכם גע־וואָרן אַ געזעץ.

אין אָוונט האָט שוואַריאַוו געשיינט. ער איז געווען אויסגעפוצט ציוויל מיט אַ גראַנאַט רעקל מיט אויסגעבויגענע קלאַפּעס, וואָס דער פּרעס־אייזן קאָן עס נישט אויסגלייכן, אַ פּאָר גאַליפע־הויזן מיט אויסגעפוצטע שטיוול, אַרויפגעהויכטע מיט טוי פונעם פּראָסט. דאָס פּנים גלאָט אויס־ראַזירט אַזש ס'זעען זיך אָן די בלאָע אָדערן, די טשופּרינע פאַרקאָמט אויף אַרויף, און טראָפּנס וואַסער רינען אים אַראָפּ גלייך פונעם שרונט אויפן שטערן.

ביי דער זייט — זיין ווייב, אויסגעפּוצט מיט אַ געקויפטע קלייד ביי אַ פּליטה, איינגעשמירט די באַקן מיט רויט פּאַפּיר. דאָס גאַנצע פּנים אירס, וואָס איז פול באַזעצט פון פּרישטשעס, זעט אויס ווי אַ מעליק טייגל און די ליפּן זענען אַזוי רויט ווי סאַק, ווי די וואַלדיקע ברוסניצעס.

אַלע פּליטים זיצן אויסגעזעצט אויף די ערטער שטיל און רויק אין דערוואַרטונג פון דער היינטיקער פאַרשטעלונג.

דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף, און אויף דער בינע זעט מען אַ טישל, אַ באַנק און אַ הויל נאַקעט עלעקטריש לעמפּל אויפן סופיט. די אַרומיקע ווענט פון נישט־געהובלט האָלץ, אין די שפּאַרונעס אויסגעפילט מיט מאָך.

עס קומט אַרויס אַנציס מיט אַ ביכל אין דער האַנט, שטעלט זיך אַוועק ביים טישל און לייענט:

„די דעקאָראַציע צום איינאַקטיקן שפּאַס פון שלום־עליכם, דאַרף לויטן מחבר, אויסזען אַזוי: אַ גרויסער זאַל. טייער מעבל מיט סאַמעט באַצויגן. גוטע דיוואַנעס. בראַנדזענע שפּיגלען. אַ סך טישן מיט קליינע

טישעלעך. גלעזערנע שאַפעס, אָנגעשטעלט מיט פיל זילבער, כוסות, טעצעלעך, געגילדטע לעפעלעך, גרינע און רויטע גלעזער, די פּאָטעלן אָנגעוואָרפן מיט פאַרשידענע זיידענע און סאַמעטענע דאַמען־קליידער. אויפן טיש אַ בלאַט לאָקשן. אויפן פענצטער אַ גרויסע קו־פּערנע קוואָרט מיט צווי אויערן. פאַרטריקנטע בלומען אין טייערע וואַזאָנעס. אויף אַ שטול־אָנלען הענגען אַ פּאָר אויסגעבערשטלטע הויזן מיט אַ ווייסן זשילעט. אויף אַ גוטער עטאַזשערקע מיט ספרים וואַל־גערן זיך אַ סך אָנגעשניטענע קוילעטש. אין דער זייט אַ סלאָי איינגע־מאַכטס. אויפן פאַרטעפּיאַן אַ קישן. — דאָך — אַ זעלטענער „פּאַראַנ־דעק".

און איצט, אַז איר האָט אין זינען די גאַנצע דעקאָראַציע, טרעטן מיר צו צו דער ערשטער סצענע.

אַ שטיל אָכצעניש אין זאַל. אַ טויט־ערנסטקייט אויף אַלעמענס פּני־מער. פאַר די אויגן האָט דורכגעשוועבט אַ גאַנצע וועלט, שיינע מעבל, גוט אָנגעטועכטס, סלאָיען איינגעמאַכטס, ווייסע וועש — אַ וועלט וואָס איז געווען און איז פאַרביי, און דאָ אין זאַל ביי די באַדינגונגען זעט אויס אַזוי טרויעריק, אַזוי מרה־שחורהדיק אַזש אַ שאַרפע בענקשאַפט האָט אַרומ־גענומען אַלע פּליטים.

שטיל ווי אין אַן אויער. עס דערשיינט חיים־לייב, דער אויפגעקומע־נער גביר. הינטער אים רב שלום שדכן מיט די אַלע פּראָבלעמען וועגן שידוך...

און עס קלעפּט זיך נישט. כאָטש די אַרטיסטן לייגן איין וועלטן, ס'זאָל געלינגען דאָס שפּילן, אָבער דער עולם אין זאַל זיצט ווי ביי אַן אָבל אין שטוב, קיינער הייבט נישט אויף די אויגן, מע שעמט זיך צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

מע טוליעט זיך איינער צום צווייטן פּונקט ווי דער פראָסט פון די אוראַלטע וועלדער וואָלט זיך דאָ אַריינגעריסן, כאָטש די אויוונס זענען אָנגעהייצט.

אויף דער בינע גייט אַן די דינגעניש פון דער מאַמע חנה־לאה מיטן טאַטן חיים־לייב, צי זאָלן זיי נעמען פאַר דער טאָכטער אַ דאָקטער צי אַ

סוחר. די מאַמע וויל אַ דאָקטער, דער טאַטע וויל אַ סוחר און די טאָכטער לאַכט פון זיי אַלע און עס ווערט אַ סומאַטאָכע. די דינסט לויפט אַריין פאַר־שמייעט און לויט איר קומט אויס, אַז מען דאַרף לויפן רופן אַ דאָקטער. די באַלעבאָסטע שרייט און ליאַרעמט, טרייבט אַרויס די דינסט און דער שדכן אַנטלויפט דערוויל, מיינענדיק אַז אַלע זענען דאָ משוגעים און צו יעדן פון זיי דאַרף מען רופן אַ דאָקטער.

דער פאָרהאַנג פאַלט. שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די בענק. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צעשמועסט מיט אַ פּאָר פּליי־טים און שטייט און קוועטשט מיט די אַקסלען. ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי פון אַזאַ גרויסן הומאָריסט שלום־עליכם, וואָס אַלע רוסן וואָס לייענען אים לאַכן אַזוי האַרציק, איז נישט געווען וואָס צום לאַכן.

ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די מוזיקאַנטן מע זאָל אויפ־שפּילן אַ טאַנץ, אָבער קיינער פון דער יוגנט האָט זיך נישט געכאַפּט טאַנצן. שוואַריאַוו האָט אַ כאַפּ געטון זיין גראָבע יפי־פיה און איינער אַליין האָט ער מיט זיינע באַטשוועקעטע שטיוואַלעס געטופּעט איבערן דיל.

דער עולם האָט זיך ביסלעכוויז אַרויסגעשאַרט פון זאַל.

אונדזער טייערער און ליבער שלום־עליכם האָט מיט זיין גוטמוטיקן הומאָר, געקאָנט ברענגען פרייד אין יידישע היימען, וואָס זענען געווען פריי, אָבער ביי פאַרשיקטע אין די וויטע מקומות, האָט עס בלויז אַרויס־גערופן זיסלעכע דעראינערונגען און אומענדלעכע בענקשאַפט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מער האָט מען שוין קיין טעאַטער אין פּאָסיאָלאָק לוגאָוואָי נישט גע־שפּילט.

קאַפּיטל פערצן

אין „זאַגאַט־זיערנאַ" — די שייערן פון תבואה־פּאַרגרייט

דער צוג האָט זיך פּאַמעלעך גערוקט פּאָרויס, זיך געטראָגן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אַלץ נענטער צו דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט סאַמאַרקאַנד, וואָס האָט אַלעמען געלאָקט און וואָס האָט געזאָלט אויפנעמען אין אירע אָרעמס, דערוואַרעמען און געבן גליק די פאַרפרוירענע, מידע און אויסגעמאַטערטע פּליטים — נאָכן באַפרייט ווערן פון פּאָסיאָלאָק, ווי פרייע מענטשן.

די אויפגייענדיקע זון האָט דערפרישט די מידע ביינער. אויף אַ קליינער סטאַנציע, אַרומבאַשטעלט מיט צעגרינטעביימער, איז דער צוג געבליבן שטיין, אָנצושעפּן כּוח אויפן ווייטערדיקן וועג.

אוזבעקן און אוזבעטשקעס מיט שוואַרץ־צוגעדעקטע פּנימער זענען געשטאַנען ביים וואָקזאַל און פאַרקויפט מילך, פּוטער, זויער־מילך און פּירות. די אוזבעקן האָבן באַטראַכט די נייע משונהדיקע וואַנדערער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין זייער לאַנד און מיט זייער שווערן געבראָכענעם רוסיש האָבן זיי געזוכט צו קויפן מציאות. זיי האָבן אַלץ איינגעהאַנדלט און די פּליטים האָבן פאַרקויפט, וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט און זיך באַזאָרגט מיט עסנוואַרג.

דער צוג האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און געלאָפן ווייטער צו זיין ציל, אַלץ נענטער צו סאַמאַרקאַנד.

אין דער סאַמע גרעסטער היץ, ווען די זון האָט געוואָרפן אירע צעגליטע שפּיזיק־שטעכיקע שטראַלן און שיער נישט צעשמאָלצן די וואַגאָנען, האָט זיך פון דער ווייטנס צעפינקלט דער העל־בלוי געפאַרבטער סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם און פֿאַר־לאַנגזאַמט זיין לויף, פֿאַרביישוועבנדיק נידעריק־ליימענע כאַטקעס און גע־בליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער און שטומער אויף דער באַן־סטאַנציע.

באַלד איז געוואָרן אַ געלויף און הו־האַ. די אָנגעקומענע פּליטים האָבן זיך געראַנגלט מיט די צענדליגער מיליציאָנערן, וואָס האָבן זיי נישט גע־לאָזט אַרויס פון די וואַגאָנען. זיי האָבן געהייסן פֿאָרן ווייטער, קיין בוכאַרע, קיין קאַגאַן. דאָ אין דער שטאָט איז שוין קיין אָרט מער נישטאָ. פֿאַרפולט ביז די ברעגן. עס האָט נישט געהאָלפֿן דאָס ווייזן די פּאַפּירן. די מילי־ציאָנערן האָבן בייז געוואָרטשעט און געהייסן זיך פֿאַרנעמען צוריק אין די וואַגאָנען.

צאַלע אָנציס האָט זיך, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, אַרויסבאַ־קומען פון דער צווייטער זייט וואַגאָן, מיט זייערע מאָגערע פּעקלעך. זיין פּאָסיאָלאָק־חבר, יואל שולמאַן, האָט זיך אויך דעצידירט, זיך דורכגעקריגן הינטנאָרום פון צוג און געבליבן. דער גרעסטער טייל מענטשן פון זיין פּאָ־סיאָלאָק האָבן זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וואַנדער, זוכן אַן אָרט וווּ אַני־דערצולייגן דעם קאָפּ.

אָנציס איז געגאַנגען מיטן מאָגערן פּעקל זיינעם אויף די פּלייצעס און וווּ נאָר זיין בליק האָט דערגרייכט זענען געלעגן קופּקעס מענטשן מיט פרויען, קינדער און זאַכן אונטערן פרייען הימל און זיך געבראָטן אונטער די הייסע שטראַלן פון דער מיטלאַזיאַטישער זון.

מיט גרויס מי האָט ער זיך צוגעשאַרט צו אַ ווינקל גאַס ביי אַ ליי־מיקן פּלויט און זיך צעלייגט מיט זיינע זאַכן.

***

די נאַכט, שוין אַ סוף־זומערדיקע, איז געווען אַ וואַרעמע און אָנגענ־נעמע. אינעם אָפּגעלעגענעם געסל, פֿאַרלייגט מיט מענטשלעכע גופים אויף דער הוילער ערד, איז געווען שטיל. אַלץ האָט געשנאָרכט פון באַרויִקטן תענוג, ווי זיי וואָלטן געלעגן אין ווייכע וואַרעמע בעטן, זאָרגלאָזע אין זי־כערע, רויִקע היימען.

אויך צו דעם מעמד קאָן מען זיך צוגעוויינען. אַנציס איז געלעגן אָב־געשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף זיין צעקנייטשטן טשעמאָדאַן, פאַרזונקען אין שווערע מאַטערנדיקע חלומות.

אַ שוידערלעכער געשריי האָט אויפגעריסן די נאַכטשטילקייט. פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות:

— קאַראַבטשוק![1] כאַפּט דעם גנב! אַלעמען האָט דער דאָזיקער גע־שריי אין דער נאַכט געשטעלט אויף די פיס. יעדער האָט באַטראַכט זיין פּעקל און געזען, אַז ער האָט עס נאָך לעבן זיך, האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין אָרט.

באַלד איז צוריק שטיל געוואָרן. הינט האָבן זיך ערגעץ צעבילט, אַ צעצויגענער, מאָנאָטאָן־גאַרגלדיקער געשריי פון אַן אייזל האָט צעטרייסלט די לופט און געגרילצט אין די אויערן.

דאָס געשריי פונעם אייזל האָט אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה אויף די פּליטים און שווער געמאַכט זייער געמיט אין דער ערשטער נאַכט ווען זיי האָבן זיך צוגעטוליעט אויף דער האַרטער ליימיקער ערד אין זייער נייעם וווינאָרט.

אַנציס האָט שוין מער קיין אויג נישט צוגעמאַכט. מיט אָפענע אויגן איז ער געלעגן אויף דער האַרטער ערד און געקוקט צום ברייטן אויסגע־שטערנטן הימל, צו די וואַנדערונגען פון דער לבנה. ער איז נישט גע־ווען דער איינציקער וואָס איז אויף געווען. זיינע מיטשלאָפער האָבן זיך פיל צעגענעצט און אָנגעהויבן צווישן זיך צו שמועסן.

די קליינע קינדער האָבן זיך צעוויינט.

די העגער אין די אַרומיקע קאָלכאָזן האָבן זיך צעקרייעט און גע־בראַכט די בשורה פונעם אויפגייענדיקן טאָג. זייער געקריי האָט דער־מאָנט אין די אַלטע, גוטע, רויִקע צייטן.

דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין נאָרמאַלן טעמפּ. די עוואַקויִר־טע און פּליטים זענען געגאַנגען צום וואָקזאַל נאָך „קיפּיאַטאָק”[2] און גע־

---

[1] גנב, אין אוזבעקיש
[2] געקאָכט וואַסער

זוכט פאַראיינוועגס זיך צו דערוויסן ווו מע קאָן באַקומען אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. איינער האָט פאַר זיך געטראַכט, אַז אפשר וועט ער זיין דער גליקלעכסטער און אים וועט געלינגען צו קריגן ערגעץ ווו אַ ווינקל, אַ שטיקל מקום מנוחה.

אַנציס האָט זיך אויפן באַזאַר געטראָפן מיט מענטשן פון פּאָסיאַלאָק. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער האָט נאָך נישט קיין דירה, ווייל בכדי צו באַקומען אַן אָרט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ, דאַרף מען האָבן אַ ספּראַווקע פון אַרבעט, און בכדי צו באַקומען אַרבעט, דאַרף מען האָבן אַ באַשטעטיקונג פון דאָמקאָם[1], אַז מ'האָט אַ דירה...

***

אין דער לייטענער קיביטקע ביים אוזבעק ראַכמאַטאָוו, האָבן זיך אַנציס און שולמאַן —ביידע חברים פון פּאָסיאַלאָק, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער — גוט איינגעאָרדנט. ערשט איצט האָבן זיי דערפילט דעם אמתן טעם פון אַן אייגן ווינקל. די פּאָר וואָכן ליגן אויף דער גאַס ביים וואָקזאַל, ווי אַרויסגעטריבענע הינט, האָט זיך שטאַרק געלייגט אין די ביינער.

— האַ, אַ מחייה — האָט זיך אַנציס אויסגעצויגן אויפן דיל, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישן וואָס ער האָט נאָך דערפירט ביז אַהער פון דער היים — ס'איז גוט צו זיין אַ גביר. ס'ליגט זיך גאָר אַנדערש אַז מ'האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ. אונטערן פרייען הימל ליגט זיך נישט אַזוי גוט און פריי ווי דאָ.

שולמאַן איז געלעגן אין צווייטן ווינקל פון דער קיביטקע און געשנאָרכט פון צופרידנקייט.

— שולמאַן! — האָט אים אַנציס געוועקט — איר שלאָפט? ווי קאָנט איר שלאָפן? וואָס וועט מען טוען מאָרגן? כ'האָב דעם אוזבעק צוגעזאָגט

---

[1] וווינאָרט

צו ברענגען אַ ספּראָווקע פֿון אַ פֿאַבריק, אַז מיר אַרבעטן, ווו וועט מען נעמען אַזאַ פּאַפּירל? אַז דער ספּראָווקע וועט ער דאָך אונדז אַרויסוואַרפֿן...

אין דער ליימענער קיביטקע מיט אַ סך זאָרגן זענען די שכנים איינגעשלאָפֿן.

***

ביידע שכנים האָבן זיך פֿאַרלייגט מיט אַלע כוחות צו באַקומען אַרבעט, צו קאָנען אויפֿהאַלטן די קיביטקע ביים אוזבעק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל גוטמוטיקייט צו די פּליטים און זיי געטרויט. מע קאָן דאָך נישט דערלאָזן אַז די מיליץ זאָל באַשטראָפֿן ראַממאַטאָוון פֿאַרן אַריינלאָזן מענטשן אומלעגאַל.

אַנציס האָט באַשלאָסן פֿאַר יעדן פּרייז צו געפֿינען עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג און זיך איינאָרדענען. ער איז שוין געווויינט צו שווערער אַרבעט, קיין זאַך וועט אים נישט אָפּשרעקן.

דער באַלעבאָס פֿון דער קיביטקע האָט געאַרבעט ביי דער באַן, ער איז געווען אַ באַנוועכטער. ער האָט געראָטן די צוויי שכנים זיינע, זיי זאָלן פּרוּוון מזל אין „זאַגאָט־זיערנאָ”.

***

אויפֿן פּלאַץ פֿון „זאַגאָט־זיערנאָ” איז געשטאַנען אַ גרויסער טומל. הין און צוריק האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען און אַרויספֿאָרן די אַרבאָס — די הויכע צווייירעדערדיקע וועגענער וואָס האָבן געבראַכט פּראָדוקטן: מעל, רייז, ווייץ. דאָס אַלץ איז לאָקירט געוואָרן אין די גרויסע סקלאַדעס און שפּעטער פֿאַרלאָדנט געוואָרן אין וואַגאָנען. די פֿאַרלאָדנטע קאַראַוואַנען קעמלען מיט גרויסע זעק האָבן זיך פֿויל געצויגן צום גרויסן רחבֿותדיקן הויף און אַרום אים. די אוזבעקן וואָס זענען געקומען מיט די אַרבאָס און קעמלען, זענען בחבֿרותא געגאַנגען אין דער טשאַי־כאַנאַ[1], געטרונקען טיי און זיך דערציילט מעשיות.

[1] טייהויז

דאָס רוב אַרבעטער דאָ זענען געווען יונגע, געזונטע, קרעפטיקע אוז־בעקן מיט זונפאַרברוינטע אָפּגעדעקטע ברוסטקאַסטנס. זיי האָבן געגרו־זעוועט די וואַגאָנען תבואה.

אַ פּאָר צענדליגער פּליטים האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן בכדי צו באַקומען אַרבעט. דאָ האָט געלאָקט, ווייל די סטאָלאָווע האָט געהאַט אַ גוטן שם. מ׳האָט אין דער סטאָלאָווע באַקומען גוט צו עסן און אויף דער אַרבעט גופא האָט מען אויך נישט געקענט פאַרחלשט ווערן, דאָ איז געווען וואָס צו נאַשן. אַלץ איז געווען אַ קערן. פאַר דער צייט זענען די מענטשן אַזוי שטאַרק אויסגעהונגערט געוואָרן, אַז אַפילו כאַפּן אַ הויפן מעל בעת דער אַרבעט און עס אַראָפּשלינגען איז געווען אַ מציאה, ווער רעדט נאָך אַ ביסל מאָן, אָדער ווייצענע קערנדלעך.

צאַלע אַנציס איז דאָ אַרומגעקראָכן מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז, מיט פאַרגלאָצטע אויגן. ער האָט רק געזוכט און געבישטערט אין אַלע ווינקלען. ער האָט דעם שווערן הונגער זיינעם נישט געקענט שטילן. שטענדיק איז ער געווען הונגעריק, כאָטש עסנוואַרג איז נאָך אין יענער צייט געווען לרוב. אָבער קיין געלט פאַרוואָס צום קויפן האָט ער שוין נישט געהאַט. זיין ביסל אָרעמקייט האָט מען ביסלעכווייז צעגנבעט, ווען ער איז געלעגן אויף דער גאַס און ער איז געבליבן הויל און נאַקעט.

פון די אַלע פּליטים האָט זיך פאַרמירט אַ בריגאַדע ביי די שפּייכלערס פונעם תבואה־פאַרגרייט, וואָס איז גלייך צוגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פאַר־שטאַרקונג צו אַ צווייטער בריגאַדע גרוזטשיקעס, און די אַרבעט איז אַוועק.

אַנציס האָט זי באַמיט נושא־חן זיין ביי די אוזבעקן. זיך אָנגעשטרענגט נישט אָפּצושטיין פון זיי. די אַכציק־קילאָדיקע זעק מעל, וואָס זענען געלעגן אין גרויסע סטאָקן אין מאַגאַזין, האָט ער געטראָגן אויף דער פּלייצע אויפן דורכגעלייגטן ברעט אין וואַגאָן אַריין.

דער בריגאַדיר האָט געלערנט די נייע אַרבעטער ווי אַזוי צו נעמען אַ זאַק אויף די פּלייצעס, נישט אין דער לענג, נאָר אין דער הייך, אויפגע־שטעלט גראָד אויפן אַקסל ווי אַ גלאָז. ס׳איז טאַקע געווען גרינגער צו טראָגן.

שולמאַן האָט זיך געבויגן אין דרייען אונטער דער שווערער משא. ער איז געגאַנגען שלאַבעריק און שווער געאָטעמט. דער חשק צו קריגן אַ ספּראַוו־

קע, כדי איינצוהאַלטן די דירה ביים אוזבעק, האָט אים געשטאַרקט און צו־געגעבן כוח נישט צו פאַלן מיטן זאַק.

אין גאַנצן אויסגעמעליקט, ווי בעקערס, מיט ווייסע מעל־פּליאַמעס אויפן פּנים, האָבן די מענטשן אויסגעזען ווי פאַרשטעלטע קלאָונען אין אַ צירק. פון דער מעליקער ווייסקייט האָבן אַרויסגעליכטיקט שוואַרצע ייִדיש־פאַרבענקטע אויגן מיט צער און פּיין.

נישט געקוקט אויף דער שווערקייט פון דער אַרבעט, האָט צאַלע אַנציס געטון אַלץ, אַז דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע, זאָל אים נישט דערקוי־טשען. ס'זאָל אים נישט איינפאַלן צו וועלן אים אַרויסוואַרפן. ער מוז זען צו באַקומען אַ צעטל פון „זאַגאָט־זיערנאָ״ אַז ער אַרבעט.

אייניקע פּליטים זענען אָפּגעשטאַנען. שווער געווען אַזוי אָן אויפהער צו יאָגן און לויפן הין און צוריק, ווי אַקראָבאַטן, מיט די זעק פון וואַגאָן אין סקלאַד און פון סקלאַד אין וואַגאָן. די אוזבעקן האָבן געאַרבעט מער מיושבדיקער. איינער פון זיי, אַ סימפּאַטישער מיטליאָריקער אוזבעק האָט זיך אָפּגערופן אָן איבערגענומענער מיטן גורל פון זיינע נייע מיטהעל־פערס:

— מע דאַרף אַרבעטן מיט קאָפּ, נישט אַזוי איינרייסן — און זיך אָנ־שפּאַרנדיק אין דער אָפענער טיר פון וואַגאָן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע אַ שקאַטולקע נאַסאָוואַי[1], בנעימותדיק און באַזאַכט פאַרלייגט אונטער דער צונג, אַ צי געטון די לופט און אויסגעשפּיגן מיט געל־גרינער לייכעץ פון טאַביק און באַפאַרבט דעם מעליקן שטויב, געלאָזן אַ געלן פלעק אין דער קלאָרער ווייסקייט פונעם זאַק מעל:

— מע דאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען — האָט דער אוזבעק פאַרגעלייגט

— לאָמיר מאַכן אַ „זאַקורקי״.

די בריגאַדע האָט זיך אויסגעזעצט — אַלע ווי איינער — ווער אויף די שינעס און ווער אויף די משופּעדיקע ברעטער, וואָס זענען געווען אָנ־געלעגט אינעם אָפענעם וואַגאָן. מיט יעדן צי פונעם ציגאַרל האָט מען אַ קוק געטון אַרום זיך, צי ס'גייט נישט ווער פון נאַטשאַלסטווע.

---

[1] מין טאַביק, נישט צום שמעקן, נאָר צו האַלטן עס אין מויל און זשויען ווי קייגומע

מיט די פאַרשפּיצטע אויגן האָט צאַלע אַנציס דערווייל געזוכט פון וואָס עפּעס טועם צו זיין. געגישטערט און דערשנאַפּט דעם זיסלעכן ריח פון פרישן מאָן. מיט די פאַרקראַמפּטע נעגל האָט ער אויפגעריסן דעם נאָט פון איינעם פון די זעק און הויפנווייז געשאָטן אין מויל אַריין דעם שמעקעדיקן שוואַרצן טרוקענעם מאָן, מחייהדיק זיך געקוויקט און בעת־מעשה צוגעוווּנקען צום אוזבעק, וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צו דער וואַגאָנטיר און נישט געוואָגט אויסצושטרעקן קיין האַנט. ער האָט נאָר געקוקט מיט זשעדנע אויגן ווי אַנציס שלינגט דעם מאָן — אַ גאַרשט נאָך אַ גאַרשט.

מיט אַ שטומען ווונק מיטן אויג האָט אים צאַלע אַנציס צוגערופן נענטער און אים צוגעלאָזט צום זאַק מאָן. אַליין האָט ער זיך איצט צוגעזעצט צום אוזבעק וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צום מאָן ווי צו אַ הייס געבראָטנס. ער האָט באַלד דערפילט צום דאָזיקן גוטמוטיקן אוזבעק אַ פריינדשאַפט און נאָענטקייט און זיך מיט אים פונאַנדערגעשמועסט:

— ווי מיינסטו, אַקאַ[1] — האָט ער אים אַ פרעג געטון מיט אַ דין שמייכעלע אויף די ליפּן — מע וועט אונדז דאָ אָננעמען צו דער אַרבעט צי נישט?

— איך הייב נישט אָן צו וויסן — האָט דער אוזבעק זיך געשטיקט מיטן מאָן — נישט יעדן נעמט מען דאָ אַריין. מע דאַרף זיין שטאַרק. נאָר שטאַרקע און געזונטע זוכט די דירעקציע, אַזעלכע וואָס זאָלן קאָנען מאַכן די נאַרמע. קיין אַרבעט, זעסטו דאָך, פעלט נישט ביי אונדז. אָבער איך גלייב, אַז איר אַלע, אַזעלכע אויסגעאיידלטע, שוואַכע מענטשן, איר אַלע וועט זיך נישט קאָנען האַלטן קיין לאַנגע צייט. פאַר אַזעלכע איז שווער זיך צוצופּאַסן צו אַזעלכע שווערע באַדינגונגען פון אַרבעט... ביי דיר אין דער היים, דאַרטן, האָסטו אַ מאָל געאַרבעט ביי אַזאַ מין אַרבעט?

— כ׳וואָלט געקאָנט אויסלעבן אַלע מיינע יאָרן און נישט וויסן פון אַ „זאַגאַט־זיערנאַ”, אַז ס׳איז אַפילו אַזוינס דאָ אויף דער וועלט. ביי אונדז, ברודער, איז געווען אַן אַנדער לעבן. יעדער איינער האָט געאַרבעט ביי

[1] ברודער

זיין פאַך. דאָ קאָן מען דאָך נישט אויסקלייבן וואָס מע וויל. אַ שווער לעבן, אַקאָ, קיין מאָל נישט געטראָגן קיין הונדערטפּודיקע זעק...

— דאָ, דאָ — האָט דער אוזבעק אים אָנגעקוקט מיט מיטגעפיל און געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט באַדויער — ביי אונדז איז נישטאָ קיין גרינג לעבן. דאָ דאַרף מען האַרעווען ווי אַן אייזל און ערשט נאָך דעם האָט מען דערפון וואַסער אויף קאַשע. איך בין אַליין אַ קאָלכאָזניק. כ׳וווין אין פּוש־קין־קאָלכאָז, ביים „באָלשוי־אַריק״, אַזאַ וואַסער־קאַנאַל, נישט ווייט פון דאַנען, אַן ערך אַ פינף קילאָמעטער, און אַרבעטן, אַ חוץ מיין אַרבעט אין פעלד, אַרבעט איך נאָך אויך דאָ ביים טראָגן די זעק. אין קאָלכאָז איז שווער און דו גייסט אַרום הונגעריק. דאָ כאָטש באַקומט מען די נאָרמע ברויט, גוט אָפּצועסן אין דער סטאָלאָווע און דו כאַפּסט נאָך אַ קיי אין דער זייט אויך.

צאַלע אַנציס איז געלעגן אויסגעצויגן איבער זאַק מאָן ווי ס׳וואָלט אים געוווען אַ שאָד זיך צו צעשיידן מיט אים. איבער זיינע ליפּן האָבן פּערל־דיק געגלאַנצט שוואַרצע קערנדלעך מאָן. די גאַנצע וועלט האָט איצט פאַר־לוירן איר ווערט. דער שוואַרער מאָן האָט פאַר אים פאַרשטעלט דעם גאַנצן אַרום. ער האָט זיך גאַרנישט געקאָנט זאַט אָנעסן. אַ פאַרטראַכטער האָט ער ערשט באַמערקט זיין חבר אין דער נויט, יואל שולמאַן, וואָס גייט אַרום ווי אַ לונאַטיקער, נישטערט אַרום און זוכט ווייצענע קערנדלעך, כאַפּט זיי אויף און פּיקט זיי ווי אַ הינדל — אַ קערנדל נאָך אַ קערנדל.

ער איז צוגעקומען צו צאַלע אַנציסן מיט אַ גאַרשט קערנדלעך אין האַנט:

— אַ טייער מאכל, טעם גן־עדן — האָט ער מיט התלהבות געשעפּ־טשעט ווי פון שלאָף אַרויס — קיין בעסערס איז נישטאָ אויף דער וועלט. כ׳האָב אַזוי ליב ווייצקערנדלעך. ס׳צעגייט אין אַלע אברים. ס׳קומען צו פרישע כוחות. אַמאָל, אין יענע גוטע יאָרן, הערסט, ווען כ׳פלעג זומער שפּאַצירן אין פעלד פלעג איך רייסן זאַנגען און עסן די קערנבער. זיי דער־מאָנען מיך אין דער היים. אַזעלכע שיינע חדשים דורכגעלעבט אויף זומער־וווינונג. דאָ האָסטו אויך אַרום זיך נאַטור, פעלד, ביימער, נאָר דאָס אַלץ איז אַ תפיסה. און די ברענענדיקע זון איז נאָך אַ צולאָג צו די צרות.

ווידער האָבן זיך די אַרבעטער געטראָגן מיט די זעק מעל איבערן ברעט פון וואַגאָן. סאָפּענדיקע און דערשוויצטע האָבן זיי פֿאַרענדיקט דאָס אָנלאַדעווען דעם וואַגאָן ביז פול.

צאַלע אַנציס האָט באַמערקט ווי דער אוזבעק, וואָס האָט גערעדט מיט אים אַזוי פריינדלעך, טרעגט אויף אַ זאַק און שיט אַריין מעל אין טשייניקל פון וואַסער, פון וועלכן אַלע האָבן געטרונקען, און פאַרקנעט דערין דאָס מעל אין אַ טייגל, פלאַטשיק געמאַכט עס און אַרומגעוויקלט זיך דערמיט אויפן הוילן פאַרברוינטן לייב ווי מיט אַ רימען, אַרויפגעצויגן אויף זיך צוריק די קורצפאַרשאַרצטע הויזן, אַ ווינק געטון צו אַנציסן און אָנגעהויבן שפּאַנען, ווי קיין מאָל גאָרנישט, צו דער „פּראָכאָדנוי", צום דורכגאַנג. ביים טויער האָט דער „אָכראַניק" דורכגענישטערט יעדן איינעם און אויך דעם אוזבעק מיטן טייגל האָט ער באַזוכט און גאָרנישט געפינען ביי אים.

מיט אַ ניצחון־פייערל אין די אויגן האָט זיך דער אוזבעק געלאָזט אין דער טשאַי־כאַנאַ און צוזאַמען מיט אַלע אוזבעקן זיך געזעצט מיט די פיס הינטער זיך און געזופּט די פּיאַלע מיטן גרינעם טשאַי.

די פליטים האָבן היינט, צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל וואָכן וואַנדערן, אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן מיטאָג אין דער סטאָלאָווע פון „זאַגאָט־זיערנאָ".

**
*

מידע און צעבראָכענע זענען אַנציס און שולמאַן מיט צעווייטיקטע גלידער אַריינגעקומען אין דער קיביטקע. יעדער אבער האָט געבראַכן און געדריקט. זיי זענען פשוט אַוועקגעפאַלן אויף זייערע בידנע געלעגערס וואָס זענען געווען אויסגעשפרייט אויף דער פּאָדלאָגע.

ביינאַכט האָט זיך געיאָוועט דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע. ער איז געקומען געוווּיר ווערן צי זיינע שכנים האָבן שוין די ספּראַווקעס פון דער אַרבעט.

— מיר האָבן זיי נאָך נישט באַקומען — האָט זיך אַנציס אָנגערופן — באַר ניטשעווּאָ, פּאָלוטשים, מיר וועלן זיי באַקומען, אָקאַ... ס'וועט זיין יאַכ־

שי, גוט, זייער גוט — האָט ער דאָס ערשטע אוזבעקישע וואָרט וואָס ער האָט געכאַפּט אַרויסגערעדט מיט שטאָלץ.

— איך וועל וואַרטן נאָך אַ טאָג — האָט דער אוזבעק באַטראַכט די צווייי דערשעפּטע יונגעלייט אויף די געלעגערס. זעענדיק אַז ס'איז גע־רעדט ווי צו אַ טויטן האָט ער צוגעגעבן — איר זענט דאָך אַרנטלעכע מענטשן, יאָ, דאַרפט איר האַלטן וואָרט. איר פאַרשטייט, איך וויל נישט האָבן צו טון מיטן קוואַרטאַלנעם פון דער מיליץ. ער איז אַ אַ שלעכטער „טשוטשקי", אַ חזירוק. איך וויל אים נישט אָנקוקן דאָ ביי מיר. זאָל ער זיין וואָס ווייטער פון דאַנען...

ער האָט געזען אַז ער האָט נישט צו וועמען צו רעדן איז ער אַרויס פון צימערל אָן אַ גוטע נאַכט.

**
*

דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע, ראַכמאַטאָוו, איז געווען אַ שטרענ־גער פּרימיטיווער אוזבעק. ביי זיין גאַנצער פּרימיטיווקייט האָט ער ליב געהאַט דיסציפּלין און אָרדענונג. זיין קליין הייפל האָט ער געהאַלטן אין זעלטענער ריינקייט, וואָס ביים רוב אוזבעקן האָט מען עס נישט געקאָנט טרעפן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט ביי דער באַנסטאַנציע. אין אָוונט, ווען ער איז געקומען אַהיים, און פאַרטאָגס, פאַרן אַוועקגיין, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער זיין ביסלווירטשאַפט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. דעם איינציקן גרויסן ווייַנטרויבן־קוסט, וואָס האָט זיך געריסן צום דאַך אַרויף און פאַרדעקט די ווערענדע פון זיין קיביטקע, האָט ער זאָרגפעלטיק גע־היט און געפלעגט. דעם אויסגעגראָבענעם טיפן „האָוז" — דעם גרוב ווו ס'ווערט איינגעזאַמלט וואַסער צום טרינקען און צום וואַשן — האָט ער געהאַלטן אין גרויס ריינקייט. דאָס טויער איז שטענדיק געווען פאַרריגלט, פעסט פאַרמאַכט. ווי נאָר ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט האָט שוין קיינער נישט געקאָנט אַרויס אָדער אַריין פּונקט ווי אין אַ תפיסה. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך געלויכטן דער איינציקער עלעקטרישער לאָמפּ וואָס ער האָט נישט לאַנג אַריינגעצויגן און מעשה באַלעבאָס זיך געשפּיגלט דערין ווי אין אַ ברילאַנט און הנאה געהאַט פון זיין לעבן.

ער איז שוין געווען אַריבער די פופציק. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַ פעסטגעבויטער און פיזיש־שטאַרקער מאַן. ער איז שטענדיק געגאַנגען מיט אַ צעכראַסטעטער ברוסט. זיין ערשט ווייב האָט לאַנג געקרענקט און אָוועקגעשטאָרבן דאָ נישט לאַנג. באַלד נאָך איר טויט האָט ער זיך געקויפט אַ צווייטע — אַ יונגע שיינע אוזבעטשקע, זיך צו פאַרזאָרגן אויף דער עלטער.

דאָס יונגע ווייבל האָט מען נישט אָנגעזען אויף דער ליכטיקער שיין. ער האָט זי אויסבאַהאַלטן בחדרי־חדרים. דערפאַר האָט ער אָבער ביי יע־דער געלעגנהייט ווען איר גערעדט מיט סלינע אויף די ליפּן, וועגן זיין טייערן אוצר, זיין שיינער שוואַרצאויגיקער כאַסיע, און זיך באַרימט פאַר זיינע שכנים אַז ער האָט איינגעהאַנדלט אַ גרויסע מציאה.

אין אַ פרייער שעה איז ראַכמאַטאַוו געזעסן ביי זיינע שכנים און מיט נייגער געקוקט אויף די אויסלענדישע קליידער וואָס די פרויען זייערע האָבן געטראָגן אויף זיך. כאָטש די זאַכן זענען שוין געווען אַלט און אָפּגעניצט, אָפּגעבליאַקעוועט פון דער זון, האָט יעדער קלייד און שמאָכטע אים אַנט־ציקט. ער האָט נישט געקאָנט אַראָפּנעמען קיין אויג פון זיי:

— טס־טס!... — האָט ער געצמאָקעט מיט די פולע ליפּן — פאַר מיין כאַסיע וואָלט עס געווען שיין ווי אַ חלום... זי האָט ליב שיינע זאַכן.

נאָך יעדן באַזוך זיינעם האָט ראַכמאַטאַוו אַרויסגעטראָגן פון זיינע שכנים אַ פרישע זאַך, אַן אַנדער שמאַטקעלע, און אַ צופרידענער עס אַוועק־געטראָגן זיין כאַסיע. ער האָט געהאַט אַ טבע, אַז ער האָט עפּעס וואָס באַ־קומען, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, איז ער געווען מילד און ווייך ווי פּו־טער און אַליין נישט געוווסט ווי זיך צו פרייען מיט זיינע שכנים. ער פלעגט זיי טרייסטן און באַרויקן און צוגעבן מוט אויף אויסדויער; נישט מורא געהאַט פאַרן קוואַרטאַלנעם טשוטשקי, נישט געפרעגט ביי קיינעם, אָט אַזוי ווי אַ באַלעבאָס וואָס קיינער האָט איבער אים נישט צו זאָגן. אָבער שוין צו מאָרגנס פלעגט ער אַריינפאַלן אין גרימצאָרן, דראָען און זידלען, שעלטן אין טאַטן אַריין און סטראַשען אַז ער וועט זיי אַלע אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס.

צאַלע אַנציס האָט איינגעזען אַז ס'וועט אוממעגלעך זיין ווייטער צו

בלייבן וווינען אין דער קיביטקע. אי מע קאָן נישט אַרויסקריגן קיין ספּראַווקע אין „זאַגאָט־זיערנאָ״, אי די אַרבעט איז דאָרט סיי ווי אַ שווע־רע, איבער די כוחות. די נאַטשאַלסטווע זוכט נאָר קרעפּטיקע יונגען, זי וועט די פּליטים אויף דער אַרבעט נישט „אופאַרמען״ אויף סטאַבי״ל, און די זאַכן, וואָס מ׳האָט פון דער היים, לאָזן זיך שוין אויס. איידער אַוועק־געבן זיי ראַכמאַטאַוון אומזיסט איז גלייכער זיי אַרויסטראָגן אויפן באַזאַר און פאַרקויפן אויף ברויט.

ווי נאָר צאַלע אַנציס איז אין די אָוונטן געקומען פון דער אַרבעט און דאָס טויער האָט שווער אַ סקריפּע געטון אויף זיינע פאַרזשאַווערטע זאַ־וויאַסעס באַגלייט מיטן געביל פון שוואַרצן קודלאָטן הונט, האָט זיך ראַכ־מאַטאַוו אַרויסגעשלייכט אין דרויסן אַרויס פאַר דער טיר און בייז אַ וואָר־טשע געטון:

— נו, וואָס האָסטו געבראַכט? — האָט ער אים דורכגעשטאָכן מיט זיינע כיטרע שפּיזיקע אויגן און נישט אָפּגעטרעטן ביז יענער איז נישט אַריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר.

צאַלע אַנציסן איז דעמאָלט שוין ליבער געווען צו ליגן אויף דער גאַס, הינטערן פּלויט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע נויטבעדערס זיינע, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין די גאַסן, איידער דורכצוגיין דאָס פּייער פונעם אוזבעקס שטעכיקע און ברז׳איקע בליקן וואָס האָבן אים דורכגענומען ביזן ביין.

***

אויף דער אַרבעט האָט זיך צאַלע אַנציס דערנענטערט צום אוזבעק אַטשיל צאַדיקאָוו — אַ פריילעכער לונג־און־לעבער וואָס האָט קיין מאָל נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין ברעקל זאָרג. ער האָט די אַרבעט גענומען לייכט און דאָס לעבן — נאָך לייכטער. צו צאַלע אַנציסן האָט ער געהאָט פולשטענדיקן צוטרוי און געטון טייל מאָל זאַכן וואָס ער וואָלט זיך מיט זיי געוועזן אויסגעהיט פאַר זיינע אייגענע ברידער אוזבעקן:

— ביי אונדז, אַקאַ, איז דאָס לעבן אַ שווערער ביסן. פונעם אַרבעט־לויך, חברל, קאָן נישט קלעקן אויף אויסקומעניש. דו ביסט בלויז באַ־

וואַרנט מיט דיין נאַרמע ברויט, מיטן מיטאָג אין דער סטאָלאָווע און אַ פּיאַלע טשאַי אין דער טשאַי־כאַנאַ. ווייטער, אַז מע וויל עסן בעסער און גיין אָנגעטאָן ווי אַ מענטש — דאַרף מען פאַרקנעטן אַ טייגל אין טשייניקל און עס פאַרוויקלען אַרום בויך. קאָנסטו שוין אויך האָבן אַ ביס צו טון פאַר וויב און קינדער, אָבער מיט שרעק, ברודערל. אַז ס׳גייט גלאַט איז גוט, און אַז מע כאַפּט איז פּאַסקודנע. דעמאָלט גייסטו זיצן און ס׳ווערט פון דיר אויס מענטש.

— וואָס זשע פאַר אַן עצה איז דאָ צו דעם? — האָט אַנציס געפּרוווט אָנכאַפּן אַ פאָדעם פונעם קנויל, האָבנדיק אין זינען דעם פּלאָנטער פון זיין אייגן בינטל צרות וואָס ער האָט אויסצושטיין פון זיין באַלעבאָס, וואָס דער־גייט אים די יאָרן דאָרט אין דער קיביטקע, — ווי קריכט מען פון דעם אַלעם אַרויס? יעדער איינער גליטשט זיך דאָך דאָ אויף אַן אַנדערן אופן גלייך אין אָפּגרונט אַריין... ווי קאָן מען זיך ראַטעווען נישט אונטערצוגיין?

— איין מיטל, אַקאַ, איז דאָ — פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר יעדן איי־נעם: זיך נישט איבערצונעמען, נישט צופיל אַריינטראַכטן, מאַכן אַ פריי־לעכע מינע צום פאַרשאָלטענעם שפּיל... העלפן וועט עס נישט, אָבער שאַדטן קאָן עס אויך נישט, קאַליע מאַכן אַוודאי נישט... זעסטו ביי דיר איז שוין גאָר אַן אַנדערע מעשה. מיט אַ הונטישן באַלעבאָס איז זיך שווער אַן עצה צו געבן. מע דאַרף פון אים אַוועק און פּטור אַן עסק.

— אָבער ווי אַזוי? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון זיינע לאַפּעס? — האָט אַנציס אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק, גלייך ווי ער וואָלט דערוואַרט פון אים די ישועה.

— הער, ברודערל, — האָט אַטשיל זיך אָנגערופן — איך זאָג דיר גאָרנישט צו... כ׳וועל פּרוּוון איבעררעדן מיט מיין באַבע. אויב זי וועט נישט האָבן דאַקעגן, וועל איך דיר פאַרדינגען ביי מיר אַ קיביטקע. אין קאַלכאָז, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף מען נישט קיין ספּראַווקעס פון דער אַר־בעט. אַז איר וועט וועלן וועט איר אַלע דאָרט קאָנען אַרבעטן אין פעלד... האַלט זיך, ברודער, די וועלט גייט נאָך נישט אונטער, — האָט אַטשיל צאַ־דיקאָוו גוטברודעריש אַ קלאַפּ געטון אַנציסן אין פּלייצע — ס׳וועט זיין גוט, נישט געזאָרגט...

ווי יעדן טאָג פאַרן אַדורכגיין דורכן טויער האָט אָטשיל צאַדיקאָוו אויף דער גיך פאַרקנעטן אַ טייגל אין טשייניקל, מיט פרומפאַרגלאָצטע אויגן עס אַרומגעוויקלט פלאַטשיק אין אַ טיכל אַרום בויך און מיט אַ ממזרישן בליק אַרויסגעשעפּטשעט:

— קאַזניאַ באַהאַטאַ... די מלוכה וועט נישט אָרעמער ווערן און מיין באַבע וועט פונעם טייגל אויסבאַקן לעפּיאָשקעס, וועט זיין וואָס צו עסן. אין קאַלכאַז באַקומט מען נישט קיין ברויט, פאַרשטייסט...

אין דער מינוט, ווען צאַדיקאָוו איז געשטאַנען אין דער ריי דורכצו־גיין דורכן טויער און באַטאַפּט צו ווערן פון אָכראַניק, איז ער געוואָרן איינגעשרומפּענער און דאַרער — אַ שטעקן. די אויגן האָבן ווילד געקוקט אַרום זיך, ווי ער אַליין וואָלט געהאָלפן זוכן אַ גנב וואָס געפינט זיך דאָ אומגעזען, נאָענט, אַרום אים, און מע קאָן אים נישט כאַפּן...

די אַרבעט איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שווערער און די כוחות ווינציקער, גלייך ווי די זעק מעל וואָלטן געוואָרן שווערער אַז מע קאָן זיי שוין נישט רירן פון אָרט, אַזוי ווי די שטיינער. אייניקע פון דער בריגאַדע זענען אָפּגעפאַלן. זיי האָבן נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן. צאַלע אַנ־ציס איז יעדן טאָג, ווי זיין געוווינהייט, געלעגן אויסגעצויגן אויפן זאַק מאָן וואָס איז געוואָרן איינגעשרומפּענער און פלאַטשיקער. ס׳האָט זיך שוין געפינען אַ וועכטער וואָס האָט דערטראַגן אַז מע עפּנט אויף זעק און מע צעשלעפּט דעם מאָן. ס׳איז געוואָרן אַ גערודער און דעם שולדיקן האָט מען נישט געקאָנט געפינען. צאַלע אַנציס האָט שוין געכאַפּט דעם שניט, זיך אויסגעלערנט די קונץ פון קאָנספּיראַציע. ווי נישט אים מיינט מען האָט ער תמעוואַטע געקוקט אויף די אָכראַניקעס ווען זיי האָבן געגוואַלדעוועט אַז מע וועט איבערגעבן די בריגאַדע „פּאַד־סוד״. קיינער האָט זיך נישט מודה געווען און אויך נישט אַנגעוויזן אויף קיינעם. נאָר די רעוויזיע ביים אַרויסגאַנג פון „זאַגאָט־זיערנאָ״ איז געוואָרן שטרענג און פאַרשטאַרקט.

די אויזבעקן זענען פון דער אַרבעט אַרויס דערצאָרנטע, פול מיט כעס און מיט פאַרקריצטע ציין. צאַדיקאָווס טשייניק איז געשטאַנען אין ווינקל אַ פאַרשעמטער, פאַרלאָזענער. צאַדיקאָוו אַליין האָט שנעל אַרויפגעצויגן

זיינע הויזן און פאַרצויגן דעם פּאַסיק און מיט אַ פּוסטן בויך אַרויס פון טויער.

***

אַ צעשמייכלטער האָט אַטשיל צאַדיקאָוו אַ קעגן געטראָגן אַנציסן דעם גוט־מאָרגן:

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַקאַ, נישט זאָרגן, ס׳עט זיין גוט, יאָ? נעם דיינע זאַכן און קום צו מיר אין קיביטקע... מיין באַבע האָט נישט דאַקעגן. זי איז מסכים אַז דו זאָלסט זיך אַריבערקלייבן מיט דיינע בעבעכעס.

צאַלע אַנציס האָט אים באַדאַנקט און אַוועק צו שולמאַנען אין אַנדערן ווינקל כדי צוזאַמען מיט אים אַרויסגיין פון דער אַרבעט, ער זאָל אים גלייך קאָנען אָנזאָגן די בשורה טובה אַז זיי ווערן שוין געהאָלפן, ענדלעך וועלן זיי פּטור ווערן פון דער פּגע־רע, דעם אַלטן הינער־פרעסער, ראַכ־מאַטאָוו, וואָס פאַרסמט זיי דאָס לעבן. דער וועג צו זיך אַהיים איז אַדורך שנעל, אומבאַמערקט. נישט אַזוי ווי יעדן טאָג, ווען דאָס האַרץ האָט גע־טיאָכקעט און געציטערט ביים קבלת־פּנים פון ראַכמאַטאָוון וואָס האָט זיי אָפּגעוואַרט אויף דער שוועל.

האָפּערדיקע האָבן זיי אָן עפּן געטון דאָס טויער. דער הונט האָט זיך מיט כעס צעבילט און זיך געריסן פון דער קייט. גלייך האָט זיך באַוויזן דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע און מיט רוגזה אַ וואָרטשע געטון:

— ווו איז די ספּראַווקע, צו אַלדע טייוול!

צאַלע אַנציס האָט אים דאָס מאָל אָפּגעענטפערט מיט אַ רויִקער שטים:

— שריי נישט אַזוי, אַקאַ! מ׳האָט דיר נישט געקוילעט די גענדז. מאָרגן גייען מיר אַוועק פון דיר. מיר האָבן שוין אַ נייע קיביטקע. דו ביסט נישט איינער...

ראַכמאַטאָוו איז ווייכער געוואָרן. זיין כעס האָט זיך גלייך אויסגעלאָשן. ער האָט פאַרבעטן זיינע שכנים אויף דער וועראַנדע צו טרינקען אַ פּיאַלע טשאַי.

ווי גרויס ס׳איז נישט געווען דער פאַרדראָס אויף אים האָט צאַלע אַנציס אים דאָך מוחל געווען זיינע אויפרעגענישן און בייזקייטן. ער האָט

דאַך זיי פאָרט דערמעגלעכט צו פאַרלאָזן די הוילע שטיינער פון דער גאַס און צוטוליען דעם קאָפּ צו אַ וואַנט, אונטער אַ דאַך.

אַנציס מיט שולמאַן זענען נאָך לאַנג געזעסן מיט ראַכמאַטאָוון אויף דער וועראַנדע. זיי האָבן אים געדאַנקט פאַר זיין פריינדלעכקייט, וואָס איז טאַקע זעלטן צו טרעפן אין מילחמה־צייט, און אויסגעהערט זיין פאַרענט־פערן זיך וואָס איז געקומען אויפריכטיק פון האַרץ:

— נישט איך בין שולדיק, די „פּאַראַנדקעס״ אונדזערע זענען אַזעלכע, און די פּאָליציי איז שטרענג. ווער וויל עס האָבן צו טון מיט זיי? דער קוואַרטאַלנער ברענט די טריט. אַז מ׳האָט נישט קיין ספּראַווקע פון דער אַרבעט איז מען שוין אַזוי גוט ווי אומלעגאַל. און אומלעגאַל שמעקט מיט קראַמאַלע, מיט שפּיאָנאַזש, מיט ווייסעך וואָס נאָך אַלץ... כ׳האָב געקאָנט מיאוס אָפּשניידן. דאָס איז דיר נישט קיין שפּילכל, ברודער... ניטשעוואָ בראַטאָק! — האָט ער אַנציסן געקלאַפּט אין דער פּלייצע — איר זענט ווילע מענטשן... אומגליקלעכע, נעבעך, אַנטלאָפענע פון היימען, אויסגע־וואַרצלטע. מע זעט אַז איר האָט געלעבט גוט. אייערע זאַכן און אייער אַנ־טועכץ זאָגן עדות דעריף. אָבער פאַרפאַלן. מילחמה־צייט, פאַרשטייסט... מע קאָן גאָרנישט מאַכן...

***

אומהיימלעך האָט געררוישט דאָס וואַסער אינעם גרויסן אַריק, הינטער דער קיביטקע, וואָס האָט אין זיין לויף איבער די קאַלכאָזנע פעלדער טרויע־ריק אויסגעזוימט זיין מיטלייד צו די היימלאָזע, וואָס זענען מידע געלעגן אויפן ליימיקן דיל און פון מידקייט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. אויבן, צווישן די שפּאַלטן אין די געוועלבן אויפן סופיט, האָט אַ גריל געזעגט די לופט מיט איר מאָנאָטאָן געגרילץ, איינוויגנדיק די ליגנדיקע אויף די האַר־טע געלעגערס אין דער שטילער לבנהדיקער נאַכט וואָס האָט ווי אַ שפּיאָן אַריינגעקוקט, געגנישטערט און געזוכט דורך די האַלבאָפענע טירן־לאָדנס פון דער קיביטקע.

קאַפּיטל פופצן

קאַלכאָזניקעס בויען אַ קאַנאַל

זיבן זענען זיי געווען וואָס זענען געפאָרן בויען דעם קאַנאַל. צוויי ייִדן, איינער אַ ציוניסט פון פּוילן, וואָס האָט ווי אַ מאַראַן אויסבאַהאַלטן זיין אי־דייע, ווייל דאָ האָט עס געשמעקט מיט קאָנטררעוואָלוציע, מיט פאַרפוילט ווערן אין תפיסה; דער צווייטער — אַ קאָמוניסט פון פּוילן, וואָס האָט דאָרט פאַרזוכט דעם טעם פון פּוילישן קאָנצלאַגער אין קאַרטוז־בערעזע, און שעמט זיך איצט היפּש אונטער מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, מחמת די אידייע האָט אים דאָ באַוויזן אירע שאַרפע ציין און נעגל און אים אָפּגעשלאָגן דעם אַפּע־טיט צו ווערלן באַפרייען די וועלט; דער דריטער איז געווען אַן אוקראַיִנער, אַ סאַמעראָדנע אוראייניקל פון באָגדאַן כמיעלניצקי מבטן ומלידה, וואָס זיין עלטערזיידע איז געווען אַ הונט קעגן אים אין הילכות פיינט האָבן ייִדן. — פוזענקאָ האָט מען אים גערופן, דעם דאָזיקן שונא־ישראל, וואָס אַז ער האָט דערשמעקט אַ ייִד פון ווי וויט, איז ער גרייט געווען, ווי אַ בייזער הונט, אים צו צעררייסן אויף שטיקער. די איבעריקע פיר זענען געווען אוזבעקן — באָרוועסע, נעבעכדיקע, איינגעהילטע אין צעריסענע געפּאַרבטע באַבלומטע כאַלאַטן, אָפּגעקראָכענע פון דער זון — צעקראָכענע ברואים מיט צעכראָס־טעטע באַהאָריקע ברוסטן און פאַרברוינטע, צעגלאַנצטע ווי אָפּגעפּוצטער מעש.

אָט די דאָזיקע זיבן אַרבעטער — קאָלכאָזניקעס פונעם סטאַלין־קאָל־כאָז — זענען עס געוואָרן מאָביליזירט צו פאָרן בויען דעם קאַנאַל, וואָס זאָל באַוואַסערן דעם סטעפּ אַן ערך זיבעצן קילאָמעטער פון דער באַרימטער ברויטשטאָט טאַשקענט, וווּ מע דאַרף אויפשטיין פינף־זעקס פאַרטאָגס אין דער ריי צו קריגן אַ שטיקל ברויט. אונטער דער אָנפירונג פון יונגן זשוואַון בריגאַדיר — אַ הויכער שיינער אוזבעק, אַן אויסטויגער, וואָס

האָט ליב פון אַלץ צו מאַכן אַ זייטיקן גראַשן — זענען זיי אַלע זיבן אַוועק צום סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געוואַרט ביז דער צוג איז אָנגעקומען. צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע קאַלכאָזנע בריגאַדעס האָט זיך זיי פּאַרטאָגס קוים איינגעגעבן זיך אַריינצוקריגן אין וואַגאָן מיט זייערע זעק און קלומיקעס, קיטמענעס, לאָמען און פּראָדוקטן מיט אַ זעכציק־קילאָדיקן זאַק מעל — אויף צידה־לדרך.

אויפֿן צווייטן טאָג, ערב זונפאַרגאַנג, האָט דער צוג אויף דער סטאַנציע אורטאַ־אול, אָפּגעטרייסלט פון זיך די בריגאַדעס און זיך ווייטער אַוועק־געלאָזט איבער די ברייטע און וויסטע שטרעקעס. די חברה מאָביליזירטע זענען שטיין געבליבן ביי אַ פולגעפּאַקטער טשאַי־כאַנאַ וווּ ס׳איז נישט מעגלעך געווען אַריינצושטעלן קיין פוס. ס׳גאַנצע טייהויז איז געווען אָנ־געפילט מיט רויך און טשאַד. אין דער געדיכטער פאַרנעפּלטקייט האָט זיך געראָיעט און געזשומעט אַ גראָע טונקעלע מענטשנמאַסע ביי די קאָכיקע פּיאַלקעס טיי.

שנעל איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ געדיכטער שניי האָט אָנגעהויבן צו שיטן. אַ בייסיקער ווינט האָט געריסן און געוואָיעט מיט משונהדיקע קולות איבערן אַרומיקן נאַקעטן פעלד, פונקט ווי אין סיביר. זעלטן — האָבן די אוזבעקן זיך געוואונדערט — זעען זיי אַזאַ געדיכטן שניי.

אויף דער נשמה איז קאַלט און נאָך קעלטער זענען די הענט און פיס. די אוזבעקן פאַרשטעלן זייערע האַריקע ברוסטן מיט די וואַרעמע כאַלאַטן וואָס זיי טראָגן ווינטער און זומער. דער אוקראַאיניעץ, האָט פאַרשטעקט זיין רויטע כעסיקע נאָז אינעם קאָלנער פון זיין פופייקע און די צוויי ייִדן האָבן געזוכט אַן עצה ווי צו דערוואַרעמען די אויסגעפרוירענע און אָנט־בלויזטע גלידער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע שמאַטעס.

אַ גרופּע אוזבעקן האָבן אָנגעשלעפּט סאַקסאַול־האָלץ פון דער נאָענ־טער באַן־סטאַציע און צעלייגט אַ פייער. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די גרויסע קלעצער און זיך געוואַרעמט ביים פייער. דער שניי איז צעגאַנ־גען אויף די מלבושים, דאָס פייער האָט געפלאַמט דאָס פּנים און אין פּלייצע האָט דער ווינט מאוימדיק געבלאָזן און געריסן שטיקער.

די פייער־פונקען פון צעטריקנטן סאַקסאַול האָבן געקנאַקט און פאַר־

טראָגן געוואָרן פון הודזשענדיקן ווינט, איין פונק האָט געיאָגט דעם צווייטן. דער ווינט האָט אומברחמנותדיק געפייפט און זיך געריסן מיט כוח אויסצולעשן דאָס פייער. די אוזבעקן האָבן געקעמפט מיט אים צוואַרפנדיק אַלץ מער פרישע צווייגלעך, וואָס האָט זיך מיט געקנאַק צעזשאַרעט אין אַ גרויס פייער. געדיכטע רויכוואָלקנס האָבן זיך געריסן צום טינטשוואַרצן הימל. דער פריש־אָנגעשאָטענער שניי איז געפאַלן אויף מענטשלעכע גופים, געפאַלן, זיך צעגאַנגען און ווידער זיך אָנגעהויפט אויף פלייצעס ווו דאָס פייער און די היץ האָט נישט דערגרייכט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שניי אַזוי געשאָטן און געדיכט פאַרוויסט די שוואַרצע אומהיימלעכע געגנט פון אורטאַ־אול און די דורכגעפרוירענע מענטשן וואָס האָבן שוין מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דעם נייעם אויפגייענדיקן טאָג.

אין דער פרי איז די זון אַ צעלויכטענע און ריין־אויסגעצוואָגענע אַרויס פון הינטער די בערג־שיפּועים און אָנגעהויבן וואַרעם און מילד צו צערטלען דעם אָנגעהויפטן שניי, וואָס איז פון אירע שטראַלן אַלץ ווייכער און איינגעשרומפּענער געוואָרן און ביסלעכווייז זיך פאַרוואַנדלט אין לאַנגע ריטשקעלעך לוסטיק־שטראָמענדיקן וואַסער און זיך געיאָגט מיט שטורעם צו די אַריקן.

דער בריגאַדיר, אַ גוט אויסגערוטער און אויסגעשלאָפענער, אין גאַנצן אַ טרוקענער, האָט צווישן המון אויסגעזוכט זיינע מענטשן פון דער נאַכטיקער געשטופּעניש און זיי אָנגעהויבן טרייבן:

— ביסטראָ! גיכער! לאָמיר גיין און וואָס פריִער מיר ווען אָנקומען אויפן פּלאַץ וועלן מיר פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט.

אַ גאַנצער קאַראַוואַן — קאָלכאָזניקעס פון נאָענט און וויט, הונדערטער מענטשן באַלאָדן מיט שווער געפּעק — האָט זיך געלאָזט אין מאַרש, די אַכט קילאָמעטער נענטער צום קאַנאַל, מידע און איינגעהויקערטע פון דער לעצטער איבערגעלעבטער נאַכט.

דעם זעכציק קילאָדיקן זאַק מעל האָבן — לויט דער ריי — געטראָגן יעדעס מאָל אַן אַנדער קאָלכאָזניק און קוים־קוים זיך דערשלעפּנדיק זענען אַלע שטיין געבליבן אין דער פאַרנאַכטיקער דעמערונג ווי אָפּגעשמיסענע.

די פעקלעך און קלומיקעס, דעם גאַנצן צידה־לדרך וואָס די קאַלכאָז־פאַרוואַלטונג האָט מיטגעגעבן איז אַראָפּגעשטעלט געוואָרן אין דער לייד מיק־געדיכטער בלאָטע און די גאַנצע בריגאַדע האָט ערשט דערזען, אַז זי שטייט אויף אַ נאַקעטן פעלד. מ׳האָט פון ווי ווייט נישט אָנגעזען קיין שפור פון קיין קיביטקע.

דער בריגאַדיר איז האַסטיק ווי אַוועקגעלאָפן מיט שנעלע דריבנע טריטעלעך און איז אין אַ שעה שפּעטער צוריקגעקומען און מעשה קאָמאַנדיר אַ זאָג געטון:

— וואָס טראַכט איר, רעביאַטאַ, קיטמענעס און קירקעס האָבן מיר, אַנוקאַ, דאַוואַי, לאָמיר בויען אַ זעמליאַנקע.

דער אוקראַ:יניעץ פּוזענקאָ האָט זיך צעבייזערט, געוואָרטשעט און געשאָלטן אַ ביסל אויפן קול און מער אין זיך, אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס צו די צוויי יִדן און אָנגעקוקט מיט חוזק־בליקן די פיר אוזבעקן, וואָס האָבן לאַנג נישט געטראַכט, פאַרגאַרטלט די פייכטע כאַלאַטן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויסצוטריקענען פון דער לעצטער נאַכט, אָנגעהויבן שנעל־שנעל צו האַקן אין דער האַלב־פאַרטרוקנטער ערד, אויפן אָרט ווו דער בריגאַדיר האָט אָנגעוויזן. דער אוקראַ:יניעץ מיט די צוויי יִדן האָבן באַלד נאָכגעטון די אוזבעקן.

די לבנה האָט, אַ פולע, גרויסע און רונדיקע זיך רוּיק שפּאַצירט איבערן הימל און צוגעלויכטן די אַרבעטער, וואָס זענען אָפּגעגאַנגען אין שוויס. פאַרגרייטנדיק אַ גרוב אין האַרטן ליימיקן באָדן, בכדי זיך צו שיצן פון זון און רעגן און ווו זיך צו קאָנען אויסרוען נאָך דער שווערער מידער אַרבעט.

זיבן קיטמענעס האָבן זיך געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער מיטן שווייסיקן אָנגסט פון די קאַלכאָזניקעס און אין משך פון דער גאַנצער נאַכט, איז פאַרטיק געוואָרן אַ טיפער גרוב, מיט טרעפּ אויף אַראָפּצוגיין. פון אויבן האָט מען אָנגעטראָגן טרוקענע צווייגן און איבערגעדעקט מיט שטרוי.

אין גרוב האָבן די קאַלכאָזניקעס, אונטערגעשפּאַרט אויף זייערע כאַ־

לאַטן און בגדים, געכאַפּט דעם ערשטן דרעמל נאָך צוויי נעכט נישט שלאָפן, נישט געקוקט וואָס דער הונגער האָט גענאַגט.

דער גאַנצער פּלאַץ איז איצט געווען ווי אויסגעשטאָרבן. אַלע געקו־מענע בריגאַדעס האָבן גערוט נאָך דער שווערער נאַכט. די זון האָט זיך צעשרפעט ווי אַ העליש פייער און געברענט די ווילדע גראָזן ביז די וואָרצלען. דער בריגאַדיר האָט זיך דעם גאַנצן טאָג ערגעץ־ווו אַרומגע־פּאָרעט, בכדי צו דערליידיקן אַלע ענינים. פאַרנאַכט צו, איז ער געקומען און פאַרלייגט אַ פייער ביים אַריינגאַנג אין דער זעמליאַנקע, אַרויסגענו־מען פון קלומיקל עטלעכע מערן, אַ שטיקל באַראַן־פליש, אַ ביסל מעל און פאַרמישט עפּעס אַ געקעכטס. באַלד האָט אינעם גרוב דער גערוך פון אָפּגעקאָכטן פליש צעריצט די נאָזלעכער פון די קאָלכאָזניקעס, און דער מאָגן האָט זיי דערמאָנט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג נישט געגעסן. איינציק־ווייז האָבן זיי זיך אויפגעריסן פונעם שלאָף און זיך גענומען צו דער אכילה.

***

דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג האָבן די קאָלכאָזניקעס געהאַט פריי. זיי האָבן אַלע, ווי חול־המועדיקע געסט, אַרומשפּאַצירט איבערן צעשרפעטן פעלד, וועד ס׳האָט געדרייכערט, וועד ס׳האָט געשמעקט נאַסאָוואַי, די אוז־בעקן האָבן זיך גרופּעסווייז אויסגעזעצט און זיך מכבד געווען מיט גרינעם טשאַי, זיך דערציילט דערביי מעשיות און קאָלאָכאָזנע פּליאָטקעס. די צוויי יידן פון סטאַלין־קאָלכאָז האָבן אָפּגעזוכט נאָך היימישע פּליטים וואָס זענען געקומען מיט די אַנדערע בריגאַדעס און זיי זענען צווישן זיך באַענט און פאַרהיימישט געוואָרן.

די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל, צעשרפעט, צעשווייסיקט די מענטשלעכע גופים און אויסגעפּרייעט פון זיי דאָס חיות.

דער בריגאַדיר האָט אויסגעטיילט יעדן איינעם אַ לעפּיאָשקע פון אַ קילאָ. דער פּרייז צוליב וואָס יעדן איינעם האָט געלאָקט צו פאָרן אַהער אויף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט פון בויען אַ קאַנאַל. יעדער איינער האָט, באַקומענדיק זיין לעפּיאָשקע, זי צוגעטוליעט צום האַרצן, זיך דערפרייט

דערמיט, ווי מיטן גרעסטן געווינס. זאַרגפעלטיק עס באַהאַלטן אין ווינקל. די פּנימער פון קאַלכאַזניקעס האָבן באַקומען אַן אַנדערן אויסדרוק. ס'האָט זיך אויסגעלייגט אַ יום־טובדיקייט אויפן גאַנצן פעלד.

דער גאַנצער עולם איז אַריין צו זיך אין זעמליאַנקע אויסרוען די מידע ביינער און זיך מאַכן גרייט צו דער אַרבעט.

— שטייט אויף! גייט עסן! — האָט זיך צעטראָגן איבער דער זעמ־ליאַנקע דאָס קול פון בריגאַדיר, וועלכער איז אַריין מיט אַ קאָפּטשענדיקע קאָפּטילקע רייז מיט פלייש אין דער האַנט.

באַלד איז געוואָרן פריילעך. דער קוכער האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסע שיסל מיט פּלאָוו, דעם אוזבעקישן טראַדיציאָנעלן יום־טובדיקן מאכל. דער עולם האָט זיך אַרומגעזעצט אין אַ קרייז אַרום דער ליימענער שיסל און מיט דביקות, ווי טוענדיק אַ הייליקע עבודה, אַריינגעשטעקט אַלע פינגער און געשיט אין מויל אַריין דעם טייערן מאכל. אָפּגעלעקט די פינגער, ווייטער אַריינגעשטעקט אין שיסל און זיך שטאַרק פאַסמאַקעוועט. די שטערנס זענען געוואָרן געראָנצלט און די באַקן האָבן געקריגן אַ ראָזע פאַרב.

איינער פון די אוזבעקן, דער יונגער אַכמעד, האָט באַמערקט ווי די צוויי ייִדן פון דער בריגאַדע זיצן פון ווייטנס און זענען נישט טועם פון מאכל. ער האָט אויף אוזבעקיש איינגערוימט עפּעס דעם בריגאַדיר אין אויער און דער קוכער האָט אויף שנעל אויסגעסקראָבעט דעם טשוגונענעם קעסל און דערלאַנגט אין אַ שיסעלע די שיריים פון עסן.

— גיב זיי לעפל! — האָט דער בריגאַדיר באַפוילן, זיי וועלן נישט עסן מיט די הענט, די פּאַנעס — און אַלע אוזבעקן האָבן זיך שפּאָטיש צע־לאַכט.

די צוויי איראָפּעער פון דער גאַנצער חבריה האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די אַרומיקע שפּאָטישע געלעכטערס און לצנישע בליקן און זיך צוגעכאַפּט צום עסן.

די גרויסע שיסל איז געוואָרן ליידיק. נאָכן אָפּלעקן די פעטע פינגער צווישן די פאַרפעצטע ליפּן, האָבן די אוזבעקן אַרומגעווישט די כאַלעוועס פון זייערע גאַרמאַשקע־שטיוועלעך, פּרום אַ וויש געטון מיט די דלאָניעס איבער די פּנימער ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט תפילה צו טון.

די אוזבעקן זענען געמיטלעך געזעסן לאַנגע שעהן אויף זייערע ער־טער ביים שיין פֿון דער קאָפּטילקע, געטרונקען גרינעם טשאַי און זיך דער־ציילט געשיכטעס.

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע. דער שניי איז אין גאַנצן אַנטרונען געוואָרן. נאַקעטע האָבן די פּעלדער זיך געשוואַרצט אין דער נאַכט, ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט האָט מען נישט אָנגעזען קיין בוים.

אומעטיק, מאָנאָטאָן און צעצויגן האָבן זיך פֿון ערגעץ גאַר־ווייט צע־וואָיעט די שאַקאַלן...

**
*

אין דרויסן איז נאָך געווען גוט פֿינצטער, נאָר אין מזרח־זייט האָט זיך באַוויזן אַ בלאַסער ראַנד הימל און האָט זיך וואָס אַ מינוט אויסגע־ברייטערט און פֿאַרכאַפּט אַלץ מער שטח.

דאָס פֿאַרגליווערטע פּעלד מיט מענטשן האָט זיך פּלוצים אַ ריר גע־טון. ווי פֿון אונטער דער ערד האָט מען זיך אָנגעהויבן אויפֿהייבן, פֿון אַלע זעמליאַנקעס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן מחנות, באַוואָפֿנט מיט קיטמענעס, לאָמען און קירקעס און זיך געצויגן אין לאַנגע רייען איבער אַ לאַנגן וועג, דאָ קריכנדיק אויף בערג, דאָ אין טאָלן און אָט אַרויפֿקריכנדיק אויף אַ גרויסן משופּעדיקן באַרג. דערנאָך האָט זיך געעפֿנט אַ וועג איבער ליידיקע פּוסטע פּעלדער מיט שטעכיקן גראָז, ווו עס האָבן זיך געפּאַשעט סטאַדעס באַראַנעס. זעלטן ווו האָט אַרויסגעבלייכט אַ קיביטקע אין דער אין־סופֿי־קער נאַקעטקייט.

אַ סך בריגאַדעס זענען שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט. דער דעסיאַט־ניק האָט זיך דערנענטערט צו דער אָנקומענדיקער בריגאַדע און זיי צו־געטיילט דעם אַרבעט־פּלאַץ.

אויף אַ לאַנגן שטח, נישט צו דערכאַפּן מיטן אויג, האָבן אַרויסגע־סטאַרטשעט הויך־אָנגעשאָטענע בערג זאַמד. אַלע ווײַלע האָט מען געזען אַרויסקריכנדיקע מענטשן פֿון אונטער דער ערד, באַהאָנגענע מיט אַזעלכע

מינים פלעצאַקעס, אַנגעפולטע מיט זאַמד, וואָס זיי האָבן אָנגעשאָטן אויף די אַרומיקע אָנגעהויפטע זאַמדבערגלעך.

די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט, די נאָרמע האָט געדאַרפט דערגרייכט ווערן אין משך פון אַ חודש. דאָס עסן איין מאָל אין טאָג האָט מען געבראַכט אויפן אָרט פון דער אַרבעט.

פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון אַן אַעראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן גאָר נידעריק אויף דער גאַנצער ווייטער שטרעקע פון קאַנאַל.

**
*

די טעג האָבן זיך געצויגן פויל. די אַרבעט איז געגאַנגען שלאַבעריק. די זון האָט צעשרפעט דאָס אָפענע פעלד און זיך צעגעסטיקט אין די קאַנאַל־גרובנס. מענטשן זענען אָפּגעגאַנגען מיט שווייס.

די פּראָדוקטן, וואָס די בריגאַדע האָט מיטגעבראַכט פון קאָלכאָז האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסלאָזן. דער בריגאַדיר איז אַוועקגעפאָרן קיין סאַמאַרקאַנד, אין קאָלכאָז אַריין, צו ברענגען נאָך שפּייז. ער האָט זיך געזוימט מער ווי אַ וואָך צייט און צוריקגעקומען אַ צעיאַכמעטער און פאַרסאָפּעטער, ווי זיין שטייגער איז, צו מאַכן פון יעדער קליינקייט אַ גרויס פּראָבלעם. ער האָט מיטגעבראַכט מעל און אַ געקוילעטן באַראַן, איינגעוויקלט אין אַ זאַק וואָס האָט זיך געלאָזט פילן פון ווי ווייט.

—אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד — האָבן די קאָלכאָזניקעס געוואָרטשעט — נעמען פלייש און עס אַרויסוואַרפן, אַזאַ פאַרברעך, און אַלץ צוליב דער שולד פונעם בריגאַדיר, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרהוליעט אין וועג.

— אַזאַ ניעראַכע, אַזאַ טויגעניכטס — האָט זיך געבייזערט דער באַבאַי ראַכמאַטאָוו, וואָס האָט שוין פאַר קיינעם נישט קיין מורא צוליב זיין עלטער — ווייזט אויס ווי אַ מענטש מיט אַ מאַרך, דער בריגאַדיר, וואָס ווערט אַפילו אין פייער נישט צעשמאָלצן, זאָל אָפּטון אַזאַ געמיינקייט.

— שווער געווען זיך אַריינצובאַקומען אין צוג — האָט דער בריגאַדיר שטאַמלענדיק זיך פאַרענטפערט. — נישט געהאַט געגוג בלאַט מיטן וואָקזאַל־נאַטשאַלניק, געלאָפן נאָך פּאַפּירלעך אַהין און אַהער און ס׳האָט זיך

פאַרשלעפּט. דעם באַראַן האָט מען מיר אַרויסגעגעבן פון קאַלבאַזנעם סקלאַד דריי טעג נאָכן קוילענען און איידער וואָס־ווען איז דאָס פלייש קאַליע געוואָרן.

דער ריח פון פאַרשטונקענעם פלייש האָט געריסן די נאָזלעכער.

— אַרויסוואַרפן! — האָט אַ גרויסער טייל אוזבעקן געשריגן. אַ טייל האָט אויך געהאַלטן, אַז מע דאַרף פּרוּוון דערמיט עפּעס צו טון. שוין מער ווי אַ וואָך ווי מ׳האָט קיין געקעכטס נישט געגעסן אויסער דער טרוקענער לעפּיאָשקע מיטן גרינעם טשאַי.

— מע טאָר עס נישט אַרויסוואַרפן! — האָט זיך אַ בייזער אָפּגערופן דער אוקראַינער פּוזענקאָ — איך לייג פאָר מע זאָל דעם באַראַן אָפּקאָכן, אַרויסגיסן דאָס וואַסער און נאָך דעם אָפּקאָכן אַ צווייט מאָל מיט מאַש[1] און ס׳מאַכט נישט אויס, אונדזערע מאָגנס וועלן עס בכבודיק פאַרדייען.

— אַ שאָד עס אַרויסצוּוואַרפן — האָט ער געעצהט די אוזבעקן.

און אַזוי איז געבליבן.

אין אָוונט, נאָכן אָפּקאָכן דעם באַראַן, האָט מען נישט געקאָנט איינזיצן אין דער זעמליאַנקע. אַ ריח פון געפּגרטער נבלה האָט געשלאָגן צו דער נאָז. ס׳האָט דערמאָנט דעם ריח פון אַ נאַסער גאַרבערײַ ווו מ׳ווייקט פעל. אַזעלכע שווערע ריחות האָבן זיך דערטראָגן, אַז ס׳איז שווער געווען איינצושלאָפן, כאָטש מ׳איז געווען שטאַרק מיד פון דער אַרבעט.

דער קוכער האָט זיך נאָך לאַנג געפּאָרעט אין דרויסן ביים אַריינגאַנג פון דער זעמליאַנקע און דאָס לינדע ווינטל האָט צעטראָגן דעם שווערן גערוך איבער די פעלדער.

אויף מאָרגן צו מיטיק, האָט דער קוכער אַרויסגעטראָגן צום אַרבעט־פּלאַץ אַ גרויסן טאָפּ מיט אָפּגעקאָכטע לינדזן מיט גרויסע פּאָרציעס פלייש. דעם גאַנצן באַראַן האָט מען אָפּגעקאָכט מיט איין מאָל. דער אָפּגעדעקטער טאָפּ האָט אַרויסגעזעצט מיט פאַרעיפּושטער פאַרע.

היינט איז געווען יום־טוב. יעדער האָט געגעסן און גענומען וויפל ער האָט נאָר געוואָלט.

---

[1] לינדזן

פוזענקאָ איז געזעסן אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט פון אויסגעגראָבענעם קאַנאַל מיט אַ פולע שיסל „מאַש" אויף די קני און געגעסן מיט גרויס אַפּע־טיט. דאָס פלייש איז געווען גרין־ראָז און האָט זיך געצויגן ווי גומע. אַ נודנע חלשותדיקייט האָט געשלאָגן פונעם ריח. ביי אַ טייל פון דער ברי־גאַדע זענען די שיסלען אויסגעליידיקט געוואָרן. אַנדערע האָבן זיך צום פלייט נישט צוגערירט.

— זשאַלקאָ, סוקין־סין — האָט אַן אוזבעק אויסגעשריגן צום ברי־גאַדיר, וואָס איז גראָד איצט אָנגעקומען אין פאַרטיפונג פונעם קאַנאַל — ביסט אַ פאַרברעכער, דו האָסט פאַרשטערט אַ גרויסן יום־טוב.

— ניטשעוואָ — האָט דער בריגאַדיר אים רוגזהדיק געענטפערט — ניע פאַדאָכניעש, דער טייוול וועט דיך נישט נעמען.

מיט אַן איבל אין מויל און אַ נישט־גוטקייט אין אַלע אברים, האָבן די צוויי ייִדן פון דער בריגאַדע זיך גענומען צו די קיטמענעס און גע־קלאַפּט אינעם האַרטן באָדן, וואָס האָט זיך קוים געלאָזט איינבייסן. דער ריח פון פוילן פלייש האָט זיך ווי איינגעגעסן אין דער ערד און זיך אַרויס־געפילט פון יעדן ווינקל פון קאַנאַל, אַפילו דאָס מילדע ווינטל, וואָס האָט אַזוי צאַרט געגלעט דאָס שווייסיקע פנים, האָט זיך אָנגעשטעקט מיטן דאָ־זיקן שטינקעכץ.

— ביסטראָ! גיכער! — האָט זיך צעשריגן דער פאַרבייגייענדיקער דעסיאַטניק — איר זענט אָפּגעשטאַנען פון דער אַרבעט, ס'רירט זיך נישט ביי אייך פון אָרט.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, אַפילו נישט אויפגעהויבן די בליקן צו אים.

**
*

אין אַ טאָג איז אַראָפּגעקומען אַ בריגאַדע אַרטיסטן, טענצער און זינ־גער, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די גריבער צו יעדער בריגאַדע באַ־זונדער. אויף אַ קורצער צייט איז די אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן. יעדער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין קיטמען אָדער לאָם און זיך פאַרגאַפט, מיט פאַרגעניגן זיך צוגעקוקט צו די בעסער־אָנגעטוענע מענטשן מיט די אויס־

געגלעטע פּנימער וואָס האָבן זיי פּריילעך געמאַכט אין דער נודנעקייט.

אַ יונגע אוזבעקין, אַנגעטון אין אַ פּאָר גאַרמאַשקע־שטיוועלעך מיט אַ קיפּיטייקע־קאַפּעלע, פּאַרוואָרפֿן וואָליוגעריש אויף אירע לאַנגע שוואַרצע פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אין אַ סך באַזונדערע צעפּ און צעפּעלעך איבער איר גרויסן שלאַנקן קערפּער, האָט אין דער באַגלייטונג פֿון אַ פּייקל און פּייפֿל זיך געלאָזט אין אַ ווילדן מזרח־טאַנץ. אַלע האָבן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט, פֿאַרכליניענדיק זיך אין גרויס פֿאַרגעניגן. אַ יונגער שוואַרץ־חנעוודיקער אוזבעק, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין מער ייִד ווי אוזבעק, האָט מיט ציקלדיקער שטימע געזונגען אַ מיזרח־מאָטיוו, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ היימישן חזן פֿון אַ קליינשטעטלדיקער שול. דער ווינט האָט די האַרציקע טענער אויפֿגעכאַפּט און פֿאַרטראָגן ווייט־ווייט איבערן סטעפּ, פֿון וואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן די דעטאָנאַציעס פֿון די כסדרדיקע אויפֿרייסן פֿון דינאַמיט אין די בערג, מאַכנדיק זיי גרייט צו ווייטערדיקע גראָבונגען.

אַ שווערע נאַכט האָט דורכגעלעבט די בריגאַדע פֿון סטאַלין־קאָלכאָז. יעדע ווילע האָט זיך אַן אַנדערער אויפֿגעכאַפּט אויף זיין שמוציק געלעגער און געלאָפֿן אויף דער גאַס...

דער אָפּגעקאָכטער באַראַן האָט געווירקט. ער האָט צעריסן די אינגעווײדן און אַ שווערער גערוך האָט זיך געטראָגן פֿון אינעווייניק. אַ גאַנצע נאַכט זענען די מענטשן געלאָפֿן אין קראַמפֿן הין און צוריק, נישט קאָנענדיק באַהערשן דעם צעווייטיקטן און פֿאַרפּאַסקודזשעטן מאָגן.

שווערע קרעכצן האָבן אויסגעפּילט די נאַסע ווענט פֿון דער זעמליאַנקע.

***

דער געוועזענער קאָמוניסט, לייזער טיקאָטשינסקי, איז די גאַנצע צייט פֿון זיין אַרבעט אין דער בריגאַדע אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער און אָנגעכמורעטער אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען זיינע פֿאַרלוירענע יאָרן, וואָס ער האָט אָוועקגעגעבן פֿאַר דער אידייע און זיין אָפּקומעניש נאָך אין באַרימטן פּוילישן לאַגער קאַרטוז־בערעזע.

— אַט אַזוי זעט עס אויס, די אידייע מיינע פאַר וועלכער איך האָב זיך מקריב: געווען און געקערט וועלטן, אַז זי זאָל באַהערשן די גאַנצע מענטשהייט — האָט ער מיט פאַרדראָס אויפן שטרוי־געלעגער זיך גע־וואָרפן און געדרייט; געשעפּטשעט שטיל צו צאַלע אַנציסן, וואָס האָט קיין מאָל נישט געגעבן אַנצוגעהערן אַפילו אַז ער איז געווען אַ ציוניסט.

— ס'איז מילחמה — האָט אַנציס געטרייסט טיקאַטשינסקין — ווי נאָר ס'וועט רויִק ווערן אויף דער וועלט, וועט אַלץ אויפהערן.

— ס'קאָן נישט זיין, — האָט זיך טיקאַטשינסקי געקאַרטשעט אין אַנגסטן, — אַזאַ סיסטעם שטעלט מען נישט איין אין משך פון איין טאָג און מע שאַפט אים נישט אָפּ איבער נאַכט. אַזאַ, ברודער, איז דער סיס־טעם דאָ זינט דער רעוואָלוציע. זעסט דאָך ווי די אוזבעקן און אַפילו דער אוקראַינער פּוזענקאָ נעמען עס אויף ווי ס'דאַרף שוין אַזוי צו זיין. זיי פרייען זיך מיט אַ שטיקל ברויט מער און מיט אַ געדיכטערע זופּ. אַלע אַנדערע חלומות האָבן זיי שוין אויפגעגעבן. אַ האַרט געלעגער אויף שמור־ציק שטרוי באַפרידיקט זיי, אַבי נישט אין תפיסה און לאַגער. פאַר אַ קילאָ ברויט, וואָס מע גיט זיי דאָ יעדן טאָג, האָבן זיי פאַרלאָזט ווייב און קינד, און געקומען בויען דעם קאַנאַל. אַנדערע פירט מען מיט געוואַלד אין לאַ־גערן צוטשעפּענדיק שווערע פאַראַגראַפן; אַנדערע גייען גוטוויליק צו דער שווערער קאַטאַרזשנער אַרבעט פאַרן צוגעזאָגטן גרעסערן שטיקל ברויט אַ טאָג. איך בין דען בעסער — האָט זיך טיקאַטשינסקי געוואָרפן אין קאַנ־ווולסיעס — איך האָב זיך נישט פאַרקויפט פאַר דער נאַרמע ברויט וואָס דער פרעדסעדאַטעל פון קאָלכאָז האָט מיר צוגעזאָגט.

אַנציס איז רויִק געלעגן אויף זיין אָרט, פאַרזונקען אין מחשבות. פאַר זיינע אויגן האָבן אויפגעטויכט בילדער פון גאָר נישט לאַנג. ער האָט גע־שמוגלט גרענעצן, געקומען אין דעם לאַנד און אַזוי זיך געוואָלגערט פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ביז ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין סטאַ־לין־קאָלכאָז ווו ער האָט געליטן הונגער און נויט. און אַז מע וויל איבער־לעבן און אויסהאַלטן טוט מען די שווערסטע אַרבעט, זוכט מען צו דער־האַלטן און איינהאַלטן דעם מענטשלעכן פרצוף זיינעם, בכדי צו קומען אַ מאָל — ווען דער טאָג וועט קומען — אַהיים צו זיך. ער האָט אַלץ גענומען

פאַר ליב און געשוויגן, בפרט ווען ער האָט אויפן דאָזיקן לאַנד נישט גע־בויט זיינע האָפענונגען. אויב ער האָט דאָ די געלעגנהייט איבערצוהאַלטן דעם שטורעם, האָט ער צו זיי נישט קיין טענות, ער איז זיי דאַנקבאַר און נעמט אָן אַלץ פאַר ליב.

— איר זענט נישט גערעכט, טיקאָטשינסקי, איר זינדיקט קעגן מענטש און גאָט. מע דאַרף נישט שיטן קיין פעך און שוועבל אויף קיינעם, — האָט צאַלע אַנציס אַריינגעטענהט אין זיין נויט־חבר — איר זענט נישט איינער, אַ סך מענטשן ליידן און איר זעט דאָך: זייערע מענטשן ליידן נאָך מער, שוין אַזוי פיל יאָרן און איר זעט דאָך אַז זיי קאָנען גאָרנישט אויפטון, ווילט איר איבערמאַכן די וועלט.

— זיי זענען בהמות אין מענטשן־געשטאַלט — האָט זיך טיקאָטשינ־סקי צעקאָכט — זיי גייען אין שפאַן געהאָרכזאַם ווי שטומע אָקסן. זיי האָבן מורא צו רעדן אַ וואָרט איינער פאַרן צווייטן און, אַז מע וואָגט שוין יאָ עפּעס צו זאָגן, איז עס מיט אַזוי פיל חניפה, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַן עקל. ווי קאָן מען אַזוי?

— איר זעט דאָך, אַז מע קאָן — האָט צאַלע אַנציס אַ שמייכל געטון — מע קאָן פון מענטשן מאַכן אָקסן. מ׳האָט זיי גוט אויסדרעסירט און ביז וואָס ווען, ביז ס׳וועט ווערן אַן ענדערונג, איז פאַלג מיך אַ גאַנג. איך וואָלט נישט געוועט קיין בעלן אויסצוואַרטן אַזאַ מין ענדערונג און בלייבן אויפן חסד פון די פּוזענקאָס. איך וויל בעסער זיין וואָס ווייטער פון דאַנען, און טאַקע בויען אַ היים פאַר יידן, נישט פאַר אַלע פעלקער. מוחל טובות.

לאַנג נאָך זענען זיי, די צוויי נויט־חברים פון סטאַלין־קאַלכאָז, וועמען דער מלחמה־שטורעם האָט פאַרוואָרפן אין דער שמוציקער זעמליאַנקע, געלעגן און שטיל געשמועסט, מיט אַ שעפּטש, נישט וועלנדיק שטערן דעם שלאָף פון די איבעריקע זייערע חברים פון אַרבעט און נויט.

הויכע שנאָרכן האָבן געשפאָלטן דעם חלל פון דער זעמליאַנקע.

**
*

די פאַנפאַרן פון דער קאַנאַל־פאַרוואַלטונג האָבן נאָך אין טונקעלן פרימאָרגן מיט קולי־קולות געוועקט דעם אָרום פון טיפן שלאָף. זייער אָפּ־

הילך האָט ווייט און לאַנג צעטרייסלט די שטילקייט פון דער אָפּטרעטנ־דיקער נאַכט.

מידע, קוים שלעפנדיק די פיס, האָבן די אַרבעטער מיט באַלאָדענע מכשירים זיך געלאָזט אין שווערן וועג צו דער אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון דער בריגאַדע האָט זיך געדרייט אין דרייען פון בויכקראַמפּן.

שווער איז געגאַנגען די אַרבעט. די קיטמענעס האָבן זיך געגליטשט פון די הענט און די נאָסילקעס מיטן זאַמד האָבן געדריקט און געשניטן די אַקסלען.

צו דער הייגטיקער לעפּיאָשקע האָט זיך כמעט קיינער נישט צוגע־רירט. די האַלב פאַרברוינטע שווערע לעפּיאָשקע איז געלעגן ווי קיין מאָל נישט אַזוי בנעימותדיק און זיך געטריקנט אויף דער זון. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צום עסן. היינט האָט יעדער אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָרציע לעפּיאָשקע־פּלעצל — ריינער ריווח פון טאָג.

**
*

לייזער טיקאָטשינסקי האָט צונויפגעדרייט אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס, וואָס איז באַשטאַנען מער פון סאָמאַן — צעמאָלן שטרוי — ווי טאַבאַק. ער האָט נישט געהאַט קיין שוועבעלע צו פאַרויכערן. זיין פּרימיטיווע צינד־מאַשינקע פון אַ שטיקל וואַטע, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אָנקלאַפּן מיט צוויי שטיינדלעך, האָט זיך בשום־אופן נישט געוואָלט אָנצינדן. ער איז געשטאַ־נען אַ מידער און פאַרצאָרנטער און פויל געקלאַפּט מיטן קיטמען אין דער ערד וואָס האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַן אָפּהילך אין זיין האַרץ.

אין דער הייך, איבערן צעגראָבענעם קאַנאַל, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גרעסערע גרופּע גוט־אָנגעטועטע מענטשן. מ׳האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס זענען גרויסע שישקעס. פיין־אויסראָזירטע די פּנימער, גלאַט־פאַרשוירענע קאַרקן, זיי זענען געגאַנגען מיט זעלבסטזיכערקייט, אַראָפּגעקוקט ווי באַ־לעבאַטים אין די גריבער אַריין, וווּ ס׳זענען געשטאַנען די קאָלכאָזני־קעס און זיך געפּרייעט אויף דער הייסער זון.

ווי נאָר די דעלעגאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעבליקט

אונטן אינעם קאַנאַלגרוב, האָט לייזער טיקאָטשינסקי זיך געווענדט צו איינעם פון די מענטשן אויבן, וואָס האָבן גערויכערט אַ פּאַפּיראָס:

— טאָוואַרישטש, ראַזרעשיטיע פּערעקוריט, דערלויבט צו פאַררייכערן — האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיצפינגער און אויסגעשטרעקט זיין מאַכאָרקע צו יענעם, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן אויף די קני און צוגעטראָגן טיקאָטשינסקין זיין רויכערנדיקן פּאַפּיראָס, וואָס האָט פאַרשיכורט מיט זיין אַראָמאַט.

— אָהאָ! — האָט זיך טיקאָטשינסקי פאַרהוסטנדיק מיטן רויך פון מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס וואָס ער האָט איינגעשלונגען אין זיינע לונגען — יעשטשאָ ווי קוריטיע „קאַזבעק"? — איר רויכערט נאָך „קאַזבעק" (דעם בעסטן מין פּאַפּיראָס וואָס מ'האָט קיין מאָל נישט אָנגעזען פאַר די אויגן).

דער פון אויבן, איבער טיקאָטשינסקי, האָט זיך אָנגערופן מיט אַ זעלבסטזיכערן און גדלותדיקן טאָן:

— איר וועט גוט אַרבעטן, וועט איר אויך רייכערן קאַזבעק.

— ווי קאָן מען שוין בעסער אַרבעטן, ווי איך — האָט טיקאָטשינסקי אויסגעשאָסן מיט רציחה און אין האַרצן האָט אַ ברען־געטון אויף דער חוצפּה פונעם גוט־אויסגעפּאַשעטן און זאַרגפעלטיק פאַרשווירענעם גראָבבייכיקן מענטשל, וואָס איז געשטאַנען אויבן און האָט געהאַלטן אין זיינע קלאָרווייסע אויסגעכאַליעטע פוכיקע הענטלעך דעם פּאַפּיראָס — פון זונאויפגאַנג ביז זונפאַרגאַנג, פון פינצטער ביז פינצטער שטיי איך און גראָב מיטן קיטמען די האַרטע ערד.

די מענטשן אויבן האָבן זיך איבערגעקוקט און שטיל אַוועקגעשפּרייזט ווייטער.

אין קאַנאַל־אויסהויל איז געוואָרן נאָך שטילער. אַלע האָבן פון שרעק איינגעהאַלטן דאָס אָטעמען. יעדער האָט געזוכט אַ ווינקל וווּ צו אַנטרינען פון נאָגנדיקן פּחד. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו טיקאָטשינסקין וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן קיטמען און גיריק געזויגן דעם מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס. זיינע אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן מיט אַ בייז פייערל. ער האָט צו קיינעם נישט געקוקט.

קיין פופצן מינוט האָט נישט געדויערט און די גרופּע מענטשן וואָס

איז פריִער פֿאַרבייגעגאַנגען אויבן איבערן קאַנאַל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק און צוזאַמען מיט זיי די דעסיאַטניקעס און בריגאַדירן, זיך אַרומגעשטעלט אַרום און יענער וואָס האָט געדויכערט דעם קאַזבעק, האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף טיקאָטשינסקין און אַ הוקע געטון:

— קאַק טעביאַ זאַוווט? — ווי רופֿט מען דיך?

— טיקאָטשינסקי.

— ניע לזיאַ! מע טאָר אַזוי נישט רעדן! — האָט ער אַ דונער געטון מיט זיין שטים. פֿאַר אַזעלכע רייד גייט מען פֿאַד־סוד. דו ווייסט ווער איך בין? — האָט ער מיט שטאָלץ זיך אַ קלאַפּ געטון אין דער ברוסט מיט זיין פֿולכנער האַנט. — יאָ, אַכון באַבאַיעוו, דער פּרעדסעדאַטעל פֿון דער בוי־אונג, פּאָניאַטנאָ?

— אָטשען פּריִאַטנאָ — האָט טיקאָטשינסקין איצט געוואָרפֿן דאָס צעניאַריקע קדחת און זיך נישט קענענדיק באַהערשן האָט ער אויסגעזייט צווישן די ציין:

— איך האָב בלויז געזאָגט דעם אמת. די באַדינגונגען זענען שווערע און די קאַנאַל־פֿאַרוואַלטונג זאָרגט נישט פֿאַר אירע אַרבעטער.

פֿון דער גרופּע האָט זיך אַרויסגערוקט אַבדול ראַכמאַנאָוו, אַ דעפּור־טאַט פֿון אויבערראַט פֿון דער אוזבעקישער רעפּובליק, אַ בוכאַרישער ייִד, וואָס האָט גוט געקענט טיקאָטשינסקין פֿון אַנדערע בויונגען און אַרבעטן, ווו ער האָט אים געטראָפֿן, און ווייסנדיק, אַז ער איז געווען אַ גוטער אַרבע־טער, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— מע טאָר אַזוי נישט רעדן, דו ביסט אַ גוטער אַרבעטער און דו דאַרפֿסט פֿאַרשטיין אַז איצט איז מילחמה. מיר ווייסן, אַז די אַרבעט־באַדינגונגען זענען שווערע. דו ביסט דאָך אַ פֿאַרשטענדיקער, אַ נישט־אָפּגעשטאַנענער עלעמענט.

טיקאָטשינסקי איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געשוויגן.

— נו, לאַדנאָ — האָט אַכון באַבאַיעוו זיך געווענדט צום אַרומיקן עולם — מיר שענקען דיר דאָס מאָל, אָבער געדענק, פֿאַרנעם זיך נישט מיט פּוסטיאַקי, מיט נאַרישקייטן.

דער גאַנצער עולם איז שנעל אַרויס פֿון גרוב און אַוועקגעשפּאַנט.

טיקאַטשינסקי איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער און פאַרביסן געשוויגן.

— אַהאַ, דו האָסט זיך גוט געקאַנט אַנרייסן — האָט אים דער אַל־טיטשקער אוזבעק אַ זאָג געטון, — הייב זיך נישט אָן מיט זיי, זאָ פּראַוודאַ ביוט, יאָ, פאַר דעם אמת שלאָגט מען, דו פאַרשטייסט?

— יאָ — האָט אים טיקאַטשינסקי געענטפערט — איך ווייס עס נישט פון היינט. אָבער פאַרוואָס זאָרגן זיי נישט פאַר אונדז, מע גיט אונדז נישט קיין בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען. מיר ווערן דאָך אויפגעפרעסן פון די לייז, מיר וועלן דאָך אַלע קראַנק ווערן.

אַנציס, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געשוויגן, האָט צו־גערופן צו זיך טיקאַטשינסקין און זיך אַוועקזעצנדיק אויף דער ערד האָט ער אים געזאָגט:

— הערט אויף, טיקאַטשינסקי, ס׳איז נאָך ביי זיי דאָ עפּעס ערגערס. כ׳האָב שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ לאַגער און ווייס מיט וואָס דאָס שמעקט. איר מוזט זיך קאָנען צוגעוויינען, זיך צופּאַסן, אַנדערש איז אייער גורל אַ געחתמעטער. אויב איר ווילט אַרויס פון דאַנען — קוקט און שווייגט און גייט אין שפּאַן.

**
*

די אַרבעט אין קאַנאַל האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. בריגאַדע מיט בריגאַדע האָבן זיך שוין כמעט ווי פאַראייניקט אינעם גראָבן און אַ סך בריגאַדעס, וואָס האָבן שוין געענדיקט זייערע נאָרמעס, האָבן צובאַקומען פרישן באָדן פון די וואָס זענען אָפּגעשטאַנען.

די בריגאַדע פון סטאַלין־קאָלכאָז איז אויסגעטוישט געוואָרן מיט נייע מענטשן און פאַרן אַוועקפאָרן האָט יעדער איינער באַקומען אַ פּאַיאָק פון איבערגעבליבענעם מעל, אַ ביסל קישמיש־ראָזשינקעס און מיטן דאָזיקן פאַרמעגן האָבן זיך די קאָלכאָזניקעס געלאָזט צו זיך אַהיים.

אַנציס האָט זיין באַקומענעם פּאַיאָק איינגעוויקלט אינעם איינציקן ריינעם העמד וואָס ער האָט פאַרמאָגט און איז אַוועק צוזאַמען מיט אַלע צו דער באַן־סטאַנציע. מיט צרות זיך אַריינבאַקומען אין וואַגאָן און קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעפאַלן צו זיך אין קיביטקע אין סטאַלין־קאָלכאָז.

די זאַכן וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, איז שווער געווען אויסצו־רייניקן פון די לייז, וואָס האָבן זיך עקשנותדיק געקלאַמערט און פאַר־שטעקט אין די נעט און פאַלדן פון די זאַכן. אַלע מיטלען זיי צו פאַרטרייבן האָבן נישט געווירקט. זיי האָבן געהאַט די חזקה אויף די מלבושים און נישט אַנציס.

***

ליכטיקע האָבן זיך געשטעלט די ערב־פרילינגדיקע טעג. דער גרוי־סער קאַלכאַזנער שליאַך, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אַ געפּאַנגענער פון די גרויסע בלאָטעס, האָט אונטער דער ברענענדיקער זון געגומען אויסטרוקענען אין גרויסע האַרטע גרודעס. די אוריוק־ביימער האָבן זיך באַדעקט מיט ווייסן בלי̇עכץ. דער גרויסער טיטאָווניק־בוים האָט מיט זיינע פונאַנדערגעבליטע צווייגן און בלעטער זיך רחבותדיק צעלייגט איבערן דאַך פון דער קיביטקע.

צאַלע אַנציס איז אַרויס, צוזאַמען מיט די אוזבעקן, אויף די קאַלכאַזנע פעלדער. מ׳האָט צוריק אויפגעדעקט די וויינטרויבן־וואָרצלען, וואָס זענען אויף איבער ווינטער צוגעדעקט געוואָרן מיט ערד, זיי זאָלן נישט כאַפּן קיין פריר, מ׳האָט זיי אָפּגערייניקט פון דער ערד, אויסגעגלייכט דעם באָדן, פאַרשאָטן די גריבער און גריבלעך, בכדי צו קאָנען פאַרזייען. מ׳האָט אויס־גערייניקט די אַריקן פון דער אָנגעטראָגענער בלאָטע און זיך געגרייט צום זומער ווען מע וועט קאָנען כאַפּן אַ לייכטן ביסן אין מויל, ווען פון אַלע ביימער וועלן זיך שיטן די געלע אוריוק־פלוימען, עפּל, באַרנעס און פער־סיקעס.

אַ גרויסער הונגער האָט געהערשט ביי צאַלע אַנציסן. אַלע אין דער קיביטקע, פון קליין ביז גרויס, זענען אַרומגעגאַנגען אומעטיקע און אָפּאַ־טישע. אין די נעכט פלעגט ער אַראָפּשלייכן פון זיין געלעגער אויף דער ווערענדע, ווייל אין דער קיביטקע איז געווען פאַרנע און דושנע, אַרויפ־קריכן אויפן קעגנאיבערדיקן באַרנע־בוים און רייסן די האַרטע, גרינע, קליינע באַרנעס, טאַפּנדיק מיט די פינגער, ווייל אין דער פינצטער האָט מען זיי נישט אָנגעזען, זיך צוריק לייגן אויפן געלעגער און אַ גאַנצע נאַכט

גריזשען, זיך קוויקן מיט זייער האַרטער נישט־באַטעמטער טערפּיקער נישט־צייטיקייט. די גרינע האַרטע באַרנעס האָבן אים איילים געמאַכט די ציין.

זיין פרוי האָט צונויפגעקליבן אויפן פעלד פשוטע פרישע בלעטער פון פאַרשידענע געוויקסן. אָפּצוקאָכן פון זיי אַ מיטאָג. זי האָט פאַרלייגט אַ פייער פון צונויפגעקליבענע טרוקענע צווייגלעך, צוגעלייגט צום פייער אַלטע שיך, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער מראה, אַלע צעריסענע קאַ־לאָשן, וואָס זענען נאָך געבליבן פון דער היים און קוים דערלעבט ס'זאָל זיך אָפּקאָכן דאָס ביסל געקעכטס.

די שכנישע אוזבעקן האָבן געוואָרנט:

— סמאָטרי, עסט עס נישט, בודיעט פּאָמראַל, איר וועט שטאַרבן — האָבן זיי אויף זייער צעבראָכן האַלב־רוסיש האַלב־אוזבעקיש לשון גע־וואָרנט אַז מע טאָר נישט עסן די בלעטער.

אַ גרויסער יום־טוב איז געווען ווען מ'האָט געכאַפּט אַ פאַרבלאָנ־דזשעטע טשערעפּאַכע צווישן די היילן. מ'האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַ טאָפּ היים וואַסער, אָפּגעבריט און נאָך דעם מיט אַ האַק אַרומגעקלאַפּט דעם שווערן פאַנצער און אָפּגעקאָכט. ס'האָט געהאַט אַ טעם פון פרישן גוטן הינערפלייש און מ'האָט זיך דערקוויקט דערמיט די נשמה.

אַנציס האָט צוזאַמען מיט טיקאָטשינסקין, זיין שכן, זיך אַרויסגעלאָזט אין די אַרומיקע היילן, געשניפעלט, געזוכט און אַנטדעקט דאָס אָרט ווו ס'פּלאָדיען זיך די טשערעפּאַכעס. יעדן טאָג האָבן זיי געבראַכט צו זיך אַ היים גאַנצע חמרים און די איבעריקע האָבן זיי געטראָגן צו פאַרקויפן אויפן באַגאַכשיסאַל, דריי קילאָמעטער פון זייער קאָלכאָז, הינטער סאַמאַר־קאַנד, צו צוויי רובל אַ שטיק און זיך שוין דערלויבט צוצוקויפן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך פאַר די קינדער.

אויף די ביימער האָבן אָנגעהויבן צייטיקן די קאַרשן, וואָס האָבן ווי רויטע רובינען זיך געטוקט צווישן די בלעטער. שפּעטער צו האָבן אַרויס־געשיינט צווישן די בלעטער דער געלער אוריוק. אַנציס האָט זיך אין די טעג מחיה געווען. דער גרויסער טיטאָווניק איבערן דאַך פון דער קיביט־קע האָט זיך אָנגעשאָטן מיט דער זיסלעכער פּערלגרויפּנדיקער פרוכט. ער האָט זיך פאַרקליבן אויפן דאַך, צונויפגעשאַרט דעם טיטאָווניק וואָס איז

געווען זיין טעגלעך עסן. די מענטשן פון דער קיביטקע האָבן אויפגעלעבט.

אַ סך לייכטער האָט אויסגעזען די דאָזיקע צייט, כאָטש די אוזבעקן האָבן געררודפט; אַכטונג געגעבן מע זאָל נישט רירן די פּירות, אַפילו גע־שלאָגן ווען זיי האָבן געכאַפּט ביים רייסן פון דיביימער, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. יעדער האָט געוואָלט זיין זאַט.

די אוזבעקן, די אַרומיקע שכנים האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן די פּליטים, זיי האָבן אין זיי געפילט גרויסע קאָנקורענטן. די אוזבעקן האָבן אַלץ געוואָלט כאַפּן פאַר זיך, צו קאָנען אַרויסטראָגן אויפן באַזאַר און מאַכן דערפון געלט, בכדי צו איינקויפן זיך וואָס מער זאַכן פון די עוואַקויִרטע. זיי האָבן געהיט יעדן בוים און יעדן שטעג, נאָר דאָך, ווי זיי האָבן זיך נישט געקליגלט און געכיטרעוועט, האָבן די פּליטים, אויסגעהונגערטע און פאַר־פייניקטע פון שווערן ווינטער, געטשאַטעוועט אין אַלע ווינקלען צו האָבן מיט וואָס די נשמה צו דערכאַפּן, צו דערקוויקן די אויסגעהונגערטע מאָגנס.

צאַלע אַנציס האָט געפילט, אַז אויב ער האָט דורכגעמאַכט די שווער־סטע צייט, וועט שוין ווערן אַ סך לייכטער, און אין די נעכט אויף זיין הארטן געלעגער אויף דער ווערענדע, איז ער געלעגן און געגריזשעט די האַלב־רויע עפּל וואָס ער האָט אָפּגעריסן פון קאָלכאָזנעם בוים.

קאַפּיטל זעכצן

דאָס געוויין אויפֿן בית־עלמין

אין קאָלכאָז „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" איז שטיל. די קאָלכאָזניקעס זע־נען געווען באַשעפֿטיקט ביי דער אַרבעט. דאָ און דאָרט האָבן אַרויסגע־בלאַנקט איינציקע קיפּיטייקעס, די אוזבעקישע פֿאַרביקע קאַפּעלעך, צווישן די ביימער.

די לייכטנדיקע מאָרגנזון, האָט זיך געשפּיגלט אינעם לאַנגן אַריק לענגאויס דעם וועג. פֿרישע מחייהדיקע ריחות האָבן זיך געטראָגן פֿון די אַרומיקע גערטנער און פֿעלדער.

דורך דער לאַנגער גרויסער גאַס, פֿאַרבויט מיט ליימיקע קיביטקעס האָט זיך צאַלע אַנציס מיט זיין בני־בית געשלעפּט מיטן לעצטן ביסל אָרעמקייט אין דער קיביטקע וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט.

די אוזבעקישע קיביטקע איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אָן אַ זייט, אַרומגעצוימט מיט אַ ליימענעם פּלויט. אַ גרויסער טיטאָווניק־בוים האָט מיט זיינע פֿאַרגעלטע בלעטער שוין אין שפּעטן האַרבסט אַרומגעוויקלט דעם ליימיקן דאַך פֿון דער קיביטקע, וואָס איז געשטאַנען אַ צעכראַסטעטע מיט אָפֿענע טירן, מיט אָן איינאיינציק פֿענצטער מיט צעבראָכענע שויבן. אַ וואַנט פֿון דער קיביטקע האָט זיך געגרענעצט מיט אַ שטאַל, ווו ס'האָט זיך געפֿונען דעם באַלעבאָס קו און דער אַש־גראָער פֿאַרביקער אייזל.

די קו האָט תמימותדיק, נאַרישעוואַטע אויפֿגעהויבן איר נאַסע מאָרדע פֿונעם געל־פֿאַרשרפֿעטן גראָז און מיט וואַסערדיקע אויגן באַטראַכט די נייע געסט. אויף בייז־ווונדער זענען זיך צונויפֿגעלאָפֿן קליינע אוזבעקלעך באַטראַכטן די נייע מענטשן.

אין דער טונקעלער קיביטקע האָבן די פּליטים אַוועקגעלייגט זייערע

קלומיקעס און פרייער אָפּגעאָטעמט. נאָכן ליגן אַזוי פיל וואָכן אויף דער גאַס ביים וואָקזאַל, האָבן זיי ענדלעך אַ דאַך איבערן קאָפּ.

⁂

אין זעלבן קאָלכאָז האָבן זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט נאָך אייניקע רוסישע עוואַקויִרטע. אין שכנות פון אַנציסן האָבן געוווינט קיִעווער ייִדן, מיט גרויסע מישפחות און אַ סך פעק און קלומיקעס, וואָס האָבן פאַרפולט זייערע קיביטקעס. דעם גאַנצן טאָג האָט זיך פון דאָרט געטראָגן אַ טומל, און שטאַרקע ריחות פון געפּרעגלטס האָבן גערייצט די נאָזלעכער פון די האַלב־הונגעריקע נייע שכנים.

אַ שטילע קנאה האָט אָנגעהאַלטן צווישן די שכנים. די רוסישע ייִדן האָבן מקנא געווען די פּוילישע פאַר זייער אָנגעטועכטס, וואָס נישט גע־קוקט אויף זייער מיזערנעקייט און אָפּגעבליאַקעוועטן אויסזען האָבן זיי דורכגעשטאָכן זייערע אויגן. די רוסישע ייִדן זענען געווען אײַפּערזיכטיק, וואָס פרעמדע, נישט זייעריקע, רייסן זיך אַריין אומעטום און פאַרנעמען באַקוועמע ערטער. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי קומט אַלץ.

די פּליטים האָבן מקנא געווען די עוואַקויִרטע, וואָס זענען געקומען מיט אַ סך וואַליזעס און זען אויס גוט און צופרידן, בפרט ווען זיי האָבן זייערע מישפחות און האָבן נישט די פאַרבענקטע בליקן און פאַרוויײַטיקטע נשמות ווי די פּוילישע וואָס האָבן שוין אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן.

די קיִעווער מישפחה פון אָסיפּ זאַכאַראָוויטש מאַלאַמוד איז געווען אַן אויסנאַם צווישן די אַלע עוואַקויִרטע. אָסיפּ זאַכאַראָוויטש, אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק, האָט נאָך אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַנטשיק, מיט אַ פעסטן טראָט, אַ גוט אויסגעפּאַשעטער קאָרק, מיט אַ פּאָר רויטע בלוט־שפּריצנדיקע באַקן. די מישפחה, וואָס האָט זיך באַצייטנס, איידער די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט, עוואַקויִרט פון קיִעוו, איז באַשטאַנען פון אים, זיין פרוי, טעכטער, שניר און אייניקלעך. די זין און איידעם פון אָסיפּ זאַכאַראָוויטש, זענען אַלע מאָביליזירט געוואָרן אויפן פראָנט. די דאָזיקע מישפחה, האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ באַקוועמער קיביטקע אינעם קאָל־

כאַז „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ", אַ צוויי קילאָמעטער פון דער שטאָט און האָבן געלעבט ווי נאַרמאַלע מענטשן, געשלאָפן אויף ווייכע געלעגערס, געגאַנגען נעט און ריין אָנגעטון און געגעסן צו דער זעט. דער אַלטער אָסיפּ זאַכאַראַוויטש האָט געהאַנדלט מיט פלייש און מיט וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט. ער האָט גוט געקענט אַלע גענג און דריידלעך, געוווּסט ווי זיך אומצוגיין און האַנדלען אין אָרדענונג לגבי דער מאַכט.

דער אַלטער אָסיפּ זאַכאַראַוויטש, איז געווען אַ ווילער ייִד, אַ גלויביקער. ער האָט יעדן טאָג געדאַוונט, כאָטש זיינע טעכטער און שניר האָבן געדרייט מיט די נעז. אַ ייִד פון אַלטן שניט, האָט ער זיך קיינעם נישט אונטערגעגעבן.

דעם ערשטן אָוונט, ווי נאָר די זון האָט זיך געזעצט צווישן די קיביטקעס און געלאָזט נאָך זיך אַ טיפע שטילקייט און אַן אומעט אַרום, איז אָסיפּ זאַכאַראַוויטש צוגעקומען צו אַנציסן, זיך אַרומגעקוקט אויף די נייע שכנים, דערלאַנגט אַ ברייטן שלום־עליכם:

— ייִדן, וואָס? פון וואַנען קומט איר? — האָט ער פאַטערלעך אַ פרעג געטון אַנציסן, וואָס האָט גלייך באַקומען צוטרוי צו אים.

— ייִדן פון פוילן — האָט אים אַנציס געענטפערט — שווערגעפּלאָגטע ייִדן.

— נישט געזאָרגט, ברודער — האָט מאַלאַמוד מיט אַ וואַרעמער שטימע געזאָגט — ס'וועט גוט זיין. מע דאַרף האָבן בטחון צו דעם וואָס לעבט אייביק. מע וועט זיך אַן עצה געבן, מע וועט אם־ירצה־השם נישט פאַרפאַלן ווערן.

— טרייסט איז אַ גוטע זאַך, ס'איז אַ שטראַל פון ליכט וואָס שיינט אויף. אָבער די טאָג־טעגלעכע נויט לינדערט עס נישט אויף אַ האָר.

— אַי, אַי, — האָט זיך מאַלאַמוד צעשאָקלט ווי אַ פרומער ייִד ביים דאַוונען — איר האָט נישט קיין בטחון. גלייבט מיר, ווען נישט דאָס ביסל בטחון, וואָלטן מיר שוין אויך לאַנג אויסגעגאַנגען. ביי אונדז איז דאָס לעבן אויך נישט קיין לייכטס. איצט איז מילחמה, איז אַוודאי שווער. מ'האָט געמוזט פאַרלאָזן די וווינונגען און די שטעלעס. אָבער פאַר דער מילחמה, די גאַנצע יאָרן, איז אויך נישט געווען אַזוי לייכט. אָבער מ'האָט זיך צו־

געווינט און מע לעבט. אַז מע געווינט זיך צו און מע טשעפּעט נישט, מע לאָזט צורו, קאָן מען ווי נישט איז לעבן.

צאַלע אַנציסן איז געווען שווער אויפן האַרצן. אין אַזאַ מינוט איז אים געווען אָנגענעם די געזעלשאַפט פון זיין נייעם שכן וואָס האָט אים אַ ביסל דערמוטיקט.

דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע איז צוגעקומען און זיך פאַרנייגט:

— סאַלאַם אַלייקעם! ווי פילט איר זיך אין מיין קיביטקע? זיך צו־ביסלעך איינגעאָרדנט, האַ? דאגהט נישט, ס'וועט גוט זיין, האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויפן פאַרזאָרגטן פּנים פון זיין שכן.

ווי טראָפּנס באַלזאַם האָבן געטריפט אויף דער צעוויטיקטער נשמה די האַרציקייט און טרייסטווערטער פון זיין באַלעבאָס.

— מיר זענען נאָך נישט פאַרלוירן — האָט אַנציס געזאָגט מאַלאַמודן

— אויב ס'געפינען זיך נאָך אַזעלכע האַרציקע מענטשן.

דער אוזבעק האָט זיי פאַרבעטן אויף זיין וועראַנדע, וואָס איז געווען אַרומגעצוויגט מיט פאַרשידענע געוויקסן און ביים שיין פון דער פּולער, לויטערער לבנה זענען זיי געזעסן און געזופּט דעם גרינעם טיי פון איין פּיאַלע, איבערגעבנדיק זי איינער דעם אַנדערן מיט גרויס העפלעכקייט און דרך־ארץ, צולייגנדיק די האַנט צום האַרצן.

דער אוזבעק איז געוואָרן באַרעדעוודיק און זיך אויסגעפּרעגט ביי זיינע שכנים וועגן זייער לעבן. ער איז געוואָרן אַזוי איבערגענומען מיט אַנציסעס דערציילונגען פון אַמאָליקן לעבן, וועגן די אַלע ווילטאָגן, אַז ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק, זיך צעסמאָקענדיק מיט די ליפּן.

— דאַ, דאַ, ביי אונדז איז אויך אַמאָל, גאָר אַמאָל געווען אַ לעבן און איצט איז געוואָרן נאָך־שווערער. ס'איז מילחמה. אַ סך פון אונדזעריקע זענען אַוועק אויף די פראָנטן, און נישט איין באַבע באַוויינט איצט אירע קינדער.

— אין קאַלכאָז קאָן מען נישט לעבן — האָט דער אוזבעק שטיל פאַר־געזעצט, ווי דערציילנדיק אַ סוד, מורא־האָבנדיק פאַר פרעמדע אויערן — גיע דאַיוט, מע לאָזט נישט, פּאָניאַטנאָ? אונדזער קאָלכאָז איז נישט קיין רייכער. מערסטנס וואַקסט ביי אונדז כלאָפּאָק — וואַטע — און ביי דער

וואָטע איז די אַרבעט אַ שווערע. מיר באַקומען נישט קיין ברויט. נאָר יעדן יאָר, נאָך דעם ווי מיר שטעלן צו די נאָרמע פון גערעטעניש פאַר דער רע־גירונג, ווערט דער איבערבלייב פאַרטיילט לויט די אַרבעטטעג וואָס מיר האָבן געמאַכט, וואָס קלעקט נישט אויפן גאַנצן יאָר. איז העלפט מען זיך אַרויס דערמיט וואָס מע גייט ווינטער אַרבעטן אויף אַ זאַוואָד, אָדער אויף אַנדערע אַרבעטן, כדי צו באַקומען ברויטקאַרטלעך.

— אָבער, ניטשעוואָ — האָט דער האַרציקער באַלעבאָס, דער קאָל־כאָזניק פון „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" אַ קלאַפּ געטון אַנציסן איבער דער פּלייצע — זיי נישט געפאַלן ביי זיך, אויך דאָס וועט מען דורכלעבן. נישטאָ קיין אייביקייטן.

***

צאַלע אַנציס האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. אַ גרויסער אומרו האָט אים באַהערשט. די ידיעות פון די פראָנטן זענען געווען שוידערלעכע. די נאַציישע האָרדעס האָבן זיך געריסן פאָרויס. דאָ, אין וויטן הינטערלאַנד זענען דערמוטיקט געוואָרן אַלע, וואָס זענען נישט געווען צופרידן מיטן רעזשים. דער יקרות איז געוואָרן גרויס, ברויט האָט שוין געקאָסט אַריבער אַכציק רובל אַ קילאָ אויפן שוואַרצן מאַרק, קאַרטאָפל פערציק רובל און דער וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט, איז אים דאָס לעבן שווער געוואָרן, בפרט האָבן געליטן די פּוילישע ייִדן וואָס זענען געקומען אויסגעהונגערטע און דער גרעסטער טייל כמעט נאַ־קעט און באָרוועס.

די לבנה האָט אַריינגעקוקט דורך די אָפענע טירן, באַלויכטן די אויס־געהוילטע נישעס אין די ווענט און באַשאָטנט די מאַטע פּנימער פון די שלאָפנדיקע פרויען און קינדער.

דאָס אייזל האָט מיט זיינע קאָפּיטעס געראַיעט אין ליימיקן באָדן, זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגנאיבער דער טיר אין זיין גאַנצער גרויס, אַ שנאָרך געטון מיט די נאָזלעכער, פאַרריסן זיין מאָרדע און זיך שפּיגלענדיק אין דער קלאָרער לבנה, זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטילן און נאָך דעם אַלץ הע־בער־צעגאָרגלטן געשריי וואָס האָט אָנגעשטעקט מיט פּחד דעם אַרום.

אַנציס האָט אויפגעשווידערט מיט אַלע אברים. אַרום איז געוואָרן שטיל און אומהיימלעך. נאָך לאַנג איז צאַלע אַנציס געלעגן מיט אָפענע אויגן, אַנגעשפּיצטע צו דער האַלב־אָפענער טיר, און זיך צוגעהערט צו דער שטומקייט פון דער נאַכט.

ביי אַנציסן אין דער קיביטקע האָט זיך איינגעגעסן דער הונגער. ביי דער אַרבעט אין קאָלכאָז האָט מען בלויז געגעבן אַ זופּ איין מאָל אין טאָג. זיין פרוי איז געקומען פון פעלד מיט אַ טעפּעלע און אַנציס האָט אָפּגע־גאָסן אַ טייל פון זיין זופּ און דערמיט האָט מען געלעבט. די פּירות זענען שוין פון די ביימער אַראָפּגענומען געוואָרן, און זיך דערקוויקן מיט אַ פרוכט ווי פריִער האָט מען שוין נישט געקאָנט.

אַנציסעס פרוי איז אין די נעכט געגאַנגען די פּאָר קילאָמעטער אין שטאָט אַריין זיך שטעלן אין דער ריי צו באַקומען אַ קילאָ „קאָמערטשעסקי" ברויט; די רייען זענען געווען אומענדלעך־גרויסע און ווער ס'האָט געהאַט שטאַרקע פּלייצעס און עלנבויגנס האָט באַקומען, דער שוואַכער איז אַלע מאָל צוריק געקומען מיט ליידיקן. זיין פרוי האָט זעלטן ווען געבראַכט אין דער קיביטקע אַ קילאָ ברויט.

***

אַוועק שוין דער האַרבסט. דער שטענדיק לויטערער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט אַש־גראָע כמאַרעס. דריבנע־עסיקע רעגנדלעך האָבן צע־ווייקט דעם ליימיקן באָדן און ס'איז געוואָרן אַזאַ קאַשע אויף די וועגן, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אַרויסצושלעפּן אַ פוס פון דער ליימיקער געדיכט־קייט.

פויל און שווער האָבן די פערד און אייזלען געשלעפּט די צווייִ רעד־דעריקע אַרבאָס־וועגענער, זיך באַגיסנדיק מיט געדיכטן שוויס.

אַ בייסיקער ווינט האָט אַרומשפּאַצירט אין דער קיביטקע און בייז געוואָיעט. די האַלב־אָפענע טירן האָבן גאַסטפריינטלעך אַריינגעלאָזט דעם צעווילדעוועטן גאַסט וואָס האָט דורכגעפרוירן אַלע גלידער.

קיין אויוון איז נישט געווען. דער אויסגעהוילטער סאַנדאַל אין דיל,

— אַזאַ לאַך ווו מע קאָן אַריינלייגן צעגליטע קוילן, וואָס גיט וואַרעמקייט אין דער קיביטקע — איז געשטאַנען אַ פּאַריתומעטער, נישט געווען קיין קוילן און קיין האָלץ.

צו דעם אַלעם איז צוגעקומען אַ נייע גזירה:

אַלע געקומענע פּוילישע ייִדן ווערן אַרויסגעשיקט קיין קאַזאַכסטאַן. אויפן וואָקזאַל שטייען שוין פרישע משא־וואַגאָנען מיט נאַרעס און די מיליציאַנערן לויפן אַרום ווי פאַרסמטע איבער אַלע קיביטקעס אין דער שטאָט און אין די קאָלכאָזן און מע טרייבט צום וואָקזאַל. די דאָזיקע גזירה האָט אויך נישט געמיטן דעם קאָלכאָז „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ". דער אייג־ציקער קאָלכאָזנער מיליציאַנער איז געקומען צו אַנציסן מיט דער פאַר־אָרדענונג:

— סאָביעראַי וויעשטשי, אי נאַ וואָקזאַל![1]

אַ נייער גלות מיט נייע וואַנדערונגען.

אַנציס, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ סך אַזעלכע גוטע זאַכן, האָט באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן.

— מע דאַרף צונויפפּאַקן די זאַכן — האָט ער געזאָגט זיין פרוי — און זאָגן דעם מיליציאַנער, אַז מיר וועלן אָוועקפאָרן. איך וועל גיין צום וואָקזאַל, באַזאָרגן אַן אָרט אין עשאַלאָן און ווען ס׳וועט קומען דער טאָג פון פאָרן, וועט מען אָוועקפאָרן.

דער מיליציאַנער, האָט איינגעשטימט:

— יאַכשי כאַראַשאָ, איך גליב דיר, ביסט אַן ערלעכער אַרבעטער.

אַנציס איז יעדן טאָג געלעגן ביים וואָקזאַל. באַקומען ברויט־נאַרמעס און געוואַרט אויפן אָפּפאָר פון עשאַלאָן. יעדן אָוונט האָט ער זיך געשלעפּט אַ מידער אין קאָלכאָז און די עשאַלאָנען זענען נישט אָוועק. ס׳איז בלויז אָוועק איינער און די איבעריקע זענען אָפּגערופן געוואָרן.

— וואָס זאָגסטו צו דעם? — איז אַנציס אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאָפּעטער אין דער קיביטקע און דערציילט אַ צופרידענער זיין פרוי — מע קאָן קיין מאָל ביי זיי נישט וויסן און נישט זיין קיין חכם. נאָך אַ נס, וואָס מיר איז

[1] נעם דיינע זאַכן און גיי צום וואָקזאַל

איינגעפאַלן נישט צו גיין מיט די בעבעכעס צום וואָקזאַל. מיר וואָלטן שוין היינט נישט געהאַט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. די אַלע וואָס זענען אַריין אין די עשאַלאָנען און געוואַרט אויפן אָפּפאָר קיין קאַזאַכסטאַן, זענען היינט פון דאָרט אַרויסגעיאָגט געוואָרן מיט געוואַלד און ווייקן זיך אויפן רעגן. די קיביטקעס האָבן שוין פאַרנומען די עוואַקויִרטע רוסישע ייִדן.

אויך דאָס איז געווען אַ טרייסט. צו שלעכטס איז אויך נישטאָ קיין ברעג...

***

די ריעגנס זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן שטאַרקער. אַ בייסיקער ווינט האָט געוואָיעט, געשאָקלט און געריסן די האַלב־אָפענע טירן. אויפן גאָס איז נישט מעגלעך געווען אַ פוס אַרויסצושטעקן. די לעצטע שטיקלעך טאָפּקעס אויף די פיס זענען אויסגעווייקט געוואָרן. אין קיביטקע איז געווען קאַלט.

אַנציס איז אַוועק צום „ראַיס" פון קאָלכאָז און יענער האָט באַפוילן אים צו געבן כלאָפּאָק־שטענגעלעך צו באַהייצן זיין קיביטקע. אַלע קאָל־כאָזניקעס האָבן באַקומען דעם דאָזיקן הייץ־מאַטעריאַל מיט וועלכן ס'איז געווען פול דער גרויסער סקלאַד. מיט אַ שווערן פעקל האַלב־נאַסע און שוואַך־אויסגעטריקנטע כלאָפּאָק־שטענגעלעך האָט זיך אַנציס געשלעפּט צו זיך אין דער קיביטקע.. די אַריינגעשטעקטע פיס אין ליימיק־צעווירטן באָדן זענען טיף געבליבן פאַרשטעקט אונטער דער שווערער משא און קוים־קוים, מיט גרויס מי, איז אים געלונגען זיך צו דערשלעפּן אַהיים צו דער קיביטקע.

די אוזבעקן האָבן געניצט קיזיקעס, געמאַכטע פון פערדישע און קיִ־שער צואה, וואָס זיי האָבן געטריקנט אויף דער חמימהדיקער זון פון אוזבעקיסטאַן.

אינעם אויסגעהוילטן לאָך אין דיל, איז צונויפגעלייגט געוואָרן דאָס האָלץ און קוים מיט צרות איז אַנציסן געלונגען צו מאַכן פייער. אַ געדיכ־טער קנויל רויך האָט איינגעהילט די קיביטקע, געריסן די אויגן און אין קעל.

די שטענגלעך האָבן געקנאַקט און ביסלעכווייז האָט אַ וואַרעמקייט אַרומגענומען די הוילע ווענט פֿון דער קיביטקע. פֿונעם גערדיכטן רויך איז דאָס קאָפּטשענדיקע לעמפּל פֿאַרטונקלט געוואָרן און זיך אויסגעלאָשן.

אַנציס איז געזעסן ביים פֿייער און געטריקנט די פּאַרטיאַנקעס.

מיט אַ הונגעריקן מאָגן, פֿאַרזונקען אין שווערע חלומות מיט אויס־געברענטע בייסנדיקע אויגן פֿון געדיכטן כלאָפּקאָוון רויך, האָבן זיך ביי אַנציסן די אויגן געקלעפּט צום שלאָף.

**
*

אַ געדיכטער שניי איז געפֿאַלן. דער ערשטער שניי האָט אַ בלענד געטון מיט זיין ווייסקייט. אַנציסן איז געוואָרן פּראָסטיק אויף דער נשמה. באַקעטע און באָרוועסע אין אַ קאַלטער קיביטקע, אָן אַ שטיקל ברויט און געלט...

די איינציקע זופּ אין קאָלכאָז איז שוין אויך נישט געווען.

— וואָס טוט מען? — האָט ער זיך אָנגערופֿן אַ פֿאַרצווייפֿלטער צו זיין פֿרוי — מיר וועלן דאָך אַזוי שטיל אויסגיין, אַז אַ פֿויגל וועט נישט קיין פּיפּס טון.

זיין פֿרוי האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שטיל שלוכצן.

די זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען. דער שניי איז צעגאַנגען. דאַ און דאָרט האָבן זיך נאָך די פֿעלדער געווייסט און געלאָזט שניישפּורן אויף די פּלויטן. דער ליימיקער דאַך איז צעווייקט געוואָרן און צוליב דעם וואָס מ׳האָט אים היי־יאָר נישט געשמירט מיט שעטשקע און ליים האָבן אָנגע־הויבן צו טריפֿן פֿון סופֿיט גרויסע שמוציק־געלע טראָפּנס און מיטגעשלעפּט מיט זיך שטיקער צעווייקטן סופֿיט. אין דער קיביטקע איז געוואָרן אַ בלאָטע.

אַנציס איז אַוועק אין קאָנטאָר פֿון קאָלכאָז און געבעטן ביים זאַוומאַג[1] אַ שטיקל „זשמיך", וואָס מע גיט צו עסן די בהמות, צו דערהאַלטן די נשמה.

---

[1] מאַגאַזין־לייטער

דער זאַטער און גוט־אויסגעכאַליעטער זאַוומאַג האָט אויפגעהויבן פון אַ ווינקל אַ שטיקל און אים צוגעוואָרפן:

— באַהאַלט עס גוט, קיינער זאָל נישט זען אי אוכאַדי, גיי זיך פון דאַנען.

אַנציס האָט זיך צוגעכאַפּט צום גרין־פאַרשימלטן „זשמיך" ווי צום בעסטן מאכל, געגאַנגען טאַפּטשענדיק אין דער בלאָטע אין שטאָט אַריין צו זיינע באַקאַנטע, אפשר וועט ער געפינען אַן אויסוועג פון דער שווערער לאַגע.

צווישן קאָלכאָז „קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" און דער שטאָט האָט זיך אויס־געשפּרייט דער אוזבעקישער בית־עלמין. דאָס גרויסע פעלד מיט די נישט־אַנזעעוודיקע מצבות האָט געשראָקן מיט זיין פוסטקייט. אַן אַ שטיקל ביימל און גרעזל זומער און ווינטער, אַ באַשאָטענער פון שניי און אַ דורכגע־ווייקטער פון בלאָטע.

יעדן טאָג האָט זיך פון בית־עולם געטראָגן אַ שרעקלעך געוויין פון די מלווים פון אַ לוויה נאָך אַ נאָענטן, נאָך אַ געשטאָרבענעם. דער געיאָמער האָט געשפּאָלטן די לופט. דער שווידערלעכער געקלאָג האָט אים שטענדיק אומרויִק געמאַכט, אים דערמאָנט אין זיין היימישן בית־עלמין אויף דער גאַס ווו ער האָט געוווינט. מענטשן זענען דעמאָלט געשטאָרבן אויף זייערע בעטן, אַרומגערינגלט מיט קרובים און אַפילו דאָ, די אוזבעקן, האָבן וועד ס'זאָל באַוויינען זייערע טויטע.

אויפן גורל פון אָרעמען פּליט אין דער פרעמד קלאָגט קיינער נישט.

אין שטאָט איז ערגער דאָס לעבן ווי אין קאָלכאָז. דאָ האָט כאָטש אַנ־ציס געהאַט אַ קיביטקע און אַ ביסל כלאָפּאָק צו הייצן. אין דער שטאָט זענען די פּליטים געווען פּאַרטון אין מיסחר. די אַרבעט אויף די פאַבריקן האָט נישט געגעבן אויף צום לעבן, האָבן זיי צוגעהאַנדלט מיט ברויט און פאַרדינט אויף זייער אויסקומעניש. אַ סך פון זיינע באַקאַנטע זענען אַריינ־געפאַלן אין תפיסה. ווער האָט אים, אַנציסן, געקאָנט העלפן, אַז יעדער איינער איז געווען פּאַרטון מיט זיך?

אַ סך באַקאַנטע זיינע פונעם פּאָסיאָלאָק זענען ווי פליגן געפאַלן, זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן.

— פאַראַן נאָך עפּעס ערגערס — האָט זיך אַנציס געטרייסט מיט האַרץ־חלשות, גייענדיק צוריק צו זיך אין דער קיביטקע — מע דאַרף האָבן אויסדויער.

די זון האָט געוואָרעמט. פון נאַכטיקן שניי איז קיין שפור נישט געבליבן. די הייסע שטראַלן האָבן זיי דורכגענומען און פאַרוואַנדלט אין קליינע ריטשקעלעך פליסנדיק וואַסער וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין נאָך גרעסערע בלאָטעס.

צום בית־עלמין איז געגאַנגען אַן אוזבעקישע לוויה. די פיר נושאי־מיטה זענען געלאָפן מיטן מת, שנעל־שנעל, און הינטער זיי זענען נאָכגעלאָפן נאָך אַ צענדלינג מאַנסלייט, בכדי זיי צו פאַרטוישן. פאַרשוויצטע האָבן זיי אַראָפּגעשטעלט די מיטה ביים אויסגעגראָבענעם קבר. באַלד זענען אָנגעקומען די פרויען, וואָס האָבן באַגלייט דעם מת און אַ געוויין האָט געשפּאָלטן די לופט.

אַנציס איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט. ער איז מקנא געווען די טויטע, וואָס שטאַרבן אויף זייערע געלעגערס, אין זייערע היימען. דער געיאָמער פון די פרויען האָט אים דערמאָנט אין דער היים, אין דער רויקער און זאַטער היים...

— פאַרוואָס לויפט איר אַזוי ווען איר טראָגט דעם מת — האָט ער אַ פרעג געטון אַ מיטליעריקן אוזבעק.

— מיר אַנטלויפן פון שטן — האָט ער געענטפערט — וואָס גיכער מע לויפט, אַלץ ווייטער אַנטלויפט מען פון אים...

***

אַנציס איז געשטאַנען אַ טרויעריקער אויפן אוזבעקישן בית־עלמין, געשטאַנען און אַרומגענומען מיטן בליק ווי ווייט דאָס אויג קאָן גרייכן.

אַ פוסט נאַקעט ליימיק פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן און זיך אויסגעשפּרייט צווישן זיין קאָלכאָז און דער שטאָט. קיין איין ביימל האָט נישט באַשאָטנט דעם גאַנצן אַרום. אויף איינצלנע קברים זענען געלעגן אויסגעצויגן אוזבעקינס און יאָמערלעך געוויינט, אויסגעקלאָגט זייער טרויער.

אַרום דעם פּריש־צוגעקומענעם קבר זענען טייל פרויען געשטאַנען, אַנדערע געלעגן אויף דער ערד און געשפּאָלטן דעם אַרום מיט זייער אויפ־טרייסלענדיקן געיאָמער וואָס האָט געשניטן ביים האַרץ.

ביי אַנציסן אין דמיון האָבן אויפגעטויכט בילדער פון יידישע בית־עלמינס אין יידישע שטעט און שטעטלעך. אויך דאָרט האָט מען געוויינט. אויך דאָרט זענען געווען אַ סך מלווים און אַ סך געשרייען און געוויינען האָבן זיך געריסן צו די הימלען, מיט גרויסע פאַרוואָסן צום באַשעפער...

און היינט? אין דער פאַרוואָגלעניש איז דאָס לעבן געוואָרן ביליק און דער טויט נאָך וואָלוועלער. שטאַרבן אויס די פּליטים ווי די פליגן אין ווינטער אויף ראַנדן פון פענצטער, אין קאַלכאָזנע קיביטקעס, אין וויסטע געגנטן און ווער זאָל וויינען אויף זייער אומקום?

באַוויינט זיי בלויז דער ווינט, וואָס גיט אַ צעשויבער זייערע טויטע האָר, און די שאַקאַלן אין די נעכט, ווען זיי קומען אויף באַזוך צו אַ פרישן קבר זוכן רויב...

*****

אַנציס איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער צווישן די קברים:

— וואָס פאַר אַ גליקלעכע מענטשן עס זענען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט! זיי האָבן נאָך ווער ס'זאָל זיי באַוויינען!

— סאַרע פאַרגעניגן און לוקסוס צו שטאַרבן אַט אַזוי...

צווייטער טייל

געוויסנס אָן געוויסן

קאַפּיטל איינס

צוויי עקשנים

— וואָס שטייסטו, ווי אַ גולם מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן? וואָס רעדסטו נישט? וואָס שווייגסטו? — האָט ראַכמאַנאָוו מיט רוגזה אַ ריס געטון צאַלע אַנציסן, וואָס איז געשטאַנען אין פערדן־שטאַל אַ פּאַר־טראַכטער ווי אַ תם.

ער איז געווען איינגעהילט אין זיין לאַנגן מאַנטל, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון אַלע וואָגלענישן און איז אַמאָל געווען ברוין, וואָס ס׳איז שוין מער נישט צו דערקענען זיין ריכטיקן קאָליר.

אייניקע פריינד זיינע האָבן זיך אויף אים מרחם געווען, אַרויסגע־שלעפּט פון קאָלכאָז ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַן אייזל און נישט געהאַט קיין ביסן־ברויט, און אים אַריינגעשלעפּט אין כלאָפּ־זאַוואָד [1], ווו ער וועט כאָטש באַקומען פינף הונדערט גראַם ברויט און אַ זופּ אין דער סטאָלאָווע.

ראַכמאַנאָוו, דער שטאַל־אויפזעער, האָט מיט כוח אַ שלעפּ געטון אַ העלברוינעם פאַרעקשנטן אייזל פאַר די לאַנגע אויערן און אים צוגעפירט צו אַנציסן:

— נאַ, נעם, שפּאַן אים איין אין דער אַרבע און פאָר איבערן זאַוואָד צונויפזאַמלען די צעשאָטענע וואַטע, און פיר עס צו דער מאַשינען־אָפּ־טיילונג.

מיט צעשראָקענע אויגן האָט אַנציס באַטראַכט דעם פאַרעקשנטן אייזל, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט, ווי נישט אים מיינט מען, און מיטן שפּיץ־עק געטריבן די זלידנע פליגן וואָס האָבן זיך אַנגעזעצט אויף זיין אָפּגעקראָכענער פעל, אַן אויסגעשמוצטע פון ליגן אויפן נאַסן שטרוי, וואָס איז שוין חדשים לאַנג נישט געביטן געוואָרן אין שטאַל.

---

[1] פאַבריק ווו ס׳ווערט געריייניקט די וואַטע

— אַנוקאַ, וואָס שטייסטו אַזוי לאַנג, ס'איז שוין נאָכן גודאָק, נעם דעם אייזל און גיי צו דער אַרבעט — האָט זיך דער שטאַל־אויפזעער צע־שריגן ווילד און בייז. — דאָרט ביים ברונעם שטייט די אַרבע און אַט האָסטו דעם כאָמוט מיט די לייצעס — האָט ער אים צוגעוואָרפן אַן אָנ־געהויפּט פעקל מיט לעדערנע רימענדלעך און פּאַסקעס.

אַנציס האָט לאַנגזאַם מיט שוואַכע כוחות אָנגעהויבן שלעפּן דעם כאָ־מוט מיט די לייצעס אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אייזל פאַרן רעכטן אויער און אים גענומען שלעפּן. דער אייזל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַנציס האָט אים אָנגעקוקט מיט פו־לע אויגן געבעט און אין האַרצן תפילה געטון, אַז דער אייזל זאָל באַווי־ליקן און טון זיין ווילן.

דער אייזל איז געשטאַנען רויק, און נישט דער גודאָק, נישט ראַכ־מאַנאָווס קולות און נישט אַנציסעס געבעט האָבן אים נישט געקאָנט אויפ־וועקן פון זיין אייזלדיקער פאַרטראַכטקייט און עקשנות. ער איז ווייטער געשטאַנען אַן איינגעשפּאַרטער און זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון וואָס אַנציס האָט אים געשלעפּט פאַרן אויער.

ראַכמאַנאָוו איז צוגעלאָפן אַן אָנגעצונדענער פון כעס און מיטן שפּיץ־שטעקן אָנגעהויבן שטורכען אין די זייטן. דער אייזל איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און גענומען לויפן און אַנציס נאָך אים.

ראַכמאַנאָוו האָט צוגעפירט דעם אייזל צו דער אַרבע, אים אָנגעטון דעם כאָמעט און צוגעוואָרטשעט צו אַנציסן:

— קוק זיך צו, ווי מע מאַכט עס, אַלע טאָג וועל איך דיר נישט ווייזן, פּאַניאַטנאָ?

ער האָט איינגעשפּאַנט דעם אייזל אין דער צוויי־רעדערדיקער אַר־בע, געגעבן אַנציסן די לייצעס און דעם שטעקל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— פאָר און גיב גוט אַכטונג אויף דיינע ביינער. אַז דו וועסט נישט אַרבעטן גוט וועט מען דיך במילא אַרויסוואַרפן, ס'וועט נישט העלפן אַפי־לו דעם דירעקטאָרס פּריקאַז. ביי אונדז מוז מען גוט אַרבעטן, פאַרשטאַנען?

אַנציס האָט פאַרקאַטשעט די לאַנגע פּאָלעס פון זיין ברוינעם מאַנטל,

זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דער הויכער אַרבע, אַ שטורכע געטון דעם אייזל, וואָס האָט פויל און געלאַסן געשטעלט זיינע דראַבנע טריטעלעך אויפן ליימיקן באָדן פון כלאַפּזאַוואַד.

***

גלייך פון פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט אַ חמימהדיקער טאָג. די זון האָט געברענט און דורכגעשווייסט די מלבושים און צעפּאַרעט דעם צע־היצטן גוף. אַנציס איז געפאָרן איבערן הויף, אויפגעזוכט די צעשאָטענע וואַטע און צונויפגעקליבן אויף דער אַרבע. דער אייזל איז מער געשטאַ־נען ווי געפאָרן. אַנציס האָט זיך קוים געקאָנט בייגן צו דער ערד, ער איז געווען מיד, אויסגעהונגערט און פאַרפייניקט. די שאַרפע זונשטראַלן האָבן אים געברענט אין די אויגן און די ביינער האָבן אים געבראָכן.

איבערן פאַבריקהויף האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אוניפאָרמירטע וועכ־טערין מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע און נאָכגעקוקט אַנציסן. זי איז גע־גאַנגען הין און צוריק אַ פאַרזונקענע אין מחשבות און געשוויגן.

קוים מיט צרות האָט אַנציס אָנגעלאָדן אַ פולע אַרבע מיט וואַטע און האָט אָנגעהויבן צו טרייבן דעם אייזל צו דער פאַבריק־האַלע.

איינגעעקשנט און פויל האָבן זיך דער אייזל מיטן אָנטרייבער גע־שלעפּט אַ קורץ שטיקל וועג און פּלוצלינג האָט זיך דער אייזל אַ צי געטון הינטערוויילעכטס און איז געבליבן שטיין אַ באַקעטער, אויסגעטון פונעם געשפּאַן. די האָלאָבליעס פון דער אַרבע האָבן זיך אויפגעהויבן, און דער דעק האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דער ערד, די גאַנצע וואַטע האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט און צעשיט איבערן ברוק.

אַנציס איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער. די אויגן זענען אים געווען פאַרלאָפן פון טרערן. ער האָט נאָכלעסיק אַראָפּגעלאָזט די הענט, אַוועק־געוואָרפן דעם שטעקל מיט וועלכן ער האָט אָנגעטריבן דעם אייזל און זיך אָנגעשפּאַרט אין די אויפגעהויבענע האָלאָבליעס. דער אייזל האָט זיך רויק צוגערוקט צו דער וואַנט פון אַ פאַבריק־האַלע און אָנגעהויבן צופּן די אָנ־געוואָקסענע שטיקלעך גראָז.

די וועכטערין האָט זיך דערנענטערט און באַטראַכט די דאָזיקע סצע־

נע. זי איז צוגעגאַנגען צו אַנציסן, טיף אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט אַ רחמנות־שטים אַ פרעג געטון:

— וואָס וויינסטו, סטאַכאַנאָוויעץ?

— זעסט דאָך, גראַזשדאַנקאָ, וואָס ס׳איז געשען. מ׳האָט צונויפגעפּאָרט צווי פאַרשווינען אַן אַזיאַט מיט אַן אייראָפּייער און דאָ וויל מען דווקא אַז זיי זאָלןביידע גיין גלייך אין שפּאַן. שטימט עס נישט. דער אייזל איז הונגעריק, און איך, דער אַרבעטער, בין אויף צרות, זעסט דאָך אַליין, וואָס האָב איך דיר נאָך צו זאָגן...

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך די וועכטערין פונאַנדערגעלאַכט מיט אַן אומהיימלעך געלעכטער, — זע נאָר וואָס פאַר אַ פּאַן דאָס איז און ווי געכאַליעט דערצו. זאָג מיר נאָר, גראַזשדאַנין, ווי לאַנג ביסטו שוין אין אונדזער מדינה?

— אַנדערהאַלבן יאָר — האָט אַנציס אַרויסגעשטאַמלט.

— און שוין ביסטו אויסגעהונגערט, אַ סברה אַז דאָרט ביי דיר אין פּאַנסקן פּוילן האָסטו אויך געהונגערט, אַז דו האָסט נישט קיין רעזערוון אויסצוהאַלטן אַזאַ שטיקל צייט — און פונאַנדערשפּיליענדיק דעם פּאַסיק פון די הויזן האָט זי אַ זאָג געטון:

— סמאָטרי, זעסט, אַלע יאָר צי איך איין דעם פּאַסיק מיט אַ לעכל וויטער, שוין באַלד נישטאָ וואָס איינצוצי׳ען און דו פּראָוועסט יאָלדישע שטיק, דו וויינסט גאָר, פוי, נישט שיין פון דיר, דאָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ מאַלטשישקי, אַ יינגלטשינע.

די וועכטערין האָט ביי ביידע אויערן אַ נעם געטון דעם אייזל, וואָס איז געשטאַנען צעתמט און געקייט דעם פאַרברענטן גראָז פון דער פאַרשפּינטער ערד, אים ענערגיש צוגעשלעפּט צו דער אַרבע, איינס און צוויי אים איינגעשפּאַנט און אויפהייבנדיק דעם שטעקן וואָס אַנציס האָט אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, אַ באַפעל געטון:

— יעזשדזשאַי, פּאָר! און זיי אַ מענטש, פּריוויקניעש, וועסט זיך צוגעוווינען אַט פונקט אַזוי ווי מיר אַלע, און ס׳וועט גיין אַ גאַנג.

אַנציס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאָזלע, אויסגעדרייט זיין

פנים פול מיט דאַנקבאַרקייט צו דער פאַבריק־וועכטערין און שטיל צו זיך אַ מורמל געטון.

— נו, טאַקע, וואָס בין איך עס איינער פאַר אַ פריץ, איך האָב עס אַזוי וויל געדרשנט, אַז מיר דאַרף זיין בעסער פון זיי. און כיכיקענדיק צום אייזל, צושטורכענדיק אים מיטן שטעקן האָט ער זיך געלאָזט איבער די שטעגן פון זאַוואָד.

פלוצים האָט זיך צעוואָיעט די פאַבריק־סירענע צו דער מיטיק־שעה. דער אייזל האָט אָנגעשטעלט זיינע אויערן, און נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אַנציס האָט געהאַלטן שטאַרק פאַרקוועטשט די לייצעס אין זיין האַנט, האָט ער זיך אַ לאָז געטון הענדום־פּענדום צום פערדשטאַל, וואָס גיכער צו דער קאַריטע, טראַמאַטשענדיק און קלאַפּנדיק מיט די שוין נישט לאַנג געשמירטע אַרבע־רעדער אויפן ברוק פון זאַוואָד.

צאַלע אַנציס האָט היינט באַקומען צום ערשטן מאָל זיין נאָרמע ברויט, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער אַרבעטער — גאַנצע פינף הונדערט גראַם און בכדי אויסצוקויפן די ערשטע זופּ אין סטאָלאָווע פאַר אַ רובל, האָט ער פאַרקויפט זיין נאָרמע ברויט און זיך היינט באַגנוגנט מיט דער זופּ אַליין. ער האָט שוין אָבער פאַרמאָגט גאַנצע פערציק רובל, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר זיין פאַרציע ברויט.

נאָך מיטיק האָט ראַכמאַנאָוו, זעענדיק די אומבאַהאָלפנקייט פון זיין נייעם „אַרבאַקעזש", אים אָוועקגעשטעלט צו רייניקן דעם פערדשטאַל.

*
* *

דער אַלטער גוסיעוו, דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון פערדהויף, האָט צוגעשאָקלט מיט זיין גרויסער צעפּאַטלטער באָרד קוקנדיק אויף אַנציסן, ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיין אייזל, וואָס האָט בשום־אופן זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. אַלע אַרבעס זענען שוין געווען געשפּאַנט, די פערד און אייזלען האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער פאַרן אַרויספאָרן. נאָר איין איינציקער אַנציס איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן.

— ווערסט אַזוי שטיין ביז מאָרגן! — האָט זיך גוסיעוו צעשריגן ווי אַ באַנומענער.

אויף גוסיעווס געשרייען האָט זיך געיאָוועט זיין געהילף ראַכמאַנאָוו. ער איז צוגעלאָפן צו אַנציסן און אים געגעבן אַ קליין שפּיציק שטעקל אין דער האַנט:

— גיב אים אַ רייב צווישן די ריפּן, זשאַלעווע נישט, וועט ער גיין.

דער אייזל האָט געשפּאַנט פּויל — טראָט נאָך טראָט. ער האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט דערשנאָפּנדיק אַ גרעזל וואָס האָט דאָ און דאָרט אַ פאַראיינזאַמטער אַרויסגעסטאַרטשעט צווישן די גרויסע וואַטע־קופּעס, וואָס זענען געווען אַנגעלייגט איינע אויף דער צווייטער אין דריי און פיר שטאָק די הייך.

דער אייזל האָט דערשמעקט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טון און האָט, ווי אויף צו להכעיס, געפּראָוועט פּוילע שטיק. ווען מ׳האָט געדאַרפט פאָרן איז ער געשטאַנען, און ווען מ׳האָט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן איז ער גע־לאָפן.

אַנציס האָט זיך געפילט אַ פאַרלוירענער. אים האָט זיך זייער גע־וואָלט נושא־חן זיין, אויסנעמען ביי גוסיעוון. ער האָט פאַר יעדן פרייז געוואָלט בלייבן ביי דער אַרבעט, באַקומען יעדן טאָג זיין נאָרמע ברויט און די זופּ אין דער סטאָלאָווע. זיין גורל און עקזיסטענץ איז אָבער געווען אָפּהענגיק פון אייזל. דער איינציקער באַלעבאָס איבער זיין לעבן און טויט איז איצט אויסשליסלעך געווען דער העלברוינער אייזל, וואָס האָט מיט זיינע פאַרגלעזערטע אויגן געקוקט אויף אים. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אייזל לאַכט פון אים ווי מיט שפּאָט און חוזק.

דאָס שפּיציקע שטעקעלע, וואָס גוסיעוו האָט אים געגעבן אין דער האַנט אַריין צו ברעכן די האַרטנעקיקייט פונעם אייזל, האָט גאָרנישט גע־האָלפן. דער אייזל האָט אָנגעהאַלטן זיין עקשנות און געטון וואָס ער האָט געוואָלט.

קוים מיט שווערער מי האָט אַנציס אָנגעלאָדעוועט אָן אַרבע מיט צע־שאָטענער וואַטע און האָט אָנגעהויבן טרייבן דעם אייזל ער זאָל גיין, און ווערנדיק אין כעס האָט ער מיטן שטעקעלע געדריקט צווישן די ריפּן פון אייזל, אים געקאָפּעט מיט די פיס ביז דער אייזל איז אַוועק אין גאַלאָפּ. באַלד אָבער האָט ער זיך איינגעשטשעמעט מיט די פאָדערשטע פיס און

ביידע אַריינגעדריקט זיך אין כאָמוט און געשטופּט דעם קאָפּ אויף פאָרויס און אים איז געלונגען. ער האָט זיך אַליין אויסגעשפּאַנט. די צוויי רעדער־דיקע אַרבע איז אַ פאַל געטון אויף איר הינטערשטן געשטעל מיט די האַלאַבליעס אַרויף, ווי צוויי פאַרצווייפלטע הענט, אויסגעשרעקטע צום העל־בלאָען הימל.

דער אייזל איז זיך רויק געשטאַנען מיט פאַרגלאָצטע אויגן אַרויף און אויפרייסנדיק זיין מויל מיט די גרויסע געלע ציין, האָט ער זיך צע־סקריפּעט מיט זיין כאַרכלענדיק קול, אָנוואַרפנדיק אַן אימה און שוידער אויף אַנציסן, וואָס איז שטיין געבליבן אַ טרויעריקער און פאַרלוירענער.

וואָס טוט מען? — האָט ער זיך געפרעגט און פאַרשטייענדיק, אַז זיין לאַגע איז אַ שווערע—, האָט ער מיט די לעצטע כוחות איינגעשפּאַנט צוריק דעם אייזל און ווידער אים געדזשאָכעט אין די זייטן, ער זאָל פאָלגן און זיין געהאָרכזאַם, אַ נישט וועט ער אים ממיתן... און אַזוי ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט איינער צום אַנדערן.

**
*

די פאַבריק־וועכטערין איז געווען געערעכט. אַנציס האָט עס גוט צע־קייט. מע דאַרף זיך צוגעוויינען. דער אייזל האָט שוין געפילט אויף זיך אַ האַנט פון אַ פירער און ער איז שוין געגאַנגען לייטישער אין שפּאַן, ער האָט שוין נישט געפּרוווט מאַכן קיין פוילע שטיק, ווייל ער האָט געפילט, אַז ער האָט עמעצן וואָס געוועלטיקט איבער אים.

אַנציס איז געוואָרן דער וואַסער־פירער פון זאַוואָד. ער האָט אויף דער אַרבע אַוועקגעשטעלט אַ פעסל און באַזאָרגט מיט וואַסער אַלע פאַבריק־האַלעס און די סטאָלאָווע מיט פריש וואַסער. דערפאַר האָט ער באַקומען פון דער קעכין אַ פעטערע און געדיכטערע זופּ. ער האָט שוין באַקומען אַן אַנדער פּנים.

אויב זי, די וועכטערין קאָן יעדן יאָר איינצי:ען דעם פּאַסיק — פלעגט ער זיך פאַר אַ חבר אָראָפּרעדן פון האַרצן — טאָ מיט וואָס בין איך מער יחסן פאַר איר. איז ער געפאָרן אויף זיין אַרבעט און צוגעזונגען אַ פריילעך לידל. אים איז שוין איצט געווען וויל און גוט.

קאַפּיטל צוויי

פֿאַר צוויי הונדערט גראַם טיי

די אויטאָ־באַזע פֿון כלאָפּ־זאַוואָד איז געווען אַ מלוכה פֿאַר זיך. די שאָפֿערן זענען געווען די פּריווילעגירטסטע אַרבעטער און די צו מיינסט־פֿאַרדינענדיקע. אויף זייערע רייזעס מיט דער וואַטע, אָדער מיט נייטיקע פּראָדוקטן, האָבן זיי פֿאַר אַ גוטן פּרייז אַרויפֿגענומען פּאַסאַזשירן וואָס האָבן געוואַרט אויפֿן וועג. זיי האָבן אויך געקאָנט איינקויפֿן פּראָדוקטן ביי די קאָלכאָזן און געהאַט פֿון כל־טוב. פֿון אַזעלכע יאַזדעס זענען זיי געקומען אָנגעשטאָפּט מיט טשערוואָנצעס[1] און זיך פֿאַרגונען צו לעבן אַ גוטן טאָג. די פּאַטרולירנדיקע אויטאָ־אינספּעקטאָרן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט דעם פֿאַרקער, האָבן זיך געלאָזט אונטערשמירן פֿון די שאָפֿערן בעת זיי האָבן געפֿירט אומלעגאַלע פּאַסאַזשירן.

דריי לעמבערגער יונגעלייט, וואָס זענען געווען באַשעפֿטיקט ווי שאָפֿערן אויף דער אויטאָ־באַזע — חברים נאָך פֿון דער היים — האָבן זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער אָבשעזשיטיע און זיך אַריינגעצויגן אין אַ באַזונדערער וווינונג. דער עלטסטער פֿון זיי, מאַקס זאַריצקי, — דער גרעסטער פֿאַרדינער — איז געווען דער באַלעבאָס איבער אַלעמען. מ׳האָט אים מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און געשיקט קעמפֿן אויפֿן פֿראָנט. אַ פֿאַרוווּנדעטער איז ער געקומען קיין סאַמאַרקאַנד און דאָ פֿאַרבליבן. אין דער היים האָט ער איבערגעלאָזט אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קינד.

די אַנדערע צוויי שכנים, די שאָפֿערן לאַסטאָווסקי און גאָטליב, זענען געווען נאָך נישט קיין חתונה־געהאַטע. ביים אויסברוך פֿון דייטש־סאָוויעטישן קריג האָבן זיי זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן לעצטן צוג פֿון לעמבערג און

[1] אַ צענרובלדיקער באַנקנאָט

דורך פאַרשידענע גילגולים און צרות זיך דערשלאָגן אַהער. זיי האָבן אי־בערגעלאָזט טאַטע־מאַמע און פאַרצווייגטע מישפּחות. האָבן זיי זיך שנע־לער איינגעאָרדנט און לייכט געקאָנט פאַרדינען אַ רובל, ווייל זיי זענען נאָך אין דער היים געווען גוטע שאָפערן און מעכאַניקער. גאָטליב איז געוואָרן די „באַלעבאָסטע״ פון הויז. ער האָט איינגעקויפט די פּראָדוקטן, געקאָכט דעם מיטיק און געפירט די ווירטשאַפט און אויף דעם געביט איז ער גע־ווען אַ מאַדים. נישט געווען קיין גלייכן צו אים. זיי האָבן זיך געקאָנט דער־לויבן, האָט מען געקאָכט די בעסטע היימישע פּאַטראַוועס און זיך געלאָזט ווילגיין, וואַרטנדיק אויפן סוף פון דער מילחמה. זייער איינציק צימער אין מוכינס קיביטקע האָט געגלאַנצט פון ריינקייט און זיי אַליין זענען גע־ווען אָנגעטון ווי מענטשן. דאָס מזל האָט זיי געדינט. געלט איז געפלאָסן פון אַלע זייטן.

מאַקס זאַריצקי איז געווען זייער מזלדיק, אים האָט זעלטן ווען גע־טראָפן אויפן וועג דער אויטאָ־אינספּעקטאָר און דער בייטל מיטן געלט איז געוואַקסן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט אַלע בעסטע און נייטיקסטע פּראָדוקטן.

אַ סך יונגעלייט האָבן זיי מקנא געווען. די דריי שכנים האָבן געלעבט חבריש און האַרציק. די זיכרונות פון דער אַלטער היימשטאָט האָט זיי נאָך מער דערנענטערט און צוגעטוליעט איינעם צום אַנדערן.

**
*

רעניע זיסהאָלץ, אַ טאָכטער פון באַלעבאַטישע עלטערן, האָט זיך קוים באַוויזן צו עוואַקויִרן מיט איר מאַן ליפּע. זיי האָבן חתונה געהאַט מיט צוויי וואָכן פריִער. זי איז דאַן אַלט געווען נײַנצן יאָר און ער צוואַנציק.

אַן אויסגעצערטלט צעפּיעשטשעט קינד איז רעניע געווען אין דער היים. פון אַלע ווילטאָגן האָט זי געגאָסן. פאַר אירע עלטערן איז קיין זאַך נישט טייער געווען צו טון פאַר איר. די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס לוקסוס און די שימחה איז געווען אין־לשער, כאָטש די צייט איז געווען אַ נישט־זיכערע און די לאַגע אין די פאַרנומענע געביטן פון

מערב־אוקראַינע — אַ נישט־פויגלדיקע. אָבער פּאָר זייער איינציקער טאָכ־טער האָבן די זיסהאָלצס אַלץ געטון, און פון די באַהאַלטענע זאַכן, וואָס איז נאָך געבליבן פון פאַר דער מילחמה, האָבן זיי נאָך געקאָנט לעבן לייַ־טיש און מענטשלעך.

פּלוצים איז אויסגעבראָכן די מילחמה: דער דייטש איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד און אין איין טאָג האָט זיך אַלץ געענדערט. מיטן לעצטן עשאַלאָן האָט זיך רעניע מיט איר מאַן באַוויזן מיטצוכאַפּן אַן געלט און אַן זאַכן. אָט אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען און געגאַנגען, אַבי צו ראַטעווען דעם נפש, זיי האָבן זיך דערוווייטערט פון זייער געבוירנשטאָט. די וואָקזאַלן זענען באַמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשן. לויפנדיק אַן אָפּשטעל איז דער עשאַלאָן נישט איין מאָל אויף זיין וועג באַמבאַרדירט געוואָרן און קוים מיטן לעבן האָבן זיי זיך דערשלאָגן קיין סאַמאַרקאַנד, אין מיטלאַזיאַטישן אוזבעקיסטאַן.

דאָס שווערע לעבן איז זיי גרויזאַם אָנטקעגנגעקומען און די לאַגע פון־נעם יונגן פּאָרפאָלק איז געוואָרן אַ שוידערלעכע: נישט קיין געלט, נישט קיין אַרבעט און נישט קיין וווינונג ווי דעם קאָפּ צוצוטוליען, האָבן זיי גע־הונגערט, זיך געמאַטערט, געשלאָפן אויף דער גאַס הינטער אַן אוזבעקישן פּלויט. אין די דאָזיקע מאָמענטן האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט אומבאַהאָל־פענע, ווי פרעמדע — איינער פאַרן צווייטן האָט גאָרנישט געקענט טון.

ליפּע זיסהאָלץ האָט נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון זיין יונג ווייבל, ער האָט געזוכט מיטלען צו שטילן איר הונגער און קיין זאַך איז אים נישט געווען שווער צו טון, כאָטש אין דער היים איז ער געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון זיינע טאַטע־מאַמע.

ווי צוויי צאַרטע פייגעלעך, אַרויסגעריסן פון נעסט, האָבן די צוויי יונגע מענטשן אויסגעזען. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיי פאַרלוירן זייער מראה און באַקומען אַן אויסזען ווי צוויי עלטערע מענטשן, דערפּאַ־רענע און אויסגעפּרוווטע. דאָס לעבן האָט זיי באַוויזן ציין און נעגל און זיי האָבן געדאַרפט אָפּשלאָגן אַלע בייזקייטן און מענטשלעכע רשעותן, אַלע קאַפּריזן פון זאַט־אָנגעזויפטע נאַטשאַלניקעס און ברויטגעבער.

אויף אַלע פאַבריקן איז ליפּע זיסהאָלץ געגאַנגען, געבעטן, גע־

זוכט ווו צו באַקומען אַרבעט. עס איז נאָך געווען די ערשטע צייט. קיין סך פּליטים זענען נאָך דאָ נישט געווען. ס'האָבן זיך בלויז געוויזן די ערשטע עוואַקויִרטע, אַרויפגעכאַפּטע אויף די לעצטע סאָוויעטישע צוגן און זיך דאָ אַריינבאַקומען. די היגע איינוווינער, די אוזבעקן, זענען נאָך געווען נישט אַזוי געלטגייציק. זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט דעם טעם פון קויפן אַ בגד, אָדער גוטע זיידענע וועש פאַר גראָשנס. זענען זיי געווען מער גאַסטפריינט־לעך, מיטפילנדיק און צוגעצמאָקעט מיט די ליפּן ווען זיי האָבן באַגעגנט אַ פרישן מענטשן, וואָס איז נאָך געגאַנגען לייטיש אָנגעטון, און באַוווּנ־דערט ווי דאָס וואָלט געווען די גרעסטע געשעעניש וואָס זיי האָבן געזען אין זייער לעבן, און טאַפּנדיק מיט די הענט אַזאַ מין אָנצוג, אָדער קלייד, האָבן זיי מיט התפּעלות געשעפּטשעט:

— קאַקאָי כאַראָשי טאָוואַר!! וואָס פאַר אַ גוט שטיקל סחורה!...

רעניע מיט ליפען האָבן, נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ שטיקל צייט אויף דער גאַס, באַקומען אַן אוזבעקישע קיביטקע און זיך אַריינגעצויגן. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין דער טשאַי־פאַבריק, ווו מ'האָט די אָנ־געקומענע טיי געפּאַקט אין פּעקלעך. טיי איז דאָ געווען אַ גוט אַרטיקל. פאַר דעם האָט מען ביי די אוזבעקן באַקומען געלט און פּראָדוקטן, ס'איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער האַנדל. יעדער אַרבעטער האָט אָנגעשאָטן אין קע־שענע אַ ביסל טיי און עס דורכגעטראָגן דורך דער „פּראָכאָדנאָי", ווו מ'איז גוט אַרומגעטאַפּט געוואָרן פון „אָכראַניק". די וואָס האָבן געמאַכט יד־אחת מיט אים האָבן אַרויסגעטראָגן מער און זיך געטיילט מיט אים מיטן פאַר־דינסט.

ליפּע זיסהאָלץ, אַ יונגער און נישט־דערפאַרענער, האָט געטון זיין אַרבעט בשלימות. אָט אַזוי ווי אַרבעטער דאַרפן אַרבעטן אין נאָרמאַלע באַ־דינגונגען, אין נאָרמאַלע פאַבריקן. אַרום אים אָבער איז אָנגעגאַנגען אַ שטיל סודותן זיך און עפּעס מאָדנע געהיימעניש־פולע בליקן. ער האָט באַ־מערקט ווי אַרבעטער שיטן אַריין טיי אין די קעשענעס, אַנדערע טוען אויס די שיך און שיטן אַריין טיי צווישן די פּאַרטיאַנקעס. ער האָט נישט פאַר־שטאַנען צו וואָס נוצט עס זיי.

ער איז געווען צופרידן פון די 500 גראַם ברויט אַ טאָג וואָס ער האָט

באַקומען און צווי מאָל אַ טאָג עסן אין דער פֿאַבריק־סטאָלאָווע. דאָס ברויט האָט ער אָפּגעשפּאָרט פֿאַר זיין רעניען און זיך באַגנוגנט מיט דער זופּ.

די צייט איז דערווייל געלאָפֿן מיט רעשיקע טריט פֿאָרויס. די מלחמה האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. דער דייטש האָט זיך מיט פֿייער און שווערד אַריינגעשניטן טיף אין די אינגעווייידן פֿונעם לאַנד און יעדן טאָג האָבן עשאַלאָנען אויסגעשפּיגן פֿון זיך טויזנטער און טויזנטער עוואַקויִרטע, פּליטים פֿון אַלע עקן לאַנד ווו דער דייטש האָט זיך דערנענטערט. דער געדראַנג איז געווען גרויס. אַלע פּאַרקן און פּלעצער, זייטיקע גאַסן און געסלעך זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטן, מענטשן האָבן אויסגעשפּרייט זייערע בעבעכעס און קישנס און געשלאָפֿן אויף דער גאַס. קיין קיביטקע צו קריגן איז נישט געווען און קיין אַרבעט אויך נישט. ס׳האָט געהערשט כאַאָס און טומל. יעדע ווילע האָט זיך די לופֿט דורכגעריסן מיטן אויסגעשריי: גנבֿ! מ׳האָט געגנבֿעט פֿון אונטער די הענט, די קישנס פֿון אונטער די קעפּ, ס׳האָט נישט געהאָלפֿן קיין שום מיטל. אויפֿן סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל האָט זיך יעדן טאָג אָפּגעשטעלט אַ פֿרישער צוג און נייע געקומענע מענטשן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אויסגעוואָרצלטע, וואַגאַבונדן און שלעפּערס.

ווער ס׳האָט געהאַט מער מזל, אָדער באַוויזן צו שליסן די נייטיקע באַקאַנטשאַפֿט האָט באַקומען אַ קיביטקע און זיך אַן עצה געטון. דער וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט געלט, איז פֿאַר אים געווען אַלץ פֿריי, אָפֿן, פּונקט ווי אין רויִקע צייטן, ער האָט באַקומען אַ גוטע וווינונג און אַרבעט וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן עשאַלאָנען, וואָס האָבן מיטגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט אויסגעהונגערט־פֿאַרצאַרטע מענטשן מיט צעצויטיקטע פּופּייקעס, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, וואָס האָבן מיט גיריקע אויגן באַוווּנדערט דעם אַרום. זיי האָבן אויסגעפֿילט אַלע פּלעצער און נאָך פֿרייע ערטער און געוואָרעמט זייערע גופֿים אַנטקעגן דער זון.

דאָס איז געווען נאָך דער אַמנעסטיע, ווען ס׳זענען געוואָרן פֿריי געלאָזט אַלע פּוילישע פּליטים פֿון די לאַגערן און פּאָסיאָלקעס. דער עולם איז געקומען אַן אויסגעהונגערטער, אַ צעפּייניקטער פֿון לאַנגע וואָכן פֿאָרן אין קריכנדיקע עשאַלאָנען, נישט קיין געבאָדענע, שמוציקע און פֿאַרלייזיקטע.

דאָס לעבן אין דער שטאָט איז געוואָרן הפקרדיק און ווילד. פון איין זייט נויט און דחקות, אָרעמקייט און פּיין און פון דער צווייטער זייט האָבן די נאַטשאַלניקעס, און די וואָס האָבן געהאַט געלט, געלעבט אַ משוגענעם טאָג. די בעסטע פּרוכטן זענען דאָ געווען לרוב, ווייַן און וואָדקע, שאַשליק און קאַוויאַר. פֿאַר געלט האָט מען אַלץ באַקומען. די אוזבעקן האָבן אייַנגעהאַנדלט די בעסטע זאַכן, וואָס ס'האָבן אַראָפּפאַרקויפט פון זיך די וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין אַ שטיקל ברויט, אַ פּרוכט פאַר אַ קינד, אַ ביסל מילך פאַר אַ קראַנקן.

ביי ליפע זיסהאָלץ און זיין יונג ווייבל רעניע, האָט דער הונגער געבעסטיקט סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. זיי זענען געוואָרן פאַרצאַרנטער און ווי אין אַזעלכע פאַלן, איז די גאַנצע ליבע אויסגערונען, פאַרשוווּנדן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען און פאַרוווּרפן, הלמאַי יענער, הלמאַי דער גיט זיך אַן עצה. ליפע זיסהאָלץ, בטבע אַ גוטער און שטילער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער דערציִונג אין דער היים, האָט נישט געהאַט קיין גרויסע אויגן. ער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ קלייניקייט און נישט קאָנענדיק צוזען דעם צער פון זיין רעניען, האָט ער זיך מיט אָפענע אויגן אַרומגעקוקט ביי דער אַרבעט וואָס אַלע אַנדערע טוען און ער האָט אויך אָנגעהויבן אַריינשיטן אין די שקאַרפעטן אַ הונדערט גראַם און אַ מאָל אויך 200 גראַם טיי און צום ערשטן מאָל האָט ער עס פאַרקויפט דעם אוזבעק פון דער קעגנאיבערדיקער טשאַי־כאַנאַ און געקויפט אַ קילאָ ברויט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז ער געלאָפן אַהיים צו רעניען אַ צופרידענער וואָס היינט וועט זי קאָנען שטילן איר הונגער.

דאָס פאַרפאָלק האָט שוין געוווינט אין אַ קיביטקע ביי אַן אוזבעק, אויסער ברויט צו דער זעט, וואָס ליפע האָט פאַרדינט פון דער פאַרקויפטער טיי, האָט מען זיך שוין פון צייט צו צייט דערלויבט אַ גלעזל מילך, אַ שטיקל קעז און אַ גלאָז טיי מיט קישמיש, מיט ראָזשינקעס.

ליפע זיסהאָלץ איז געוואָרן נענטער באַקענט מיט זיינע אַרבעט־חברים, זיי האָבן זיך שוין פאַר אים נישט אויסגעהיט און צוזאַמען געמאַכט אַלע פּלענער ווי אַזוי מער אַרויסצוטראָגן טיי פון דער פאַבריק. אין דער דאָזיקער מלאכה זענען געווען אַריינגעטון אַלע, אַלע, אָנהייבנדיק פון די

מייסטערס, נאַטשאַלניקעס, אָכראַניקעס ביז דער לעצטער אויפּרוימעריןּ
פֿון דער פֿאַבריק. אַלע האָבן געהאַט איין ווילן: עסן און איבערלעבן.

די מורא פֿאַרן הונגער האָט איבערגעוועלטיקט דעם פּחד פֿאַר דער
תּפֿיסה און לאַגער. הונגער איז די שטאַרקסטע מענטשלעכע שטראָף און
יעדער האָט געוואָלט דעם הונגער איבערקליגן. ווער מער און ווער ווײַ־
ניקער. אַנדערע האָבן זיך געוואָלט פֿאַרזאָרגן אויף חדשים, אויף וואָכן,
אַנדערע האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער חיי־שעה.

ליפּע זיסהאָלץ האָט בלויז געלעבט מיטן הײַנט. ער האָט זיך באַגנוגנט
מיט העכסטנס צוויי הונדערט גראַם אַ טאָג.

***

ביים פֿאַבריק־טויער איז פֿאָרגעקומען אַ שטרענגע רעוויזיע. מ׳האָט
אונטערגעמסרט די אָכראַנע. ליפּע זיסהאָלץ האָט, שטייענדיק אין דער רײ
אונטערגעזוכט צו ווערן פֿון דער פֿאַרשטאַרקטער רעוויזיע, דערפֿילט אַז
הײַנט וועט זײַן שלעכט. הײַנט וועלן פֿאַלן קעפּ. ער האָט זיך געוואָלט צו־
ריקציִען און אים איז שוין נישט געלונגען. מ׳האָט אַלעמען שטאַרק דורכ־
געטרייסלט אין יעדן ווינקל פֿון די בגדים. אויך ליפּען האָט מען שטאַרק
באַזוכט און אויסגעשאָטן פֿון די שקאַרפּעטקעס די צוויי הונדערט גראַם טיי.

אַ בלאַסער און דערשלאָגענער איז ער געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע
אויגן, אַ פֿאַרשעמטער. אין האַרצן האָט געדריקט און אַ פּחד האָט אים באַ־
הערשט. ער האָט דערפֿילט אינסטינקטיוו, אַז שוין, ער וועט שוין מער רע־
ניען נישט זען...

מ׳האָט אים, צוזאַמען מיט נאָך פֿאַרהאַלטענע, אַלע פּוילישע ייִדן —
אַרײַנגעפֿירט צום נאַטשאַלניק פֿון דער אָכראַנע. ס׳איז קעגן זיי צונויפֿגע־
שטעלט געוואָרן אַן אַקט און זיי זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן מיט אַ שטרענ־
גער וואָך אין דער מיליץ־תּפֿיסה.

אַ וואָך שפּעטער איז אין דער פֿאַבריק — אין דער אָנוועזנהייט פֿון
אַלע אַרבעטער — פֿאָרגעקומען דער פּראָצעס. ליפּע זיסהאָלץ, צוזאַמען

מיט די איבעריקע (קיין אוזבעק איז נישט געווען צווישן זיי), האָבן אַרייַנ־געכאַפּט צו 10 יאָר תפיסה. מ׳האָט זיי גלייך אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ...

אַלע אוזבעקן מיט די אַכראַניקעס און דירעקטאָרן פון דער פאַבריק האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. די פאַבריק האָט געגעבן איר קרבן, און דאָס מאָל האָט נישט געליטן קיין אייגענער, נאָר פרעמדע, וואָס האָבן זיך אויס־געלערנט די מלאכה פון זיי. מענטשן וואָס האָבן אויך געוואָלט בלייבן לעבן, זיך ראַטעווען אויף אַזאַ אופן ווי דאָס האָבן געטון אַלע־אַלע, און פון ווע־מען זיי האָבן דערלערנט די קונץ פון זיך אָנכאַפּן אין אַ שטרוי, ווען ס׳האָט אַפילו געדראָט תפיסה און לאַגער.

דער יונגער נישט־דערפאַרענער ליפּע זיסהאָלץ, דער ערלעכער מענטש, וואָס איז געווען איבערגעגעבן זיין יונגער פרוי מיט לייב און לעבן, איז געווען פון די ערשטע קרבנות. ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַ־גער, ערגעץ־ווו הינטער די הרי־חושך, פון וואַנען ס׳האָבן שוין באַוויזן צו קומען די ייִדישע פליטים פון פוילן, נאָכן אויסוואַלגערן זיך איבער די ברייטן און לענגן פונעם גרויסן רחבותדיקן לאַנד.

***

רעניע איז געבליבן ווי אויפן וואַסער. אַן אומבאַהאָלפענע, אַ ציטע־ריקע ווי אַ בלעטל אין האַרבסט, אומצוטרויליך פאַר פרעמדע און אייגענע, עלנט, אָן שום מיטלען צום לעבן. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַגענע און צעקלעמטע און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן פון דאָזיקן קלאַפּ. ליפּע, איר מאַן, איז פאַרט געווען דער איינציקער מענטש פון דער היים מיט וועמען זי האָט דורכגעמאַכט די שווערע צייט דאָ. מיט וויטיק האָט זי באַדויערט זיין שווערן גורל.

אַ באַקאַנטע רוסישע פרוי האָט רעניען פאַרגעלייגט צו אַרבעטן מיט איר צוזאַמען אין אַ ברויט־מאַגאַזין, אַלס געהילפין. אין איר שווערער נויטלאַגע איז עס געווען פאַר איר אַ גליק. די אַרבעט אין אַ ברויט־מאַגאַ־זין, אָדער אין אַ סטאָלאָווע, האָט זיך גערעכנט פאַר די בעסטע פּאָסטנס, ווייל מ׳האָט אויפן אָרט געהאַט וואָס צום עסן און נישט געדאַרפט אַזוי פיל ריזיקירן, אויב מ׳האָט נישט געהאַט קיין גרויסע אויגן.

רעניע איז געווען צופרידן. קודם איז זי באַזאָרגט מיט עסן און זי וועט נאָך פון צייט צו צייט קאָנען אָפּשפּאָרן אַ עקצוטראָגן אַ פּעקל איר ליפּען, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין אַלטשטאָטישן לאַגער.

לענאַ פּעטראָוונאַ, די רוסישע לייטערין פונעם ברויט־מאַגאַזין, האָט געשמאַק געהאַנדלט מיטן דאָזיקן גאָלדענעם אַרטיקל. זי האָט שוין געהאַט אירע מענטשן וועמען זי האָט אַרויסגעגעבן ברויט אויף פאַלשע טאַלאָנען. זי איז יעדן טאָג רייכער געוואָרן. דער האַנדל מיטן ברויט האָט געבליט. זי האָט אויפגעקויפט ביי אַ באַאַמטן פון קאַרטאָטשנעם ביוראָ פאַלשע ברויט־קאַרטלעך און האָט זיך געטיילט מיט זיי — העלפט אויף העלפט.

לענאַ פּעטראָוונאַ איז פריִער, ווי אַלע בירגער פונעם לאַנד, געווען אָרעם און נאַקעט, האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ לייטיש קליידל, בפרט נאָך עסן צו דער זעט. זי איז אָבער געווען פון דער נאַטור אַ ברוי־זנדיקע, אַ נישט־נאָכגיביקע. האָט זי זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אירס צו דערגרייכן. זי האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר גאָרנישט, פאַר קיין שום זאַך. יאָ מאָראַליש, נישט מאָראַליש, זי האָט דורכגעריסן אַלע צוימען און אַ דאַנק איר גוטער באַציִונג מיטן „פּרעדסעדאַטעל" פון „גאָרטאָרג"[1] האָט זי זיך אַריינבאַקומען אין מאַגאַזין נומער 11, פון דער אַלטשטאָט און גע־מאַכט אַ גוט לעבן. זי האָט אויסגעקויפט ביי די פּרויען פון די פּליטים די נאַכטהעמדער, וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט פון דער היים, און יעדע זאַך וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ווערט.

צופיל האָט לענאַ פּעטראָוונאַ אויסגעריסן די אויגן ביי אַלע. זי האָט פאַרגעסן איינס: מע קאָן אַלץ טון, נאָר פאָרזיכטיק און מיט מאָס. אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל נישט זען קאָן מען עסן מאַרצעפּאַנעס, זיך אָנזויפן מיטן בעסטן וויין און בראָנפן. אַלץ יאָ, אָבער אַרויסגיין אין גאַס אַזוי אויס־געטראַצלט ווי זי; קומען אין מאַגאַזין יעדן טאָג אין אַ ניי קלייד, דערצו, אַז מע ווערט זאַט, באַקומט מען אַ ביסל חוצפּה אויך, האָט זי זייער שלעכט טראַקטירט די קונים וואָס האָבן באַקומען זייער מיזערנע פּאַיקע ברויט. זי האָט צום וואָג נישט דערגעבן, אויפגערייצט די אויגן, געשפּילט אויף די

---

[1] שטאָטישער האַנדל־אָפּטייל

בערוון און דער סוף: פּשוט אַט אַזוי ווי עס געשעט דאָ נאָרמאַל. היינט קאָנסטו — נעמסטו, און מאָרגן — גייט מען זיצן. אויף דעם אָרט קומט אַ צווייטער און טוט דאָס זעלבע און האָט אויך דעם זעלבן סוף און אַזוי גייט דאָ אָן דאָס לעבן נאָרמאַל. זיי, די אַלטע איינוווינער, זענען שוין צוגעוווינט, אַזוי איז דאָ דער סדר פון לעבן. נאָרמאַל און מענטשלעך: היינט אויף דער פריי און מאָרגן אין תפיסה. אויך לענאַ פּעטראָוונאַ איז צוליב אַ מסירה דורכגעפאַלן, אַ נישט־פאַרגינער האָט צוגעטראָגן אין אַזאַ אָרט, ווו מ׳האָט שוין גאָרנישט געקאָנט מאַכן. מ׳האָט זי אַרעסטירט.

אַ גוטער פריינט האָט געוואָרנט רעגינען, אַז זי זאָל אָפּציִען פון שטאָט, ווייל די אַרעסטירטע שעפּין אירע וואַרפט אַלץ, די גאַנצע שולד אויף רע־גינען און אַ ליאַדע טאָג וועט מען איר קומען אַרעסטירן. רעגינע האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז די שפּיל איז צום טייוול, לענאַ פּעטראָוונאַ וועט אַלץ טון זי צו פאַרשיטן, כאָטש זי האָט דערפון גאָרנישט געגאָסן, אויסער אַ שטיקל ברויט צו דער זעט, אָבער ווי אַזוי אַנטרונט מען, אַז קיין געלט, האָט זי נישט. זי האָט נישט געהאַט קיין שכל, ביי אירע צוואַנציק יאָר, צו שפּאָרן אין געהיים אַ פּאָר רובל, אָפּנאַרן איר שעפין, אַזוי ווי עס טוען דאָ אַלע אָנגעשטעלטע. זי איז נישט געווען ראַפינירט און האָט זיך נישט אויסגעטויגט צו דער מלאכה. די קונץ פון מאַכן בלאַט און די מלאכה פון גנבענען האָט זי נישט דערלערנט. איז זי געשטאַנען אַ נאַקעטע ווי אויפן וואַסער, אַ פאַרצווייפלטע און הילפלאָזע.

זי האָט זיך אין די אויסבאַהאַלטענישן, ביי פאַרשידענע פריינד און באַקאַנטע, אויף בוידעמער און אונטער בעטן, זיך טויזנטער מאָל געשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער? זי האָט ביי יעדן שאָרך פון דער טיר געמיינט, אַז אָט־אָט קומט מען זי אַרעסטירן. און ווי אַזוי וועט זי קאָנען אָפּלייקענען דאָס אַלץ, וואָס די כיטרע לענאַ פּעטראָוונאַ האָט אַרויפגעוואָרפן אויף איר קאָפּ און ווער וועט איר גלייבן?

אין די טעג און נעכט פון איר איינזאַמקייט האָט זי געטרויערט אויפן גורל פון איר טאַטע־מאַמע און קרובים, זיך באַוואַשן מיט טרערן, זיך דער־מאָנענדיק אין ליפּען, דורכגעגנישטערט צענדליגער מאָל אין איר מוח זיך צו דערמאָנען ווער פון אירע באַקאַנטע פון דער אַלטער היים, ס׳איז דאָ

אין דער שטאָט. זי האָט זיך דערמאָנט אין מאַקס זאַריצקין, וועמען זי האָט געדענקט פון דער היים, ער איז געווען זייער שכן אין לעמבערג. האָט זי גענומען און אים צוגעשיקט אַ בריוול.

מאַקס זאַריצקי איז אַוועק צו רעניען, זיך געגוויער באַקענט מיטן גאַנצן ענין, געזען איר פאַרצווייפלונג, זיך דערמאָנט אין אירע עלטערן — זיינע שכנים. פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעטויכט די קליינע גאָלד־בלאָנדינקע רעניע, אַ צפּיעשטשעטע און אַ געצערטלטע פון איר רייכער פאַרצווייגטער מישפּחה. נאָך דעם, ווען זי איז שוין געוואָרן אַ גרעסערע פריילן האָט ער מיט קנאה־בליקן נאָכגעקוקט די יונגע גימנאַזיסטלעך וואָס האָבן זי באַגלייט ביז צום טויער פון איר הויז. מאַקס זאַריצקי איז געווען אַ סך עלטער פון איר. ער האָט אויך נישט געשטאַמט פון זעלבן יחוס וואָס רעניע. זי איז געווען געלערנט און ער נישט. האָט ער נאָך איצט געהאַט פאַר איר דעם פולן רעספּעקט, ווי פריִער אין דער היים, און ער האָט זיך גערייסט דערמיט וואָס ער האָט די מעגלעכקייט איר צו העלפן.

רעניע האָט אים אָפנהאַרציק אויסדערציילט פון אַלץ, וועגן ליפּעס אַרעסט און איר דורכפאַל מיט דער לענאַ פּעטראָווגאַ.

— איר וועט גיין ווינען צו אונדז — האָט מאַקס זאַריצקי געמאָלדן רעניען — און איך וועל שוין זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַררייבן דעם ענין.

באַלד דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט זיך רעניע געפונען אין מוכינס קיביטקע צוזאַמען מיט די דריי שאַפערן פון דער אויטאָ־באַזע.

דער אויספאָרש־ריכטער פון זשעלעזנאָ־דאָראָזשנעם ראַיאָן, דער ביטערער טאַטאַר מעלניקאָוו, איז דערגאַנגען די שפּורן פון רעניען און זיך דערוווסט, אַז זי וווינט צוזאַמען מיט די שאָפערן. דערשמעקנדיק אַ גוטן שמאַלץגרוב האָט ער ביי זיי געצויגן געלט וויפל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט און זיך געמאַכט דערוויל נישט וויסנדיק.

לענאַ פּעטראָוונאַ איז געזעסן אין דער מיליץ־תפיסה און נאָך פאַרשיידענע קרייץ־פאַרהערן און אויספאָרשונגען, האָט זי זיך מודה געווען און אַלץ גענומען אויף זיך. רעניע איז געווען אין גאַנצן רעהאַביליטירט און געקאָנט פריי אַרויסגיין אין גאַס.

אין דער ערשטער צייט איז זי צוזאַמען מיט זאַריצקין געגאַנגען אין

אַלטשטאַטישן לאַגער און געטראָגן פעקלעך פאַר איר מאַן ליפּע. שפּעטער צו האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין אַ ווייטערער געגנט און זיינע שפּורן זענען פאַרשוווּנדן.

***

די מילחמה האָט זיך דערנענטערט צום סוף. די לעצטע סוואָדקעס פון „סאָוואינפאָרמביוראָ" האָבן פריידיק געמאָלדן וועגן גרויסע ניצחונות אויף אַלע פראָנטן. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַז עס גייט צום בעסערן. דער פרילינג פון יאָר 1945 אין סאַמאַרקאַנד האָט פאַרשווענדעריש זיך צע־שאָטן מיט פּראַכט און גלאַנץ. אויף אַלע פעלצער און פּאַרקן האָבן די ביי־מער זיך צעלאָזט מיט קנאָספּן. פון די אַרומיקע קאַלכאָזנע פעלדער האָבן זיך דערטראָגן פאַרשיכורנדיקע ריחות.

מאַקס זאַריצקיס שכנה, די אַלטע שאַשקאָווע, האָט אויף אַ ווערענדע ביי אירע רוסישע שכנים זיך צעזונגען מיט אַ צעכריפּעט־פאַרשיכורטער שטימע „זאַפּריגאַיטיע כלאָפּצי קאָני" און אַ כאָר פון פאַרשידענע קולות האָבן צוגעהאָלפן.

די שאַקאַלן האָבן אין דער העלליכטיקער נאַכט, אַ באַצירטע מיט פינקלדיקע שטערן, אַריינגעוואָיעט זייער אימהדיק געקלאַג, ווי זיי וואָלטן באַוויינט די טויטע און אומגעקומענע אויף די שלאַכטפעלדער, די וואָס האָבן דעם דאָזיקן פריידיקן מאָמענט נישט דערלעבט. מיט ווילדע קולי־קולות האָבן זיי געצופּט און געריסן שטיקער נשמה.

דער ראַדיאָ־הילכער אויפן וואָקזאַל־בנין האָט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט זיך צעלאָזט מיט ניצחון־מוזיק און האַרמאַטן־שאָסן. פון צייט צו צייט האָט אויפגעריסן די נאַכט־שטילקייט אַ לאַנגער פייף פון אַ לאָקאָ־מאָטיוו אויף דער נאָענטער באַן־סטאַנציע.

מוכינס שכנים זענען געשלאָפן אויף דער גאַס. אין די הייסע נעכט האָט קיינער נישט געקאָנט שלאָפן אין דער קיביטקע. די שאָפערן זענען געלעגן מיט אויפגעוואַכטע אויגן און שטיל צווישן זיך געשמועסט...

***

רעניע איז פאַרבליבן מיט מאַקס זאַריצקין. זי האָט זיך צוגעוווינט צו איר ראָל. ביסלעכווייז האָט זי פאַרטראָטן גאָטליבן אין זיין קיכאַרבעט און איז געוואָרן די באַלעבאָסטע. זי האָט שוין שלום געמאַכט מיט איר גורל און דאָליע. זי איז געוואָרן אַ פרוי צו איר באַשיצער און פאַרזאָרגער, ווי אַ סך אַנדערע וואָס האָבן געהאַט געלאָזט מענער אין דער היים, אָדער מענער וואָס האָבן געלאָזט פרויען.

אין מילחמה־צייט האָט זיך קיינער נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, ווען מע וועט קומען אַהיים צוריק און טרעפן מענער אָדער פרויען. איצט איז געשטאַנען בלויז די פראַגע: זיך ראַטעווען, אַרויסראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן און שפּעטער וועט מען זען, און וואָס דער שפּעטער וועט זאָגן, איז געווען זייער ווייט פון די השגות.

די מילחמה האָט זיך פאַרענדיקט. די ידיעות, וואָס זענען געקומען פון די אַלטע היימען, זענען געווען גרויליקע און שוידערלעכע. יעדער האָט געגלייבט, אַז ער איז דער גליקלעכער וואָס וועט טרעפן עמעצן ביים לעבן. אָבער ליידער. אַלע כמעט זענען געווען אין דער זעלבער לאַגע. קיינער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט און בעת די רעגיסטראַציעס צוריק צו פאָרן אַהיים, האָט זיך יעדער איינער פאַרשריבן צו פאָרן צוזאַמען מיט זיין נייער פרוי אָדער נייעם מאַן וואָס מ׳האָט זיך דאָ דערוואָרבן.

דאָס לעבן איז געווען שטאַרקער פון סענטימענטן און געפילן. האַרט און פאַרהאַרטעוועט זענען געוואָרן די מענטשן.

מאַקס זאַריצקי מיט זיינע חברים, צוזאַמען מיט רעניען, האָבן געמאַכט אַלע הכנות צוריק צו פאָרן קיין פוילן, צוריק אַהיים.

— מ׳דאַרף האָבן מוט און אויסדויער — האָט זאַריצקי זיך אָנגערופן צו זיינע שכנים — נעמען אַלץ אַזוי ווי ס׳איז. מיר וועלן שוין די טויטע נישט לעבעדיק מאַכן און אויף צו להכעיס די שונאים מוזן מיר לעבן און איבערלעבן.

גאָטליב האָט דערווידערט:

— שווער, מאַקס, נישט אַזוי לייכט קען מען שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מ׳האָט אַלץ פאַרלוירן. איך וועל עס נישט קאָנען איבערטראָגן, כ׳וועל

זיך צוזאַמענברעכן, אויב חס־וחלילה דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן זיך דער־וווּסט, איז אמת, אויב ס'איז ריכטיק אַז אַלץ איז חרוב געוואָרן.

— ליידער, גאָטליב, איז אַלץ אמת. אַזעלכע שוידערלעכע ליגנס האָט נאָך דער טייוול אַליין אַפילו נישט אויסגעטראַכט. מע מוז זיך צוגעוויינען צום געדאַנק און אַזוי אויפנעמען די לאַגע. מענטשן האָבן שוין אַפילו באַ־קומען בריוו פון זייערע שטעט, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן, אַז קיינער איז נישטאָ, אַז מ'האָט זיי אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

— וואָלט מען, אויב אַזוי, נישט געדאַרפט פאָרן צוריק אַהין אויף קברים — האָט גאָטליב אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

— מע דאַרף צוריקפאָרן פאַר יעדן פּרייז. מע מוז פון דאַנען אַרויס — האָט מאַקס זיך צעבייזערט — דאָ איז נישטאָ וואָס צו טון און אַז מע וועט קומען צוריק אין אַ פרייער וועלט, וועט מען זען. אָט זעסטו, מיט די פרויען אונדזערע איז נאָך ערגער איצט די לאַגע. זיי גייען אַרום פאַר־צאַרנט און צעטראָגן. זייער לאַגע איז אַ פּיינלעכע. איצט, ווען זיי האָבן זיך שוין צוגעוווינט און צוגעפּאַסט צו זייער גורל, גלייבן זיי, אַז זיי וועלן נאָך טרעפן זייערע פריִערדיקע מענער און ווי צו האַנדלען ווייסן זיי נישט. מיט אַ סך מענער איז אויך דאָס זעלבע, אָט האָט שליאַמעק ווײַנער שוין באַקומען אַ ידיעה, אַז זיין פרוי איז לעבן געבליבן אין לעמבערג, זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן פּאָלאַק. דאָ איז ער זיך צונויפגעגאַנגען מיט ציליע בערנשטיין און איצט איז די טראַגעדיע דאָרט זייער גרויס. זיי גייען ביידע אַרום ווי צעדולטע.

*****

עס האָבן זיך פאַרמירט עשאַלאָנען צוריק אַהיים, קיין פּוילן. דער ערשטער עשאַלאָן איז אַ פריידיקער, אַ צעזונגענער אַוועק פון וואָקזאַל. כאָטש דער גורל פון דער אַלטער היים איז געווען פאַרנעפּלט און צווייפל־האַפט, איז דער עולם געפאָרן אַ גליקלעכער. אַבי פון דאַנען אַרויס.

אינעם דאָזיקן עשאַלאָן האָבן זיך געפונען מאַקס זאַריצקי מיט רעניען און זייערע שכנים פון מוכינס קיביטקע...

און ליפּע זיסהאָלץ האָט נאָך געהאַט דורכצומאַכן אַן אורטייל פון אַכט יאָר לאַגער...

קאַפּיטל דריי

דער ברוינער האַרבסטמאַנטל

ס׳איז געווען ערב מילחמה. צאַלע אַנציס איז געזעסן ביים אַלטן שניי־דער, איציק לעווין, אין וואַרשטאַטל און געוואַרט אויפן פּאַסן. ער האָט זיך געניית אַ האַרבסטמאַנטל פון בעסטן ענגלישן שטאָף. דאָס שניידער־וואַרשטאַטל, וואָס האָט זיך געפונען אויף גיטקע טויבעס זאולעק אין וויל־נע, איז געווען קליין און שמוציק, נישט געהייצט. פון אַלע זייטן האָט געיאָגט אַ קעלט. דער אַלטער שניידער האָט מיט האַלבבלינדע אויגן איינ־געפּעדעמט די נאָדל, און ווייטער מיט איר געלאָפן אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך, און צוגעזונגען דאָס אַלטבאַקאַנטע שניידערישע ניגונדל „אָט אַזוי נייט אַ שניידער״, וואָס ער וועבט אַריין אין די שטאָפן פון זיינע קליענטן. מיט זיינע אַלטע אויסגעטרוקנטע פינגער האָט ער געגלעט מיט הנאה דעם טייערן ענגלישן שטאָף גלייך ווי ס׳וואָלט געווען זיין אייגנס און ער וועט עס טראָגן דעם מאַנטל.

די לופט האָט שוין געשמעקט מיטן ריח פון פּולווער. אָט־אָט און די וועלט וועט זיך צינדן אין פלאַמען. די יסודות פון דער וועלט וועלן זיך צע־טרייסלען. נאָר דערווייל שטייט צאַלע אַנציס פאַרן צעבראָכענעם און צע־ראַצטן שפּיגל און באַטראַכט דעם נייעם האַרבסטמאַנטל אויף זיך, צי ער ליגט גוט, צי ער זעט אין אים שיין אויס, ער באַקוקט אים פון אַלע זייטן צי ס׳האָט נישט אַמאָל אַן איבעריק קנייטשעלע. דער מאַנטל דאַרף אַראָפּ־שמעקן פון אים... דערווייל דאַרף אַלץ זיין אויפן פּונקט.

***

אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט איז דער ברוינער האַרבסטמאַנטל, צו־זאַמען מיט זיין באַלעבאָס, וואָס האָט אים געטראָגן אויף זיך, פאַרוואָגלט

געוואָרן אין אַ משא־וואַגאָן, פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ נאַרע מיט אַ סך אַנדערע איינגעקנאָדערטע מאַנטלען און שמאַטעס, אין וועלכע ס׳זענען געווען געהילט מענטשלעכע גופים. שטילע קרעכצן פון זאָרגן און בענק־שאַפט האָבן זיך געשטיקט אין די נעט. גופים און בגדים ווי נויטברידער האָבן זיך איינס צום צווייטן געטוליעט און זיך געטראָגן אין ווייט, אין מרחקים.

די מענטשן זענען אויסגעריסן געוואָרן פון היימען, געוואָרן אויסגע־וואָרצלטע. די בגדים פון פאַבריק און שניידער־וואַרשטאַטן האָבן אויס־געוועבט פון זיך דעם ריח פון מאַשינען־געריש און דעם גלעט פון פרעס־אייזנס און דאָס נאָגנדיקע לידל פון שניידער ביי וואַרשטאַט־טישן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מאָנאָטאָנעם רעדער־גערויש איבער ווייטע ליניעס, וואָס שלענגלען זיך דורך פעלדער און וועלדער, אונטערן מאוימדיקן געפּיף פון לאָקאָמאָטיוו־סירענעס און געקנאַל פון באָמבאַרדיר־איראָפּלאַנען אויף די וועגן.

***

טיפע שנייען, שטאַרקע פרעסט און צעווילדעוועטע זאַוויערוכעס צווישן אוראַלטע וועלדער. דער ווינט ווייעט אַריין הינטערן אויפגעשטעלטן קאָל־נער פון ברוינעם האַרבסטמאַנטל, רייסט פון אים שטיקער און וויל אים נישט אַנדערש ווי פאַרשלעפּן אין די שנייען, פאַרקרייזן אין אַ כישופדיקן, שנייִיקן געווירבל אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון הפקרע ווינטן־רוחות וואָס הוליען איבער וועלדער און סטעפּעס.

די פאָלעס פונעם האַרבסטמאַנטל צעווייען זיך אונטערן געוווי פון דער ווינטיקער צעהוליעטקייט. דער מאַנטל אין איינעם מיט זיין באַלעבאָס בענקען איצט נאָך דער וואַרעמער אַמאָליקער היימשטאָט, אַרעמער הייזקע פון שניידער איציק לעווין, אויף גיטקע טויבעס זאַוּלעק אין ווילנע...

***

דער ברוינער האַרבסטמאַנטל ליגט אויפן רוקן פון אייזל, וואָס שלעפּט אַ פולע אַרבע מיט כלאָפּאָק, צו דער מאַשין־האַלע, וואָס איז אָנגעפּילט מיט

רויש פון צעהודזשעטע מאָטאָרן. די הייסע גלײַקע זון צעפּאַרעט די מענטשלעכע געדערעם, די נעט ווערן אויפגעשוואָלן און פון די זייטן פאָלעס ציִען זיך צוויטן, אָפּגעריבענע ברעגן.

דער אַמאָליקער יחסנדיקער מאַנטל הייבט אָן צו פאַרלירן זיין מראה. די פאַרב איז אָפּגעשאָסן. נישטאָ קיין שפּור פון זיין געוועזענער עלעגאַנץ. ליגט אַ צעקנאָדערטער און צעקנייטשטער. שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון אַ הייס פּרעסאייזן,וואָס זאָל מוטערלעך־וואַרעם אַ גלעט טון איבער די זייטן.

דרשנע ביז חלשות האָט זיך דער מאַנטל דערפילט ליגנדיק איינגעקוועטשט צוזאַמען מיט אַ הויפן בגדים אין דער דעזינפעקציע־קאַמער. אַ פאַרעדיקע היץ האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע איינגעווײדן צווישן די נעט, יאָגנדיק פון זיך הייס־אָטעמדיק די אָנגעפּלאָדזשעטע חמרים לייז, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרנעסטיקט נאָך פון די שווערע יאָרן פון וואָגל און וואַנדער. פרייכט ער, דער מאַנטל, קרעכצט און זיפצט אויף זיין ירידה, אויף זיין געפאַלנקייט און בידנער מערכה.

די קוימענס פון דער וואָשאָבאָיקע שיסן אויס שוואַרצע רויכקנוילן. די היץ פאַרשטיקט דעם קרעכץ פון די צעקנאָדערטע מלבושים וואָס פריִען זיך אינעם גלײַק־אָנגעהייצטן אויוון.

***

צעווייקטע ליימיקע וועגן. די פאָלעס פונעם ברוינעם האַרבסטמאַנטל ווישן די בערג־שיפּועים אין פאַרטאָגיקע פינצטערנישן, קריכנדיק מיטן באַלעבאָס מיט לעצטע כוחות צו דער אַרבעט ביים בויען וועגן און קאַנאַלן. דער מאַנטל פילט אויף זיך שווערע משאות פון זעק און באַנשפאַלן. ער שיצט זיין באַלעבאָס מיט די איינגענייטע קישעלעך אויף די אַקסלען פון דער דריקנדיקער משא. עס פּלאָנטערן זיך די פיס, זוכנדיק שוץ אין די פאָלעס זיינע, וואָס דער אַלטער איציק לעווין פון גיטקע טויבעס זאַולעק, האָט אַזוי פאַכמעניש אויסגעמייסטרעוועט מיט געניטקייט און וואָס ראַנג־

---

[1] דעזינפעקציע־קאַמער

לען זיך נאָך דאָ אַזוי עקשנותדיק צו דערהאַלטן זייער פּאַסאַן און גוטן אויסזען וואָס די מענטשן האָבן עס שוין לאַנג פאַרלוירן.

אין די נעכט, אין דער ליימיקער קיביטקע אויף שטרוי־ראָגאָזשעס, טוליעט דער מאַנטל איין דעם גוף פון זיין באַלעבאָס, דערוואַרעמט אים און מאַכט ווייכער דאָס געלעגער אויף דער האַרטקייט פון דער הוילער ערד.

***

שפּיציק־משופּעדיקע, שטעכיקע שטיינדעלעך מיט וועלכע ס'איז אויסגעפּלאַסטערט דער דיל פון דער תפיסה, פּונקט ווי עמעץ וואָלט עס ספּעציעל אויסגעטראַכט, גראָבן זיך אַריין אינעם פליישיקן גוף פון ברוינעם האַרבסטמאַנטל און ווילן דורכלעכערן, צערייסן און אַרויסרייסן פון אים די געדערעם. לייז באַפאַלן אים מחנותווייז און באַזעצן זיך רחבותדיק, ברייט און געמיטלעך, ווי אין טאַטנס ווייגאַרטן, אין די ברייטע פאַלדן פון די פאַלעס און אַרבלנעט. אַ גאַנצער שטאַב פון אַלע מינים לייז האָבן זיך פאַרנעסטיקט אין די ברייטע נעט פון קראַגן און פון דאָרטן פירן זיי די אַטאַקע אויפן גוף, לייב און לעבן פון זיין באַלעבאָס מיט וועלכן ער טיילט זיינעליידן שוין אַ סך יאָרן און מיט וועמען ער גייט פוסטריט און ביידע שיצן זיי זיך קעגנזייטיק — איינער דעם צווייטן.

עך, ווי ס'בענקט זיך דעם ברוינעם האַרבסטמאַנטל נאָך אַ זודיקן פּרעסאייזן, וואָס זאָל צעפּרייען און צעברענען די אומגעבעטענע געסט און זיך באַפרייען פון דער דאַזיקער בייסיקער פּלאָג.

וואָלט דאָ געווען איציק לעווין פון גיטקע טויבעס זאַולעק, וואָלט ער מיט זיין בלויזן האַרציק־דבקותדיקן שניידערישן ניגונדל פאַרטריבן די אַלע מיני מחבלים וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים צו פאַרטיליקן, פאַרפּייניקן.

עך, ווי ס'בענקט זיך נאָך יענע גוטע צייטן, ווען מ'איז געלעגן אויף דער פּאַליצע אין מאַנופאַקטור־געשעפט פון שטשיבוק־אינדרופּסקי און נאָך דעם ביי איציק לעווין אויפן טיש אין גיטקע טויבעס זאַולעק...

***

אויפן באַזאַר אין מאַכאַטשקאַלאַ. אַ געדראַנג פון אַ סך מענטשן. מע

שטויסט זיך און מע שטופט איינער דעם צווייטן. אַ סך הענט באַטאַפּן דאָס מאַנטל. קוועטשן אַריין זייערע פינגער אין דער געדיכטקייט פונעם מאַנטל־שטאָף, צמאָקען מיט די ליפּן פון באַוווּנדערונג:

— וואָט קאַקאָי כאַראָשי מאַטעריאַל![1] גוטער, טייערער שטאָף, — פאַר־כליניען זיך אוזבעקן פון התפעלות און הנאה:

— ביי אונדז זעט מען גאָר נישט אַן אַזאַ מין סחורה, וואָט־קאַק, אָט אַזוי!...

און דער ברוינער האַרבסטמאַנטל, אין וועלכן דער אַלטער איציק לע־ווין, דער שניידער פון גיטקע־טויבעס זאַולעק, האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט, אים געצערטלט און געגלעט ביי יעדן נעטעלע און אים זאָרגפעל־טיק, ווי אַ גוטער טאַטע, גלייך געמאַכט ביים פּרעסן און האַרציק אַריינ־געדבקהט זיינע שניידערישע ניגונים, — איז איינגעקוועטשט געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטן, מיט רייפן באַשלאָגענעם קופערט פון אַן אוזבעק, צווישן אַ סך בגדים און קליידער פון געמיינע, ביליקע שטאָפן.

דער ברוינער מאַנטל האָט נאָך היינט, נאָך אַזוי פיל גילגולים און אָפּגעריבנקייט, אַרויסגעשטראַלט ווי אַ יחסן און מפונק...

***

און דער באַלעבאָס זיינער?

פון שטענדיק־נאָגנדיקן הונגער האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט זיין ברוינעם האַרבסטמאַנטל, — נאָך אַזוי פיל יאָרן פון געמיינזאַמער פריינד־שאַפט. ער האָט זיך צעשיידט מיטן נישט ווייטן אַמאָל, אַוועקגעגעבן אים פאַר עטלעכע צענדלינג רובל מיט נישט קיין לייכט געמיט און זיך געקויפט אַ שטיקל ברויט — דאָס חיות צו דערהאַלטן...

דער געוועזענער באַלעבאָס פונעם ברוינעם האַרבסטמאַנטל, קייעט דאָס ברויט, וואָס ער האָט זיך תיכף איינגעהאַנדלט פאַר די פּאָר נישטיקע רובל. די אויגן זענען אים פייכט פון בענקשאַפט נאָך זיין אַלטן פריינד אין דער עת־צרה, מיט וועמען ער האָט אַ שטיק שווער לעבן דורכגעמאַכט, צוזאַמען אויף אַלע וועגן און שטעגן פונעם געפּלאָגטן נע־ונד...

---

[1] וואָסער גוטער שטאָף!

קאַפּיטל פיר

אַן אַלטיטשקע יידישע מאַמע...

אונטער אַ האַגל פון קוילן און שראַפּנעלן באַגלייט פון באָמבע־דעטאָ־נאַציעס פון אויפּרייסן, האָט זיך עוואַקואירט כמעט אין לעצטן מאָמענט מיטן לעצטן עשאַלאָן די קיִעווער מישפּחה שיינדליס, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ זעכציקיאָריקער מאַמע, אַנאַ אַבראַמאָוונאַ, איר טאָכטער, וואָס האָט מיט צוויי חדשים צוריק חתונה געהאַט און וועמענס מאַן ס'איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי, און צוויי שניר, די פרויען פון אירע צוויי זין, ביידע סטאַרשי־לייטענאַנטן וואָס זענען אַוועק אויפן פראָנט צו קעמפן קעגן נאַציִשן שונא.

פיר דערוואַקסענע פרויען האָבן זיי זיך געשלעפּט עטלעכע וואָכן איבער פאַרשידענע צוגן און עשאַלאָנען און קוים לעבעדיקע געקומען אין דער אַלטער שטאָט פון אוזבעקיסטאַן, אינעם זוניקן סאַמאַרקאַנד.

פיר פרויען אַליין, אָבער מיט שווערע פּעק, — דאָס אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגן.

די מענער אויפן פראָנט, די פרויען אויף דער עוואַקואַציע, ווייט פון דער היים, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט און ליגט אַ צעטרעטענע אונטערן נאַציִשן שטיוול.

שיין זענען זיי געווען, אַלע דריי יונגע שוועגערינס. די סאַמאַרקאַנ־דער זון האָט זיך צעשמייכלט אין זייערע קלאָרווייסע געזיכטער, און שפּי־זיקע אייגעלעך פון מענער האָבן זיך, ווי זלידנע פליגן, איינגעגראָבן אין זייערע לייבער. נאָכן וואַלגערן זיך אייניקע וואָכן אין גערטנדל ביים סאַ־מאַרקאַנדער וואָקזאַל, ווו ס'איז אויף הפקר אויסגעשטעלט געווען זייער האָב און גוטס און פרויען־ערע זענען זיי אַוועק אויפן כלאָפּ־זאַוואָד, נישט ווייט פונעם וואָקזאַל און באַקומען אַרבעט: איינע, די טאָכטער פון אַנאַ

אַבראַמאָווּנאַ אין דער קאַרטאָטשנע־ביוראָ[1] פון זאַוואָד און די צוויי שוועגערינס אירע אויף דער פאַבריק ביים רייניקן דעם כלאָפּאָק און די אַלטע מאַמע האָט זיך אוסטראָיעט אַלס „אובאָרשטשיצע”, אַן אויפרוימערקע פון דער אַבעזשיטשע נומער פינף, ווו זיי האָבן זיך אַלע איינגעאָרדנט אויף פיר אייזערנע בעטלעך, צוזאַמען מיט נאָך איין און צוואַנציק פרויען וואָס האָבן זיך דאָ געפינען אין דער צוזאַמענוווינונג.

אַנאַ אַבראַמאָווּנאַ האָט נאָך נישט פאַרגעסן דעם טעם פון יענע גוטע יאָרן, וואָס וועלן זיך מער נישט צוריקקערן. זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צום שטענדיקן פחד פאַר זיך און פאַר אירע אייגענע, זי שווייגט אַריין אין די נעכט אויפן אייזערן בעטל אין דער אַבעזשיטשע נומער פינף אין איר בענקשאַפט, און וויינט אויס די אויגן נאָך די זין און איידעמס, וואָס זענען אַוועק אויף די פראָנטן און קיין שום ידיעה פון זיי איז נישטאָ.

אַלע פינף און צוואַנציק פרויען שווייגן דאָ אויס זייער פאַרבענקטע פרויִשע איינזאַמקייט, זיפצן אַרויס באַזונדער אין די נעכט זייער ווייטיק און האָפן אַז אפשר דאָך, אפשר איז יאוש, אַדער סטאַש געבליבן לעבן.

אַנאַ אַבראַמאָווּנאַס שניר האָבן שוין באַקומען ענטפערס אַז פון זייערע מענער איז נישט פאַראַן קיין שפּור. איר טאָכטער האָט דאָקעגן באַקומען אַ ידיעה, אַז איר מאַן איז ווי אַ העלד געפאַלן אויפן פראָנט און ווערט פאַרציכנט ווי אַ מוסטער פון אַ בראַוון זעלנער וואָס איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד.

ביי אַנאַ אַבראַמאָווּנאַ האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ.

שוין! געבליבן זענען פיר עלנטע פרויען. די פעקלעך, געבראַכטע פון דער היים, האָבן זיך אויסגעלאָזט. יעדן טאָג האָט מען פאַרקויפט עפּעס אַ חפץ צוצוקויפן ברויט. איצט האָבן זיי פאַרלוירן די לעצטע האָפענונג צו זען אַ מאָל זייערע מענער.

די פרוימער זענען זיי פאַרגעלט געוואָרן, ווי די צעשרפטע גראָזן, פון דער סאַמאַרקאַנדער זון, אַזוי ביי דער אַלטער מאַמען ווי ביי דער יונגער טאָכטער און שניר. ביי דער אַרבעט זענען זיי געשטאַנען געבויגן אין

[1] ביוראָ ווו ס'ווערן פאַרטיילט די חודשלעכע ברויטקאַרטן פאַר די אַרבעטער

דרייען און פאַרביסן געשוויגן. די אַלטע מאַמע האָט געלאָזט אַ טרער אין דער שטיל. זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אויפן טויט פון פּאַטריאָטן וויינט מען נישט; פאַרטיידיקער פון אַ גרויסער זאַך טאָרן נישט באַוויינט ווערן, נאָר מע דאַרף זיך פילן גליקלעך, שטאָלץ. זי איז אַ שטאָלצע ייִדישע מאַמע, וואָס האָט אירע זין אַוועקגעגעבן כדי צו ברענגען גליקזעליקייט דער מענטשהייט און ראַטעווען דעם מענטשן־מין פון טאָטאַלער פאַרניכ־טונג.

אָבער אַ מאַמעס טרערן האָבן נישט קיין גרענעץ און ווייסן נישט פון קיין סענטימענטן. באַנעצט זי איר קישן אין די נעכט מיט בלוטיקע טרערן און גלעט אין איר נשמה דעם אָנדענק פון אירע פאַרלוירענע קינדער.

אַט אַזוי ציִען זיך טעג, וואָכן און חדשים. דער נאַצישער שונא קריכט אַלץ טיפער אין לאַנד און פון די שטאָבן קומען אָן ידיעות צו אַנדערע ווייבער און מאַמעס.

— נישט קיין ידיעה, פּראָפּאַל בעזוויעסטי, פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפּור, אָדער אַ גליקלעכערע ידיעה; געפאַלן אויפן פראָנט ביים פאַרטיי־דיקן דאָס פאָטערלאַנד. ערע זיין אָנדענק.

צעווייגען זיך פרויען אין די נעכט. שוין כמעט אין אַלע בעטלעך פון דער אָבשעזשיטשע נומער פינף פאַר פרויען, ליגן איינזאַמע, פאַרצערטע און פאַרבענקטע פרויען, איינזאַמע אויף דער וועלט, באַשיצטע אין ווייטן טיל, באַזאָרגטע מיט אַרבעט: מיט אַ האַלבן קילאָ ברויט אַ טאָג און אַ זופּ אין סטאָלאָווע.

ס׳איז דאָך מילחמה אויף דער וועלט, — איז דאָס אויך גוט...

⁂

אַנאַ אַבראַמאָווגאַס טאָכטער איז געפאַלן אַ קרבן — די ערשטע אין סאַמאַרקאַנד. זי איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אַוועקגעשטאָרבן. גע־פאַלן אויפן פראָנט פון עלנט און היימלאָזיקייט. נישט אויסגעהאַלטן, פרי־צייטיק פאַרלאָזט די וועלט און באַקומען אַ שטיקל ערד ווי איר אייגנטום אויפן בוכאַרישן בית־עלמין.

דער מאַמעס אויגן האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעטריקנט ווי דער אָריק לעבן דער אָבשעזשיטשע. זי האָט מער קיין טרערן נישט געהאַט צו באַנעצן איר האַרטן גורל. די שניר האָבן זיך געפּרוווט ראַנגלען. ווי יונגע פרויען אָנגעהויבן פאַרגעסן צוביסלעך, שלום געמאַכט מיטן גורל, פאַרבאַהאַלטן טיף אינעם לעצטן טשעמאָדאַן דאָס קוויטל פון פראַנטשטאַב, אַז דער מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפּור און געוואָלט אָנהייבן אַ לעבן פון ס'ניי. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די מאַלאַריע. איין שנור נאָך דער אַנדערער האָבן זיך אָנגעהויבן וואַרפן אויף די האַרטע אייזערנע בעטלעך אין היץ און אין קעלט. דער זאַווכאָז, דער ווירטשאַפט־לייטער פון דער צוזאַמענוווינונג, האָט זיי אָפּגעפירט אינעם שטאָטישן שפּיטאָל און אין אַ געוויסער צייט אַרום, האָט די אַלטע פאַרחושכטע ייִדישע מאַמע באַקומען די לעצטע ידיעה: אויך די שניר האָבן נישט אויסגעהאַלטן. זיי זענען יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט און זי געלאָזט זיך צאַפּלען אין איר אייגענעם אַנגסט. זיי זענען פאַרשטאַרטע, אויסגעדאַרטע, געלע ווי וואַקסענע פיגורן אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער ליימיקער סאַמאַרקאַנדער ערד, דאָרט אויפן בערגל אַרויף, אויפן בוכאַרישן ייִדישן בית־עולם.

אַנאַ אַבראַמאָוונאַ איז איצט געבליבן אין גאַנצן אַליין. אָן פעק, אָן טאָכטער און די שנירן וואָס האָבן איר דערמאָנט אַלטע גוטע צייטן, ווען זי האָט געהאַט אירע קינדער, האָט זיי געהאָדעוועט, דערצויגן. זי איז געבליבן אָן די זיכרונות. נישטאָ קיינער וואָס זאָל איר אין דעם דערמאָנען. זי איז געבליבן ביים האַרטן אייזערנעם בעטל, מיט איר אַרבעט־געצייג: דעם צעדריפּעטן בעזעם, מיט איין מאַנטל זיך צוצודעקן אין די נעכט, מיט אַן אויסגעהוילטער נשמה, צעפרעסן האַרץ און נאָגנדיקער בענקשאַפט.

אַ צעבראָכענע אַלטיטשקע ייִדישע מאַמע...

פון טאָג צו טאָג איז זי מער איינגעדאַרט געוואָרן. דאָס פּנים געל ווי וואַקס, אויסגעצויגן. זי גייט שוין מער נישט אַראָפּ פון איר בעטל. די שכנות אירע גיסן איר אַריין מיט געוואַלט אַ לעפל זופּ אין מויל אַריין און זי ליגט אַ פאַרזונקענע אין מחשבות נישט פון דער וועלט. זי טראַכט וועגן עפּעס וואָס זי אַליין ווייס נישט דעם זין און באַטייט פון דעם. ביי דעם אַלעם

האָט זי ערשט איבערגעשטיגן די זעכציק יאָר. נאָר אויסזען זעט זי אויס ווי א זקנה פון ניינציק און אפשר מער...

***

צאַלע אַנציס, איז עטלעכע יאָר געווען אַ שוואַרצאַרבעטער אויפן כלאָפּ־זאַוואָד. אַ געטריי־איבערגעגעבענער אַרבעטער, אַ סטאַכאַנאָוויעץ. געאַרבעט שווער און נישט געהאַט וואָס אָפּצועסן, אַט ווי דאָס רוב אַרבע־טער, וואָס האָבן מורא געהאַט צו ריזיקירן, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט דעם סוד ווי אַזוי איינצושטעלן דעם געהעריקן „בלאַט”, נישט געהאַט די נייטיקע פאַרבינדונגען מיט די אַכראַניקעס און העכערע נאַטשאַלניקעס.

דער גאַנצער זאַוואָד איז באַדינט געוואָרן פון אַ דאָקטאָרין טאַטיאַנאַ מאַקסימאָוונאַ און איין קראַנקנשוועסטער. זיי האָבן געהאַט צו זייער דיס־פּאָזיציע אַ שיין איינגעריכטע אַמבולאַטאָריע: אַ ביסל יאָד, וואַטע האָט אויפן זאַוואָד נישט געפעלט און אַ גרויסן טערמאָמעטער. די דאָקטאָרין, אַ שווער־לייביקע, מיט רויטע באַקן איז געזעסן כמעט דעם גאַנצן טאָג און געלייענט. נאָכן דורכמאַכן איר עקסקורסיע פון דער סטאָלאָווע ווו זי האָט פאַרזוכט דאָס עסן, צי ס'איז גוט, צי די אַרבעטער וועלן עס פאַרדייען, האָט זי אַ שמעק געטון אין איין אָבשעזשיטיע, אין דער צווייטער, אַ קוק געטון אויף דער ריינקייט און אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען צו פירן די אַרבעטער אין באָד, אויסצודעזינפעקטירן זייערע פאַרלייזיקטע בגדים. מ'האָט פון די צימערן אַרויסגענומען אַלע זאַכן פון די בעטן, די מאַטראַצן, ליילעכער און קאָלדרעס און אַלץ איז געפירט געוואָרן אין באָד אַריין אויסצורייניקן אַלץ — די בגדים, די ליילעכער און די אַרבעטער.. דער טאָג איז געווען יום־טוב פאַר די איינוווינער.

צאַלע אַנציס האָט געאַרבעט ווי אַן אַרבאַקעזש אין דער זאַוואָכאָז־בריגאַדע און ער האָט עס, לויט דער פאַראָרדענונג פון דער דאָקטאָרין, געדאַרפט אויספירן די צוגעטיילטע אַרבעט. ער ליגט אונטער אין גאַנצן דער דאָקטאָרין און כאָטש זי איז אַ שווערער מענטש, קומט ער מיט איר אויס, ווייל ער פירט אַלץ אויס בשלימות און זי איז פון אים צופרידן.

אַנומלטן האָט אים, אַנציסן, אָנגעכאַפּט אַ שווערער ווייטיק אין בויך, ווי ס'וויזט אויס האָט אים אַטאַקירט די לעבער. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרבע ביי דער אַמבולאַטאָריע. ער איז אַריין צו דער דאָקטאָרין איינגעבויגן אין דרייען:

— טאָוואַרישטש וורטש, חבר דאָקטאָר — האָט ער שטאַמלענדיק אַרויסגעזייט צווישן די ציין — מיר טוט דאָ שרעקלעך וויי.

טאַטיאַנאַ מאַקסימאָוונאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון איר בענקל, אים פיף אַריינגעקוקט אין די אויגן און באַפוילן:

— פּאָקאַזשי יאַזיק, ווייז די צונג.

אַנציס האָט זיך אַ קווענקל געטון און געטראַכט:

— זע נאָר אַ געוואַגטקייט, איר צו ווייזן די צונג. ער האַלט זיין צונג שוין אַזוי לאַנג פאַרשלאָסן און ווייזט זי נישט קיינעם. ער שרעקט זיך אַפילו אַ לעק צו טון עפּעס. אַ, ווען ער האַלט נישט זיין צונג אַזוי פאַרשלאָסן, וואָלט ער שוין לאַנג געווען ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

— נו, פּאָקאַזשי יאַזיק, — האָט די דאָקטאָרין באַפוילן.

אַנציס האָט קיין ברירה נישט געהאַט און פּאַמעלעכקע אַרויסגעשטעקט די צונג און באַוויזן דער דאָקטאָרין. זי האָט אַ קרים געטון און אַרויסגע־נומען אַ גרויסן גראַדוסניק, אַרונטערגעשטעקט אַנציסן אונטערן אָרעם, אים געקוקט אין די אויגן און נאָכגעשפּירט יעדער באַוועגונג, ער זאָל נישט מאַכן קיין קונץ.

— טריצאַט וואָסיעם אי פּיאַט, אַכט־און־דרייסיק מיט פינף — האָט זי געדרייט דעם טערמאָמעטער אין אַלע זייטן. ניעט, גאַלובטשיק, ביסט נישט קראַנק. דו מוזסט גיין צו דער אַרבעט. אַז דו וועסט האָבן נייַן און דרייסיק גראַד וועל איך דיך קאָנען באַפרייען. ניע לזיאַ, גאַלובטשיק, מע טאָר נישט, ראַבאָטאַט נאַדאַ, מע דאַרף אַרבעטן.

אַנציס האָט זיך צוגעהאַלטן ביים בויך, די קישקעס זאָלן אים זיך נישט אַראָפּלאָזן און אַרויס צו דער אַרבעט...

דאָס איז געווען אַנומלטן, לענגער. אָבער היינט איז צאַלע אַנציס אַליין אַ נאַטשאַלניק. ער איז זאַווכאָז. ער איז באַלעבאָס איבער די אָבשעזשיטישעס, איבער דער ריינקייט, אויף די אַרבעטער וואָס רייניקן די גאַסן, פירן וואַ־

סער. זיין אמתער שעף איז די שווערלייביקע דאָקטאָרין. ער האָט שוין אַלע הנחות ווי זי, עסט שוין וויפל זופקעס ס׳גייט אין אים נאָר אַריין, באַקומט דאָס ברויט דורך דער הינטערטיר פון מאַגאַזין, און וואָס נישט. ער הייבט שוין אָן צו ווערן פולער, אויסגעפּילטער. זיין טראָט — אַ זיכערער. ער איז אויך דערגאַנגען דעם סוד ווי אַזוי עס צו מאַכן און ער האָט זיך דאַראָביעט, אויף אַן אמת אַרויפגעאַרבעט.

* * *

די אַלטע אַנאַ אַבראַמאָוונאַ פון קיִעוו האָט אָפּגעטון דער וועלט אויף טערקיש. זי האָט אַ באַשאָטענע מיט לייז, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַ לעצטן קרעכץ געטון אין דער באַלבנהטער נאַכט אַריין און געלאָזט דער וועלט אין מיטן מילחמה. אַ קעמפנדיקע מענטשהייט, פאַר וועמען זי האָט אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס אַ מאַמע פאַרמאָגט: צוויי אויסגע־כאָוועטע זין, יונגע און געזונטע, אַן איידעם, אַ יונג־בליִענדיקע טאָכטער, וואָס דער טיפוס האָט אַוועקגעלייגט און צוויי שניר, שיינע ווי גאָלד, וואָס זענען אין סאַמע בלי פון זייער לעבן אויפגעפרעסן געוואָרן פון מאַלאַריע. איצטער האָט זי, אַנאַ אַבראַמאָוונאַ, אויסגעהויכט איר נשמה אויפן איי־זערן בעטל אין דער פינפטער פרויען־אָבשעזשיטיע פון כלאָפּ־זאַוואָד.

איינע פון די שכנות האָט באַגינען געמאָלדן דעם זאַווכאָז, צאַלע אַנ־ציסן, וועגן טויטפאַל. ער איז גלייך אַוועק צו דער דאָקטאָרין. טאַטיאַנאַ מאַקסימאָוונאַ מיט איר גאַנצער צעגאָסנקייט, מיט אירע איבער הונדערט קילאָ וואָג, מיט די צעשפּילטע בלוטן אויף אירע רויטע באַקן, — האָט זי קוים זיך דערשלעפּט צו דער אָבשעזשיטיע. נאָך פון דער ווייטן האָט זי דערשמעקט דעם ריח פון טויט און דערזעענדיק די חמרים לייז, וואָס האָבן אַטאַקירט דעם טויטן גוף, האָט זי זיך פאַרשטעלט די נאָז און באַפוילן:

— זאַווכאָז, שוין נעם צו דעם טויטן און פיר אים אָפּ אויף דער קלאַד־בישטשע, אויפן בית־עולם.

אַנציס האָט גלייך באַפוילן דעם אַרבעקאַזש־פירער, וואָס נעמט צונויף דאָס מיסט פון די גאַסן, צו פאַרפאָרן צו דער אָבשעזשיטיע, וואָס איז גע־

ווען אַרומגערינגלט מיט אַ שווערער לופט פון אָנגעוואָרפּענעם מיסט, און אַליין איז ער אַוועקגעלאָפן צום דירעקטאָר פון זאַוואָד:

— טאָוואַרישטש דירעקטאָר, באַווייליק צו פאַראָרדענען אַ ליילעך פאַר דער געשטאָרבענער אובאָרשטשיצע פון דער אָבשעזשיטשע, אַנאַ אַבראַ־מאָווּנאַ.

דער דירעקטאָר האָט אויף אַנציסן נישט אויפגעהויבן די אויגן. אַן איינגעוויקלטער מיט אַ כמאַרע מאַכאָרקע־רויך איז ער געזעסן אין אַ גרויסן באַציפערטן בויגן פאַפּיר און מרוקעוואַטע אַרויסגעזייט צווישן די ציין:

— אַט האָסטו דיר! זי האָט גאָרנישט קיין אייגנס?

— גאָרנישט, טאָוואַרישטש דירעקטאָר, איר טשעמאָדאַן שטייט אַ פּוסטער. איך האָב בלויז דאָרט געפונען אַ דיערעוונע יעווריסקי קניגו[1]. זי איז איינגעדעקט אין איר מאַנטל און אין די שמוציקע מלבושים וואָס זענען פאַרקראָכן מיט לייז.

— הם, הם — האָט דער פאַבריק־דירעקטאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זי האָט עס פאַרדינט — איז אַנציס באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע — צוויי זין מיט אַן איידעם האָט זי אַוועקגעגעבן פאַרן פראָנט, צו פאַר־טיידיקן דאָס לאַנד. אירע צוויי שניר, וואָס זענען געשטאָרבן, זענען אויך געווען אַרבעטערינס ביי אונדז אויפן זאַוואָד, איר יינגסטע טאָכטער האָט געאַרבעט ביי אונדז אין קאַרטאָטשנע־ביוראָ. אַלע ערלעכע מענטשן, גוטע אַרבעטער.

נישט קוקנדיק אין אַנציסעס זייט אַריין, האָט דער דירעקטאָר אָנגע־שריבן אַ צעטעלע צום זאַווסקלאַד, מוכין, און אים דערלאַנגט:

— נאַ, דאָ האָסטו.

— אַ דאַנק, חבר דירעקטאָר!

אַנציס איז גיך געלאָפן צום ממונה איבערן סקלאַד, מוכין.

דער זאַווסקלאַד האָט געדרייט דאָס צעטל אין אַלע זייטן, געוואָרטשעט ווי אַ בייזער הונט, ביי וועלכן מע וויל אַרויסכאַפּן אַ פּעטן ביין. זיך לאַנג

[1] אַן אַלטן העברעישן ספר

געפּאַרעט צווישן די אָנגעהויפטע מאַנופאַקטור־קופּעס און בלאַנקעדיק־ווייסע ליילעכער, געגישטערט, געזוכט און צוגעוואָרפן אַנציסן אַ ליילעך.

— אַ שאָד אַזאַ גוטע זאַך צו באַגראָבן אין דער ערד אַריין, דוראַק, שוטה איינער — האָט ער מיט כעס אַ וואָרף געטון דעם ליילעך אַנציסן.

צוויי פּאָר בייזע אויגן האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט — גרייט איינער דעם אַנדערן צו פאַרברענען מיט זייער גלי.

אַנציס האָט צוזאַמען מיטן אַרבאַקעזש אַרויסגעטראָגן פון דער אַבשע־זשיטשע דעם מת, וואָס איז געווען איינגעהילט אינעם העלברוינעם מאַנטל, באַשאָטן מיט חמרים לייז. מ׳האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף דער צוויי־רעדער־דיקער אַרבע, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק פון אַלע זייטן זי זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן, און דאַוואַי, געפאָרן!

די נאָכמיטאָג־זון האָט זיך אויף אַן אמת צעשרפּעט, צעגליט מענטש און קיביטקע, ערד און שטעג. דאָס פערד ווי ס׳וואָלט געפילט די וויכטי־קייט פון מאָמענט איז געטראָטן פאָרויס מיט פּאַמעלעכע טריט. די קלאָען האָבן געקלאַפּט שלאָבעריק אין דער פאַרטרוקנטער ערד. דאָס פערד האָט געפרייכט, פאַרזשמורעט די אויגן מיט פאָרכט פאַר דער פייערלעכקייט פון טויט.

דער מת האָט זיך געוואָרפן און געדרייט ווי אַ לעבעדיקער, פון איין זייט אויפן צווייטן, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט פון אירע איינגעווייד דאָס באָמבלען פון אירע געדערעם.

די פאַרבייגייענדיקע האָבן אָנגעקוקט דעם מאָדנעם פּאַסאַזשיר, פאַר־דרייט מיט די נעזער און אויסגעשפּיגן:

— פוי, וואַנאַיעט, ס׳שטינקט.

די אַכט קילאָמעטער פון פאַבריק ביזן בוכאַרישן בית־עלמין אין דער אַלטשטאָט האָט זיך פאַר אַנציסן געשלעפּט ווי אַן אייביקייט. ער איז גע־זעסן אויף דער אַרבע, פאַרזונקען אין מחשבות און געשוויגן דאָס שוויי־געניש פון טויט...

***

די אַרבע איז שטיין געבליבן ביים טהרה־שטיבל. אינעווייניק איז געזעסן דער פאַרוואַלטער פון בית־עלמין, אַן אַלטער בוכאַרער ייִד, אַנגע־

טון אין אַ וואַטענע פּופּייקע מיט אַ וואַרעם היטל אויפן קאָפּ. צווי טיפ־שוואַרצע אויגן ווי קויל האָבן אַרויסגעבליצט פון זיין געלפּאַרמעטן פּנים מיט דער לאַנגער ווייסקויטיקער באָרד, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט פונעם שמייכל:

— טשטאָ פּריניאָס, וואָס האָסטו געבראַכט? — האָט ער אויף אַ שלעכטן רוסיש זיך געווענדט צו אַנציסן, זעענדיק, אַז ער האַלט עפּעס אין דער האַנט. זיינע נאַזלעכער האָבן דערפילט עפּעס גוטס.

אַנציס האָט אים דערלאַנגט דאָס ליילעך און אים אָנגעוויזן דורך דער אָפענער טיר אויף דער ארבע מיטן מת.

— זשענשטשינאַ, אַ פרוי?

— דאַ.

ער האָט אַריינגעשריבן אין אַ גרויס בוך מיט פאַרגעלטע בלעטער: חנה בת ר׳ אברהם שיינדליס מקיעוו...

זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון דער ארבע דעם מת, אַריינגעטראָגן אי־בעווייניק און אַרויפגעלייגט אויפן טהרה־ברעט.

אַנציס איז געבליבן וואַרטן אויפן בית־עלמין. זיך צוגעזעצט אויף דער פּאַסאַדע פון אַן אַלטער מצבה און מיט די אויגן אַוועקגעבלאָנדזשעט איבערן גרויסן פעלד, וואָס האָט זיך צעבערגלט ווייט אַרויף דעם באַרג מיט אָנגעהויפטע קברים און מצבות.

דער בוכאַרער ייִד האָט אויפגעעפנט די טיר פון טהרה־שטיבל און אַריינגערופן אַנציסן. אויפן טהרה־ברעט איז געלעגן אַן איינגעהילטע אין אַ שטיקל געלן ליוונט אַנאַ אַבראַמאָוונאַ, זי האָט אויסגעזען ווי אַ קליין קינד. פון די געוואַלדריסן האָבן אַרויסגעשפּיזט אין אַנציסעס אויגן שטי־קער וואַקסגעל לייב פון דער זקנה. אויף דער ערד האָבן זיך אין אַ ווינקל געוואַלגערט אירע מלבושים און אונטערוועש שמוציק, קויטיק, שוואַרץ ווי די נאַכט.

אַנציס האָט אויסגעשפּיזט אַ פּאָר פרעגנדיקע בליקן צום פאַרוואַלטער. יענער, ווי ער וואָלט געלייענט די מחשבות פון זיין קליִענט, האָט אויסגעשטשירעט אַן אַנצייניק מויל און ווי פון אַ טיפן קבר־גרוב אַרויס האָט ער זיך צעכאַרכלט מיט זיין שטים:

— אַזאַ טייער ליילעך איז אַ שאָד צו באַגראָבן אין דער ערד. דאָס לעבן אַליין איז שוין אַזוי מיאוס, אַז מע דאַרף נישט באַצירן דעם טויט אין קלאָרן ווייסן.

אַנציס האָט פון דער חרפּה אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער אַלטער האָט מיט צעפּינקלטע אויגן אַ מער דרייסטערער דערפילט, אַז זיין קלי־ענט איז שוין מסכים אויף אַלץ און אַ האָפערדיקער פאַרגעזעצט:

— איך האָב אַ גרויסע מישפּחה און כל־זמן די אויגן זענען אָפן, וויל דאָס מויל עסן. איך וועל אויסרייניקן אירע בגדים, אויספּרעסן און אַוועק־טראָגן אויף דער באַראַכאָלקע. דער מת ווייס סיי ווי גאָרנישט און פילט שוין נישט, אָבער די לעבעדיקע — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט — זיי וועלן צופרידן זיין און זאָט ווערן. ניטשעוואָ, גאָלובטשיק, וועסט גאָר נישט מאַכן! אַזוי איז דאָס לעבן, ווו דו זאָלסט זיך נישט דרייען וועסטו בלייבן פון הינטן, אַנדערש קאָן עס נישט זיין.

דער אַלטער בוכאַרער ייִד און אַנציס מיטן אַרבאַקעזש האָבן אויף אַ טראָגבעטל, וואַנדערנדיק צווישן אַ סך אַנגעהויפטע קברים, געטראָגן דעם מת, וואָס איז געווען לייכט ווי אַ פעדערל און זיך פלאַנטערנדיק מיט די פיס געקומען צום אָרט. אַנציס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און דער אַלטער האָט שנעל ווי אַ יונגערמאַנטשיק געגראָבן אַ קבר, פּאַ סטאַ־כאַנאָווסקו, ווי געיאָגט פון טויזנטער רוחות. דער שוויס האָט זיך אים גע־גאָסן פון פּנים און די זון האָט געבאַקט און געבראָטן ערב איר פאַרגיין מיט גיהנומדיקער היץ.

דער קבר איז געשטאַנען אַ גרייטער מיט אַן אָפענעם פּיסק איינצו־שלינגען זיין קרבן. אַן אויסגעצוואָגענע און ריינע, נאָך לאַנגע חדשים זיך נישט וואַשן, איז די אַלטע אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין איר מקום־מנוחה.

די זון האָט אַ צעברענטע מיטן לעצטן כוח צעצונדן דעם גאַנצן האָרי־זאָנט, אַוועק הינטערן בית־עלמין־באַרג און אַ צעפּיצלטע זיך צעשאָטן צווישן די קברים, אַריינוואַרפנדיק אַ סנאָפּ ליכט אין טונקעלן קבר אַריין.

אַנאַ אַבראַמאָווּנאַ איז געלעגן מיט אָפענע אויגן פאַרשפּיצטער גאַמבע און אַראָפּהענגענדיקע אויערן, ווי זי וואָלט זיך צוגעקוקט און באַנומען אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אַרום איר...

האַרטע ליימיקע גרודעס ערד האָבן זיך אַ שאָט געטון אויפֿן מת, און זיך צעהילכט אין דער אימהדיקער שטילקייט.

פונעם טאָל אַקעגנאיבער דעם בית־עלמין, אַן אַנגעוואָרפענער מיט קיביטקעס און טשאַי־כאַנעס, האָט זיך דערטראָגן אַ כאַרכלדיקע מוזיק דורך אַ ראַדיאָ־מעגאַפאָן. באַלד איז דאָס געזאַנג אַנטשטומט געוואָרן און ס׳האָט זיך דערהערט הויך און הילכיק פונעם מעגאַפאָן אַרויס:

— וונימאַניע, ס׳רעדט מאָסקווע, אונדזערע זיגרייכע חיילות, האָבן פאַרטריבן דעם שונא פון דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע — קיעוו...

באַלד דערנאָך האָבן זיך צעטראָגן אין דער לופט און דערשוועבט אַהער מיט דער לייכטקייט פון קילן פאַרנאַכט, אַ בינטל פריילעכע מיליטערישע מאַרשן...

אַנציס האָט געזאָגט קדיש. ס׳האָט געשמעקט מיט פוילעכץ, אָפּענער ערד און טויט...

***

דער פאַרוואַלטער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן, טיף אָפּגעאָטעמט, אַ קוק געטון אויפֿן פאַרשאָטענעם בערגל און לייטזעליק אַ שמייכל געטון צו אַנציסן:

— דו זעסט די אַנגעהויפטע בערגלעך וואָס ציִען זיך העט־ווייט אַרויף... דאָס האָב איך אַליין מיט מיינע צוויי געהילפן פאַרזייט... אי פון דיינע פליטים אי פון עוואַקויִרטע. אין מיין טויטנבוך זענען פאַרשריבן אַלע שטעט פון דער וועלט... איך בין מיטן טויט אַ גוטברודערל און מאַך פון אים אַ לעבן.

אַנציס האָט צוגעווונקען צום אַרבאַקעזש, ער זאָל זיך פאַרנעמען צו־ריק אין זאַוואָד. ער האָט צוגעשלעפּט דאָס פערד, וואָס איז געשטאַנען ווי קיין מאָל גאָרנישט, און געצופּט דאָס צעשרפּעטע גראָז צווישן די קברים און איז מיט אים גיך פאַרשווונדן מיטן וועג וואָס פירט צו קראַסנאָגוואַר־דייסק.

דער אַלטער קברות־מאַן איז צוגעגאַנגען, פאַרריגלט אויף אַ שלאָס דאָס טהרה־שטיבל, גוט נאָכגעפּרווט צי ס׳איז פאַרשלאָסן און זיך אומ־היימלעך צעלאַכט:

— מע קאָן מיר נאָך אַריינוואַרפן אַ טויטן אויך און איך וועל נישט אָפּלעקן קיין ביינדל. פאַראַן אַזעלכע מענטשן וואָס וואַרפן אונטער נאַקעטע טויטע אויך. נאָכן אַראָפּשלעפּן פון זיי די זאַכן.

אַנציס האָט זיך פאַרקוקט אויף די שיינגעקריצטע מצבות און דער אַלטער ווי פאַרשטייענדיק אים, האָט גלייך דערציילט:

— דאָס ליגן זיי, די פּריצים, די געוועזענע גבירים, פאַרשלאָסן אונ־טער שטיין, פאַרקריצטע מיט שיינע אותיות און שבחים. אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, מיט פערציק און דרייסיק יאָר צוריק. היינט האָט זיך יאָ געיאָוועט אַ פּוילישער יִיד וואָס קאָן קריצן מצבות, אי, נישטאָ קיין שטיי־נער, כאָטש מע קען איבערשרייבן אַן אַלטע מצבה, אָבער ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען. מע שטאַרבט דאָ איינזאַם. קיינער קומט נישט באַזוכן די טוי־טע, אויסער די שאַקאַלן אין די נעכט, וואָס פּרוּוון מיט די שנוקעס צוצע־ראַיען אַ פרישן קבר, וואָס עס געלינגט זיי אַמאָל, ווייל מיינע געהילפן האָבן נישט געגראָבן גענוג טיף.

ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייסיקן שטערן און גוטברודעריש אַ זאָג געטון:

— קום, גאָלובטשיק, וויפיאַם, מירן אויסטרינקען. די טויטע וועלן מיר נישט לעבעדיק מאַכן, אָבער מיר, די לעבעדיקע, דאַרפן נאָך אַ לעב טון. איין אויג דאַרף אויך שלאָפן.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די שווינדלטרעפּ אַראָפּ אין דער צע־הודזשעטער גאַס וואָס האָט זיך געפרייט מיטן גרויסן נצחון. זיך אַריינ־דרייענדיק אין אַ פאַר שמאָלצעדרייטע אַלטשטאָטישע געסלעך זענען זיי אַריין אין אַ פּיוונושקע:

— דאַוואַי צוואָנציק גראַם! — האָט דער אַלטער באַפוילן און אַרויפ־שאַרנדיק דאָס היטל אויפן קאָפּ ס׳זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן, האָט ער גע־זאָגט:

— עי, גאָלובטשיק, דו ווייסט ווי שטאַרבן און דעם הינטן דיינעם נישט אָנקוקן — האָט ער זיך ווילד צעלאַכט — צוליב וואָס שלאָגן זיי זיך אויף מילחמות, הרגענען זיך אויס מאַסנווייז, לאָזן נישט קיין נאַש־בראָט מאַכן קיין לעבן. אין נאָמען פון וועמען שלאָגן זיי זיך, האַ?

די פּיוונושקע האָט זיך פאַרפולט מיט רויך און געשריי, געטומל פון רייד און שיכורע פלאַפּלערייען.

אַנציס האָט אים איבערגעלאָזט אַליין און אין דער צוגעפּאַלענער לבנה־נאַכט, פאַמעלעך געשפּרייזט די אַכט קילאָמעטער צוריק אין זיין שטוב אַריין אינעם זשעלעזנאַ־דאָראָזשני־ראַיאָן.

— נישט דערלעבט... נישט אַנאַ אַבראַמאָוונאַ, נישט אירע קינדער. זיי זענען אַנטלאָפן פון טויט, פון באָמבאַרדירטן, געשענדטן קיִעוו און געפונען דעם טויט אינעם רויקן און שטילן הינטערלאַנד, אינעם זוניקן סאַמאַרקאַנד...

די אַקאַציע־ביימער האָבן זיך צעשמעקט. אין זייערע קרוינען האָט זיך צעשפּילט שטיפעריש און ווילדע־ווונגעריש אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט זיך צעהאָפּסלט אינעם טאַקט פון די פריילעכע מיליטער־מאַרשן וואָס האָבן זיך געריסן פון מעגאַפאָן, פונעם שפּיץ אויפן סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל...

די לבנה האָט באַוואַכט די לעבעדיקע אין זייער שלאָף...

קאַפּיטל פינף

פיר וואָס האָבן געגעסן...

פיר זענען זיי געזעסן און געהאַקט אַ סעודה:

דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון אָבלמעסטפּראָם,[1] — דער טאַטער מעל־ניקאָוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער אָבקאָמפּאַרטי,[2] דער אוזבעק באַכמאַדינאָוו, דער דירעקטאָר פון גאָרפּראָמקאָמבינאַט,[3] אַלעקסיי אַלעק־סייעוויטש און דער נאַטשאַלניק פון זשעלעזנאָ־דאָראָזשנעם ראַיאָן פון גאָר־פּראָמקאָמבינאַט, צאַלקאַ כאַימאָוויטש אַנציס.

אויפן טישל אינעם רעסטאָראַן, ביים מאַכמעדאַנישן מעטשעט — אין אַלטשטאָט פון סאַמאַרקאַנד — איז אָנגעשטעלט פון כל־טוב: וואָדקאַ און רויטער קאַגאַר־ווײַן, געבראָטענער שאַשליק, גאַנצע קישקעס וורשט, הע־רינג און ווייסע קלאָרע לעפּיאָשקעס, וואָס יעדע איינע פון זיי קאָסט צוואַנ־ציק רובל, אויפן שוואַרצן מאַרק, שוין אָפּגערעדט וואָס אַ הערינג קאָסט זעכציק רובל. יעדעס שטיקעלע שאַשליק — אַכט רובל און אין דער אמתן, לויטן געזעץ, באַקומט מען אַ טשייניקל גרינע טיי פאַר אַ רובל, אַ זופּ פאַר אַ רובל און מער גאָרנישט. אָבער פון הינטערן בופעט באַקומט מען פון בעסטן און שענסטן.

איצט איז פּונקט פיר נאָכמיטאָג. די אַרבעטער זענען אין די פאַבריקן, די אָנגעשטעלטע — אין די געשעפטן און אין די ביוראָען. אויף דער גאַס איז שטיל, די איינציקע פאַרבייגייער זענען בלויז דירעקטאָרן, נאַטשאַל־ניקעס, דעסיאַטניקעס און שטיוולפּוצער.

---

[1] וואָיעוואָדישער לייטער פון דער אָרטיקער אינדוסטריע

[2] געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט

[3] שטאָטישן אינדוסטריע־קאָמבינאַט

אין דער סטאַלאָווע זענען די פיר גרויסע שישקעס — די איינציקע געסט. אויסער זיי איז קיינער נישטאָ. פלעשלעך ווערן אויסגעליידיקט, מע טראָגט צו פרישע. דער טיש ווערט פולער און פולער...

פון מינוט צו מינוט ווערן די פיר נאַטשאַלניקעס בגילופינדיקער, שוין גאָר גוט פאַרשניאַשקעט. מע נעמט זיך אַרום גוטברודעריש. מע קושט זיך און מע האַלדזט זיך. אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, אַן אַלטער אויסגעפּרוּווטער שיכור, טרינקט סאַמאַגאָן און נאָך יעדן גלעזל גיט ער אַ שמעק אַ שטיקל שוואַרץ־ברויט, עפנט אויף ברייט זיינע אויגן, קוקט זיך אַרום, און גיסט ווייטער אָן אַ גלעזל.

אַן איינאיינציקע גרויסע פליג האָט זיך אומגעשטערט אַרומגעדרייט אַרום טישל חוצפּהדיק, דאָ זיך באַזעצט אויף אַ לעפּיאָשקע, אין אַ ווײַלע אַרום איז איר געפעלן אַ שטיק וורשט, זיך איינגענאַדזשעט אויפן שטערן פון אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, וואָס באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אַראָפּצו־טרייבן, אָבער זיין האַנט טרעפט אים שטענדיק נישט דאָרט, ווו די פליג שטייט בנעימותדיק און צעפּאַכעט אירע פליגלעך, אויסמיידנדיק צו פאַר־נעצן אירע פיסלעך אין די ריטשקעלעך שוויס פון זיין שטערן.

***

פיר זענען זיי געזעסן און געזויפט...

דער ריח פון געבראָטענעם שאַשליק אויף גרויסע לאַנגע שפּיזנדראָטן האָט געקיצלט אין די נאָזלעכער. דער ריח פון בראָנפן האָט זיך געפילט איבערן גאַנצן גרויסן ליידיקן סטאַלאָווע־זאַל. די נאָכמיטיקדיקע זון האָט אַריינגעשיקט אירע לעצטע צעשפּילטע שטראַלן און זיך דווקא פונאַנדער־געהוליעט אינעם אוזבעק באַכמאַדינאָווס ווילינגערישער טשופּרינע, גע־קיצלט מעלניקאָווס אָפן־צעכראַסטעטער ברוסט. די אייגעלעך ביי אַלע פיר זענען געווען האַלב־פאַרמאַכט פון תענוג און שיכרות, די אַנדערע העלפט האָט גיריק געשלונגען די האַלבליידיקע פלעשער משקה.

ביי זיי האָט געגאָלטן דער אין די היגע מקומות איינגעפונדעוועטער דעוויז: „עס וויפל ס׳גייט אַריין". שפּעטער... וועגן שפּעטער האָט דאָ קיי־נער נישט געוואָלט אַפילו טראַכטן.

אין דער אָפענער טיר האָט זיך אַריינגעשלייכט אַן אַלטיטשקער אוז־בעק און מיט שלאַבערדיקע טריט זיך דערנענטערט צו די פיר עסנדיקע און טרינקנדיקע. די סלינע האָט זיך ווי אַ וואַסער־שלענגל צערונען איבער זיין אָנציינערדיק מויל. ער איז שוין געווען אַ זקן ווייט אַריבער די אַכ־ציקער, באַקליידט זיין אויסגעדאַרטן גוף מיט אַן אַלטגעבלומטן אוזבעקישן כאַלאַט און די פאַרבן פון בלומען איז שווער געווען צו דערקענען. דאָס פּנים צעקאַרבט פון אַלטקייט און כאָטש צעקנייטשט האָט מען אָנגעזען יעדעס בלאָע אָדערל. די דאַרע הענט האָבן זיך טרייסלדיק געבעטן:

— גיב אַ שטיקל ברויט, ברודערל — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט.

אַנציס האָט אים דער ערשטער באַמערקט. אָפּמעסטנדיק פון אויבן ביז אַראָפּ, דערשפּירט אין אים דעם נאָגנדיקן הונגער, ער האָט זיך דער־מאָנט ווי גאָר נישט לאַנג מיט אַ יאָר צוריק, איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען איבער די סאַמאַרקאַנדער גאַסן און אויסגעשטעלט די האַנט נאָך אַ נדבה ממש, און איז געווען גליקלעך ווען ער האָט געפונען אַ צעפוילטן פּאָמי־דאָר, אָדער אַן אָפּגעגריזשעט הערצל פון אַן עפּל וואָס עמעצער האָט שוין גוט געהאָט אויסגענאָגט און אַוועקגעוואָרפן. געשלאָפן אין פּאַרק צווישן די קשאַקעס און געווען צופרידן וואָס מע לאָזט אים צורו.

דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט וואָס זיינס אַ חבר פון דער היים האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין אַרטעל פאַר אַ וועכטער און היות ער איז געווען אַ גראַמאָטנער, האָט ער שנעל באַהערשט די שפּראַך און מיט דער צייט געוואָרן אַ געהילף־בוכהאַלטער, דערנאָך, ווען זיין חבר איז אַריינגע־פאַלן אין אומחן ביי דער העכערער נאַטשאַלסטווע, ווייל ער האָט מער גענומען פאַר זיך ווי זיי געגעבן, דאָס הייסט, ער האָט פאַר זיך פאַרכאַפּט אַלץ — האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פון זיין פּאָסטן, אים געמאַכט פאַר אויס נאַטשאַלניק און אויף זיין אָרט באַשטימט אַנציסן — האָט ער שוין אָנגעהויבן עסן צו דער זעט. זיך באַגנוגנט מיט וויפל ער האָט און זיך לייכט געוואָרפן מיט אַ רובל אַזוי פאַר אַן אָרעמאַן ווי פאַר אַ חבר. אים איז גוט געלעגן אין די ביינער דער שטענדיקער הונגער. דערפאַר האָט ער אָנגע־הויבן געניסן פון עולם־הזה, נאָר פאַרזיכטיק, שטיל, — נישט אויפצו־רייסן די אויגן. פאַר די דאָזיקע סעודהלעך וואָס ער פּראַוועט מיט זיינע

העכערע נאַטשאַלניקעס, צאָלט ער און פּרוּווט שטענדיק צו האַלטן דעם קאָפּ אויף דער פּלייצע.

דער אַלטער אוזבעק איז נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט. די חברה פאַר־שניאַשקעטע נאַטשאַלניקעס האָבן אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט און גע־וואַרטשעט ווי בייזע הינט ווען מע וויל זיי אַרויסכאַפּן דעם פעטן ביין.

אַנציס האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק לעפּיאָשקע און אַריינגערוקט דעם זקן אין האַנט, וואָס האָט עס באַלד גיריק צוגעטראָגן צום מויל. אַלעקסייעוו האָט פלינק באַוויזן זיך אַ ריס צו טון פון בענקל און אַזוי פלינק אַ כאַפּ געטון דאָס שטיקל לעפּיאָשקע פון אַלטנס מויל, אַז ער איז געבליבן שטיין פאַרבליפט און פאַרגליווערט און מיט אַ הייזעריק־שיכור קול אויסגעשריגן:

— סוקין־סין, ראַבאָטאַט נאַדאָ![1] און אַ וואָרף געטון דאָס שטיקל לעפּיאָשקע אויף דער ערד.

אַלע פיר האָבן זיך ווי אויסגעניכטערט. אַנציסן איז געקומען ס'בלוט אין פנים אַריין, ס'האָט זיך אין אים צעקאָכט די יוכע און די לעצטע עט־לעכע יאָר ליידן נויט און הונגער זענען אים קאַפּויר געקומען. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער הויך און בייז אַ וואָרטשע געטון צו אַלעקסייעוון וואָס איז שוין געזעסן און ווייטער געזשלאָקעט:

— טי, מערזאַוויעץ, ראַבאָטאַיעש? און דו אַליין אַרבעטסט, דו לעבסט פון בלוט פון די אַרבעטער, מיר גנבענען אַלע און זויפן און דו פּרעדיקסט מאָראַל.

אַלעקסייעוו האָט אויסגעזופּט דאָס גלאָז סאַמאָגאָנקע און געשוויגן.

— דאַוואַי סיודאַ סטאַריטשאָק, קום אַהער אַלטיטשקער — האָט אַנ־ציס ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן צום אַלטן אוזבעק וואָס איז גע־שטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ דערשלאָגענער און אַ טויט־הונגע־ריקער.

דער אַלטער האָט זיך מיט ציטערדיקע קני צוגערוקט צו אַנציסן און אים אָנגעקוקט מיט רחמנות־בליקן.

---

[1] דו הינטישער זון, אַרבעטן דאַרף מען!

אַנציס האָט גענומען אַ גאַנצע לעפּיאָשקע, מיט אַ בייגל וווּרשט און אַריינגעשטופּט דעם אַלטן אין דער האַנט:

— נאַ, וואַזמי, נעם, האָב נישט קיין מורא, עס און זאָל דיר וווּיל באַקו־מען.

דער אוזבעק האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, מיט צי־טערדיקע הענט אַ כאַפּ געטון די לעפּיאָשקע מיטן וווּרשט און גיך־גיך זיך צוגעשאַרט צו דער טיר, זיך אויסגעדרייט און געוואָרפן אַ דאַנקבאַרן בליק אויף אַנציסן, וואָס האָט אים נאָכגעקוקט.

ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט געהערט דאָס זשומען פון דער פליג, וואָס האָט זיך דאָס מאָל פאַרקליבן אויף דער שויב פון קאָסע־פענצ־טערל. די פיר עסנדיקע האָבן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין די טעלער. אַלעקסייעוו האָט שוין באַוויזן אַנצוגיסן נאָך אַ גלאָז סאַמאָגאָן און מיט איין צי, אונטער־האַלטנדיק דעם קאַרק, ער זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן, אַריינגעצויגן אין זיך די ברענענדיקע פליסיקייט און זיך אָפּגעווישט די געדיכטע וואָנצעס.

באַכמאַדינאָוו האָט זיין בליק אַריינגעשטאָכן אין אַנציסעס מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, און צערייסנדיק אויף צווייען אַ בייגל וווּרשט מיט אַזאַ רציחה ווי ער וואָלט געבויגן אַ שטיק אייזן, אַרויסגעצישעט צווישן די ציין:

— דו ווייסט, סוקין־סין, דו ווייסט, הינטישער זון, ביי אונדז איז קיין פילאַנטראָפּיע נישטאָ!

— איך ווייס — האָט אַנציס אַ גאַליקער געענטפערט — איך ווייס אָבער אויך, אַז מיר דאָ אַלע זענען פּאַראַזיטן, בלוטזויגערס. די אַרבעטער אין די פאַבריקן אַרבעטן, גייען אָפּ מיט שווייס און מיר דאָ זיצן שוין אַ פּאָר שעה און זשלאָקען. דער חשבון וועט זיכער באַטרעפן מער ווי דריי טויזנט רובל. אַן אַרבעטער דאַרף דערויף אַרבעטן גאַנצע 15 חדשים, מער ווי 200 רובל אַ חודש פאַרדינט נישט קיין אַרבעטער אין אונדזערע אונ־טערנעמונגען.

— מאַלטשי! שוויג! — האָט שוין דאָס מאָל דער טאַטאַר מעלניקאָוו זיך אַ ריס געטון פון אָרט — דו פרעדיק דאָ נישט קיין מאָראַל. ביסט גע־קומען פון דיין פריצישן פוילן, לעבסט אַ משוגענעם טאָג, אַרבעטסט נישט

ווי מיר... אין דער צייט ווען אין פּאַנסקן פּוילן איז דער באַלעבאָס פון אַ פאַבריק געשטאַנען, ווען די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט די פאַבריק, און יעדן איינעם דערלאַנגט מיט אַ שפּיצרוט איבער דער פּלייצע, באַהאַנדלען מיר אונדזערע אַרבעטער גוט, זיי פאַרדינען גוט און לעבן גליקלעך.

אַנציס האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— ווער האָט עס דיר דערציילט די זאַבאַבאָנעס, טאָוואַרישטש מעל־ניקאָוו?

— דו פּראָווועסט דאָ נאָך קאָנטררעוואָלוציע אויך, מיר וועלן דיר שוין איינשטומען אויף אייביק, דו מערזאַוויעץ.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך אַנציס פונאַנדערגעלאַכט — טאָוואַרישטש מעלניקאָוו, סטראַשעט נישט די גענדז, אויב זיצן וועלן מיר אין קאָמפּאַניע, וועט זיין היימלעכער...

אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש, דער דירעקטאָר פון גאַרפּראָמקאָמבינאַט, האָט זיך געשפּיגלט אין אַ גלאָז סאַמאַגאָן און זיך געיִשובט צי זאָל ער אויסטרינקען, צי זאָל ער אויסוואַרטן. אָבער צוהערנדיק דעם צעהיצטן געשפּרעך פון זיינע מיטטרינקער, האָט ער זיך תיכּף אויסגעניכטערט, דער פּאַטריאָט האָט זיך אין אים דערוועקט, אַ כאַפּ געטון דאָס גלאָז סאַמאַגאָן און מיט רציחה אַ גאָס געטון אַנציסן אין פּנים אַריין, זיך פאַרכליניענדיק אין אַ ווולגאַרן געלעכטער:

— אָט אַזוי האַנדלען מיר קעגן אונדזערע שונאים, פּאָניאַטנאָ? סוקין־סין, מערזאַוויעץ, פּראָכוואָסט, קאָנטררעוואָלוציאָנער!

— מאַשעניק! כוליגאַן! אויסוווּרף! — האָט זיך אַנציס אַ צעהיצטער און אויפגערעגטער זיך אַ וואָרף געטון צו אַלעקסייען און באַלד האָבן זיך פאַרוויקלט הענט און פיס, אַנגעלאָפענע האַלב־שיכּורע אויגן האָבן געזוכט צו דערלאַנגען, דורס צו זיין... פלעשער זענען געפלויגן אין דער לופטן. ס׳איז געוואָרן אַ האַרמידער. זיך קוים־האַלטנדיק אויף די פיס האָבן זיי זיך אַלע פיר איינגעקלאַמערט איינס אין אַנדערן. די קלעפּ און געשרייען האָבן אָפּגעהילכט טעמפּ און הויל.

אין דרויסן איז געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף. ביי די פענצטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט נייגעריקע פאַרבייגייער. דער באַלעבאָס פון דער פּיוונושקע,

— אַ געזונטער, גוט־אַנגעזויפּטער אוזבעק, — האָט מיט זיינע אייזערנע פּאַר הענט, קוים פונאַנדערגעטיילט די שיכורים און זיי צוריק אַנידערגע־זעצט אויף די ערטער — פאַרסאַפּעטע און פאַרמאַטערטע.

אַלעקסייעוו האָט באַלד אַ נישטער געטון מיט די אויגן און דערזעענ־דיק אַ לייטישן טיש, האָט ער אַ געשריי געטון:

— העי, צאַדיקאָוו, פּאַדאַוואַי!

באַלד האָט דער כיטרער אייגנטימער פון דער פּיוונושקע, וואָס האָט גוט געקענט זיינע געסט, אַרויפדערלאַנגט אויפן טיש פון כל־טוב. אַלעק־סייעוו האָט אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז סאַמאָגאָן, און נישט וואַרטנדיק ביז עמעצער וועט אים נאָכטון, אַ שמעק געטון צום גלאָז און אויסגערופן:

— נו, נאַ זדאַראָוויע, אַנציס! — און מיט איין אָטעם אויסגעליידיקט דאָס גלאָז.

ס׳איז געוואָרן שטיל. מ׳האָט מער נישט געהערט ווי דעם געקנאַק פון פעסטע ציין און אַ שווער פּרייכן פון די פיר עסערס.

אין איין מאָמענט איז דער גאַנצער סיכסוך פאַרגעסן געוואָרן. גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, האָבן זיך די גלעזער אויסגעליידיקט איינס נאָכן אַנדערן. ווען באַכמאַדינאָוו האָט באַמערקט שטיין ביי דער טיר צוויי מיליציאָנערן, וואָס זענען געקומען אַנצולויפן בעתן סקאַנדאַל און נישט געוואָגט צוצוגיין צו די נאַטשאַלניקעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ גריוסע ראָלע אין שטאָט, — האָט ער זיי צוגערופן צום טישל, צוגערוקט נאָך צוויי שטולן און מ׳האָט אויף ס׳ניי אָנגעהויבן טרינקען פאַרן וויל פון פאַ־טערלאַנד, פאַרן שנעלן סוף פון דער מילחמה און פאַר דער פאַרניכטונג פון אַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערן — די שונאים פון אַרבעטערקלאַס.

אַנציס האָט אַ שמייכל געטון אַלעקסייעוון גלייך אין פּנים אַריין.

שפּעט אין אָוונט האָט אַנציס באַצאָלט דעם רעכענונג פאַר זיך און פאַר זיינע דריי אויבערהאַרן, וואָס גנבענען, גזלענען און לעבן אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון עקספּלואַטירטן און עלנטן אַרבעטער, וואָס האָט נאָך נישט דאָ אין לאַנד פון זיינע חלומות זאָט אָפּצועסן און באַקוועם זיך אויסצורוען...

קאַפּיטל זעקס

מיט אונדז אָדער קעגן אונדז

דאָס יאָר האָט זיך געשטעלט אַ פּרעכטיקער זומער. ס׳איז אַזוי אָנ־געגעם אין די גאַסן, כאָטש די היץ גרייכט טייל מאָל ביז אַריבער פופציק גראַד. אָבער טרוקן און מחיהדיק. אונטער די שאָטנס פון די אַקאַציע־ביימער איז טעם גן־עדן.

ס׳איז דאָס פערטע יאָר פון דער מילחמה, מע פילט, אַט־אָט און דער גורל פון די פּליטים ווערט געלייזט. עפּעס נייעס וועט ברענגען דער אויס־גאַנג פונעם קריג.

צאַלע אַנציס איז אַ גאַנצע שישקע ביי די סאָוויעטן. ער איז עולה־לגדולה געוואָרן. ער איז דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק. פון דער נאַ־טור אַ צוגעלאָזענער האָבן זיך צו אים אַלע פּליטים געקלעפּט און יעדער איינער האָט אָפּגעטראָגן זיין שוועל נאָך אַ טובה, נאָך אַן עצה און גוט וואָרט. די העכערע נאַטשאַלסטווע האָט פון אים געהאַלטן אַ וועלט. זיי האָבן אין אים דערפילט אַ נאַש־בראַט און אַן אויסטויגער און אַז ער האָט זיך אויסגעטויגט, האָט זיך עס זיי געלויבט. זיין שם איז דערגאַנגען וויט אויסער זיין שטאָט און אין די צענטראַלע אינסטאַנצן איז זיין נאָמען גע־וואקסן און געלויבט געוואָרן ווי אַ גוטער אַרבעטער, אַ גוטער אַדמיניס־טראַטאָר, אַ גוטער דירעקטאָר — אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

זיין פאַבריק ווו ס׳זענען געווען באַשעפטיקט אַ סך אַרבעטער, האָט זיך געפינען אין זשעלעזנאָדאָראָזשנעם ראַיאָן, האָרט ביי דער באַן־סטאַנ־ציע. מערסטנטייל האָט ער באַשעפטיקט פּליטים, דער עיקר אויף די פאַר־אַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.

באַכמאַדינאָוו, דער פּרעדסעדאַטעל פון ראַיספּאָלקאָם, האָט געעפנט

די טיר פון אַנציסעס קאַבינעט, נישט אַנקלאַפנדיק, ווי ס'איז די טבע פון די הויכע נאַטשאַלניקעס, און אים איינגערוימט אין אויער:

— גיי אַריין, אַנציס, אין מיין קאַבינעט, ס'וואַרט אויף דיר אַ וויכ־טיקער מענטש.

אַנציס האָט לכתחילה געוואָלט אַרויסווייזן זיין טראַציקייט און אים אָן ענטפער טון, אַז יענע שישקע דאַרף אים זאָל ער קומען צו אים, אָבער דערפילנדיק דעם טאָן פון באַכמאַדינאָווס שעפּטש אויפן אויער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין עפּעס גאָר אַ וויכטיקער פּאַרשוין און ער איז אַוועק אין ראַיספּאָלקאָם.

אין באַכמאַדינאָווס קאַבינעט איז אויף זיין בענקל געזעסן איינער מיט אַ גלאַט־ראַזירטן קאָפּ און אַ פּאָר קליינטשיק־פאַרזשמורעטע אייגעלעך, מיט אויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן און אַ פּאָר פליישיק־רויטע גראָבע ליפּן. יענער האָט אים דורכדרינגלעך דורכגעשטאָכן מיט די אויגן און נאָכ־לאָזיק אים אָנגעוויזן אויף דער דערנעבנדיקער שטול:

— זעץ זיך!

אַנציס האָט זיך אָן שום שהיות אַוועקגעזעצט.

— דו פאַרשטייסט, טאָוואַרישטש, — האָט דער אַנטקעגנזיצנדיקער פּאַרשוין אַריינגעקוקט אין דער טעקע מיט די פּאַפּירן וואָס ער האָט געהאַט ליגן פאַר זיך — פאַרשטייסט, ס'איז איצט מילחמה. דאָס לאַנד גייט אָפּ אין בלוט, פאַרשטייסט... — ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיק פּאַפּיר און אָנגעהויבן פאַרצייכענען:

— ווי רופט מען דיך?

אַנציס האָט געענטפערט.

דער מענטש האָט אים ווייטער געפרעגט אייניקע פראַגע און זיך אויפשטעלנדיק פון אָרט אָנגעהויבן שפּריזן איבערן קאַבינעט, פאַרדרייענ־דיק אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַנציסן און אַ זאָג געטון מיט אַ בלינצל פון די קאַלט־פאַרזשמורעטע אויגן:

— פאַרשטייסט, טאָוואַרישטש אַנציס, ביסט ביי אונדז אַ גרויסע שישקע. אונדזער מלוכה האָט דיר אָנגעטרויט אַ גרויסע פאַבריק מיט אַ סך אַרבעטער, אַ גרויס פאַרמעגן. איצט איז מילחמה־צייט, מיר האָבן אַ

סך שונאים... דאָ ביי אונדז און אַרום אונדז דרייען זיך אַרום אַ סך פּליטים פון פּוילן, וואָס זענען נישט צופרידן מיט אונדז און פון אונדז. דו מוזסט אונדז העלפן די דאָזיקע שונאים צו דעמאַסקירן, דאַרפסט העלפן אונדזער רעגירונג און פּאַרטיי אין איר געראַנגל.

אַנציס האָט אים דורכדרינגלעך נאָכגעפאָרשט און יעדעס וואָרט זיינס האָט אים דורכגעשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ.

— צו וואָס זיך שפּילן אין באַהעלטעניש, — האָט דער פאַרשוין מיטן גלאַנציקן קאָפּ געשלונגען וואָלקנס רויך פון זיין עיפּושדיקן מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס און ווייטער פאַרגעזעצט: — איך הייס אַלעקסייעוו, בין דער נאַטשאַלניק פון דער ען־קאַ־גע־בע[1] פאַרשטאַנען?

— איז דאָ דער אָרט? — האָט אַנציס טראַציק אַרויסגערעדט — אין דער אַרבעטצייט רופסטו מיך אַוועק פון דער אַרבעט און ווילסט אַזוי דערליידיקן אַזאַ וויכטיקן מלוכה־ענין?

אַלעקסייעוו האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ ווילדטייוולאַניש געלעכטערל, אָפּגעמאָסטן אַנציסן פון אויבן ביז אַראָפּ און אַ זאָג געטון:

— לאַדנאָ, איך וואַרט אויף דיר היינט, ביין אַזייגער אין אָוונט, דריטער צימער, די טיר איז אָפן.

אַנציס האָט קאָנוווּלסיוו אַ ציטער געטון.

אַלעקסייעוו האָט נישט קוקנדיק אויף אַנציסן צונויפגעלייגט זיינע פּאַפּירן און איז אָן אַ זיי געזוגט אַרויס פון באַכמאַדינאָווס קאַבינעט.

אַנציס האָט צונויפגעדרייט אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס, טיף אַריינגעצויגן דעם רויך און געבליבן זיצן אויפן זעלבן אָרט פאַרזונקען אין מחשבות, ביז באַכמאַדינאָוו, דער פאַרזיצער פון ראַיספּאָלקאָם, האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות.

***

שיין זענען די נעכט פון סאַמאַרקאַנד, אָבער אויפן קאָאָפּעראַטיוונע געסל, דאָרט ווו ס'נעסטיקט אַלעקסייעוו, איז פינצטער און פוסט. די לבנה

---

[1] מיניסטעריום פאַר מלוכה־זיכערקייט

רוקט זיך אַלץ ווייטער צו טרודאָוואַיאַ גאַס, צום גרויסן אַריק, דעם וועג וואָס פירט צו די גרויסע קאָלכאָזן, און שפיגלט אָפּ איר בלייך־מאַטן פּנים אין די וואַסערן, וואָס רייסן זיך אויפן וועג צו די קלענערע אַריקן, צו באַגיסן די פעלדער, צו שטילן דעם דאָרשט פון בלום און גראָז.

אַנציס גייט מיט שלאָבעריקע טריט. ס׳פעלט נאָך פינף מינוט צו ניין. דאָ העלפן נישט קיין שום טריקן, אַז אַלעקסייעוו רופט מוז מען גיין. אָבער טיף ביי זיך אין האַרצן באַשליסט ער: ס׳מעג זיין וואָס עס וויל — אויספירן וועט דער אַלעקסייעוו ביי אים גאָרנישט.

דער הויף איז שטיל, איינגעהילט אין מיסטעריע. מע זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש, כאָטש דער בנין איז גרויס. קיין מיליציאָנער נישט אַפילו אויף אַ רפואה. דער קאָרידאָר איז לאַנג. די טיר צום דריטן צימער איז אָפן.

אין אַ לאַנגן געררוימען קאַבינעט, אויסטאַפּעטירט מיט די בילדער פון די פירער פון לאַנד, ביי אַ גרויסן שרייבטיש גלאַנצן פון וויטנס, ביים שיין פון עלעקטרישן לאָמפּ, דער גלאַט־אויסראַזירטער קאָפּ אַלעקסייעווס ווי אַ קופּערנע פּאַן ביי אַ נגידישער שטעטלשער באַלעבאָסטע. איינגעהילט אין אַ קנויל רויך שיילן זיך אויס די אויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן זיינע.

אַנציס האָט זיך דערנענטערט צום טיש און אַלעקסייעוו האָט אים פאַרבעטן צו זיצן.

אַ שטילשווייגן.ביידע רייכערן און קוקן זיך דורכדרינגלעך אָן ווי צוויי ריוואַליזירנדיקע העגער — גרייטע צום קאַמף.

אַלעקסייעוו עפנט אויף זיין טעקע מיט די פּאַפּירן, נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, שניידט אַרום גלאַט, מיט אַ קליין גלאַנציק מעסערל זיינע ברעגן. אַנציס בייסט זיינע נעגל.

— אַזוי, אַזוי — ברומט אַרויס אַלעקסייעוו — וואָט טשטאָ, ס׳איז איצט מילחמה און דיינע פּוילישע ייִדן, די געוועזענע פּאַנעס גייען אַרום און מרוקען און וואַרטשען אויף אונדזער רעגירונג, זיי געפעלט נישט אונדזערע פאַראָנדקעס, פאַרשטייסט?

— איך הער גאָרנישט — צישעט אַרויס אַנציס, — איך אַרבעט מיט זיי צוזאַמען, איך בין איינער פון זיי און מיר רעדן גאָרנישט. ס׳איז איצט מילחמה. מיר האָבן דאָ אויסגעוואַרט דעם שטורעם, פאַרוואָס זאָלן מיר רעדן.

— אַלזאָ, פֿאַרלאַנג איך פֿון דיר, טאָוואַרישטש אַנציס, דו זאָלסט אונדז העלפֿן אויסגעפֿינען די אַלע מענטשן, וואָס זענען נישט צופֿרידן מיט אונדז און זיי איזאָלירן פֿון דער געזעלשאַפֿט, בכדי נישט אַנצושטעקן די אַלע אַנדערע.

אַנציס האָט געשלונגען וואַלקנס רויך און געשוויגן.

אַלעקסייעוו האָט אַרויסגענומען פֿון אַ טישקעסטל אַ שטיקל פּאַפּיר און אונטערגערוקט אַנציסן:

— נעם שרייב אונטער אַן אַרבעט־אָפּמאַך.

אַנציס האָט נישט־אַריינקוקנדיק אין פּאַפּירל אים אַ שאַר אָפּ געטון פֿון זיך:

— צו וואָס טויג עס, טאָוואַרישטש אַלעקסייעוו, צו וואָס נוצן אומנייטיקע פּאַפּירלעך, אַז כ׳גיי אַריין למשל אין זאַגס[1] און מאַך אַ פּאַפּירל מיט אַ פֿרוי און אַז זי געפֿעלט מיר נישט נאָך דעם, וואַרף איך זי אַרויס, צוזאַמען מיטן פּאַפּירל. צו וואָס טויגן זיי, די פּאַפּירן. לאָמיר זיך גלייבן אויפֿן וואָרט.

— נו, לאַדנאָ — האָט אַלעקסייעוו אַ וואָרטשע געטון — איך דערוואַרט דיך דעם צווייטן דינסטיק, פּונקט ניין אַזייגער, דריטער צימער, די טיר איז אָפֿן. און ברענג מיר ידיעות וועגן דיינע מענטשן, ווי זיי פֿאַרהאַלטן זיך און וואָס זיי רעדן, פּאָניאַטנאָ?

אַנציס האָט זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן, צוגעוואָרפֿן אין דער שטיל „אַ גוטע נאַכט״ און איז האַסטיק אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם קאַבינעט.

אַלעקסייעוו האָט אַ וואָרף געטון זיין נישט דערברענטן פּאַפּיראָס אויפֿן דיל, אויסגעשפּיגן און אַ וואָרטשע געטון ווי אַ בייזער הונט, וואָס מ׳האָט אַרויסגעכאַפּט ביי אים דעם פֿעטן ביין פֿון פּיסק.

⁂

אַנציס איז אַרויסגעלאָפֿן מיט אַן אָפּגעגאָסענעם קאַלטן שוויס. ער איז געלאָפֿן צו זיך אַהיים, אָנגעלאָדן פֿול מיט צאָרן אויפֿן דאָזיקן אַלעק־

---

[1] אַמט ווו ס׳ווערן רעגיסטרירט חתונות און גטן

סייעוו, וואָס האָט זיך פאַרלייגט אויף אים, אַריינצושלעפּן אין אַזאַ מיאוס געשעפט. איצט, ווען די מילחמה האַלט זיך שוין ביים ענדיקן, ער איז צו־געקומען צו זיין קיביטקע. ס׳איז שוין געווען שפּעט. זיין פרוי און קינדער זענען געשלאָפן. אַלץ אַרום איז געווען איינגעהילט אין שטילקייט. פון די וויטליגנדיקע היילן האָט זיך אַ סטאַיע שאַקאַלן צעוואָיעט, פאַררייסנדיק די מאָרדעס קעגן דער לבנה. פון שכנס קיביטקע איז זיך זיין אייזל פאַר־גאַנגען אין אַ געוויין...

ער איז אַריין אין שטעלכל, גענומען אַ שטריק און זיך געוואָלט פאַר־לייגן אויפן האַלדז, אַ סוף צו מאַכן צום לעבן. כאָטש ער האָט שטאַרק גע־זשאַלעוועט זיין פרוי און קינדער, האָט אים אָבער אַלעקסייעווס פאַרשלאַג צו ווערן אַ מסור אַזוי טיף צערודערט אַז ס׳איז שוין אַ סך גלייכער דער טויט.

אַנציס האָט אָנגעטון די שטריק אויפן האַלדז און אָנגעהויבן צוצו־דריקן די פּעטליע.

אַ נאַכטפויגל האָט זיך צערעוועט צווישן די בעלקעס פון בוידעם, באַלד האָבן אין כאָר אָפּגעענטפערט נאָך עטלעכע פייגל.

די לבנה האָט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר העלע ליכטפּאַסן און אַ לייכט געטון אַנציסן אין פּנים אַריין. די שטריק אין האַנט איז ווי באַזילבערט געוואָרן און זיינע הענט האָבן אויסגעזען ווי די הענט פון זיין זיידן, ווען מ׳האָט אים געבראַכט פון דאָקטאָר אין דער נאַכט פון כל־נדרי, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

אַנציס האָט אויפגעציטערט. ער האָט האַסטיק אַראָפּגעריסן דעם שלייף פון זיין האַלדז, אַ וואָרף געטון אויף דער ערד און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער:

— זע נאַר, זע, איך האָב נאָך אַ וואָך צייט, און ביז דעמאָלט־אַ קאָנען נאָך אַ סך וואַסערן אין אַריק אָפּפליסן.

ער איז האַסטיק אַרויס פונעם שטאַל, צוקלאַפּנדיק די טיר. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. דער גאַנצער געפּלאָנטער אין קאָפּ מיט טרויעריקע דערמאָנונגען פון היינטיקן אָוונט זענען ווי אָפּגעמעקט געוואָרן.

אַ לייכט ווינטל האָט זיך פונאַנדערגעהוליעט אין זיין צעשויבערטער

טשופּריגע... די לבנה איז אַפּערגעשוווּמען צווישן די היילן און בערגלעך אויפן האָריזאָנט און באַלויכטן מיט אַ העל ליכט אַנציסעס געלליימיקע קיביטקע.

***

אַ גאַנצע וואָך איז אַנציס אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, פאַרשלאָסן אין זיך, פאַרזונקען אין מחשבות. ער האָט אויסגעמיטן צו רעדן אַן איבע־ריק וואָרט און איז געגאַנגען צום באַנבופעט, ווו דער גריך — דער פאַר־וואַלטער — האָט אים אַריינגעפירט אין זיין חדר־מיוחד און אים באַזאָרגט מיט שטאַרקן בראָנפן, אין וועלכן ער האָט דערטרונקען זיין כעס און האַס צו די אַלע אַלעקסייעווס.

אַנציסן איז לייכטער געוואָרן. מיטן מאָמענט ווען ער האָט באַשלאָסן צו שטאַרבן, איז אים לייכטער געוואָרן דאָס לעבן. ער האָט געאַרבעט מיט מער ענערגיע ווי פריער, אָבער ווען ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן אַלעק־סייעוון, וועגן זיין חוצפּה, האָט ער געמוזט אָנקומען צום בראָנפן...

און אָט איז דינסטיק, אַ פּאָר מינוט צו ניין אַזייגער. אַנציס שפּאַצירט נאָך מיט זיינע פריינד ביים וואָקזאַל און שעפּט אָן פולע לונגען מיטן פרעכ־טיקן אַראָמאַט פון די אַקאַציע־ביימער. ער איז היינט רויק, געלאַסן, ווי קיין מאָל גאָרנישט. נישט ער טראַכט וועגן אַלעקסייעוון, און נישט ער טראַכט וועגן וואָס צו רעדן מיט אים.

דער זייגער אויפן וואָקזאַל־טורעם האָט אויסגעשלאָגן ניין. אַנציס האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיינע פריינד און מיט געמאָסטענע טריט זיך אַריינגעדרייט אין דער קאָאָפּעראַטיווע גאַס צום בנין פון דער ען־קאַ־גע־בע. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון דריטן צימער, ביי דער אָפענער טיר און דורכגעשפּיזט פון ווייטנס אַלעקסייעוון.

אַלעקסייעוו האָט אויפגעהויבן די אויגן, אַ שמייכל געטון צו אַנציסן און אים צוגערופן מיטן פינגער:

— דאַוואַי סיודאַ, קום אַהער, נעבעטער.

— טאָוואַרישטש באַטשאַלניק — האָט טראַציק מיט אַ זיכער קול אַרויסגערעדט אַנציס — דו קענסט מיך פריילאָזן, צי נישט? איך האָב זיך

קיין מאָל מיט אַזעלכע ענינים נישט פאַרנומען און האָב זיך נישט בדעה צו פאַרנעמען.

אַ פיינלעך שטילשווייגן האָט געהערשט אינעם גרויסן צימער. אַלעק־סייעוו האָט זיך נערוועז געדרייט אויפן שטול, וואָס האָט זיך צעסקריפּעט. אַנציס איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געביסן די נעגל.

אַלעקסייעוו האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול, זיך אַ פּאָר מאָל אַרום־געדרייט אַרום טיש, זיך פּלוצים געווענדט צו אַנציסן מיט אַ צישע פול מיט רוגזה:

— לאַדנאָ, גוט, אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין, סוקין־סין! גיי און ווייז זיך נישט מער אויף די אויגן.

אַנציס האָט זיך אַ וואַקל געטון און הינטערווייליקעך אַרויס פון צי־מער אין איין אָטעם ווי אַ געיאָגטער פון טויזנטער שטורעמס אָנגעהויבן צו לויפן. ער האָט רק מורא געהאַט טאָמער יאָגט אים ווער פון הינטן. שווער סאָפּענדיק איז ער דערלאָפן צו מיכאַילאָווסקי־פּערעולאָק, ווו ער האָט געוווינט. דער געביל פון די שכנישע הינט האָט אים דערמוטיקט און באַ־רויקט. איבערן הויף האָט זיך צעגאָסן דאָס קול פון זיין באַלעבאָסטע שאָש־קאָוואַ, וואָס האָט זיך אָנגעשיכורט און מיט געזאַנג פאַרוויגט איר פאַר־ביטערטע נשמה...

ער איז אַריינגעלאָפן אין זיין קיביטקע נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו קיינעם, זיך אַ וואָרף געטון אין אָנגעטועכטס אויפן געלעגער.

צווישן די היילן האָבן זיך צעוואָיעט די שאַקאַלן.

*****

דאָס לעבן איז זיך ווייטער געפלאָסן נאָרמאַל. די מילחמה האָלט שוין ביים סוף. אַנציס איז פאַרטון אין זיין אַרבעט, זיין פאַבריק גייט אויף דער פולער פּאַרע. ער האָט שוין פאַרגעסן וועגן אַלעקסייעוון, כאָטש, ווען ער פלעגט אַ טראַכט טון וועגן אים פלעגט ער זיך וווּנדערן, וואָס דער דאָזי־קער בייזער חברה־מאַן האָט אים אַזוי שנעל אָפּגעלאָזט.

אין אַ פרימאָרגן, ווען אַנציס איז געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט ער

באַמערקט אַלעקסייעוון. ער איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און אַרויסגענומען די צינדמאַשינקע צו פֿאַררייכערן זיין פּאַפּיראָס. אַנציס איז נישט־טראַכטנדיק צוגעשפּרונגען:

— טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק, גיט צו פֿאַררייכערן.

אַלעקסייעוו האָט געוואָרפֿן אַ זייטיקן בליק אויף אים, אויסגעלאָשן דאָס צינדערל, נאָך אַ מאָל אָנגעצונדן און אַרויסגעצישעט צווישן די ציין:

— נאַ, פֿאַררייכער — און אים אונטערגערוקט דאָס צינדערל אונטער דער נאָז, אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און געזאָגט אין יידיש:

— דו ק... אויף מיר, האַ?

— ס׳קאָן זיין, אַז יאָ — האָט אים אַנציס געענטפֿערט אויף רוסיש.

אַלעקסייעוו איז רויט געוואָרן. אַנציסן האָט געטרייסלט אַ צאָן אין אַ צאָן. זיי האָבן זיך ביידע, ווי לויט אַ פּריקאַז, וואָס עמעצער וואָלט זיי געגעבן, אַוועקגעדרייט איינער פֿון צווייטן און אַוועק...

***

— ווער איז דאָ דער באַלעבאָס? — האָט זיך אַלעקסייעוו אַריינגעשטעלט אין דער ביוראָ פֿון אַנציסן.

— איך — האָט אַנציס געענטפֿערט. דער זעענדיק אַלעקסייעוון האָט ער זיך פֿאַררויטלט און אים געבעטן זיך זעצן.

— אין וואָס גייט עס — האָט אַנציס געפֿרעגט זיין גאַסט.

— פֿאַרשטייסטו מיך, טאָוואַרישטש אַנציס, דו האָסט איצט, זע איך, אַ סך זייד און מיר פֿאַרגלוסט זיך צו האָבן אַ ווייסן זיידענעם קאָסטיום, אָט אַזוי ווי אַלע נאַטשאַלניקעס טראָגן.

— יאָ — האָט אַנציס אַ לאַך געטון — ס׳איז דאָך נישט מיינע, ס׳איז מלוכהשע ווי קאָן איך עס נעמען, פֿאַרן פֿאַרשווענדן מלוכהש פֿאַרמעגן גייט מען פֿאַד־סוד.

אַלעקסייעוו האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט:

— עך טי טשודאַק, דו מיינסט אַז איך ווייס נישט, אַז דו ווייסט ווי מע מאַכט עס — מיט מיר שפּילסטו זיך אויך אין באַהעלטעלעך?

אַנציס האָט אַ שמייכל געטון.

— ווּעסט ברענגען אַן אָרדער פון אָבלטאָרג־אָטדיעל, פון פּאַרקויף־אַמט, וועל איך דיר געבן מיט פאַרגעניגן.

אַלעקסייעוו האָט זיך גאַליק צעשמייכלט.

— אַז איך וועל דיך וועלן היטן, און נישט לאָזן טון דאָס אַלץ וואָס דו טוסט, וועל איך עס באַווייזן, פאַרשטאַנען? דו מיינסט, אַז איך האָב דיך דעמאָלט אַפּגעלאָזט אַזוי לייכט איז דערפאַר ווייל כ׳האָב זיך מיט דיר קיין עצה נישט געקאָנט געבן? כ׳האָב עס געטון דערפאַר ווייל איך האָב געפילט, אַז דו האָסט אָנגענומען אַ דראַסטישן באַשלוס, אָבער אויך דאָס האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן. איך האָב שטאַרקערע פון דיר איינגעביסן. דו האָסט מזל, דו ביסט שטאַרקער פון מיר, כאָטש מיין מאַכט איז גרעסער; דו האָסט זייד און מאַנופאַקטור און פאַר דעם בוקט זיך אַפילו דער סאַמע־ראָדנער קיסר אַליין, פאַניעמאַיעש?

אַנציס האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול:

— צו וואָס שפּילן מיר ביידע די ראָל, מיר זענען דאָך ביידע ייִדן, איר דאַרפט סחורה אויף אַ ווייסן זיידענעם קאָסטיום און איך דערפאַר — רו, איר זאָלט מיך לאָזן צורו, בכדי איך זאָל קאָנען איבערוואַרטן דעם סוף פון דער מילחמה, אַהיימקומען און טרעפן נאָך ביים לעבן עמעצן פון מייניקע, איר פאַרשטייט, טאָוואַרישטש אַלעקסייעוו?

***

אין דער דערנעבנדיקער פּיוונושקע, האָבן אַלעקסייעוו און אַנציס זיך אָנגעשלאָגן די כוסות פאַר גוט־ברודערשאַפט און פאַר דער גיכער באַפרייונג פון ייִדישן פּליט...

קאַפּיטל זיבן

פּאַליט־גראַמאַטע[1]

אין וואַרשע, נאָך פאַר דער מילחמה, איז דער אַקטיאָר שמואל גאַר־פּיין געווען אַ שטיקל מענטש. ער איז געגאַנגען גוט אָנגעטון, נעט געפּאַסט, אַזוי ווי אַלע מענטשן אין יענער פאַרמילחמהדיקער וועלט.

אָבער דאָ, אינעם לאַנד פון גלייכקייט און ברידערלעכקייט, ווען ער האָט דערפילט דעם ביטערן טעם פון הונגער — דעם כסדרדיקן גאַסט אין זיין קיביטקע, וואָס האָט אויסגעזען נישט שענער ווי די בודע פונעם סטרוזשס הונט, אין זיין הויף אין וואַרשע, האָט ער באַקומען גאָר אַן אַנ־דער פּנים: דער גוף איינגעדאַרט, איינגעקוואַרט, די אויגן טיף אַריינגע־קראָכן אינעם שאַרבן, די הענט געלבלעך און דאַר ווי שטעקעלעך, דער קאָפּ מיט דער ליסינע געל ווי וואַקס און אין די לייוונטענע טאַפּאָטשקעס אויף די פיס האָט ער אויסגעזען ווי אַ קינד וואָס איז קראַנק אויף דער ענגלישער קרענק. ער האָט גערעדט שוואַך, קוים וואָס מ׳האָט געהערט אַ וואָרט. די שיינע שוואַרצע וואָנסעס, וואָס ער האָט געטראָגן אין וואַרשע און וואָס האָבן אויסגעדריקט זיין מענערישקייט, האָט ער דאָ שוין אויך אָפּגעשוירן.

— אויס מיט די וואָנסעס, מיין כפּרה זאָלן זיי זיין — האָט ער אַ רע־זיגנירטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, גלייך ווי ער האָט זיי אָפּגעראַ־זירט — אויב היטלער טראָגט וואָנסעס און סטאַלין אויך, דאַרף איך עס אויף כּפּרות, איז נישט קיין יחוס צו זיין אַ באַוואָנסעטער, בפרט נאָך ווען די לייז האָבן אַ טבע, אַז ווו זיי געפינען אַ פּאָר האָר פאַרלייגן זיי אַ נעסט, און גיי, טו זיי עפּעס...

---

[1] פּאַליטישער באַוווסטזיין.

זינט ער האָט אָפּגעשוירן די וואָנסעס, איז ער געוואָרן אַן אַנטי־וואָנ־סיסט. ווו ער האָט דערזען אַ מענטש מיט וואָנסעס, האָט ער פֿון אים גע־וויכט, אָט ווי אַ רייכערער, וואָס האָט אָוועקגעוואָרפֿן דאָס רייכערן אי־בערגעוואַלד, אַנטלויפֿט פֿון רויך.

דאָ איז אָבער שווער צו אַנטלויפֿן פֿון אַ סך זאַכן וואָס געפֿעלן נישט און אַז ער האָט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון פֿאַביאַניצער שוסטער אויפֿן קישמיש־זאַוואָד באַקומען אַרבעט ווי אַ קערער אין דער בריגאַדע פֿון איליטשענקאָ, וואָס האָט געטראָגן אַ פּאָר וואָנסעס, גרויסע און געדיכטע, דערצו נאָך געלע ווי דער שוואָקס מיט וועלכן ער האָט נאָך אין וואַרשע געריניקט זיינע געלע שיך, איז ער ממש אויפֿגעציטערט געוואָרן.

— אַ מזל איך האָב — האָט ער געטענהט צו זיין פּראָטעקטאָר, דעם שוסטער אַבוכאָווסקי פֿון פֿאַביאַניץ — פֿון וואָס איך אַנטלויף — קומט מיר שטענדיק אַנטקעגן, נאָר ווי אויף צו להכעיס.

אָבער נאָך דעם ווי מ׳האָט אים אַרויסגעשמיסן פֿון כלאָפּזאַוואָד, ווייל ער האָט נישט נושא־חן געווען ביים בריגאַדיר, וואָס האָט נאָר געזוכט שטאַר־קע און געזונטע אַרבעטער, און אויך פֿון גלאַווטאַבאַק,[1] ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן; דער טאַבאַק האָט אים געגריזשעט אין האַלדז, — איז ער, בלית־ברירה, אַוועק רוימען אין קישמיש־זאַוואָד.

אַ מזל אַזאַ האָט ער געהאַט, דער שמואל גאַרפֿיין! אים האָט מען שטענ־דיק, אָן שום שהיות, באַפֿרייט פֿון דער אַרבעט. אין דער צייט ווען אַלע וואָלטן אַוועקגעגעבן גאָר אַ סך צו קאָנען אויסוויילן אַן אַרבעט און געפֿינען אַן אַרבעטפּלאַץ וווּ מע קאָן אָפּעסן אויפֿן אָרט און נאָך עפּעס אַרויסטראָגן צום פֿאַרקויפֿן אויף ברויט פֿאַר ווייב און קינד.

לכתחילה האָט גאַרפֿיין אָנגעהויבן אַרבעטן אין קישמישנעם זאַוואָד, וווּ מ׳האָט צו עסן ראָזשינקעס וויפֿל מע וויל. יעדן טאָג, אָן אויפֿהער, אָן אָפּהאַלט קומט דאָ פֿאַר אַ געגיי, אַ געפֿאַר מיט קעמלען, באַלאָדענע מיט כל־טוב. פֿון קאָלכאָזנע סעדער און גערטנער ברענגט מען אַהער זעק מיט

---

[1] טאַבאַק־פֿאַבריק

פרישע און געטריקנטע פרוכטן, געפירט פון קליינע אייזעלעך אויף וועלכע ס'זיצן אוזבעקן און זינגען זיך צו אַ לידל. אַ סך אַרבעס זעט מען דאָ גע־שפּאַנטע אין פערד און אייזלען. דאָס גיבן אַוועק די קאָלכאָזניקעס זייער טייל דער מלוכה. דאָ ווערן די אָנגעברענגטע פרוכטן פאַרוואַנדלט אין פאַרשידע־נע קאָמפּאָטן, ווארעניעס און פּאַסטעס. מע שיקט עס אַוועק קיין מאָסקווע און אין אַנדערע גרויסע שטעט. דאָ עסט יעדער אַרבעטער אויפן אָרט וויפל נאָר עס גלוסט אים. פון עסן אַ סך פרוכטן באַקומט מען אַ פּאָנאָס,[1] אַ בלוטי־קע דעזיגטעריע און מע פאַלט אַוועק. די אַבער, וואָס טויגן זיך אויס, טראָגן אַרויס סלאָיקלעך מיט איינגעמאַכטס און מע פאַרקויפט עס אויפן באַזאַר.

אַבער שמואל גאָרפיין קאָן נישט די מלאכה פון מאַכן בלאַט מיטן אַכראַניק, וואָס נישטערט און טאַפּט און דרינגט אַדורך מיט די אויגן, כדי צו ווערן אַ שותף מיטן אַרויסטראָגער. דער וואָס ווייסט די מלאכה פון חצי שלי וחצי שלך לעבט און לאַכט פון דער וועלט. אַבער שמואל גאָרפיין האָט בלויז אָנגעלעבט און זיך איינגעשאַפּט אַ בלוטיקע דעזינטעריע. ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון שפּיטאָל, אַלץ אַ דאַנק דעם אַבוכאָווסקי פון פּאַביאַניץ, וואָס איז געווען פאַרליבט אין אַקטיאָרן און שרייבער און גע־וועזענע מענטשן, איז ער אַריינגעפאַלן אין איליטשענקאָס בריגאַדע, דער איליטשענקאָ וואָס האָט געהאַט אַ טונקעלע פאַרגאַנגענהייט און אַ לענגערע מאַטערניש ווי צו פלעגן זיינע געלוואַקסענע וואַנסעס.

איליטשענקאָ איז דאָ אַמאָל געווען אין דער שטאָט אַ גרויסע שישקע, איינער פון די סעקרעטאַרן פון דער פּאַרטיי און פאַר אַ גרויסן חטא איז ער אַריינגעפאַלן אין תפיסה, אַבער צוליב דעם וואָס ער האָט געוווּסט אַ סך זאַכן און סודות האָט מען אים אויפן דריטן יאָר זיצן אַרויסגעשלעפּט פון טורמע, מער אַבער צו זיין אַמט האָט ער זיך נישט אומגעקערט. ער איז געוואָרן בריגאַדיר פון די קערער אויפן קישמישנעם זאַוואָד אַ דאַנק זיין לאַנגיאָריקן חבר, דעם דירעקטאָר מאַקסים איליטש קאָזלענקאָ.

***

[1] שילשול

אילוטשענקאָ האָט ליב געהאַט צו זיצן אויף אַן איבערגעקערטן פּאַס און נאָכקוקן ווי זיינע אַרבעטער אַרבעטן, זיך דרייען בעת מעשה די וואָג־סעס דאָ אַרויף און דאָ אַראָפּ קוקנדיק אַ פאַרחלומטער צו די צעבלויטע הימלען.

— העי פּאַלסקי פּאַן! — האָט ער זיך איין מאָל צוקוקנדיק צו גאַר־פּיינען זיך צעשריגן — ווי אַזוי קערסטו, האַ? סוקין־סין, דו.

— ביי אונדז אין וואַרשע האָב איך געקערט אַזוי — האָט אים גאַר־פּיין אַ רו:קער אָפּגעענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס ער מיינט.

— ווי אַזוי האַלטסטו דעם בעזעם? דו זעסט נישט אַז דו קערסט פון לינקס אויף רעכטס, אין דער צייט ווען ביי אונדז קערן אַלע פון רעכטס אויף לינקס — האָט זיך אילוטשענקאָ נאָך מער צעבייזערט.

גאַרפּיין האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען, באַטראַכט דעם בעזעם וואָס איז כמעט געווען אַזוי גרויס ווי ער און געשוויגן.

— איך וועל דיך אַריינוואַרפן אין האוז [1] און דיך דערטריקען ווי אַ מויז — האָט אילוטשענקאָ זיך צעיאָכמערט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם פּאַס, זיך דערנענטערט צו גאַרפּיינען, וואָס האָט אַנטקעגן דער הויכקייט און גרעבקייט פון זיין בריגאַדיר אויסגעזען ווי אַ מלופּים־קינד, אַרויסגעכאַפּט דעם בעזעם און אַליין אָנגעהויבן צו קערן:

— נאַ, סמאָטרי! קוק זיך צו, ווי אַזוי מע קערט ביי אונדז — האָט ער אַ שטאַרקן קער געטון, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטויב אַז איי־בער דעם צווייטן האָט שוין נישט געזען.

אויף די געוואַלדן איז אָנגעקומען דער דירעקטאָר פון זאַוואָד:

— אילוטשענקאָ, טשעוואָ אַריאָש, וואָס ליאַרעמסטו?

— דו זעסט נישט, מאַקסים איליטש, עטאָ פּאַלסקי פּאַן, זעסט נישט ווי ער קערט. ער קערט דאָך פון לינקס אויף רעכטס.

דער דירעקטאָר האָט אַ שמייכל געטון:

— נו לאַדנאָ, לאַדנאָ, וואָס איז פאַר אַן אונטערשיד? מאַך נישט קיין סקאַנדאַל.

---

[1] וואַסערגרוב

איליטשענקאָ איז געוואָרן אַ שטיק אָנגעצונדן פייער, ער האָט זיך צעהיצט, געוואָרטשעט עפּעס און געפּרייכט. אין גאָרפּיינס פּליך האָבן זיך איינגעגעסן די זונשטראַלן און אים געבריט, טראָפּנס שווייס זענען אים געראָנען איבער די אויגן, איבער די ליפּן און געזאַלצן געמאַכט דעם גומען.

— וואָס שרייסטו, טאָוואַרישטש בריגאַדיר — האָט זיך גאָרפּיין אין דער שטיל אָנגערופן — איך האָב נישט קיין כוח צו שרייען פאַר מיין נאַרמע ברויט, רעד איך שטיל און דו עסט אַוודאי אַ סך ברויט, שרייסטו.

איליטשענקאָ האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת און זיך צום סוף באַרויִקט דורייענדיק די וואָנסעס אויף אַרויף.

די בריגאַדע האָט געקערט דעם הויף און שטיל צווישן זיך געשמועסט:

— דו האָסט היינט געהערט אין ראַדיאָ די סוואָדקע פון סאָוואינפאָרמביוראָ? — האָט כאַסקל סאָקאָלאָווסקי געפרעגט ביי יאַנקל פּערלמאַן. — וואָס הערט זיך אויף די פראָנטן? ווי זעט אויס די לאַגע?

— קוק זיך גוט צו, סאָקאָלאָווסקי, צו אונדזער בריגאַדירס וואָנסעס ווערסטו זען — האָט ער אים געענטפערט, — אַז איך וויל וויסן די סוואָדקע, קוק איך זיך איין אין זיינע וואָנסעס: גייען די דייטשן פאָרויס — דרייט ער די וואָנסעס אויף אַרויף, כאַפּן זיי קלעפּ — דרייט ער די וואָנסעס אויף אַראָפּ. צוליב וואָס פאַרלירן צייט, אויפשטיין פריִער און לויפן צום וואָקזאַל, אַז ווי נאָר איך קום צו דער אַרבעט זע איך ווו מיר האַלטן אין דער וועלט.

שמואל גאָרפּיין האָט אַ שמייכל געטון.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ פּריקורקע [2]. דער בריגאַדיר איז אַוועק אין טשאַי־כאַנאַ.

— איך קלער און קלער און קאָן בשום־אופן נישט פאַרשטיין — האָט שמואל גאָרפּיין זיך אָפּגערופן צו זיינע אַרבעט־חברים — ווי איז מעגלעך, אַז אַ בריגאַדע פון עלף מענטשן זאָלן קאָנען אָפּרוימען אַ זאַוואָד ווו עס אַרבעטן צוויי טויזנט אַרבעטער און אַזוי פיל אָפּפאַל פון קעמלען, אייזלען

[2] צו פאַררייכערן

און פערד. אַפּצורוימען אַזאַ וועלט פון שמוץ וואָלטן געדאַרפט זיין מער קערער.

— גיי שוין גיי, מיט דיין פילאָזאָפיע — האָט אים מענדל לעדערמאַן אָפּגעענטפערט — דו ווילסט שוין איבערמאַכן די וועלט? וואָס איז דיר די וועלט, מיינסטו זיך, אַ טעאַטער — אָפּגעשפּילט און שוין. דאָ איז דאָס לעבן אַ מאַריאָנעטן־שפּיל, מע גייט דאָ אַריין אַן בילעטן און ס'זענען קיין סטאַרן נישט פאַראַן. אַלע פון קליין ביז גרויס שפּילן די זעלבע ראָל, ווע־מען עס געלינגט בעסער — האַלט זיך לענגער אויף דער בינע און ווען ס'גייט שלימזלדיק — וואַרפט מען אַראָפּ הינטער די קוליסן און די שפּיל גייט ווייטער אָן. דאָ באַקומט מען נישט קיין אַפּלאָדיסמענטן, פאַר שפּילן נישט גוט זעצט מען דאָ איין און באַסטאַ...

***

שמואל גאָרפיין איז שוין ווידער אַרבעטלאָז. דאָ אינעם לאַנד פון אַר־בעט, ווו מע קאָן נישט אַוועק פון איין פאָסטן אויפן צווייטן, שלאָגט זיך אַרום איבער די גאַסן אַ מענטשעלע, אַן איבעריקער און אַן אומנוצלעכער. דער בריגאַדיר איליטשענקאָ האָט אים געגעבן אַ ספּראַווקע, גאָרפיינען, אַז ער באַקומט נישט מער קיין פינפהונדערט גראַם ברויט אין קישמיש־זאַוואָד און ער האָט שוין זינט אַ לענגערע צייט באַקומען זיין ברויטקאַרטל פון דרייהונדערט גראַם אין קאַרטאָטשנע־ביוראָ פון איספּאָלקאָם.

איז ער שוין ווידער הונגעריק, שמואל גאָרפיין. מיט זיין נאָרמע ברויט קאָן ער נישט זיין זאַט און צו קויפן אַ טשייניקל טיי מיט קישמיש אין דער טשאַי־כאַנאַ, אָדער אַ זופּקע אין אַ סטאָלאָווע, האָט ער נישט קיין געלט. שלינגט ער די סמאַיע קוקנדיק אויף די באַזאַרנע געשטעלן מיט כל־טוב און שווייגט פאַרביסן.

ביז אין אַ טאָג האָט אים דער פאַן אימיך, דער באַפולמעכטיקטער פון דער פּוילישער פּלאַצוווקע, אָנגעהויבן אַרויסגעבן יעדן טאָג צום פאַר־קויפן — נאָדלען צו נייען און צו מאַשינען, צום פּרייז פון דריי רובל אַ שטיק. גאָרפיין האָט אַריינגעשטאָכן עטלעכע נאָדלען אין זיין צעקנייטשטן

לאַץ פון דער צעדריוולטער פופייקע און די איבעריקע האָט ער גוט פאַר־שטעקט ערגעץ ווו, טאָמער כאַפּט אים אונטער אַ מיליציאַנער זאָל ער נישט געפינען ביי אים קיין סחורה און געגומען צוהאַנדלען אויפן מאַרק.

אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיט אַ פאַנטאַסטישער צאָל נאָדלען, פונאַנדערצוטיילן די פּלי־טים, בכדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו לאַכעס און טראָג־טעס זייערע, אָבער די חברה פון פּוילישן סקלאַד גיבן עס קיינעם נישט. זיי מאַכן דערפון אַליין שווערע טויזנטער טשערוואָנצעס און מע לעבט אַ גוטן טאָג. אָבער אויך ער, גאַרפּיין, מאַכט דערפון אַ לעבן און הייבט אָן צו באַקומען אַ מענטשלעכן אויסזען. ער פאַרגינט זיך שוין אַ גלעזל מילך, אַ פּיאַלע קאַטיק, זויערמילך, הייסט עס, אַ ווייסע לעפּיאָשקע, אַמאָל אויך אַ האַלבן קילאָ וויינטרויבן און עס גייט אַ גאַנג.

אַז ס'איז אים שוין פולער געוואָרן דער מאָגן, איז במילא די נשמה אויסגעלייטערט געוואָרן און ער האָט זיך שוין דערלויבט אַ וויצל צו טון אויף זיין אייגענעם חשבון און אַמאָל טאַקע אויף יענעמס אויך.

— אויך אויף אונדזער גאַס איז געוואָרן פריילעכער — האָט ער זיך געוויצלט, פאַראַפראַזירנדיק סטאַלינס זאָג.

**
*

פון יענער זייט, פון דער היים, זענען אָנגעקומען גרויליקע ידיעות. די היגע צייטונגען האָבן מיט אַלע פּרטים איבערגעגעבן די אכזריות פון די נאַציס איבער די ייִדן. אויך דער ראַדיאָ האָט די דאָזיקע קאָשמאַרפולע ידיעות איבערגעגעבן נאָכן פאַרנעמען דורך די סאָוויעטן יעדן פרישן פונקט ווו זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף די אַלע גרוילן. פּליטים האָבן זיך אין די טעג צונויפגעטראָפן פול מיט אַנגסט, און מיט טרערן אין די אויגן זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל די אַלע שרעקלעכע זאַכן. אָבער דאָך האָט יעדער איינער אין האַרצן געטראַכט און געהאָט די האָפענונג, אַז זיין משפחה איז ניצול געוואָרן. די פאַקטן אָבער זענען געווען דערשיטערנ־דיקע.

די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן מיט ריזנשריט מאַרשירט פֿאָרויס. די אילוזיעס צו געפֿינען עמעצן פֿון דער מישפּחה איז אויסגערונען, זיך אויס־געוועבט.

אין די פֿרימאָרגנס, גלייך נאָכן הערן די סוואָדקע ביים וואָקזאַל־בנין, ווו ס׳איז געווען איינסטאַלירט אַ ראַדיאָ־הילכער, איז שמואל גאָרפּיין אַוועק צו זיין אַלטן ידיד, דעם נאַטשאַלניק פֿון גאָרפּראָמקאָמבינאַט, צאַלע אַנ־ציס. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט טרינקען טיי מיט קישמיש און ווייסע לע־פּיאָשקעס. דאָס פֿענצטער איז געווען צעעפֿנט צו דער צעליכטיקטער גאַס. אין אַנציסעס ביוראָ, פֿול פֿאַרלייגט מיט אַ סך קאָסטיומען, שטאָפֿן און דרוי־מאַטעריאַלן, וואָס אין די סקלאַדעס איז שוין פֿאַר זיי קיין אָרט נישט געווען, איז קיינער נישט אַריין. זענען זיי דאָ געזעסן און געמיטלעך גע־שמועסט.

דעם אויבנאָן פֿון די געשפּרעכן האָבן פֿאַרנומען די לעצטע ידיעות. אַנציס, אַן איינגעהילטער אין דער פּאַרע פֿון הייסער טיי, איז געזעסן אַ פֿאַרזונקענער אין מחשבות און גאָרפּיין, מיט אַראָפּהענגענדיקע פּיס אויפֿן צו הויכן בענקל, האָט געוואָרפֿן די ראָזשינקעס אין מויל אַריין און אין די אויגן זענען אים געשטאַנען טרערן.

— אַן אומגליק איז געקומען אויף דער וועלט — האָט גאָרפּיין מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים גערעדט — אַלץ איז אַוועק מיטן רויך, פֿאַרברענט אַלע אונדזערע האָפֿענונגען צו קומען ווען נישט איז אַהיים און האָבן פֿאַר וועמען צו דערציילן דאָס אַלץ וואָס מיר זענען דאָ אויסגעשטאַנען. גאַנצע ביכער קאָן מען דאָך אָנשרייבן וועגן אונדז, אָבער ווער וועט עס גלייבן?

— גייט, נאַרעלע, וואָס איז דאָ צו דערציילן? ס׳איז אַ נאָרמאַלע גע־שיכטע, וואָס נישט מיר אַליין האָבן עס דורכגעמאַכט, אויך אַלע איינוווי־נער. ס׳איז דאָ נאָרמאַל, אָבער די נאָרמאַלקייט שמעקט מיט עקל און פּיין. אַלע טויטן זענען נישט אַזוי שרעקלעך ווי דאָס ליידן הונגער וואָס אַ סך פֿון אונדז האָבן עס דורכגעמאַכט, אַ גרויסער טייל איז אַוועק מיט אַ פֿאַרקלעמטער פּויסט און אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, און אַ טייל האָט עס דורכגעמאַכט און זיך אַריינגעפּאַסט. איז וואָס איז דער אונטערשייד פֿון

וואָס מע מאַכט היינט אַ לעבן? אַבי מע לעבט און ס'איז דאָ אַ האָפענונג איבערצולעבן, צו קומען אַמאָל צו אַ ברעג אין אַ פריי לאַנד.

שמואל גאָרפיין האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ פרישן נומער פון דער „פראַוודאַ" און אָנגעהויבן לייענען אויפן קול:

— „אין יעדן פאַרנומענעם געביט פון אונדזערע זיגרייכע אַרמייען, טרעפן מיר אָן מאַסן־קברים און שטעטלעך אויסגעליידיקטע פון מענטשן. די איבערגעבליבענע דערציילן שוידערלעכע מעשים פון די נאַצישע האָרדעס וואָס האָבן געמאָרדעט גרויס און קליין, זקנים און קינדער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָבן זיי אָנגעלאָדן אין וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט אין די טויטלאַגערן, ווו מ'האָט זיי פאַרגאַזט און נאָך דעם פאַרברענט אין די ריזיקע קרעמאַטאָריע־אויוונס. מישפחותווייז, אַרומגענומענע, האָט מען זיי קוים פונאַנדערגעריסן איינס פון אַנדערן. זיי זענען אויסגעגאַנגען מיט קללות אויף די ליפּן קעגן זייערע פאַרטיליקער"...

צאַלע אַנציסן האָט זיך אַ קנויל טרערן געשטעלט אין קעל. שמואל גאָרפיין האָט אַ וואָרף געטון די צייטונג אָן אַ זייט און אַרויסגעהעשעט נישט מיט זיין קול:

— ביידע שותפים צו אונדזער פאַלקסאומגליק. פריער, ווען זיי האָבן זיך געקושט אין די פּיסקעלעך, האָט מען געמוזט זאָגן נאָר גוטס אויפן שותף, און היינט ברענגען זייערע צייטונגען נאָר גרויל און שרעקבילדער. ביידע, יאָ ביידע האָבן זיך פאַרלייגט אונדז אויסצוראָטן — איינער דורך גאַז און קויל און דער צווייטער מיט שווערער פּיין און קאַטאָרזשנער אַרבעט, אָנגעוויזן אויפן חסד פון יעדן איינעם וואָס קוקט אונדז נאָך אין דער אַטשערעד מיט קנאה־בליקן און זאָגט אָפן: — דאַרמאָיעדניק! אומזיסטער פרעסער! דו עסט אונדזער ברויט! און אַ גרויסע טייל פון אונדזערע, די וואָס האָבן באַוויזן זיך צו דערהאַלטן מיט נסים ביים לעבן, זענען דאָ אויסגעגאַנגען מיטן הונגערטויט.

— אָט נעמט ווי אַ מוסטער בלויז מיך איינעם, און אַזעלכע ווי איך זענען געווען אַ סך — האָט צאַלע אַנציס פאַרגעזעצט — אָט זיצן מיר דאָ אין צווייען, צוויי מענטשן פון לאַנגע יאָרן פריינד און מיר האָבן נישט מורא אַז עמעצער וועט אונדזערע ווערטער דערטראָגן דאָרט ווו מע דאַרף.

הינטערן וואַנט שטייט דאָ קיינער נישט, ווייל ס׳טיילט אונדז אָפּ דער גרוי־סער סקלאַד מיינער, אַן אָנגעפּראָפּטער מיט פאָלקס־אוצרות, און פּאַר אונדז זענען מיר דאָך ווער עס קומט אַריין. קאָנען מיר פריי און אומגעשטערט זיך אַראָפּרעדן פון הארצן. וויפל שטרויכלונגען קאָנען מיר נאָך אָנטרעפן אויף אונדזער וועג, מיר האָבן נאָך ווייט נישט די זיכערקייט, אַז שוין, אַז מיר זענען שוין אויסגעהיט פון פרישע תפיסות און נייע לאַגערן. די גראָע בנינים פון דער סאַמאַרקאַנדער תפיסה זענען נאָך נישט אַרויס פון מיין געדעכעניש און ס׳קלינגט מיר נאָך גוט אין די אויערן דער לעצטער גע־זעגן־וואָרט פון נאַטשאַלניק פון דער תפיסה, זשוקאָוו:

— געדענק, האָסט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען, פאַרן דער־ציילן עפּעס פון דאָנען דראָט צען יאָר לאַגער. נאַ, שרייב אונטער, — און איך האָב אונטערגעשריבן. איר פאַרשטייט, גאַרפיין: ביוט אי פלאַקאַט ניע דאַיוט״ [1], לית דין ולית דיין אפילו דאָ אינעם לאַנד פון יושר.

שמואל גאַרפיין איז געזעסן אָ פאַרדמיונטער און צום וויפלטן מאָל אַריינגערוקט זיינע אויגן אין דער „פּראַוודאַ״ וואָס איז געלעגן פון ווייטנס אויפן טיש, אַריינגעקוקט און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר פאַרשטייט, גאַרפיין — האָט אַנציס וויטער זיך מתנצל געווען — בכדי צו פאַרשטיין אַן אונדזעריקן דאַרף מען אַריינקוקן אין זיין נשמה. וואָס מיינט איר, אַזוי נישט מיר נישט דיר ווערט מען אַ נאַטשאַלניק און מע זעט אויס גוט, זאַט און צופרידן? איך האָב זיך דורכגעוואָלגערט פריער אין קאָלכאָז „קראַסנאַיאַ זנאַמיאַ״, אויסגעהונגערט זיך שטאַרק. מיין פרוי פלעגט גיין אָפּנעמען די פאַרציע ברויט אויף די קאַרטלעך און פלעגט באַלד בעטן דער פאַרקויפערין אָפּצוּוועגן פאַר מיין נאַרמע די פינפהונדערט גראַם און איך פלעג ווי אָ פאַרוואָלגלטער הונט, וואָס האָט געפונען אויפן שמיטע־ניק אָ ביין, זיך אָוועקשאַרן הינטער דער געביידע פון מאַגאַזין און גיך־גיך איינשלונגען דאָס ברויט. איך פלעג נאָך דעם אָוועקגיין אין מיין קאָל־כאָזנער קיביטקע, און ווען מיין פרוי פלעגט זיך פאַרטון מיט עפּעס, זוכן און נישטערן אין יעדן ווינקעלע, טאָמער וועל איך קאָנען אָפּפיצלען, אָפּ־

[1] זיי שלאָגן און לאָזן נישט וויינען, זיך פאַרקלאָגן

בייסן אַ ברעקל פון די קינדערס ברויט. די גאַנצע נשמה איז געווען אַרייַנגעטון אין עסן. אוי, ווי ס׳האָט זיך געוואָלט לעבן!... איך האָב אַמאָל צוגעזען ביי אונדז אין קאָלכאָז ווי אַ הונט האָט אויסגעצויגן די פיס פון הונגער, שטייט מיר נאָך דאָס בילד פאַר די אויגן... זיינע אויסגעסטאַרטשעטע בליקן, וואָס האָבן כמעט גערעדט ווי מענטשלעכע דיבורים, האָבן מיך אַ שטיק צייט פאַרפאָלגט. אַזוי זעען אויך אויס מענטשן וואָס גייען אויס פון הונגער. איך האָב זיי אַ סך מאָל געזען אויסגעלייגטע נאָך אין יאָר ניינצן צוויי און פערציק, ביים פוילישן סטאַנציאָנאַר אויף טאַשלאַצקעגאַס, מיט פאַרשפיצטע פינגער פון געלוואַקסענע פיס, מיט אָפן־פאַרוווּנדערטע אויגן, מיט פרעגנדיקע בליקן אין די שטיינגעבליבענע שוואַרצאַפּלען פון די איינגעפאַלענע אויגן צו די הימלען. איך האָב דאַן באַשלאָסן צו לעבן, מיט אַלע כוחות צו לעבן, און אויב שטאַרבן איז מיט וועלכן טויט איר ווילט נאָר צוטראַכטן, אָבער נישט מיטן הונגערטויט. איז טו איך אַלץ דערצו און בין אַפילו פאַר נויט געוואָרן אַ באַטשאַלניק, אַלץ פאַר דער מורא צו שטאַרבן פון הונגער.

— בין איך אַוועק אַרבעטן אין כלאָפּזאַוואָד — האָט אַנציס גערעדט אין דער שטיל און מ׳האָט געפילט ווי ס׳ קומט אים אָן שווער אַרויסצורעדן אַ וואָרט — אויך דאָ האָב איך געהונגערט. קאָן מען זאַט זיין מיט פינפהונדערט גראַם ברויט, מיט צוויי מאָל אַ טאָג אַ זופּקע אין דער סטאָלאָווע מיט וועלכע דו האָסט זיך געדאַרפט טיילן מיט דער פרוי און צוויי קינדער? נו, און ווידער דער געשפענסט פון הונגערטויט. האָט מיין פרוי געמאַכט אַ ריזיקאַלישן שריט; זי איז אַוועק צו דער באַאַמטין פונעם קאַרטאָטשנע־ביוראָ — אַ וווּיל ייִדיש מיידל פון מאָסקווע, וואָס האָט זיך עוואַקוירט אַהערצו מיט איר מישפחה — און יענע האָט פון רחמנות וועגן געגעבן מיין פרוי אַ ספּראַווקע, אַז איך נעם דאָ נישט מער קיין ברויט אין דער פאַבריק. אָבער אַ פּראָצעס האָט סיי ווי געדראָט. מע טאָר דאָך נישט גוטוויליק וואַרפן די אַרבעט. האָב איך געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן, נאָך פון דער היים, אַן אַדוואָקאַט פון פאַך, וואָס האָט דאָ געאַרבעט אַלס יוריסקאָנסול און ער האָט מיר צוגעזאָגט אָפּצושלעפּן דעם ענין, און אויב מעגלעך — אים פאַררייבן. איך בין אַוועק אָט דאָ, אין דער פאַבריק, ווו איך אַר־

בעט איצט, און דער דעמאָלטיקער נאַטשאַלניק, אַנאַטאָלי צימערמאַן, אַ פּליט פון קראָקע, האָט מיר געגעבן אַרבעט אַלס שטשאָטאָוואָד[1]. אַ ווויל מענטשל איז ער געווען. זיין פרוי און קינדער האָט ער געלאָזט ביים דייטש און ער האָט געהאָפט אַז אָט־אָט וועט זיך די מלחמה ענדיקן וועט ער קו־מען צוריק אַהיים. דערווייל ציט זיך שוין אַזוי מער ווי פיר יאָר, נאָכן דורכמאַכן דעם לאַגער, ווו ער איז געווען פאַרשיקט, האָט ער ווי אַ גוטער שניידער באַקומען דאָ אַרבעט און איז אויסגעוואַקסן ווי אַ דירעקטאָר. אָבער איר ווייסט דאָך, גאַרפּיין, דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. ער האָט צופיל געגנבעט, ווייל ער האָט געוואָלט אָנזעטיקן זיין רוסיש־יידיש ווייבל, וואָס ער האָט זיך דאָ איינגעשאַפּן און ער האָט זיך נישט ערלעך געטיילט מיטן געגנבעטן מיט די העכערע רעדל־פירער זיינע. מ׳האָט אים אַראָפּגע־נומען פון דער אַרבעט און מיך, קעגן מיין ווילן, אַרויפגעזעצט אויפן טראָן. קיניג איך דאָ אויף הונדערטער אַרבעטער און אין מיינע פּאַלאַצן זענען פול מיט אַלטע הויזנס און גימנאַסטיאָרקעס, אַלטע פאַרפוילטע מיליטע־רישע שינעלן און צעריסענע שטיוול, וואָס זענען דאָ ממש אוצרות און אַלע גלאָצן אויף דעם די אויגן, פּונקט ווי קיין בעסערס וואָלט אויף דער וועלט גאָר נישט געווען בנמצא.

— און אָט ווי אַזוי, ליבער גאַרפּיין, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָפּייע פון קאַמף קעגן הונגער: אַנאַטאָלי צימערמאַן איז געווען אַ ווויל מענטשל, וואָס האָט ליב געהאַט אַ נאַש־בראַט. ווען ער איז געווען פון עמעצן צו־פרידן האָט ער פון גרויס נחת געשטאַמלט און נישט געפונען קיין פּאַסיק וואָרט. זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט און אַ פאַרלוירן שמייכעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע פלײשיקע ליפּן. יעדן פרימאָרגן האָט ער געטון פּונקט אַזוי ווי איך טו עס היינט. ער האָט אַריינגענומען אַ טשייניק טיי פון דער טשאַי־כאַנאַ מיט קישמיש און לעפּיאָשקעס, און נאָך פיר יאָר הונגער האָב איך דערפילט דעם טעם פון אַ ביסל זעט. מיר פלעגן שמועסן צוזאַמען און זיך געלאָזט וווילגיין על־חשבון־הגביר. איין מאָל האָב איך אין מיין שרייבטישל געפונען ליגן דריי טויזנט רובל אַריינגעלייגט אין פּאַק־

[1] געהילף־בוכהאַלטער

טורע־ביכל. ווייסט איר דאָך, האָב איך דערפילט ווי יענע דינסט וועמען מ׳האָט אונטערגעוואָרפן אַ ביסל געלט בכדי צו קאָנטראָלירן איר ערלעכ־קייט, האָב איך צוגעטראָגן דאָס געלט מיט ציטערנדיקע הענט צימערמאַ־נען און אים דערציילט וועגן מיין „אַנטדעקונג״. ער האָט פאַרלוירן אַ שמייכל געטון און קאַטבלוטיק געזאָגט:

— דאָס געלט, אַנציס, איז אייערס, איך האָב אייך באַצאָלט פאַר אייער אַרבעט.

— חבר צימערמאַן, מיין פענסיע — 200 רובל — האָב איך נעכטן באַקומען פון קאָנטאָר און דאָ, ווי איך ווייס, צאָלט מען דאָך נישט אַלע טאָג און אַזוי פיל.

— נעמט, אַנציס, דאָס געלט און פאַרנוצט עס געזונטערהייט; איר האָט עס כשר פאַרדינט און איר וועט נאָך מער פאַרדינען.

איך האָב אים שוין מער נישט געפרעגט און מיטאָגצייט בין איך אין איין אָטעם אַוועקגעלאָפן אַהיים און קוים געקאָנט פון גרויס שמחה אַרויס־רעדן אַ וואָרט. מיין פרוי האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט ווען איך האָב פון דער קעשענע אַרויסגעוואָרפן אויפן בעט אַזאַ זשמעניע געלט.

— גיי אויפן באַזאַר און קויף — האָב איך קוים אַרויסגעשטאַמלט — אַ קילאָ קאַרטאָפל פאַר 40 רובל, אַ האַלבן קילאָ פלייש פאַר 80 רובל, אַ לעבל ברויט פאַר 200 רובל, אַ קילאָ וויינטרויבן פאַר 15 רובל און אַנט־ליי ביי אונדזער באַלעבאָסטע שאַשקאָוואַ דאָס שאַרפע מעסער, און קאָך אָפּ אַ זשאַרקוי[1] און איך וויל היינט פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט זיך אַוועק־זעצן ביים טיש, פילן דעם ריח פון פלייש און האָבן דאָס פאַרגעניגן צו שניידן פּענעצער ברויט אומגעשטערט, אָט אַזוי ווי אין יענע אַלטע גוטע פאַרמילחמהדיקע צייטן.

— און אַזוי, גוטער ברודער, האָט זיך עס אָנגעהויבן; דער אַפּעטיט איז געוואַקסן מיטן עסן, אָבער יעדער ביסן וואָס איך האָב אַראָפּגעשלונ־גען האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלדז, נישט מחמת דעם וואָס איך האָב געליטן דערפון וואָס איך עס גנבהש ברויט, נאָר ווייל איך האָב שטענדיק

[1] געדושעט פלייש

געזען די תפיסה פאַר די אויגן, יעדער שאַרך ביים טיר, האָט מיר אַ שלאַג געטון ווי מיט האַמערס אין מיין האַרץ, טאָמער קומט מען מיך שוין נע־מען צוריק אין לאַגער. אָבער דער פּחד פאַרן הונגערטויט האָט גובר גע־ווען דעם פּחד פון אַרעסט. און אַזוי איז עס אַוועק. ס'איז אַ נאָרמאַלע גע־שיכטע און אַ נאָרמאַל לעבן ווי ס'מאַכן עס אַדורך דאָ אַלע און איך בין נישט קיין אויסנאַם עד היום הזה...

פון קראַסנאָאַרמייסקי־געסל האָט מיט לייכטע טריט פאַרבייגעשוועבט פאַרביי דעם אָפענעם פענצטער פון אַנציסעס קאַנטאָר די 17־יאָריקע קאָמ־סאָמאָלקע, נינאַ דאַווידאָוונאַ, אַ שילערין פון מיטשורינסקי־אינסטיטוט. מיט לייכט פאַררויטלטע בעקעלעך האָט זי האַלטנדיק די ביכלעך אין דער האַנט אַריינגעקוקט אין אַ העפט און זיך באַגריסט מיט אַנציסן:

— זדראַוסטוויטיע גראַזשדאַנין[1] צאַלקאָ כאַימאָוויטש.

צאַלע אַנציס האָט איר געענטפערט מיט אַ לייכטן נייג מיטן קאָפּ. ער איז שוין געווען געוווינט צו אירע וויזיטן און צו אירע פראַגעס אויף וועל־כע ער האָט בלית־ברירה געמוזט ענטפערן.

— איר ווייסט — האָט זי געמאַכט אַ חנדל — מיר האָבן ביי אונדז אין אינסטיטוט אַ קלוגן פּראָפעסאָר, קאַטאַרי ווסיאַ זנאַיעט, וואָס ווייסט אַלץ.— אַריינקוקנדיק אין העפט האָט זי אַ זאָג געטון — ביי אונדז אין לאַנד פאַרמאָגן מיר מער פערד ווי אין דער גאַנצער וועלט, ריכטיק?

— און בהמות? — האָט שמואל גאַרפיין, וואָס האָט זי אָנגעקוקט מיט ווידערווילן, אַ פרעג געטון.

נינאַ דאַווידאָוונאַ האָט אַריינגעקוקט אינעם העפט און דורכגענומען שאַרף און דורכדריגלעך גאַרפיינען, ווען זי זעט היינט צום ערשטן מאָל, געענטפערט ווי אַ ווּוּלקענעוודיקע:

— דאָס זאָגט נישט די סטאַטיסטיק. — גלייך האָט זי זיך אַ ווענד געטון צו אַנציסן:

— די אַמעריקאַנער אַרבעטער — האָט אונדז דער פּראָפעסאָר היינט געזאָגט — וווינען אין זעמליאַנקעס, זיי האָבן נישט קיין דירות.

---

[1] גוטמאָרגן, בירגער

אַנציסן האָט באַשלאָגן אַ רויטקייט:

— אוודאי האָבן זיי נישט דאָרט אַזעלכע קיביטקעס ווי מיר פאַרמאָגן דאָ מיט געשמירטע ליימענע דעכער און אָן פענצטער.

— זעט איר שוין, אונדזער פּראָפעסאָר ווייסט אַלץ — האָט די יונגע סטודענטין אויסגעדריקט איר צופרידנקייט. — דערלויבט נאָך איין פראַגע: דער פּראָפעסאָר האָט אונדז דערציילט, אַז אין פּוילן איז דער פאַבריקאַנט געשטאַנען ביים טויער ווען די אַרבעטער זענען אַרויס פון דער אַרבעט און מיט אַ לאַנגן קנוט זיי דערלאַנגט איבער דער פּלייצע, איז עס אמת, האַ?

אַנציס מיט גאָרפיינען האָבן זיך מיט שטוינונג איבערגעקוקט און אַנציס האָט איר געענטפערט:

— איך האָב אין קיין פאַבריק נישט געאַרבעט.

— אָבער דאָך אַזוי, איר האָט דאָך געלעבט אין פּוילן, האָט איר נישט געהערט דערפון?

צאַלע אַנציס האָט דערפילט דעם ברי פון פייער אויף זיין גוף. ער האָט געוווּסט אַז פון זיין ענטפער איז אָפּהענגיק זיין גורל. טאָמער זאָגט ער איר, אַז ס׳איז נישט אמת, אַז אין פּוילן האָט מען נישט געשלאָגן די אַרבעטער, וועט זי אַוועקגיין מאָרגן אין אינסטיטוט און זאָגן, אַז איר האָט אַ פּוילישער ייִד געזאָגט, אַז ס׳איז נישט אמת; וועט דער פּראָפעסאָר — אַפילו ווען ער וועט אים נישט וועלן טון קיין בייז, מוזן זאָגן דאָרט ווו מע דאַרף, און אויב ער וועט עס נישט טון, וועט עס טון אַ שילער און זיין גורל, אַנציסעס, איז אַ געחתמעטער... האָט ער שטאַמלענדיק מיט אַ טרייסטלענדיקער שטים איר געזאָגט:

— ריכטיק, דיין פּראָפעסאָר ווייסט אַלץ.

נינאַ דאַווידאָוונאַ האָט זיך האַרציק אָפּגעזעגנט און איז אַ טענצלענדיקע און צופרידענע געגאַנגען אַהיים.

אַנציסן האָט געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. אַ שווידער האָט אים אַרומגענומען און אַ חרפה האָט אים געבריט איז פּנים קעגן זיך אַליין. גאָרפיין איז געזעסן אַ צעחושטער און פאַרביסן געשוויגן.

— איר זעט, זאָרפיין, אין וואָס פאַר אַ ליגן מיר לעבן און קעגן אונ־

דזער ווילן מוזן מיר שפּינען דעם ליגן, ווייל קיינער מיינט דאָ גאָרנישט ערנסט, ווי נאָר צו נאַרן איינער דעם צווייטן. איר זעט דאָס מיידל, די קאָמסאָמאָלקע? זי האָדעוועט זיך ווי אַלע דאָ אין אַ וועלט פֿון ליגן, שווינדל און פֿאַלשקייט. זי קומט אַהיים און עסט נישט קיין ערלעך ברויט. איר טאַטע האַנדלט מיט פּאַנטשקעס אויפֿן באַזאַר און די מאַמע קויפֿט אויף גנבות, פֿאַרקויפֿט אַמעריקאַנער פּראַשקעס צו קאָפּוויטיק. עפּעס ווייס דאָך די דאָזיקע בינאַטשקאַ וועגן דעם און דאָך איז זי צופֿרידן צו הערן, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט פֿון הוילן ליגן און נאָר איר פֿאָטערלאַנד איז איינ־געטונקט אין אמת און יושר. זי איז אויך גרייט דורס צו זיין און גיין זאָגן אין ענקאַווועדע, אַז איר זענט כל־בו, זיך נישט אָפּשרעקנדיק פֿאַר אייער גורל. אַזוי זעט אויס דאָס לעבן דאָ. נו, איז שוין נישט גלייכער און בעסער געוועזן אויסצוגיין אויף דער גאַס אַזוי ווי אַ סך פֿון אונדזערע פּליטים, איידער זיך צו באַטייליקן נישט־ווילנדיק אין דאָזיקן גרויסן שווינדל?

גאָרפּיין האָט זיך פֿאַרטראַכט, אַרויסגעצויגן זיין בייטעלע מאַכאָרקע, אָפּגעריסן אַ שטיק פֿון דער צייטונג, פֿאַרוויקלט אַ ציגייערל און זאָרגפֿעל־טיק, מיט ישוב־הדעת פֿאַרצויגן דעם רויך און טיף אין זיך געשוויגן.

צאַלע אַנציס האָט אָפּגעזיפֿצט און זיך פֿאַרטראַכט...

די אַרבעט אין דער פֿאַבריק האָט זיך געשטעלט אויף דער גאַנצער פּאַרע. דער געבראַזג פֿון ניי־מאַשינען האָט זיך צעקלונגען איבער אַלע האַלן און אַריינגעדרונגען אינעם דירעקטאָרס קאַבינעט...

**
*

שמואל גאָרפּיין האָט ווידער געבראַכט שלעכטע נייעסן. ער האָט גע־לייענט אין דער „פּראַוודאַ" אַן אויספֿירלעך אַרטיקל איבער די נאַצישע גרוילן וואָס זיי האָבן אָפּגעטון מיט יידן אין די פֿאַרנומענע שטעט, וווּ זיי האָבן געהערשט מיט פֿויסט און אייזן.

צאַלע אַנציס איז געזעסן פֿאַרזונקען אין מחשבות זיך נאָכיאָגנדיק מיט די בליקן נאָכן מאַכאָרקע־רויך, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין דער לופֿטן, זיך געריסן צום גאַס אַרויס דורכן פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטער.

— יאָ, יאָ, גאָרפּיין. דאָרט באָדט מען זיך אין מענטשלעך בלוט און מע קוויקט זיך מיטן ריח פון פאַרברענטן מענטשנפלייש און דאָ, קאָן מען זאָט מאַכן דעם הונגעריקן סטעפּ מיטן אַרבעטשוויס פון די פּליטים, מיט די טרערן פון פאַרבענקטע נשמות, ווי אַזוי קאָן מען עס אויסהאַלטן.

— רעדט וואָס איר ווילט, אַנציס — האָט זיך גאָרפּיין אָנגערופן אַ פאַררויטלטער מיט אויגן פאַרלאָפענע פון טרערן — מיר געפעלט בעסער זייער טויט דאָרטן ווי דער טויט פון די טויזנטער און צענדליגער טויזנ־טער אונדזערע דאָ. דאָ שטאַרבט מען איינזאַם, עלנט, נישטאָ פאַרן טויט אויף וועמען צו וואַרפן דעם לעצטן בליק פון האַס, אַרויסאַכצן דעם לעצטן קרעכץ... נאָך דעם וואַרפט מען ערגעץ ווו אין אַ גרוב... דאָרט גייען זיי מישפּחותוויז, אַרומגענומענע, זיך האַלדזנדיק און קושנדיק, זייערע נשמות הויכן זיי אויס צוזאַמען. אַי, אַנציס, אַנציס, און מיר ווילט זיך אַזוי נישט שטאַרבן, נישט אַזוי, ווי מיר דאָ, און נישט אַזוי ווי אונדזערע טייערע דאָרט... מיר לעבן אָבער אין אַ צייט אַזאַ און אַ רעזשים אַזעלכער, אַזוי דאָרט ווי דאָ, וואָס מע פרעגט נישט ביים מענטש וואָס ער וויל און ווי ער וויל. מע וואַרפט אָן דעם ווילן פון יענע, וואָס טוען וואָס זיי ווילן...

***

עס האָבן זיך איינגעשטילט די האַרמאַטן און די קרעמאַטאָריעס האָבן אויפגעהערט צו פלאַקערן. שלום איז אויף דער וועלט געוואָרן פאַרן פּרייז פון אַזוי פיל מיליאָנען און איבער אַלעמען שרייט אַרויס דער גרויל פון זעקסמיליאָניקן יידישן פאָלק, אָן אומשולדיקס וואָס האָט געוואָרעמט און גערייצט די מאָרד־אַפּעטיטן פון די אַלע וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך רום און מאַכט. איבער אייראָפּע ווינטיקט עס מיטן צעטראָגענעם אַש פון פאַר־ברענטע יידישע קהילות. אין דער לופט פאַרוואַלגערן זיך נאָך לעצטע גסיסה־קרעכצן פון אומגעקומענע לעבנס און דאָ אָטעמט יעדער טריט מיט פאַרבענקטע נשמות וואָס האָבן זיך אויסגעוואַלגערט ביים לעבן און נאָכן טויט אויף צעליימיקטע געסלעך און געפונען זייער בידנע רו און געמיינזאַמע קברים־גריבער אויף די פאַרשידענע בית־עלמינס פון שטעט, דערפער, פעלדער און וועלדער.

פאַר די לעבעדיק־געבליבענע האָט זיך געעפנט אַ רעגיסטראַציע: אַהיים. די פוילישע שרייבערין, וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, האָט לויטן אויפטראָג פון סטאַלינען געגרינדעט אַ פאַרבאַנד פון פוילישע פאַטריאָטן וואָס איז באַשטאַנען פון ניינציק פראָצענט יידן, ווייל די אַנדערס־אַרמיי איז אַוועק קיין איראַן, מיטנעמענדיק אַלע פאָלאַקן און אַ ביסעלע יידן און די איבעריקע געלאָזט זיי זאָלן זיך מאַטערן דאָ. אַלע אַנטיסעמיטן זענען אַוועק פון דאַנען און געלאָזט דאָ אַ סך יידן און צווישן זיי האָבן זיך באַלד אויסגעטיילט געוועזענע קאָמוניסטן, וואָס האָבן דערפילט, אַז ס׳איז געקומען זייער צייט. זיי האָבן זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און ווי איז געווען אַזאַ איינעם וואָס האָט די נייע מושלים ווידערגעשפעניקט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פרישע אָבלאַוועס אויף פליטים, וואָס האָבן די גאַנצע צייט אויסגעמיטן צו נעמען סאָוויעטישע פעסער.

אין גאַנצן זשעלעזנאָדאָראָזשנעם ראַיאָן, ווו ס׳האָבן זיך געפינען אַריבער טויזנט פוילישע יידן, האָבן געהערט צו דעם פוילישן פאַטריאָטן־פאַרבאַנד (ז. פּ. פּ.) אין גאַנצן צוויי גויים, שבת־גויים זענען דאָ געווען צו ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. מחמת אַ סיבה פון קראַנקייט אָדער עפּעס אַן אַנדערע זאַך האָבן זיי נישט באַוויזן עוקר צו זיין צוזאַמען מיט דער אַנדערס־אַרמיי.

אַלע יידן זענען געוואָרן איבערנאַכט פוילישע פאַטריאָטן. בראש פון זיי האָבן זיך פּלוצים אַרויסגערוקט אויף די מאַכט־פּאָזיציעס חברה־לייט וואָס מ׳האָט זיי געקענט פון די באַזאַרן ביי וועמען מ׳האָט געקויפט אַ פאַלש ברויטקאַרטל, אָדער סתם מאַכערס. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט וואָנסעס. אַז קיין ביקסן גיט מען זיי נישט, קיין שטעקנס אויך נישט, איז דער אויסדרוק פון מאַכט: וואָנסעס.

אָבוכאָווסקי, דער שוסטער פון קישמיש־זאַוואָד, הייסט שוין איצט „פּאַן”. אויך ער האָט זיך פאַרלאָזט וואָנסעס, וואָס ווערן מיט יעדן טאָג גרעבער און גרעסער. ער גייט אַרום מיט אַן אָנגעפּוישטן גרויסן בויך, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון די וואַסערזופּקעס, וואָס ער האָט געגעסן אין דער סטאָלאָווע און פון זיצן שעהען לאַנג, אָן איבעררייס, אויפן שוסטער־בענקל. ער גייט איצט אין דער אַלטשטאָט נאָך אינסטרוקציעס. ער

איז געוואָרן דער פּרעזעס פון די „פּוילישע פּאַטריאָטן” און דאָרט אין צענ־טער הערשן פּאַן גאָלדבערג און פּאַן גליאַט, אויך באַוואָנסעטע מענטשע־לעך, און די פּאַני גאָלדבערגאָווע.

— עך, שוין ווידער די וואָנסעס — האָט זיך שמואל גאָרפּיין געהיצט.

ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, געמוזט ווערן געהאָרכזאַם, ווייל אַזוי פאָדערט די ליניע. פון אַלע עקן און ווינקלעך האָבן זיך אַרויס־געדרוקט פון די לעכער די אַלע, וואָס זענען אין אימיכס צייטן, בעת דער פּוילישער דעלעגאַטור, געשטאַנען מיט תחנונימדיקע אויגן און אויסגע־בעטלט אַ פּאַיאָק פון די פאַרשיקטע פּליטים, און היינט זענען זיי געוואָרן די דעה־זאָגער.

— ייִדן, פּוילישע פּאַטריאָטן, הונדערטפּראָצענטיקע פּאָלאַקן — האָט זיך גאָרפּיין געוויצלט.

**
*

שמואל גאָרפּיין איז געזעסן אין וואַרשטאַט פון פּאַן אָבוכאָווסקי און געקייט די הילצערנע שטיפטלעך, זיך צוגעהערט צו אָבוכאָווסקיס רייד, דעם היינטיקן פּרעזעס פון דער ז. פּ. פּ. וואָס פירט דורך די רעגיסטראַציע אויף אַהיים, צוריק קיין פּוילן. די אַרבעטער — צווישן זיי אַ סך רוסישע — זענען מקנא די פּוילישע וואָס האָבן איצט אַ שאַנס זיך אַרויסצוקריגן צוריק אין זייער היים, קיין אויסלאַנד.

פּאַווע איליטשענקאָ האָט זיך אַריינגעשטעלט אינעם אָפענעם פענצ־טער פון דער מאַסטערסקאַיאַ [1] און פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט זיין געווע־זענעם אַרבעטער פון דער קערער־בריגאַדע:

— נו, פּאָלסקי פּאַן, דו פאָרסט שוין צוריק אַהיים, האַ?

— אַ קאַקושע טאַוואַרישטש בריגאַדיר! איך פאָר צוריק קערן די וואַרשעווער גאַסן — האָט אַ זיפצנדיקער אָפגעענטפערט שמואל גאָרפּיין — און איך וועל טאַקע קערן פון לינקס אויף רעכטס.

---

[1] וואַרשטאַט

איליטשענקאָ האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו דרייען די וואָנסעס אויף אַרויף און אַ בלינצל געטון מיט די אויגן.

— ביי אייך, ווי ס׳זעט אויס, קערט מען גוט — און ער האָט אַ זיפץ געטון.

— ניטשעוואָ, טאָוואַרישטש בריגאַדיר, וועסט נאָך אַמאָל אויך אַ קער טון די גאַסן אַזוי ווי מיר, ס׳וועלן נאָך קומען גוטע צייטן פאַר דיר אויך — האָט גאָרפיין געטרייסט זיין בריגאַדיר.

— נו, פאַר געזונט און האָב נישט קיין פאַראיבל אויף אַ נאַש־בראַט. מ׳האָט געטון אייגענע צרות און האַרצוויטיק און פאַר אַלץ אַ מאָל אַ געשריי געטון און געזאָגט אין דער מאַמען אַריין, ברודער... דו וואָלסט אויך נישט בעסער געווען.

גאָרפיין האָט אויף אים אַ בליק געטון מיט רחמנות. פונעם ווילדן באַוואָנסעטן שרייער איז געבליבן שטיין פאַר אים אַ צעבראָכענער מענטש וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין בידנע לעבן.

דער גודאָק האָט זיך צעגאָרגלט און באַפרייט די שקלאַפן אויף נאַכט־אָפּרו...

דער פאַן פרעזעס האָט אָנגעפוישט זיין בויך, זיך אָנגעגוידערט, אַראָפּגעוואָרפן דאָס פאַרטעך און אַוועק אין ז. פ. פ. ווייטער רעגיסטרירן די פליטים...

קאַפּיטל אַכט

דער דריטער פראָנט

ס'איז געווען אין 1942, ווען די דייטשע ווערמאַכט האָט זיך געריסן פאָרויס — צו מאָסקווע, אויף קאַווקאַז, אַרום סטאַלינגראַד. די שטאָלענע רויבפייגל האָבן געזייט טויט און חורבן אויף באַקו. און ווי ווייט איז באַקו פון סאַמאַרקאַנד? דורכן שוואַרצן ים, קראַסנאָוואָדסק און שוין...

די אוזבעקן זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרדעכטיקטן גלי אין די אויגן, געשפּאַנט און נערוועז האָבן זיי געקוקט אַרום זיך, אויפגעהויבן פון צייט־צו־צייט דעם קאָפּ אַרויף, פאַרריסן דעם בליק צום בלאָ־צעשפּילטן אוזבעקיסטאַנישן הימל.

דימיטרי פּאַוולאָוויטש באַרקאָווסקי איז געזעסן אויבן אָןביים טיש אַרומגערינגלט מיט די איבעריקע סעקרעטאַרן פון דער ראַיקאָמפּאַרטיי און אַנטקעגן אים, לענגויס פוןביידע זייטן טיש, זענען געזעסן די „פּני" פון זעשעלעזנאָ־דאָראָזשנעם ראַיאָן: אַלע פאַבריק־דירעקטאָרן, פּרעדסעדאַטע־לעס פון די קאָלכאָזן און די אַגיטאַטאָרן. הינטער באַרקאָווסקין אויף דער וואַנט הענגט אין זיין גאַנצער גרויס אַ צעשמייכלטער און באַלויכטענער פון די ערשטע פּרימאָרגן־שטראַלן — דער גענעראַליסימוס און פירער פון די פעלקער, חבר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין וואָס קוקט אַראָפּ מיט די ביטרע אייגעלעך אויף די אונטערטאַנען זיינע...

דער מאַכאָרקע־רויך בלויט זיך פּאַסנווייז אויפן געוועלבטן סופיט אָט באַלייכטנדיק און אָט פאַרטונקלענדיק דאָס פּנים פונעם הערשער און באַ־פעלער.

— איך זאָג אייך, טאָוואַרישטשי, אַז קיין צווייטער פראָנט וועט נישט זיין — האָט זיך געהיצט דימיטרי פּאַוולאָוויטש — די אַליאירטע אונדזערע

האָבן אונדז אָפּגענאַרט; קאַפּיטאַליסטן קאָנען נישט און וועלן נישט העלפֿן דעם סאָציאַליזם. דאָס איז מיין מיינונג חברים, פּאָניאַטנאָ?

דער צווייטער סעקרעטאַר, דער אוזבעק אַכמעד יוסופּאָוו, האָט אַראָפּגעשלונגען אַ הויפֿן נאַסאָוואַי־טאַבאַק, קרום אַ שמייכל געטון מיט אויסגעשפּיצטן בליק און מורמלענדיק אַ זאַג געטון:

— אווידים, מירן זען, מע קאָן נאָך גאַרנישט וויסן — זיין בליק האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט די בליקן פֿון נאָך אוזבעקישע שישקעס וואָס האָבן באַלד אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

ס'איז געוואָרן שטיל. פֿון דער גאַס האָבן זיך דורכגעריסן געשרייען פֿון אייזלען.

דימיטרי פּאַוולאָוויטשעס בליק האָט געוואַנדערט פֿון איינעם צום צווייטן, און איז שטיין געבליבן אלכסונדיק אויף זיין נאָענטסטן מיטאַרבעטער, אַכמעד יוסופּאָוו. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז ער איז עפּעס נישט דאָס, כאָטש אין די העכערע פּאַרטייקרייזן זאָגט מען, אַז ער איז יאָ דאָס. יוסיפּאָוו זיצט גאַנצע טעג אין טשאַי־כאַנאַ, טרינקט גרינעם טיי און וואַרפֿט זיך איבער מיט סודותדיקע אויגן מיט די אוזבעקן, רעדט פֿאַר פּייער און פֿאַר וואַסער. דימיטרי פּאַוולאָוויטש האָט אַ טרייסל געטון מיט זיין טשופּרינע און אַ כעסיקער אַ געשריי געטון:

— גענוג, טאָוואַרישטשי! די דיסקוסיע איז געענדיקט. קיין צווייטער פֿראָנט וועט נישט געעפֿנט ווערן, און מיר דאַרפֿן עס די אַרבעטער אויף די זאַוואָדן און קאָלכאָזן גענוי אויפֿקלערן, פּאָניאַטנאָ?

***

דערוויל איז ביי דימיטרי פּאַוולאָוויטש אין שטוב אָנגעגאַנגען דער דריטער פֿראָנט אויף דער גאַנצער פּאַרע. זיין ווייב אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס איז באַשאָנקען געוואָרן אַזש פֿון סטאַלינען אַליין מיט אַ מעדאַל פֿאַרן געבוירן צען זין, איז אַרומגעלאָפֿן מיט צעפּאַטלטע האָר, אַ צעשויבערטע, אַ נישט אַרומגעוואַשענע, פֿון איין קינד צום צווייטן: זי האָט פֿונאַנדערגענומען ביידע עלטערע, פּאַמאַ און באַריאַ, וואָס האָבן פֿאַרפֿירט צווישן זיך

אַ געשלעג. דער יינגסטער סאַשע האָט זיך אויסגעשמירט דאָס פּנימל מיטן עסן, האָט זי אים אָפּגעווישט מיטן פֿאַרטעך, און בעת־מעשה אַ רייב געטון דאָס נעזל פֿון דריי־יאָריקן איוואַן און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון צעהיצטן פּנים פֿון אַסיפֿאָוון און מיט איין אָטעם צוגעלאָפֿן אָפּדעקן דעם שטערצל פֿון זיך קאָכנדיקן שטשי־באָרש. אָט באַלד דאַרף שוין קומען עסן איר די־מיטרי פּאַוולאָוויטש, דער שטאָלצער טאַטע פֿון די צען באַיצי [1], אַ גאַנצע ראָטע וואָס ער האָט צוגעשטעלט דעם לאַנד.

די יעלות און געשרייען פֿון דער חברה דערגייט ביזן הימל אַרויף. די אָרעמע מאַמע, נעבעך, קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער שטובאַר־בעט און מיט דער כאַפּטע קינדער. דערפֿאַר אָבער, ווען זי גייט אַרויס אין גאַס, שיינט זי פֿון נחת. אַלע קוקן איר נאָך מיט קנאה. מע פֿאַרגינט איר נישט דעם מעדאַל וואָס הענגט אַ צעפֿינקלטער אויף איר הויכן בוזעם און רופֿט אַרויס דרך־ארץ ביי גרויס און קליין. נישט קיין סך מאַמעס האָבן זוכה געווען דערצו...

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דימיטרי פּאַוולאָוויטש מיט אַ פֿאַר־זאָרגט פּנים. מיט זיין בליק האָט ער אַרומגענומען די ראָטע „זעלנער" און אַ צופֿרידענער אַ שמייכל געטון:

— ניע בודיעט, ס'וועט נישט זיין קיין צווייטער פֿראָנט. מיינע באַיצי וועלן ביז דאַן אויסוואַקסן און גיין פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד. מיר דאַרפֿן נישט קיינעמס הילף: אַליין וועלן מיר קעמפֿן און געווינען.

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ! — האָט ער אַ געשריי געטון — פּאָדאַוואַי קו־שאַט... גיב עסן.

ווייטע איינגאָרנדיקע הייזקעס מיט בלעכענע דעכער און גרויסע ברייטע פֿענצטער, וואָס געדענקען נאָך די אַלטע גוטע צייטן, האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווי יוסטע גבירישע באַלעבאַטים איבער דער גאַנצער טרו־דאָוואַיאַ־גאַס, וואָס איז געלעגן אָנגעהויפֿט מיט ליימיקע קיביטקעס מיט פֿלאַכע דעכער באַדעקטע מיט ליים און סאַמאַן, אַ מין צעמאַלן שטרוי מיט מיסט.

---

[1] שלאַכטלייט

אין איינעם פון די הייזער אין שכנות־טיר — טיר אַנטקעגן טיר — האָבן געוווינט דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער ראַיקאָמפּאַרטיי, דימיטרי פּאַוולאָוויטש באַרקאָווסקי מיט זיין ווייב און צען זין און די וואַרשעווער יידישע פרוי רבקה פיינסאָד, אַ פּליטה פון פּוילן. דאָ אין איר איינצימער־דיקער וווינונג האָט זי געפונען רו נאָך אַ סך יאָרן וואַנדער.

אין דער צווייטער שטוב האָט געוווינט דער נאַטשאַלניק פון גאַר־פּראָמקאָמבינאַט, צאַלע אַנציס מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, אויך פּלי־טים און וויזאַווי: דער פאַרטרעטער פון פרעדסעדאַטעל פון ראַיספּאָלקאָם, גריגאָרי זאַכאַראָוויטש אַפאַנאַסענקאָ מיט זיין פרוי. זייערע צוויי זין — אַ צווילינג — זענען אַוועק אויפן פראָנט קעמפן קעגן פאַרשאָלטענעם שונא, וואָס זייעט טויט און חורבן און שטעלט אין סכנה דאָס פאָטערלאַנד.

אינעם קליינעם הייפל שטייט טאָג ווי נאַכט אַ האַרמידער. באַרקאָוו־סקיס ראָטע באַיצי שרייט און ליאַרעמט. דאָ וויינט מען און דאָ לאַכט מען. אין טרוקענע טעג, ווען דער ליימיקער באָדן איז צעפּאַרעט, לויפט אַרום די חברה איבערן הויף, מע שפּילט זיך אין יאַגעלעך, אין זעלנער, אין פּיל־קע, מע האַקט דערביי אויס נישט איין שכנהשע שויב און דער יידישער גלעזער־פּליט איז דאָ אָפט אַ גאַסט. אין נאַסע טעג, ווען דער אוזבעקישער הימל שטייט אַ וויינענדיקער און דער באָדן זאַפּט איין דעם באַך הימלישע טרערן, ווערן די צוויי צימערלעך ביי דימיטרי פּאַוולאָוויטש ממש צענומען פון די געשרייען.

רבקה פיינסאָד קאָן נישט איבערטראָגן דעם גאַנצן האַרמידער. אין איר איינזאַמקייט, נאָכן פאַרלירן אַלץ און אַלעמען, דערוועקן אין איר די קינדער־געשרייען און געוויינען, געלעכטער און שפּיל — טרויעריקע מחש־בות און דאָס האַרץ ווערט איר ממש צעגאַנגען פון בענקשאַפט:

ווי לאַנג איז עס געווען ווען אין איר וואַרשעווער וווינונג האָבן זיך געשפּילט אירע קינדערלעך: אַ ייִנגעלע פון עלף יאָר און אַ מיידעלע פון פיר יאָר, ביידע מיט אָפענע צעלויכטענע פּנימער פון פרייד, וואָס האָבן פאַרשאַפט נחת טאַטע־מאַמע.

איז געקומען אַ צייט, אַ בייזע און ווילדע. זי האָט מיטן מאַן און קינ־דער פאַרלאָזט זייער רויקע, וואַרעמע, צופרידענע און זאַטע היים און זיך

געלאָזט לויפן פון צעהוליעט אכזריותדיקן דייטש איבער גרענעצן — צום לאַנד ווו ס׳לייכט די אייביקע זון. קוים לעבעדיקע זענען זיי אַריבער דעם בוג און פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די סאָוויעטן און געמוזט אָפּליגן עטלעכע טעג אויף „קיינעמס לאַנד״, אין גרויסע פרעסט און זאַוויערוכעס. דאָס קליינע מיידעלע אירס האָט זיך פאַרקילט, געקראָגן אַ לונגען־אַנצינדונג און געפונען איר קבר אויף פרעמדער קאַלטער ערד. שוין זייענדיק אין ביאַ־ליסטאָק און זיך וואַלגערנדיק אין עזרת־נשים פון אַ דאָרטיקן בית־מדרש, איז איר זונדל קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, זיך אָנזאַפּנדיק מיט שמוץ און לייז אויף דער הייליקער פּאָדלאָגע האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און געבליבן זענען זיי אין צווייען — זי, רבקה פיינסאָד מיט איר מאַן.

נאָכן דורכמאַכן די פאַרשיקונג האָבן זיי קוים זיך דערשלעפּט קיין סאַמאַרקאַנד, ווו מ׳האָט ערשט דערפילט דעם טעם פון איינזאַמקייט און הונגער, דער מאַן אירער איז קראַנק געוואָרן אויף טראָפּישער מאַלאַריע, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק געוואָרפן און געטרייסלט, ביז — ס׳האָט אים אַרויסגעטרייסלט די נשמה.

איז זי, רבקה פיינסאָד, געבליבן אַליין. אַן איינזאַמע אויף גאָטס וועלטל. מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אַ צעוויטיקטע פון בענקשאַפט. וואָלט זי זיך שוין לאַנג גענומען דאָס לעבן, האָט זי דערצו נישט קיין כוח. לעבט זי אין איינזאַמקייט. אויף צו להכעיס אַרבעט זי ווי אַ קראַנקנשוועס־טער אין באַנשפּיטאַל, פאַרטומלט זיך אַליין, צעחושט איר נשמה, נאַרט אָפּ אירע ווייטיקן און האַלט אונטער דעם מאָגן מיט ברויט, כדי צו לעבן — פאַר וועמען? צוליב וועמען? רבקה פיינסאָד האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט ווי אַלע פרויען און מענער פון פּליטים וואָס זענען פאַראיינזאַמט געוואָרן און געלינדערט זייער עלנט מיטן העלפן זיך קעגנזייטיק און זיך טרייסטן איינער דעם צווייטן.

אַלץ האָט זי פון זיך אַראָפּפּאַרקויפט, בכדי צו דערהאַלטן דאָס טרויע־ריקע לעבן, וואָס איז איר טייערער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. געבליבן איז איר בלויז אַ קישן פון דער היים נאָך, וואָס זי באַנעצט מיט אירע טרערן אין די נעכט, אַ שפּיגעלע פון אַן אַלטן האַנטבייטל, אַ בערשטל צו רייניקן זאַכן און אַין רעקל מיט אַ בלוזקע, וואָס זי האָט כמעט יעדן טאָג געוואַשן,

און יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין פלעגט זי אויסצירעווען די ספּודניצע וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צעשיטן.

נישט איין מאָל איז דער מלאך־המוות געווען צו־גאַסט אין איר צי־מערל. מיט צעפּאַכעטע רויטע פליגל פלעגט ער שטיין בלייבן ביי דער טיר און וועלן אַרויסציִען די שווערד פון איר שייד און אַריינוואַרפן אין זיין גרויסער ־טאָרבע רבקהס נשמה, אָבער זעענדיק ווי זי זיצט אַ האַלב־נאַקעטע, אַ פאַרטראַכטע אין זיך און שטשאָבעט איר ספּודניצע, פלעגט זיין האַרץ ווייכער ווערן. פאַרט אַ מלאך, כאָטש אַ מלאך־המוות. ער פלעגט אַ פאָכע טון מיט זיינע פליגל און געבן אַ יאָג איבער צעכראַסטעטע טירן פון האַלב־חרובע קיביטקעס און איינס־צוויי אָנפילן זיין זעקל מיט נשמות...

אויף צומאָרגנס פרי, ווען רבקה פיינסאָד איז געגאַנגען צו איר אַר־בעט אין שפּיטאָל, זענען אויף דער גאַס געלעגן אויסגעלייגט טויטע, פאַר־דעקטע מיט ציישונג־פּאַפּיר און געלוואַקסענע הענט האָבן זיך געצויגן צו די פאַכמורעטע הימלען מיט דער פראַגע: פאַרוואָס?

און טאַקע, פאַרוואָס?...

איין מאָל אין אַן אינדערפרי, נאָך אַ שווערער שלאָפלאָזער נאַכט, ווען דער הימל האָט זיך צעווייִנט מיט ביטערע טרערן אויפן גורל פון די אויס־געוואָרצלטע און פאַרוואָרלאָזטע, איז זי פאַרבייגעגאַנגען די טאַשלאַצקע־גאַס, ווו ס'איז געווען דער סטאַנציאָנאַר פון די פּוילישע פּליטים, האָט זי געזען אַן אָנגעהויפט בערגל מתים, צוגעדעקט מיט ציישונגען. דערנעבן איז געשטאַנען אַ מענטש, אָפּגעריסן אַ שטיקל ציישונג־פּאַפּיר, פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס און זיך געמיטלעך פאַרצויגן דעם רויך.

— פוי, ווי מיאוס ס'איז דאָס לעבן, נאָך עקלהאַפטער ווי דער סאַמע־ראַדנער טויט אַליין.

זי איז געלאָפן גיך אין אירע לייוונטענע טאַפּקעס, ווי אַ געניטע דראָט־גייערין אין אַ צירק, געלאָפן זיך נישט־אומקוקנדיק אויף צוריק, כאָטש דער טויט איז מיט איר געווען פאַרהיימישט און נאָענט.

דער אַרום האָט געאַווירט מיט טויט און מאַכאָרקע־רויך...

**
*

גריגאָרי זאַכאַראָוויטש אַפּאַנאַסענקאָ, דער פאַרטרעטער פון פאַרזי־צער פון ראַיספּאָלקאָם איז געווען אַ קליין נידעריק דאַר מענטשל, מיט אַ קרומען גאַנג. זומער האָט ער געטראָגן אַן אַלט אָפּגעקראָכן רעקל מיט פאַרבויגענע קלאַפּעס. האַרבסט און ווינטער אַ לאַנגן לעדערנעם מאַנטל פון אַן אָפּגעקראָכענעם ברוינעם קאָליר, וואָס האָט שיון געהאַט מן־הסתם אַ סך יאָרן, מיט אַן אַקטן־טאַש איבערגעוואָרפן מיט אַ רימען איבערן אַקסל. זיין נאָז איז שטענדיק געווען בלאָ־רויט פון וואָדקאָ און קיין מאָל האָט מען נישט געהערט פון אים קיין וואָרט, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרדינט צו אַזאַ הויכן ראַנג אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון ראַיאָן איז שווער געווען צו וויסן.

פונקט ווי ער איז געווען קליין און דריבנע, איז זיין ווייב געווען הויך און דאַר, לאַנג ווי אַ שטעקן, גלייך ווי אַ ווירע און אַלץ האָט ביי איר גע־ברענט אונטער די הענט. פון מאַנס פרנסות, וואַרשיינלעך, האָט זי ווייניק געהאַט, ווייל ער האָט פאַרשיכורט מער ווײפל ער האָט פאַרדינט. זי אַליין האָט געקוילעט אַ באַראַן, אַ מאָל אַן אייזל און געמאַכט אַ כאַלאַדיעץ, גע־גליווערטע פיס, און געפּרעגלט קאָטלעטן, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם גאַנצן הייפל. זי פלעגט עס געבן צו פאַרקויפן אָרעמע פרויען אויפן באַ־זאַר. זי, אַ ווייב פון אַזאַ הויכע שישקע וועט זיך דאָך אַליין נישט אַוועק־שטעלן אויפן באַזאַר און האַנדלען. איז יעדן פרימאָרגן געווען אַ געגיי איבערן הייפל, אַריין און אַרויס. אוזבעטשקעס און רוסישע פרויען פלעגן קומען נעמען סחורה און ברענגען געלט פאַרן פאַרקויפטן.

פון צייט־צו־צייט פלעגט זי, די הויכע לאַנגע שכנה, אָפּבראָטן אַ זיסן בוראַק און צוואָרפן דער ראָטע יינגלעך, דימיטרי פּאַוולאָוויטשעס קליינ־וואַרג. זיי האָבן זיך באַלעקט מיט זייערע קורצע שמוציקע און פאַרריסענע בעזלעך.

פאַר רבקה פיינסאָד פלעגט די פרעדסעדאַטעלעכע אויסוויינען דאָס האַרץ אירס אויפן מאַן דעם שיכור און פאַרגיסן טרערן פון בענקשאַפט נאָך אירע צוויי זין, וואָס זענען אַוועק לייגן די קעפּ, טשאָרט זנאַיעט פאַר וועמען, ווען אַנדערע יינגלעך פון זייערס גלייכן זיצן אין דער היים און גייען טאָטש־וו'טאָטש אין טאָטנס דרכים.

זי פלעגט אַ וויש טון מיטן שמוציק־פאַרפעצטן פאַרטעך די לאַנגע באַז אירע און זיך פאַרגיין אין אַ העשענדיק געוויין.

אַ מאַמעס האַרץ איז נישט אָפּצושאַצן...

*****

צאַלע אַנציס — דער שכן אירער פון וויזאַווי — איז געווען קנעפּל שבקנעפּל מיט איר מאַן. אויך ער, דער פּליט פון פּוילן, האָט שוין דורכ־געמאַכט קאַלטס און וואַרעמס אין דער שטאָט און האָט שוין אַ היקער מיט צרות אויף די פּלייצעס. אָבער בטבע אַ טראַציקער, אַ ביסל אַ חוצפּהדיקער האָט ער זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. געקעמפּט מיט זיך, אַרום זיך, מיט אַלע מענטשן און מענטשעלעך, און דערוויל — אויב ער וועט נישט אַריינפאַלן אין תפיסה — האָט ער געזיגט און וועט אפשר דער־שלעפּן דאָס פּעקל ביינער אַהיים.

און ווו האָט אַ געיאָגטער הונט אַ בודע, האַ?

צאַלע אַנציס האָט געגליבט און געהאָפּט.

— ווי פלעגט מיין באָבע עליה־השלום זאָגן — פלעגט ער אַריינטענהן אין רבקה פיינסאָדן, זיין שכנטע — אַז מ'האָט מזל, לעבט מען איבער אַלע שוואַרציאָרן...

אַי, האָט ער זיך געראַנגלט מיט די שוואַרציאָרן, דער דאָזיקער צאַלע אַנציס...

אין ליכטיק־צעזומערטע אָוונטן האָט מען זיך צעזעצט אויף דער פּריזבע און שכן פאַר שכן, פּליט פאַר פּליט האָט אויסגעוויינט דעם נישט־דערוויינטן ווייטיק און לייכטער געמאַכט זיך דאָס האַרץ. אַמאָל האָבן גע־לעכטערס אַרויפגעשאָסן צו צעהעלטע באַלבנהטע הימלען און אַמאָל האָבן טרערן נאָס געמאַכט די האַרטע צעליימיקטע סאַמאַרקאַנדער ערד.

ס'איז לייכטער געוואָרן און מ'האָט זיך אָנגעשעפּט מיט מוט אויף בעסערע צייטן וואָס וועלן אפשר אַמאָל קומען.

אין קליינעם הייפל האָבן זיך צונויפגעפאָרט פרייד מיט טרערן, בענק־

שאַפט מיט אידעאַליזם. יעדער איינער אויף זיין אופן האָט געוואָלט לעבן בעסער, פאַרשענערן די וועלט און אָנוואַרפן זיינע מיינונגען און אידעען.

יעדער איינער האָט אויף זיין אופן, ווי אַ מוראַשקע, געשלעפט אַלץ צו זיך אין דער נאָרע. אַט אַזוי, ווי דימיטרי פּאַוולאָוויטש — פאַר אַלעם פאַר זיינע קינדער און דערנאָך...

— מיר אַלע פּליטים מוזן זיך צוגעוויינען צו דער דאָזיקער לאַגע, וואָס וועט געדויערן ווער ווייס ווי לאַנג. די מילחמה איז אין פולן ברען און מיר זיצן פאַרזיכערטע און רויִקע אין הינטערלאַנד — האָט צאַלע אַנ־ציס אַריינגעטענהט אין זיין שכנטע רבקה פיינסאָד.

— אָבער אַזוי לאַנג? ווי האַלט מען עס אויס? — האָט רבקה פיינסאָד שווער אָפּגעזיפצט.

— פּאַני רעבעקאַ, מע דאַרף זיך האַלטן, לעבן און איבערלעבן. אַט נעמט מיך אַליין פאַר אַ ביישפּיל: איך האָב יאָרנלאַנג געהונגערט, געטון אַלע מיני עבודת־פּרך און נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. מיין פרוי און קינדערלעך זענען פון הונגער געלעגן פאַרחלשטע, און היינט, אַז איך האָב זיך אַריינגעפּאַסט און געוואָרן אַזוי ווי אַלע נאַטשאַלניקעס דאָ, שטעלט זיך מיר דער ביסן אין מויל פאַר שרעק. יעדער פרעמדער אָפּ־הילך פון טריט ביינאַכט, אָדער אַ געביל פון אַפּאַנאַסענקאָס הונט, וואַרפט אויף מיר אַן אַ פּחד; איך מיין, אַז מע קומט מיך נעמען אַהינצו...

— וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַרן לעבן, פּאַניע אַנציס, מיר האָבן שוין במילא אַלצדינג דאָ פאַרלאָרן. איך האָב שוין פאַרן טויט נישט קיין מורא... ווען ער קומט און לייזט מיך אויס פון מיין איינזאַמקייט, וואָלט איך אים דאַנקבאַר געווען, אָבער אַליין עס טון איז נישטאָ קיין מוט, וואַרט איך... דערווייל מוז מען אַרבעטן און בגוואַלד זיך פאַרברידערן מיט דעם וואָס איז דיר נישט ניחא — מיטן סאַמעראָדנעם לעבן אַליין.

איבערן הויף האָט זיך פונאַנדערגעהודזשעט די חברה פון דימיטרי פּאַוולאָוויטש, אַ באַוואָפנטע מיט אָפּגעריסענע צווייגלעך פוןביימער, אָי־בערגעבונדענע מיט שטריקלעך, ווי ביקסן, אָנגעלאָדענע אויף די פּלייצעס — האָבן זיי מאַרשירט אין גלייכע רייען און געזונגען:

„טרי טאַנקיסטא טרי וויעסאָלי דרוגא"....

באַלד האָט דער צוועלפיאָריקער גרישע פּאַרריסן דעם צעדרייטן קאָזירעק פון זיין היטל, אַרויסשטעלנדיק זיין בלאָנדע טשופּרינע און מיט אַ פאַרשטאָפּט נעזל, האָט ער פּאַכענדיק מיט דער האַנט אָנגעהויבן זינגען ביז הייזעריקייט:

„יעסלי וו'באַי נאַם פּאַשליאָט טאָווארישטש סטאַלין"...

ביידע שכנים האָבן זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און אַ ווײַלע שטיל געבליבן.

אַז די חברה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ בערגל אין מאַרש צום מיכאַילאָווסקי־פּערעוּלאָק, וואָס איז געלעגן ווי אַן אַלטע קבצנטע, אַ באַשאָטענע מיט ליימיקע קיביטקעס, האָט צאַלע אַנציס פאַרגעזעצט:

— מיין חבר, לייזער דונסקי, אַ לאַנגיאָריקער קאָמוניסט, נאָך פון פּוילן, וואָס האָט שוין דאָ באַוויזן צו זיצן פאַרן אַריבערכאַפּן זיך די גרעניץ אומלעגאַל, איז אַרומגעגאַנגען אַן אַנטוישטער און פאַרביטערטער אויף דער גאַנצער אָרדענונג. אים געפעלט דאָ גאָרנישט, און איך טענה צו אים: איך האָב צו זיי גאָרנישט. ס'איז נישט געווען מיין אידייע, כ'האָב אין איר קיין מאָל נישט געגלייבט און גלייב נאָך היינט נישט אין איר פאַרווירקלעכונג, איז זאָלן זיי זיך שפּילן אין דעם. כל־זמן יעדער מענטש וועט זיין אַן עגאָיִסט און שלעפּן ווי אַ מויז אין דער נאָרע צו זיך אַליין, קאָן קיין גלייכקייט נישט זיין אויף דער וועלט. איר זעט דאָך, פּאַני רעבעקאַ, דימיטרי פּאַוולאָוויטש אַליין, דער סאָמעראַדנער סעקרעטאַר שלעפּט אַלץ צו זיך אין דער נאָרע; אַפאַנאַסענקאָ שלעפּט צו זיך, אַפילו איר שלעפּט אויך צו זיך און פון מיר איז שוין אָפּגערעדט: איך שטעל אין מיין קאָפּ און די פרייהייט פאַר מיין פרוי און קינדער. אַלע, אַלע זענען עגאָיִסטן און אַזאַ מין עגאָיִסטישע וועלט קאָן נישט פאַרווירקלעכן די אידיי פון גלייכקייט, מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט.

אויף דער שוועל פון דער פּריזבע האָט זיך באַוויזן די שכנטע אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, אָנגעטון אין אַ העלגראַנאַטן קאָסטיום, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף איר שווערן פוללייבישן קערפּער מיט איר אַרויסשטאַרצנדיקער ברוסט און ברייטן הינטן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף צווייִ דינע פיס... אַ נס ממש וואָס זיי ברעכן זיך נישט איבער פון אַזאַ שווערער משא.

— שכנטע — האָט זי אַ שמייכל געטון צו רבקה פיינסאָד, וועלכע זי האָט גערופן זשעניאַ, ווייל ס׳איז איר אַזוי לייכטער געווען — זשעניאַ, גיב מיר דיין שפּיגל זיך אָנצוקוקן אַ ביסל און דאָס בערשטל אויסצוריי־ניקן מיין קאָסטיום.

רבקה פיינסאָד האָט איר פאַרבליבן פאַרמעגן פון יענע גוטע יאָרן געגעבן איר שכנטע, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ, וואָס האָט זאָרגפעלטיק זיך באַ־טראַכט אינעם שפּיגעלע, זיך נישט זשענירנדיק פאַר איר שכן, צאַלע אַנציס, האָט זי מיט רויט פּאַפּיר צוגעפּאַרבט אירע באַקן און מיטן בערשטל אָנ־געהויבן צו רייניקן איר קאָסטיום, גוט אָנגעשפּיגן אויפן ברעג פון רעכטן אַרבל און אָנגעהויבן צו פּוצן דעם באַקומענעם מעדאַל אירן, וואָס איז געווען אָנגעהאָנגען אויפן הויכן בוזעם, געווישט און געווישט אַזוי לאַנג, ביז דער מעדאַל האָט אָנגעהויבן צו גלאַנצן.

צאַלע אַנציס האָט זיך שטיל צוגעקוקט צום דאָזיקן בילד און ווייל־יונגעריש אַ זאָג געטון:

— דערלויבט, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ, איין פראַגע:

— ביטע זייער — האָט זי אַלץ זיך פּוצנדיק און טראַכלדיק אים גע־ענטפערט נישט־קוקנדיק אין זיין זייט.

— פאַרוואָס האָט איר באַקומען דעם מעדאַל, אָלגאַ מאַכאַילאָווגאַ?

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אַנציסן, מיטן הויכן בוזעם פאָרויס און געקוקט אים גלייך אין די אויגן:

— איר ווייסט נישט? פאַרן געבוירן צען זין — האָט זי גדלותדיק אַרויסגעזייט צווישן די ציין.

— טאָ פאַרוואָס טראָגט איר אים אָט דאָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף איר ברוסט, און איבערווינקענדיק זיך מיט רבקה פיינסאָד, אַ שמייכל געטון פּולטייטיק.

— וואָס נאַכאַל, אי ניעקולטורני — האָט זי אין דער שטיל אַרויס־געשעפּטשעט, זיך באַגיסנדיק מיט אַ רויטקייט און האָפּסלענדיק האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער פריזבע, דראָענדיק מיט אַ פינגער צו אַנציסן:

— כ׳וועל דערציילן, יעי באָגו, כ׳וועל דערציילן דימיטרי פּאַוולאָ־וויטשן, סאַראַ נישט־קולטורנער איר זענט...

די צעשפּילטע אוזבעקישע זון האָט זיך איינגעגעסן אין אָלגאַ מי־כאַילאָוונאַס מעדאַל אויף דער ברוסט און זיך צעשיינט מיט טויזנט חנען. אַ גליקלעכע האָט זי, וויגנדיק זיך אויף פּולע באָקעס, געלאָזט אירע „סאָל־דאַטן״ אַליין זיך שפּילן און אַוועק אַ ביסל אין גאַס. זי האָט שטענדיק ליב געהאַט ווען אַלע קוקן איר נאָך מיט קנאה און באַוווּנדערן איר מעדאַל.

אין ראַיקאָמפּאַרטיי איז אַנגעשטאַנען אַ טומל. ס׳קומען אַריין און גייען אַרויס אַ סך נאַטשאַלניקעס און דירעקטאָרן צו דימיטרי פּאַוולאָוויטש אין קאַבינעט. גוטאַנגעטוענע פּאַרטייער מיט פֿאַרשידנפֿאַרביקע לעדערנע מאַנטלען רייכערן „קאַזבעק״ אָדער „ביעלאָ מאָר קאַנאַל״. נאָר דימיטרי רייכערט בלויז מאַכאָרקע געוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר. ביי אים איז דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן אָפּצורייסן אַ שטיק פֿון דער „פּראַוודאַ״ און פֿאַרצי׳ען דעם רויך. ער פֿאַרקנייטשט דעם שטערן און טראַכט און אַז דימיטרי טראַכט איז עס נישט קיין קלייניקייט, פּונקט ווי סטאַלין אין קרעמל טראַכט ער אויך פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך קוים דערוואַרט אויף איר מאַן. די פּאַרטיי־זיצונג האָט זיך היינט פֿאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט און צוזאַמען זענען זיי אַוועק אַהיים.

דאָס קליינוואַרג האָט אויפֿגעהויבן אַן אַליאַרעם ווען זיי האָבן דערזען דעם טאַטן. די מאַמע האָט יעדן צוגעוואָרפֿן אַ שטיקל ברויט און געגעבן אַ טעלער זופּ. זיי האָבן גיך־גיך, ווישנדיק די נעזלעך, אַלץ פֿאַרשלונגען. זי האָט זיי אויסגעשפּרייט די ראַגאָזשקע אויף דער ערד און זיי געטריבן שלאָפֿן, ס׳איז שוין גוט שפּעט...

דימיטרי פּאַוולאָוויטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, גענומען דעם „קורצן קורס געשיכטע פֿון אַלקפּ״ב״ און פֿאַמעלעך געלייענט. ער האָט געוואָלט דערגיין צו קען קאַפּיטאַליזם מיט קאָמוניזם היינט צוזאַמען און צי דאַרפֿן זיי גיין האַנט־ביי־האַנט אין מילחמה קעגן פֿאַרשאָלטענעם דייטש.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט געפּרוּווט מיט אים פֿאַרצי׳ען אַ געשפּרעך, אָבער דער מאַן אירער האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פֿונעם בוך און זי אָפּגעפּטרט מיט אַ האַנט־באַוועג:

— פוסטיאַקי, אָלגאַ. מיר קריכן זיי נישט אין קאָפּ, לאָז אָפּ מיט דיינע ווייבערישע מעשות. כ'האָב פיינט נאַרישקייטן...

***

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ פּאַראַדירט שוין ווידער מיט איר הויכן בוזעם און שפּיציקן בויך איבער דער קאַרל מאַרקס־גאַס, די הויפּט־גאַס פון זשע־לעזנאַ־דאָראָזשנעם ראַיאָן. איר מאַן דימיטרי פּאַוולאָוויטש פּילט אויס דעם פּלאַן לויט סטאַלינס געבאָט: וואָס מער קינדער דעם פאָטערלאַנד. אָט־אָט און פון אירע איינגעווייידן וועט אַרויס אויף דער לעבעדיקער וועלט אַ נייער און פרישער קעמפער — צום ווויל פאַרן פאָטערלאַנד.

דימיטרי פּאַוולאָוויטש הערט יעדן טאָג מיט גרויס אינטערעס די סוואָדקעס פון סאָוואינפאָרמביוראָ. מיט האַרצציטער דערוואַרט ער דעם אויסגאַנג פון די שלאַכטן אויף די פראָנטן און איז צופרידן וואָס די אַלי־אירטע הייבן נישט אָן דעם צווייטן פראָנט.

יעדן טאָג האַלט ער אין איין צושטיין צו די אַגיטאַטאָרן און פּאָליט־רוקן זיי זאָלן פאַר די אַרבעטער אויף די פאַבריקן, פאַר די קאָלכאָזניקעס זאָגן, אַז „אונדזער זיגרייכע אַרמיי גייט פאָרויס און מיר דאַרפן נישט קיין אויסלענדישע הילף".

— מיר אַליין — קלאַפּט ער זיך אין אויסגעדאַרטן ברוסטקאַסטן אַריין — מיר אַליין וועלן זיגן, מיר דאַרפן נישט קיין שותפים.

ער דרייט זיך אויס אויף זיין שטול צום גרויסן סטאַלין־בילד, וואָס הענגט הינטער אים, קוקט לאַנג און מיט ערפורכט אין די צעשמייכלטע אויגן אַריין און שעפּטשעט אין דער שטיל:

— אַ דאַנק דיר גרויסער פירער פון די פעלקער, געניאַלער גענע־ראַליסמוס פאַר דיין ליכטיקן לעבן וואָס דו האָסט מיר געגעבן. דיין פרי־קאַז וועט אויסגעפירט ווערן אויף גאַנצע הונדערט פראָצענט און נאָכ־מער...

— סאַרע גוטע זאַכן איר האָט פאַרמאָגט, זשעניאַ — האָט זיך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געדרייט אינעם איינציקן שפּיגל, וואָס רבקה פיינסאָדן איז

פאַרבליבן פון דער היים — און דאָס בערשטל, אַי, אַזאַ בערשטל זעט מען גאָרנישט אין אונדזערע מקומות — איז זי אַריינגעפאַלן אין התפעלות.

רבקה פיינסאָד איז ווי תמיד געזעסן אַריינגעטון אין אירע מחשבות. צו אירע אויערן האָט זיך דערטראָגן קינדעריש געלעכטער. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ערגעץ דאָרט שטיפן אויך אַרום אירע קינדער זאָרג־לאָז און פריילעך, נאָר זי האָט זיך גלייך אויסגעטשוכעט פון די חלומות און זיך דערזען אַזאַ ווי זי איז, אין איר קיביטקע אויפן בערגל פון טרו־דאָוואַיאַ־גאַס און שווער אָפגעזיפצט.

— פאַרוואָס קרעכצסטו אַזוי, דאָראָגאַיאַ זשעניאַ — האָט זיך אַריינ־געריסן אין איר אָפּגעזונדערט־פאַרטראַכט ווערטל אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ — פאַרוואָס זיצסטו אין איינזאַמקייט און זוכסט זיך נישט אויס קיין מאַן, אָט אַזוי ווי אַלע אַנדערע. ביי אונדז פעלן נישט קיין מענער. מע גייט אַריין אין זאַגס, מע פאַרשרייבט זיך און פאַרטיק, פאַרוואָס אָפּבידעווען די יאָרן אַליין, אין איינזאַמקייט, ביסט דאָך נאָך אַ יונגע פרוי...

— עך, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, קאָן מען אַזוי שנעל פאַרגעסן צוויי ליכ־טיקע קינדערלעך, וואָס זענען אויסגעגאַנגען צוליב דער רשעות פון דער וועלט. די דייטשן האָבן נישט אַדורכגעלאָזט איבער דער גרענעץ און די סאָוויעטן האָבן נישט אַריינגעלאָזט אין לאַנד... איז אַן אומשולדיק קינד אַוועק פון דער וועלט, און אַ צווייטס האָט זיך געבראָדזשעט אין שמוץ, קראַנק געוואָרן און אויך פאַרלאָזט די זינדיקע וועלט, און מיין מאַן, וואָס איז פאַר מיר געווען אַזוי געטריי, איז ערגעץ ווו באַגראָבן געוואָרן... איך ווייס אַפילו נישט ווו זיין קבר געפינט זיך. איך אַליין בין קראַנק געווען אויף דעזינטעריע און זיך געוואַלגערט אין אַ שפּיטאָל. וואָלט איך כאָטש געוווסט ווו זייערע קברים זענען...

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך צוגעהערט צו רבקה פיינסאָדס רייד און שטיל געפוצט איר קאָסטיום.

— אויך איך, זשעניטשקאַ, האָב קיין האָניק נישט געלעקט — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ זיך צוגעזעצט אויף דער פריזבע — מיין טאַטע איז געווען זאַוווכאָז אין אָבלטאָרגאָטדיעל,[1] אַן אַלטער פאַרטייער און אין שטוב האָט

[1] פאַרוואַלטער פון וואָיעוואָדישן האַנדל־אָפּטייל

גאָרנישט געפעלט. ער האָט געבראַכט פון אַלצדינג אַהיים, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה אויף פינף יאָר פאַר פאַרטאַכלעווען פאָלקס־פאַר־מעגן. אין שטוב איז געווען ביטער, כ׳בין געווען אַ יונגע שיינע קאָמסאָ־מאָלקע און אַריינגעפאַלן אין אומחן. האָט זיך דימיטרי פּאַוולאָוויטש אַריינ־געמישט אין עסק און מ׳האָט מיין פּאַפּאַשינקע אַרויסגעשלעפּט פון דער תפיסה און איך האָב זיך מיט דימיטרי פּאַוולאָוויטשן פאַרשריבן אין זאגס און איצט, שוין מער ווי צוועלף יאָר נאָך אונדזער חתונה, האָב איך שוין צען קינדער און איך קלייב זיך שוין צו אַן עלפטס. ביי יעדן געבורט צי־טער איך, טאָמער גייט אַרויס אַ מיידל, איז מיין לעבן נישט זיכער. דימיטרי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אויסצופירן דעם חבר סטאַלינס פּרי־קאַז, צו האָבן מער יינגלעך פאַרן ווויל פון פאָטערלאַנד און ווי אַ געטרייער קאָמוניסט פילט ער אַלץ אויס אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. איז קינדל איך; פון איין קימפּעט אַרויס, אין דער צווייטער אַריין... אָפּט מאָל ווער איך אַזוי צעטומלט, אַז איך געדענק נישט די נעמען פון די קינדער.

— גו, איז געבוג, צען קינדער איז אויסגעפילט די נאָרמע — האָט רבקה פיינסאָד גאַליק אַ שמייכל געטון — זעסט ביי אונדז, דער שכן אונ־דזערער, אַנציס, האָט צוויי קינדער און כאָטש זיי זענען נאָך יונגע מענטשן באַגנוגענען זיי זיך. אין אַזעלכע ענינים דאַרף מען פאָלגן זיך אַליין. פון איין פרוי פאַרלאַנגען אַזוי פיל, איז אַ הימל־געשריי. עס איז דען איצט די צייט פון מיטלאַלטער?

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט נישט געענטפערט. דער גאַנצער נשמה־אויס־גוס אירער פאַר אַ פרעמדער איז איר געוואָרן נישט ניחא און זי האָט דעם געשפּרעך איבערגעשטעלט אויף אַנדערע רעלסן:

— איר ווייסט זשעניאַ, דימיטרי פּאַוולאָוויטש האַלט זייער שטאַרק פון אונדזער שכן אַנציס. ער זאָגט מיר שטענדיק, אַז כאָטש ער איז נישט קיין פאַרטייער, אַ זאַפּאַדניק[2] טרויען מיר אים מער ווי אַן אונדזעריקן. נישט בלויז ער, נאָר אין אָבקאָמפּאַרטיי האָט דער ערשטער סעקרעטאַר,

---

[2] פון מערב

חבר פייסאַך, געלויבט אַנציסן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דירעקטאָרן און זיי געהייסן אַראָפּנעמען פון אים אַ ביישפּיל.

רבקה פיינסאָד האָט זיך צעלאַכט פון אָלגאַ מיכאַילאָוונעס רייד.

— וואָס לאַכסטו, זשעניאַ? — האָט אָלגאַ אַ פרעג געטון.

— אָט גאָרנישט, זיך דערמאָנט אין נעכטיקע טעג. נאָך אַזוי פיל צרות האָב איך זיך היינט צעלאַכט. ווען צאַלע אַנציס וועט זיך דערפון דערוויסן וועט ער נאָך מער לאַכן. ווען ער וויסט, אַז דימיטרי פּאַוולאָ־וויטש האָט וועגן אים אַזאַ הויכע מיינונג, וואָלט ער אין די גאַסן געטאַנצט פאַר פרייד.

איבערן הויף האָט זיך אַריינגעלאָזט די גאַנצע ראָטע באַיצי, באַוואָפנ־טע מיט גרודעס ליים וואָס זיי האָבן זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן. אַ שטיק ליים איז אַריינגעפאַלן אין פענצטער פון צאַלע אַנציס און אַ גרויסע שויב האָט זיך צעפּיצלט מיט געבראַזג. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיי געגנב־מען יאָגן פון הויף מיט איר הויך־אויפגעגאַנגענעם בויך, נאָר אירע פאַר־שמייעטע יאָטן האָבן זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, ווי נישט זיי מיינט מען. זיי האָבן געלערנט הילכות סטראַטעגיע אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון דער מאַמעס געשרייען וואָס האָבן פול געמאַכט די גאַנצע טרודאָוואַיאַ־גאַס.

***

— באַרויקט זיך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ ווײַלע, און איר וועט אויפגעבונדן ווערן — איז די אַקושאָרין אינעם באַנשפּיטאַל, וויעראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, געשטאַנען און געווישט דעם אַנגסטיקן שוויס פון אָלגאַס שטערן.

— האָספּאָדי פּאָמילוי [1], ראַטעווע — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ גע־שריגן מיט באַנומענע קולות. — וויערא אַלעקסאַנדראָוונאַ, דער רוקן פּלאַצט מיר, איך פיל אַז איך שטאַרב. ראַטעוועט מילינקאַיאַ [2].

---

[1] גאָט, דערבאַרעם זיך
[2] ליבינקע

וויערא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צוגעבויגן צו דער יולדת, איר געוווישט דעם נאַסן שטערן און באַרויִקט:

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, ס'איז אַן עלפט קינד. ניעבעזפּאָקאָיטיעס [3], ס'וועט אַדורך בשלום, איר זענט שוין אַ וועטעראַן אין דעם פאַך. איר ווייסט דאָך שוין, אַמאָל גייט עס בעסער, אַמאָל ערגער...

— אַזאַ מערזאַוויעץ, אַזאַ פּראָכוואָסט מיין דימיטרי. ער לאָזט גאָרנישט צורו. ער מוז דעם פּלאַן אויספירן און איבעריאָגן. אַזוי וויל זיין קלוגער חבר סטאַלין.

וויערא אַלעקסאַנדראָווגאַ האָט איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן מויל:

— שאַט, שטילער, באַרויִקט אייך, אָלגאַ, מיכאַילאָוונאַ, אַ נישט־געוווּנטשענער קאָן נאָך דערהערן. וואָס טוט זיך מיט אייך...

די ווייען האָבן זיך פאַרשטאַרקט. אָלגאַס געשרייען האָבן זיך צעקייקלט איבער אַלע צימערן פון גרויסן שפּיטאָל־בנין און אָנגעפילט מיט פּחד דעם אַרום.

וויערא אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אָנגעקלונגען אין ראַיקאָמפּאַרטיי און אַרויסגערופן דימיטרי פּאַוולאָוויטשן, וואָס איז תיכּף געקומען, זיך געזעצט אויף אַ שטול אין קאָרידאָר און נערוועז געצופּט די נעגל.

די געשרייען פון דער קימפּעטאָרין האָבן זיך איינגעשטילט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיק געשריי פון ניי־געבוירן נפשל.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און צוגעמאַכט די אויגן פון תענוג.

— פּאַזדראַווליאַיו [4] דימיטרי פּאַוולאָוויטש, — האָט וויערא אַלעקסאַנדראָוונאַ געעפנט די טיר פון וואַרטזאַל.

דימיטרי פּאַוולאָוויטש האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון בענקל און אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— דיעוווּשקאַ [5] — האָט די אַקושאָרין געענטפערט.

---

[3] זאָרג זיך נישט

[4] כ'באַגריס אייך

[5] אַ מיידל

— נו יעיאַ קטשאַרטו מאַטערי, בליאַד טאַקאַיאַ [6] — האָט ער אַ כעסי־קער אַ צישע געטון צווישן די ציין און איז אין גאַנצן אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט.

— טשטאָ ווי, דימיטרי פּאַוולאָוויטש — האָט וויערא אַלעקסאַנדראָוונאַ אַן אַנגעצונדענע פון כעס זיך קוים באַהערשט — נו, וועט איר איצט האָבן אַ פרישע מאַמע, וואָס וועט גיין אין איר מאַמעס וועגן און באַשיינען איר ברוסט מיט אַ מעדאַל. אויך מיר פרויען זענען נייטיק.

דימיטרי פּאַוולאָוויטש איז אַריין אין שפּיטאָל־צימער, צוגעגאַנגען צום ווייבס בעט, אַנגעקוקט שטום די קימפּעטאָרין און גאָרנישט געזאָגט.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך צעהעשעט אין דער שטיל.

— נו, ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן, איז דאָס מאָל אַרויס אַ מיידל... מיר וועלן פּאָפּראָוועןָ, דימיטרי... ס׳וועלן זיין נאָך באַיצי, וועסט זען...

דימיטרי פּאַוולאָוויטש האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום ווייב, אַ קוש געטון איר אין שטערן:

— נו, לאַדנאָ, כ׳אייל זיך, אַ סך אַרבעט, זיי געזונט...

ער האָט אַפילו נישט געוואָלט, ווי זיין טבע איז געווען ביי די פריער־דיקע קינדער, אַ קוק טון אויפן נייעם באַשעפעניש׳ל. אַראָפּרוקנדיק דעם קאַזירעק איז ער אַרויס פונעם באַנשפּיטאָל.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אָבי דימיטרי האָט נישט געמאַכט קיין סקאַנדאַל. ער איז פּאַרט אַ וווילער מענטש, נישט אומ־זיסט האָט אים די פּאַרטיי און רעגירונג אָנגעטרויט אַזאַ הויכן פאַראַנט־וואָרטלעכן אַמט.

— אַ דאַנק דיר, דימיטרי פּאַוולאָוויטש, ספּאַסיבאָ — האָט זי שטיל אין זיך געמורמלט און פאַרמאַכט די אויגן נאָך אַ גאַנצער שלאָפלאָזער נאַכט פון ווייען...

פון צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן דאָס הויכע געוויין פון איר ניי־געבוירן קינד, וואָס האָט זיך געריסן און גלייך געפאָדערט עסן, איר רעכט אויפן לעבן אויף גאָטס וועלטל...

***

[6] גייט זי צו אַלדי שוואַרצע יאָר, אַזאַ זונה

רבקה פיינסאָד און צאָלע אַנציס מיט זיין פרוי און די הויכע בלייכע פרוי פון אַפּאַנאַסענקאָ האָבן זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן דעם יום־טוב צום געבורט פון דימיטריס טאָכטער. דער גאַנצער הויף איז אילומינירט געוואָרן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך און די טישן — אויסגעשטעלט מיט כל־טוב. באַלד וועלן זיך צונויפקומען די פּני פון שטאָט, באַגריסן דעם הויכן דיגניטאַר, דימיטרי פּאַוולאָוויטש.

אינעם צעלויכטענעם הויף, באַגאָסן מיט לבנה־שיין און אילומינירטע עלעקטרי־לעמפּלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוקומען די חשובסטע לייט פון ראַיאָן: אַלע דירעקטאָרן, נאַטשאַלניקעס, פאָרשטייער פון קאָלכאָזן און אַ סך פּאַרטיי־חברים, וואָס האָבן זיך אויך באַגריסט מיט דימיטרי פּאַוולאָ־וויטשעס שכן, צאָלע אַנציס. ער איז דאָך אויך אַ דירעקטאָר. ער האָט גע־האַט אַ גוט אַרטיקל: מאַנופאַקטור און זייד אויף ווייסע קאָסטיומען — איז ער געווען אַ מיוחס. אַלע דיגניטאַרן זענען געגאַנגען אָנגעטון אין לאַנגע לעדערנע מאַנטלען און די פרויען — אויסגעסטראָצלט אין די שענסטע קליידער וואָס זיי האָבן איינגעקויפט ביי די פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן פאַר ברויט אַראָפּגעפּאַרקויפט פון זיך אַלץ.

וואָדקאָ און קאַגאַר־ווין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, נאָך אַלע ווונטשן און רעדעס האָט דער עולם אַ האַלב־בגילופינדיקער פאַרצויגן פאַרשידענע מיליטערישע מאַרשן און לירישע לידער. דער גאַנצער פאָלק באַיצי פון דימיטרי פּאַוולאָוויטש האָט צוגעהאָלפן.

די איינוווינער פון די געסלעך קאָמסאָמאָלסקע און פּיאָנערסקע מיטן מיכאַילאָווסקי־פּערעולאָק בראש, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און מיט סלינע אין די מיילער זיך צוגעהערט צום געזאַנג וואָס האָט זיך געטראָגן אַלץ העכער און העכער:

— נאַטשאַלניקעס און דירעקטאָרן, אין זייער מאַמען אַריין, זיי האָבן אַלץ און מעגן אַלץ — האָט יעדער שטיל פאַרמאַכט די פענצטער כדי נישט אַריינצולאָזן דעם גערויש פון דער הוליאַנקע.

פון דער נאָענטער באַנסטאַנציע האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פון לאָקאָמאָטיוון וואָס האָבן געשניטן די רחבותן פון לאַנד — קיין קראַסנאָ־

וואָדסק, סטאַלינאַבאַד און צוריק צו די פראָנטן, געפירט פעטראַל און מענטשן פאַר האַרמאַטן־פלייש...

דימיטרי פּאַוולאָוויטש איז אין אַ האַלב־שיכורן צושטאַנד געלעגן אויף זיין געלעגער פאַרדמיונט. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אין דער גאַנצער ברייט געמאָלט דאָס בילד, ווי ער קומט קיין מאָסקווע אין קרעמל אַריין מיט זיינע באַיצי און זאָגט סטאַלינען:

— נאָ, נעם, חבר סטאַלין, אַ מתנה פון דימיטרי פּאַוולאָוויטש פאַרן פאָטערלאַנד. איך האָב אויסגעפּאַלגט דיין פּריקאַז.

סטאַלין האָט צו אים אַ שמייכל געטון און געדאַנקט:

— ווען מיר האָבן אַ סך אַזעלכע באַרקאָווסקיס, וואָס ווייסן ווי אַזוי צו אַרבעטן געטריי און נאָך דערצו צושטעלן קינדער, כדי גרויס צו מאַכן אונדזער לאַנד, וואָלטן מיר... און באַרקאָווסקי איז פאַרזונקען אין שלאָף.

אַ פולע לבנה האָט זיך אַריינגעגאָסן אין די פענצטער, באַלויכטן די שלאָפנדיקע און פאַרבלענדיקט מיט איר ליכט דעם הענגענדיקן קאָסטיום פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, זיך אַ שפּיל געטון מיט איר מעדאַל.

באַרקאָווסקי האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף אַ באַגאָסענער מיט שוויס. צוערשט האָט זיך ווי אַ יוסטער באַלעבאָס צעפייפט דער גודאָק פון כלאָפּ זאַוואָד און נאָך אים האָט זיך צעגאָרגלט דער סיגנאַל פון קישמיש־זאַוואָד. דימיטרי האָט זיך אויף דער שנעל אָנגעטון און געגאַנגען צו דער טיר.

אויף דער ערד אויף דער אונטערגעשפּרייטער ראָגאָזשקע איז געלעגן פאַרהאַרטעוועט די ראָטע באַיצי זיינע, קאָפּ צו קאָפּ, האָר פון אַלע קאָ־לירן, העלע און טונקעלע. פיס פאַרפלאָכטן אין פיס. די חברה האָט געשמאַק געשנאָרכט.

— אָט ווי אַ פּאָלקאָוואָיער אָרקעסטער שפּילן זייערע נעזער — האָט באַרקאָווסקי אַ רעד געטון אין דער שטיל.

דאָס פּיצעלע — די צוקונפטיקע מאַמע, די נאָכגייערין אין דער מאַ־מעס וועגן, ווי ס׳האָט פאַרויסגעזאָגט די אַקושאָרין וויעראַ אַלעקסאַנדראָוונאַ — האָט זיך צעוויינט און געמאָנט עסן.

**
*

פון הויכן וואָקזאַל-בנין האָט דער ספּיקער גערעדט מיט אַ פרײלעכער שטים, איבערגעבנדיק די ידיעות פון פראָנט. די סוואָדקע פון סאָוואינפאָרמ־ביוראָ האָט זיך צעוויקלט אין דער לופטן און זיך דערטראָגן צו באַר־קאַוסקיס אויערן:

— די אַלייִרטע האָבן היינט באָמבאַרדירט בערלין. קעניגסבערג שטייט איינגעהילט אין פלאַמען און רויך...

באַרקאַוסקין איז קאַלט געוואָרן. די טשופּרינע זיינע האָט זיך צע־פּאַטלט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאַזיראָק איבערן שטערן און מיט שלאַ־בעריקע טריט אַוועק צו זיך אין ביוראָ, נישט ענטפערנדיק קיינעם אויף די פרימאָרגן-באַגריסונגען, וואָס מ'האָט אים מיט הכנעה צוגעטראָגן ווי דעם באַלעבאָס פון דעם ראַיאָן.

ער איז אַריין אין זיין גרויסן ביוראָ-צימער, זיך געזעצט אויף דער שטול, אויסגעדרייט מיטן אַנלען צום בילד פון סטאַלינען און אים שטיל געקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַ גרויסער שטומער פראַגע.

אויף סטאַלינס באַלויכטענעם בילד האָט זיך אַרויפגעזעצט אַ גרויסע זשומענדיקע פליג, וואָס האָט געציטערט מיט די פיסלעך און געטרייסלט מיטן קעפּל, זיך אַ שפּיל געטון מיטן רעכטן אויג און אָט מיטן לינקן און מיט גרויס געזשום אַרויפגעפלויגן אויף זיינע פליישיקע ליפּן און געפּאַ־כעט מיט די פליגעלעך איבער זיין פּנים. צו באַרקאַוסקין האָט זיך דער־טראָגן אַ שטיל געפליסטער פונעם בילד אַראָפּ:

— עד, ווען מיר האָבן אַ סך אַזעלכע באַרקאַוסקיס, וואָלטן מיר באַ־קעמפט אונדזערע שונאים פון אינעווייניק און געשפּריזט מיט ריזנשריט פאָרויס צו באַהערשן די וועלט און זי באַפרייען פון קאַפּיטאַליזם...

אין דער טיר האָט זיך אַריינגעשטעלט אַכמעד יוסופאָוו, דער צוויי־טער סעקרעטאַר, אָנגעטון אין אַ לאַנגן נייעם לעדערנעם מאַנטל מיט אַ היטל האַלב-מיליטעריש, אַלאַ סטאַלין, מיט פאַרשאַרצטע גלאַנציקע וואָנ־סעס און מיט אַ בלינצל אין די אויגן:

— נו, טאַוואַרישטש דימיטרי פּאַוולאָוויטש, ס'האָט זיך אָנגעהויבן... איצט וועלן מיר זיגן. די אַלייִרטע האָבן געוואָגט. היינט דאַרף מען אין אַלע זאַוואָדן און קאָלכאָזן איבערגעבן די ידיעה פאַר די אַרבעטער.

דימיטרי פאַוולאָוויטש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער „טאַשקענטסקאַיאַ פּראַוודאַ", וואָס האָט געשמעקט מיט פרישער פאַרב, אַריינגעשאָטן מאַכאָרקע, פאַרוויקלט ס'פּאַפּירל און פאַרצויגן.

אַ שטאַרקער רויכוואָלקן האָט איינגעהילט זיין פּנים. מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַריינגעצויגן דעם ביטערן מאַכאָרקע־רויך און געשוויגן.

יוסופאָוו האָט אַריינגעזופּט אַ הויכן נאַסאָוואַי און זיך פאַרקוקט אין דער צייטונג.

אַ זונשטראַל האָט באַלכסונדיק באַשיינט אַ האַלב פּנים פונעם גרויסן, קלוגן פירער פון די פעלקער, דעם גענעראַליסמוס חבר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין...

קאַפּיטל ניין

הגונב מן הגנב פּטור

— ניין, ר׳ ישׂראל, הגונב מן הגנב, איז נישט פּטור. בשום־אופן נישט פּטור. איך גנבע טאַקע און בין נישט קיין גנב און איר זענט במחילה אַ גנב.

ר׳ ישׂראל ראָזענבלום איז געזעסן אַקעגנאיבער זיין נאַטשאַלניק צאַלע אַנציס, אָנגעצונדן פון כּעס, רויט ווי אַ בוראַק. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק אויפן גרויסן צושניידטיש און געשוויגן.

— דאָ, ר׳ ישׂראל, קאָנען מיר צו קיין דין־תּורה נישט גיין. ווער וועט פּסקענען — איוואַן איוואַנאָוויטש? נאָר אַז מיר וועלן איבערלעבן די זאַ־ווערוכע און אם־ירצה־השם אַהיימקומען געזונטערהייט מיט גאַנצעביינער, וועלן מיר אַריינגיין צום ערשטן־בעסטן רב, אַרויסלייגן אונדזערע טענות; איר — אייערע און איך — מיינע און איך זאָג אייך בהן שלי אַז דער גע־ווינענער וועל איך זיין.

— די גמרא זאָגט, אַגונב מן הגנב איז פּטור. קלאָר, כ׳בין נישט אַריין אין קיין הויז און באַגנבעט. איר גנבעט, אַלע גנבענען, גנבע איך אויך און אַז איך וועל נישט גנבענען וועל איך נישט קאָנען אויסקומען מיט מיין מישפּחה — האָט דער זאַקראַישטשיק[1], ר׳ ישׂראל ראָזענבלום, שטאַמלענדיק געענטפערט זיין באַלעבאָס.

צאַלע אַנציס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— טשודאַק, וואָס איר זענט, ר׳ ישׂראל, איך ווייס נישט צי אָדם־הראשון איז געווען אַ גנב, און ווער ס׳האָט דאָס דאָזיקע פּאַך אויסגע־טראַכט. כ׳האָב אין קיין שקאָלעס נישט געלערנט וועגן דעם, נאָר אַז דאָ

---

[1] צושניידער

איז דער סיסטעם אַ גנבישער ווייס איך פונקט ווי איר, אָבער ווער ס'איז דער ערשטער גנב ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר איינס: כ'באַקום אַ באַל סחורה, לאָמיר זאָגן, אַ באַשטעלונג אויפצונייען טויזנט קינדערשע קליי־דעלעך און דער פּלאַנאָוויק, מיכאַיל באַגראָוו, גיט מיר שוואַרץ אויף ווייס, אַ ראַזצענקע ווו ס'שטייט געשריבן, אַז פאַר אַ קליידל דאַרף באַנוצט ווערן צוויי מעטער מיט צוואַנציק סענטימעטער. שניידט איר דאָך, ר' ישראל אַליין, און ס'גייט מער נישט אַריין ווי איין מעטער מיט צוואַנציק, בלייבט מיר איבער טויזנט מעטער סחורה. איז דאָס מיינס. איך שרייב אונטער די פאַקטורע, איך בין פאַראַנטוואָרטלעך און נישט קיינער. מיינע העכערע נאַטשאַלניקעס וויסן דאָך פון דער זדיעלקע, איז אַז איך פאַרקויף די טויזנט מעטער סחורה און לייז איין צען טויזנט רובל בלייבט מיר פון דעם בלויז פינף פּראָצענט. די איבעריקע פינף און ניינציק גייט אַוועק... פאַר די הע־כערע נאַטשאַלניקעס איבער מיר, פאַר די שטאָט־באַלעבאַטים, פאַר די אָרדענונג־היטער און טאָמער כאַפּ איך איבער די מאָס, כ'נעם אַ רובל מער, איז דאָס לעבן נישט זיכער. נו, און אַז איר, ר' ישראל, כאַפּט אויך אַראָפּ עפּעס, פעלט מיר דאָך שוין צו דער צאָל, און ווו זענען די אַרבעטער, אויך זיי זענען נישט קיין צדיקים. אַלע ווילן עסן און ס'טאָר נישט פעלן, ס'טאָר נישט זיין קיין איבעריקס. צעטומלט איר דעם חשבון און פאַרטיק.

— ווייסט איר גאָר וואָס, ר' ישראל — האָט אַנציס פאָרגעזעצט — אָפיציעל קריגט איר פאַר אייער אַרבעט אַלס צושניידער 300 רובל אַ חודש, איך וועל אייך צאָלן דריי טויזנט רובל אַ חודש, וועט איר האָבן צום לעבן און שטעלט מיך נישט אויס אויף קיין צרות...

ר' ישראל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ביידע — נאַטשאַלניק און זאַקראַישטשיק — האָבן זיך צופרידענע געגעבן די הענט.

— איר פאַרשטייט, פאַניע אַנציס — פּיקוח־נפש... און פּיקוח־נפש איז דוחה שבת.

— איר האַלט פון אַלע מיצוות, ר' ישראל, אָבער נאָר פון אייערע, ווי זיי וואָלטן פאַר אייך ספּעציעל געמאַכט געוואָרן. אויב אַזוי בין איך דאָך איינגעטונקען אין מיצוות פון קאָפּ ביז פיס. איר ראַטעוועט איין נפש און

איך — וויפל נפשות ראַטעווע איך? ציילט, אדרבא: מיין פרוי און קינדער, אייך און אייער מישפּחה, די עטלעכע הונדערט אַרבעטער, וואָס גנבענען און גזלענען ביי מיר פון אַ נאָדל ביז אַ גימנאַסטיאָרקע, די אַלע נאַטשאַל־ניקעס און דירעקטאָרן, די העכערע פון מיר, אַלע פּאַרטיי־ און זיכערקייט־היטער און וועמען נישט? איז וויפל שבתים לעבט דען אַ מענטש, בפרט נאָך אַן אונדזעריקער? האַ, ר׳ ישראל, איך האָב דאָך שוין אַלע שבתים פאַרנוצט און לעב שוין אין כולו־חול, צוליב מיר בלויז מעג שוין קומען משיח צו רייטן און אויסלייזן די וועלט, וואָס ליגט אַ פאַרוווּנדיקטע אין בלוט, און ביי דער זייט שטייען מענטשעלעך מיט פעטע ביינער אין די פּיסקעס און באַלעקן זיך פון הנאה און פּרווט נאָר ביי עמעצן פון זיי אַרויסרייסן דעם רויב, וועלן זיי, ווי צערייצטע ווילדע הינט, אויסשטשירען די ציין — גרייט צו בייסן און רייסן פּאַסנווייז. עד, ר׳ ישראל, ווי ווייניק מיר אַלע, בראש מיט די גרעסטע וועלט־מוחות, באַנעמען דעם זין פון לעבן און אונדזערע מחזקות מיט דער וועלט.

ר׳ ישראל האָט זיך רויק צוגעהערט צו די רייד פון זיין נאַטשאַלניק און זיך געטראַכט:

— אַלע זינדיקע און נישט־גלייביקע האָבן אַזאַ טבע. זיי טוען אָפּ כל־דבור־אָסור, פאַרגיסן די חזרייען מיט אַ מבול רייד, צירן זיך אויס אין באַלעבאַטישע פעדערן און גיי גלייב זיי. אָט אַזוי טוען די וואָס זיצן דאָרט אין די גרויסע מויערן און אַזוי אויך די קליינע פישעלעך, די נאַטשאַל־ביקלעך, זיי מיינען, אַז נאָר זיי קומט אַלץ און דעם ראַבאָטשי־נאַראָד — גאָרנישט. אין וועלכן ספר פראַלניק שטייט עס אַזוי געשריבן?

איבער דער גאַס האָט זיך ווילד צעפייפט אַ פייפל און מאַרשירנדיקע טריט האָבן זיך דערנענטערט. אַנציס מיט זיין צושניידער האָבן אַרויסגע־קוקט דורכן אָפענעם פענצטער: אין באַגלייט פון אַ גרעסערער גרופּע מי־ליציאָנערן מיט שפּירהינט פאַרויס האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ מאַרשירט באָרוועסע, צעקנוידערטע מענטשן, מיט באַוואַקסענע בערד און צעפּאַטלטע האָר. דאָס האָט מען זיי געפירט אין דער שכנותדיקער באָד, אַרומצוואַשן און אָפּפירן אין דער צענטראַלער תפיסה. מע פרייעט זיי גוט דורך די מל־

בושים, בכדי זיי זאָלן קומען ריינע אַהין און זיך נישט אויסמישן מיט די תפיסה־לייז. אָרדענונג איז אָרדענונג און געזעץ איז — געזעץ.

— איר זעט, ר׳ ישראל, — האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די אויגן אַנציס — קוקט אַרויס דורכן פענצטער און זעט און לערנט זיך אָפּ אַ מוסר־השכל. די אַלע אָנגעשריבענע שיינע ביכער זען אויס בלאָס לגבי דעם נאַקעטן לעבן אַליין.

ר׳ ישראל האָט שטיל געמורמלט אַ תפילה און צוגעשאָקלט מיט באַדויערן דעם קאָפּ:

— אומזיסטע קרבנות, נעבעך, אַריינגעפאַלן און איצט אין תפיסה, פון דער תפיסה אין אַ לאַגער הינטער די הרי־חושך און פון דאָרט איז דער וועג צום הימל אַ קורצער...

— קוקט ר׳ ישראל, זעט, אַט גייען מענטשן מיט צעשמייכלטע פּנימער, גוט אָנגעטוענע, אָפּגעגעסענע און צופרידענע. אין דער אמתן איז יעדער פון זיי — אויך אונדז ביידע אַריינגערעכנט — אַ פּאָטענציעלער מאַרשירער צום באָד און אין תפיסה. יענע, וואָס זענען געגאַנגען אונטערן קאָנוואָי, האָט מען אַרעסטירט פאַר שלעכט גנבענען, זיי האָבן פּשוט זיך נישט געקענט פאַרמאַסקירן, און אַנדערע — דערפאַר ווייל זיי האָבן גע־פּרוווט פּראָטעסטירן, אַט אַזוי ווי מיין חבר עטינגער, וואָס האָט אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט אַ זאָג געטון פאַר אַ מענטשן, אַז אין פּוילן איז גע־ווען מער שאָקאָלאַד ווי דאָ ברויט, — איז ער מיט אַזאַ מין קאָלאָנע אַוועק נאָך אַ מאָל אויף סיביר. דאָ זעצט מען איין די נישט־קאָנענדיקע, די ער־לעכע און די גזילה און גניבה גייט אַרום פריי אין די גאַסן און לאַכט און לעבט, ביז אין אַ טאָג קומט מען צו גיין און מע גיט אַ פרעג: קטאָ זדיעס כאָזאַין?[1] און אַ ברירה האָט מען, מע מוז זאָגן, ווייל מע שרייבט דאָך אונ־טער פאַר אַלע, און היידאַ... גלייבט איר, ר׳ ישראל, אַז פון דער גאַנצער עקאָנאָמיע און סתם געשעפטלעך בלייבט מיר נישט מער ווי כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, קוים פינף פּראָצענט. כ׳וועל אייך דערקלערן גענוי, מיט צי־פערן, וועט איר זען, אַז כ׳נאַר אייך נישט אָפּ: פאַרן געגנבעטן געלט קויפן

1 באַלעבאָס, סקלאַד־פאַרוואַלטער

מיר, לאָמיר זאָגן, אַ ברויט, וואָס האָט הונדערט ביסנס. גיב איך 95 אַוועק אין קאָנטאָר, די אַלע וואָס דרייען זיך פּוסט און פּאַס און פרײַדיקן וועגן איבערמאַכן די וועלט, און פאַר מיר בלייבט בלויז פינף ביסנס. עס איך עס נאָך גישט אַליין. אויך צו דעם האָב איך שותּפים: מײַן פרוי און קינדער, מײַן באַלעבאָסטע ווו איך וווין, אַ פּאָר מיליציאָנערן, און דאָס קרישקעלע ברויט וואָס איך לייג אַריין אין מויל, קומט מיר אָן מיט האַרצקלאַפּעניש און צאַפּלדיקן אַנגסט — טאָמער קומט מען נעמען...

— איצט פאַרשטייט איר שוין, ר׳ ישראל, וואָס איך זאָג, אַז הגונב מן הגנב איז נישט פּטור. איר, אַז איר נעמט עס בלא יודעים, וואָס איך ווייס נישט, שטעלט איר זיך אויס צו גיין זיצן, ווייל ס׳וועלן מיר פעלן ביסנס צום צעטיילן, ווייל אין הילכות מאַכינאַציעס און קאָמבינאַציעס קענען זיי זיך בעסער ווי מיר. אַזעלכע גערייבענע חברה קאָן מען נישט אָפּנאַרן.

— טאָ נאָך וואָס־זשע דאַרפט איר עס?... פּאַניאַטנאָ, טאָוואַרישטש ר׳ ישראל?

***

שוין דריי וואָכן צו פּסח. די דאָזיקע טעג אין סאַמאַרקאַנד זענען פּרעכ־טיקע און ס׳ווילט זיך אַזוי לעבן. דאָס מאַטערניש און האַרצקלאַפּעניש פאַרן מאָרגן פאַרטרעט אַ ליבע האָפענונג פון באַפרייונג און אויסלייזונג. ס׳אָטעמט זיך גאָר אַנדערש. די פיס גייען ממש אין ריטעם, ווי צום טאַנץ. אַ קליינִי־קייט — פּסח.

צו צאַלע אַנציסן האָט מען די לעצטע וואָך אַריינגעשיקט אַ זאַווי־סקלאַד,[2] אַ קיִעווער יונגער בחור, מיט שפּיציקע אייגעלעך און אַ פּאָר־שפּיצט גיזל, וואָס קאָן פון ווי ווייט דערשמעקן רויב און גזילה, זיינע שוואַרצאַפּלען רוען נישט, זיי יאָגן זיך אַרום, פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס און זעלטן ווען בלייבן זיי שטיין אויף אַן אָרט. ער גייט ממש אויף די שפּיץ טריט פון אַנציסן און מע קאָן גאָרנישט טון. אַנ־ציס האָט פאַר אים מורא אימת־מוות. עפּעס טראָגט ער אין זיך נישט־

---

[1] מאַגאַזין־פאַלוואַלטער

גוטסקייט פון אַ שד, זעט־אויס, אַז מ׳האָט אים אָנגעזאָגט צו טון אַלץ צו שטערן אַנציסן אין דער אַרבעט.

איז טאַקע שלעכט. קיין גרויסע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן און געלט האָט אַנציס נישט געהאַט און פון די סקלאַדן עפּעס אַרויסשלעפּן, כאַטש אויס־צוקומען דעם טאָג — דראָט מיט טורמע, מיט לאַגער. ער פילט עס בחוש. דעם יונגן בחורעץ האָט מען אַריינגעשיקט פון דער פאַרוואַלטונג. זיינע גוטע ברידער ווילן זען, צי ער עסט נישט אַמאָל אויף אַ פּאָר ביסן מער.

ר׳ ישראל שניידט איצט וויניקער קליידער, העמדער און פּופּייקעס. ער ברעכט זיך נישט דעם מוח ווי אַזוי אויסצוקאַלקולירן, ס׳זאָל אַריין וויניקער סחורה, אַז מע קאָן סיי ווי נישט אָפּזעצן די עקאָנאָמיע, ווער וועט זיך עס איינשטעלן? טאָקמאַן נישטערט, קוקט אויף די פינגער, טאַפּט מיט די הענט און האַלט דעם סקלאַד פאַרשלאָסן אויף צוויי שלעסער. אַנציס האָט שוין צום וויפלטן מאָל געפּרוווט אָנקניפּן אַ שמועס מיט אים און ער האָט זיך באַלד אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטער וואַנט. ניע לזיאַ, מע טאָר נישט...

ביי אַנציסן אין דער היים איז שוין אויספאַרקויפט אַלץ און אָט שטעלט זיך אַריין דער פּסח אין שטוב. אַ נאַקעטער, הויל און פּוסט. נישט קיין קאַרטאָפל, נישט קיין מצה, נישט קיין ווייַן און קיין געלט איז לגמרי נישטאָ. די איינציקע האָפענונג איז איצט: ר׳ ישראל.

— פאַרפאַלן, ר׳ ישראל. איך האָב נישט קיין ברירה, איך מוז אויס־טון דאָס שעמהיטל — האָט אַנציס אָנגעהויבן.

ר׳ יישראל, ווי פאַרשטייענדיק אַז אַנציסן איז ביטער, האָט ווי זיין שטייגער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף די געשניטענע טיילן מאַנופאַקטור און זיך כמעט ווי קרעקנדיק געענטפערט קאַלט:

— איך האָב נישט, פאַניע אַנציס, איך האָב אַליין קוים צונויפגעשטו־קעוועט דעם יום־טוב און מיט געוואַלד אים אַריינגעשלעפּט אין דער קי־ביטקע.

— לייט מיר אויס צען קילאָ מעל, בכדי איבערצושטופּן די צייט ביז וואַנען דעם יונגן קיִעווער שנעקל וועט מיאוס ווערן די קאַץ־און־מויז־שפּיל.

— איך האָב נישט, אַז איך האָב נישט, — האָט ר׳ ישראל גיך־גיך אַרויסגעוואָרפן אַן ענטפער.

אַנציס האָט פאַרביסן די ליפּן און עקשנותדיק געשוויגן.

**
*

די ערשטע סדר־נאַכט.

אַנציס זיצט ביים טיש אין שאַשקאָוועס קיביטקע אַרומגערינגלט מיט זיין מישפחה — זיין פרוי און קינדער. זיי קייען בנעימותדיק די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל מיטן איינגעטושעטן זיסן בוראַק. ער טראָגט זיך איבער מיט זיינע געדאַנקען אין דער פאַרמילחמהדיקער היים, פאַר זיינע אויגן דערשיינט אין זיין פולער פּראַכט אַ יום־טובדיק־געצירטער טיש, מיט אַלע גוטע מאכלים, מיט גליקלעך־צופרידענע פּנימער — עלטערן פון קינדער און קינדער פון עלטערן. ער דערציילט זיינע קינדער דעם נס פון יציאת־מצרים.

— אויך מיר אַ נס — האָט אַנציס מיט טרערן אין דער שטים, בלחש, ווי תפילה־טוענדיק, געשעפּטשעט. אָט ווען מיר ווערן באַפרייט פון דאַנען, וואָלט עס ערשט רעכט געווען אַ נס. אַפילו צו ניסים דאַרף מען האָבן מזל.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך אַריינגעשלייכט אַ פּאַס לבנה־ליכט און באַלויכטן דעם אָרעמען יום־טוב־טיש. דעם רוסישן שכן פון קעגנאַיבער האָט זיך פונקט איצט, אין דעם מאָמענט, פאַרוואָלט שטעכן אַ חזיר אויף פליייש, האָט זיך דאָס חזיר צעריטשעט מיט קולי־קולות און גערופן צו הילף אַלץ און אַלעמען. פון די אַרומיקע היילן, וואָס רינגלען אַרום די קיביטקע, ווו אַנציס וווינט, האָבן זיך צעוואָיעט די שאַקאַלן. פון זייער געוואָי האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי העלפן זיי שרייען דעם חזיר, אויס רחמנות צו אים אָדער זיי קאָנען נישט פאַרגינען דעם מענטש, וואָס האָט געשטאָכן דעם חזיר פאַר זיין הנאה וועגן און זיי וועלן דאַרפן ווייטער ראָיען די ערד און זוכן נבלות און פּאַדלעס. זייער געוואָי מיט די ריטשעריי פונעם חזיר האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אַנציס האָט אויפגעשוידערט.

— אָט אַזוי, זעט זי אויס, די וועלט. איינער שרייט פון ווייטיק און

דער צווייטער באַלעקט זיך פון הנאה. אַזוי ביים מענטש, אַזוי ביי דער חיה. יעדער איינער האָט נאָר אין זינען זיך...

*****

דער קיִעווער יונגערמאַנטשיק האָט זיך איינגעבראָכן. דאָס איז האָט געפּלאַצט. ער איז דער ערשטער אַרויס מיט דיבורים:

— טאָוואַרישטש אַנציס. פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרעקשנט. איך בין געשיקט געוואָרן אַלס זאַוומאַג און מיר דאַרפן צוזאַמען אַרבעטן, אי איך וועט זיין גרינגער, אי מיר. דער כאַזאַין זענט איר דאָך.

אַנציס האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ס'איז צוריק אַוועק אַ גאַנג...

ביים צושניידטיש איז שוין געשטאַנען דער יונגער בריגאַדיר פון אַר־טעל — מאָטעלע ריפּינסקי.

ר' ישראלן איז נישט אָנגעשטאַנען זיך צוריקצוזעצן צו דער ניי־מאַשין. ער האָט זיך געשעמט פאַר אַנציסן, פאַר די אַרבעטער און דער עיקר: ס'וועלן שוין נישט זיין די פּרנסות. מיט זיינע קורצזיכטיקע אייגע־לעך האָט ער יעדעס מאָל באַגלייט אַנציסן, אים נאָכגעקוקט און געזוכט אַ געלעגנהייט צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס אויג אויף אויג. אַנציס האָט בכוונה אים אויסגעמיטן.

ר' ישראל האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן. אין אים האָט געזאָטן דער ווייטיק און געברענט די חרפּה. די אַרבעטער פלעגן אים אונ־טערפירן און אויסלאַכן. אַוועקגיין פון דער אַרבעט האָט ער נישט געקאָנט, ס'האָט דערפאַר געדראָט אַ פּראָצעס. ביז ער האָט זיך איין מאָל אָנגענומען מיט מוט און אַוועק צו אַנציסן אין דער היים.

— חטאתי, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק.

ר' ישראל האָט זיך פאַרלוירן אַ וויל, נאָר פילנדיק, אַז איצט איז אַ שעת־הכושר, איז ער אַרויס מיט לשון:

— איר טאָרט אַזוי נישט טון, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק. מע טאָר אַ מענטש נישט אַריינטרייבן אין כעס, ווייל ער קאָן אָפּטון דאָס ערגסטע.

— מילא, טוט, ר׳ ישראל. דאָס איינציקע וואָס איר קאָנט טון איז מסרן, ווי ס׳דראָען שטענדיק די, וואָס טוען אָפּ אַלע חזירייען. מסרט, ר׳ ישראל, מסרט. איך בין דערצו אויך גרייט. איר ווייסט דאָך ווי מע זאָגט: מיר האָבן ליב מסירה, נאָר קאָנען נישט אָנקוקן דעם מסור. איר זענט אַ פרומער מענטש, אַ גלייביקער, געזעסןביים סדר, געגעסן מצה און גע־טרונקען דעם געפינקלטן וויין, געגעסן דעם טראַדיציאָנעלן מרור און פאַרגעסן, אַז אייער נאַטשאַלניק זיצט ביים טיש אין זיין קיביטקע מיט דער מישפחה און עסט טאַקע מרור, בלויז מרור, ווייל עפּעס אַנדערש איז נישט געווען... מרור — צוליב אייער האַנדלונג לגבי מיר און איר זאָגט נאָך פּיקוח־נפש. איר טוט מצוות... ניין, ר׳ ישראל, איך קאָן מיט אייך מער נישט אַרבעטן, כ׳וועל האָבן אויף מיין געוויסן דעם חטא, אַז איר וועט געניסן פון מיין קאָפּ־איינשטעלעניש פאַר אַלעמען און אַפילו פאַר אייך און איר האָט נישט געפינען אין אַן עת־צרה אַרויסצוהעלפן אייער אמתן ברויט־געבער. מיך וועט מען נישט מישפּטן. אייך, אייער האַנדלונג וועט געטאַדלט ווערן. גייט געזונטערהייט, טוט וואָס איר ווילט און וואָס איר קאָנט. מיין גורל ליגט אין אייערע הענט, אויב מע וועט אייך גלייבן, וועט מען מיך אַרעסטירן און אויס. אָבער דערפאַר וועל איך האָב אַ רויִק געוויסן און איר?...

ר׳ ישראל האָט נישט געפונען קיין ווערטער צו ענטפערן זיין נאַ־טשאַלניק. ער האָט שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק און איז פונקט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער געזעסן ביי ריפינסקעס מאַשין און געשטשאָבעט אַלטע גימנאַסטיאַרקעס און ער, פונקט ווי אַלע, האָט צוגערופן אַלע ווײַלע דעם בריגאַדיר, געוויזן אויף אַ צעבראָכענער נאָדל אין דער מאַשין און גע־בעטן אַ נייע און האָט אויך אַזוי צוגעהאַנדלט מיט געגנבעטע נאָדלען, מיט קלעצלעך פאָדעם, מיט אַלטע הויזן און גימנאַסטיאָרקעס. ער האָט אָבער פאַרגעסן איינס:

— הגונב מן הגנב איז טאַקע פּטור. אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, אין די נאָרמאַלע צייטן. היינט אָבער, אין די באַדינגונגען, איז הגונב מן הגנב נישט פּטור. אַנציס געניסט פון הפקר פון דער סיסטעמאַטישער סיס־טעמלאָזיקייט, אָט אַזוי ווי אַלע דאָ. ר׳ ישראל גנבעט ביי אים, ביי אַנציסן,

און אַז מע קומט אויף אַ קאָנטראָל, אָדער אויף אַ רעוויזיע, פרעגט מען: ווער איז דאָ באַלעבאָס?

— באַלעבאָס בין איך, האָ? ווער שרייבט אונטער אַלע פּאַפּירן, אַלע פאַקטורעס? — איך; ווער באַקומט און גיט אַרויס? — איך. און אַז ס׳פעלט — ווער מען נעמט מען אין תפיסה? — מיך. פאַניאַטנאַ, טאָוואַרישטש ר׳ ישראל?...

***

צאַלע אַנציס איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און צעטראָגן. די ריזיק־גרויסע געשעפטן אין וועלכע ער האָט זיך אַריינגעדרייט קעגן זיין ווילן, האָבן אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. אָט גאָר אין גיכן וועט מען דאַרפן צוריקפאָרן אַהיים און ער איז דאָ פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט טויזנטער קנופּן און שטריק. צו פאַרצווייגט איז זיין אַרבעט. אָבער דערפאַר איז אים זיין געוויסן ריין. ער האָט געזען וואָס די אַרבעטער טוען הינטער זיינע פּלייצעס, ער האָט געזען, ווי זיי שלעפּן אַרויס די נאָדלען פון די מאַשי־נען, די קלעצלעך פאָדעם און פאַרקויפן עס אויפן מאַרק, און ער האָט גע־שוויגן. ער וועט דאָך נישט גיין איינזעצן קיינעם.

איז דערפאַר, ווען ער האָט זיך שוין — נאָכן אָפּרעכענען זיך קוים מיט צרות אין דער פאַרוואַלטונג — אַריינגעזעצט אין וואַגאָן אַהיימצופאָרן, איז זיין פאַרמעגנס באַשטאַנען פון צען קילאָ קישמיש און אַ זעקעלע מיט קרעפּקן טאַבאַק פון דרייסיק גלעזער, וואָס האָט אים דערמעגלעכט זיך צו באַשפּייזן מיט זיין פאַמיליע.

ר׳ ישראל איז געקומען אין וואַגאָן אַריין מיט אַ סך פּעקלעך און קלו־מיקעס. ער האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים און נהנה געווען פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט מיטגענומען.

ווען דער צוג האָט גערירט האָט אַנציס אַ פרייער אָפּגעאָטעמט:

— שוין, אַרויס פון פּלאָנטער. כ׳האָב שוין נישט קיין מורא פאַר קיין מסירה, פאַר קיין דראָונגען און קאָנטראָלן. אַ פרייער מענטש, אַ פרייער פויגל.

— הוליע קבצן, ס׳וואַרט אויף דיר אַן אַנדערע וועלט.
צי וועט זי אויסזען אַנדערש?

דאָס וועט מען זען. דערווייל איז שווער צו געבן דערויף אַ תשובה
— האָט אַנציס געקוקט אין די מרחקים, ווען דער עשאַלאָן מיט די פּליטים
האָט זיך געריסן פאָרויס צו דער פרייער וועלט...

קאַפּיטל צען

דער לאַמעד־וואָווניק

— ביז ווי לאַנג, ראובֿל, וועסטו זיך אַזוי אַרומדרייען איבער די גאַסן פּוסט און פּאַס — האָט זיך צאַלע אַנציס אָנגערופן צו זיינעם אַן אַלטן חבר פון דער היים נאָך, וועמען ער האָט געטראָפן אויף אַ גאַס אין דער אַלט־שטאָט פון סאַמאַרקאַנד אויפהייבן פון דער ערד אַ פאַרפוילטן פּאָמידאָר און אים כאַפּן עסן.

ראובֿל פאַלק האָט אים אָנגעקוקט און ווייטער גיריק געגעסן דעם פּאָמידאָר און זיך באַלעקט מיטן זאַפט.

— אָט דאָס איז עס, אַנדערש קאָן עס נישט זיין — האָט אים ראובֿל געענטפערט — איך האָב באַשלאָסן נישט נהנה צו זיין גאָרנישט פון דעם לאַנד, וועט מיר געלונגען וועל איך אַרויס אַ לעבעדיקער און אויב נישט, איז מהיכי־תיתי... וואָסי, כ׳האָב עס אַזוי ווויל געדרשנט, בעסער ווי מיינע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, זיי זאָלן אומקומען און איך זאָל בלייבן לעבן, האַ, דו זאַטער אַנציסל, האָסט זיך אַריינגעפּאַסט — האָט ער ווילד אַ קוק געטון אויף זיין געוועזענעם חבר און מיט אַ דאַרן פינגער אים געשטאָכן אין די אויגן:

— וואָסי, דיין זיידע איז געווען אַ גנבֿ? דיין טאַטע האָט געגנבֿעט? דו ביסט געוואָרן אַ גנבֿ! מע קען דאָך אייך אַלעמען. דו נעמסט און פאַר־שעמסט דיין נאָמען, דעם גוטן נאָמען פון אַ טאַטן, פון אַ זיידן. פּעכניע אויפן פּיסק, ווי איך, גיי אָפּגעשליסן־אָפּגעריסן ווי איך, שלאָף אין אַ פּאַרק ווי איך, וואָסי, דו ביסט פון אַ בעסערן טייג געקנאָטן, האַ?

אַנציס האָט געפּרוּווט באַרויִקן זיין דערצאָרנטן חבר, אים איינגענו־מען מיט גוטע רייד:

— וואָס דאַרפסטו זיך וואַלגערן אויף דער גאַס? ווער אַן אָכראַניק

ביי מיר אין אָרטעל, קום יעדן טאָג צו מיר עסן. נעם זיך, ראובל, אין די הענט אַריין.

ראובן פאַלק האָט אים אָנגעקוקט לאַנג און שטאַר און איז אָן אַ זיי־געזונט אַוועק מיט אייליקע טריט, אין גאַנצן אַן אָפּגעריסענער, אָן שיך, מיט צעריסענע הויזן, אַז אַ האַלבן הינטן האָט זיך אַרויסגעזען, מיט אַ באַמבלענדיקן קאַטיאַלאַק — דאָס בלעכענע קעסעלע אויף צו נעמען עסן — ביי דער זייט, ווי אַן אמתער בראָדיאַגע...

**
*

אין דער היים איז ראובל פאַלק, עזרא דעם שמשס איניקל, געוואָרן אַ לינקער. נישט געקוקט וואָס אַלע זיינע חברים זענען געבליבן בונדיסטן, האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זיי און איז געוואָרן איינער פון יענער חברה. ער האָט זיך דערדינט צום ראַנג פון סעקרעטאַר.

אין 1932 האָט ער אין הסכם מיט זיינע אידייען באַוואָפנט, מיט אַ פּאָר פּאַפּירלעך, זיך געלאָזט איבער דער פויליש־רוסישער גרענעץ און איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן...

ער האָט זיך געהאָדעוועט אין דער היים ביי אַ גרויסן קבצן, זיין טאַטע, יואל פאַלק, — אַ ווילער האַרציקער ייִד, אַ נאַסער־גאַרבער — האָט זיך געראַנגלט מיטן ביסן ברויט. ער האָט געדאַרפט קעמפן און זיין אַ סטראַ־טעג בכדי אים צו קענען פונאַנדערטיילן צווישן זיינע אַכט הונגעריקע קינדער־מיילער וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. אָבער ערלעך איז ער געווען, יואל פאַלק. דאָס לעצטע האָט ער אָפּגעגעבן פון זיך און די קינדער געמאַכט פאַר מענטשן. אין דער שטענדיק־טוכלער און נאַסער דירה, אָנגעפילט מיטן געשטאַנק פון אָפּגעשאָבענע פעלן, אַרויסגעשלעפּטע פון די טשאַפּעס,[1] האָט מען געהערט רעדן פון גרויסע זאַכן. אַלע וועלט־פּראָבלעמען האָבן דאָ געפונען זייער אָפּקלאַנג, אָבער נישט קיין לייזונג. אַלע וועלטאידייען האָבן זיך דאָ געראַנגלט און געפּעכט צווישן זיך, אָבער

---

[1] גריבער ווו די פעלן האָבן זיך געווייקט

צו קיין טאָלק איז מען נישט געקומען. טאַטע און קינדער האָבן דיסקו־טירט ביי האַלבליידיקע מאַגנס, און אַ נעכטיקער טאָג. בעסער איז נישט געוואָרן. ווער ס'האָט געקאָנט — האָט זיך אַן עצה געגעבן און ווער נישט — האָט אויסגעזען פונקט אַזוי ווי דאָס דאַזיקע אַרבעטער־געזינדל פון יואל פאַלק.

**
*

זינט ניינצן צוויי און דרייסיק ביז היינט — ניינצן פיר און פערציק — זענען אַ סך טייכן בלוט אָפּגעפלאָסן, אַ סך ליידיקע פעלדער זענען אָנגע־פילט געוואָרן מיט אויסגעגאַנגענע פון הונגער און נויט, צעטראָטענע פון לעבן, אויסגעשפּיגענע בלוטיקע טראָפּנס. אַ גאַנצע וועלט האָט זיך אײַ־בערגעקערט. די דייטשן האָבן די וועלט דערטרונקען אין גיפטיקע בלוט־ימען, אָפּגעווישט לענדער, און שטעט פאַרוואַנדלט אין רוינעס און דאָ גייען אַרום די לעבנגעבליבענע, אַרויסגעריסענע פון נעגל פון מלאך־המוות שאָטנס, אַן אַ היינט, אַן אַ מאָרגן, און פונעם נעכטן האָבן זיי זיך שוין אויס־געטון אין גאַנצן, פונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט.

צאַלע אַנציס איז געווען איינער פון די גליקלעכע: קיין נעכטן איז טאַקע שוין נישטאָ, דער מאָרגן איז אַ פאַרנעפּלטער און אַ צווייפלהאַפטער, אָבער דערפאַר איז דער היינט, די היי־שעה, פאַרזיכערט. ער גייט גוט אָנ־געטון, זעט אויס ווי אַ מענטש, אַ זאַטער, שלאָפט אין אַ ריין בעט. ביי אים אין דער דירה איז אַפילו דאָ אַ הילצערנע פאָדלאָגע מיט עלעקטריש ליכט — ער איז נאַטשאַלניק. ער האָט זיך צוגעפּאַסט און אַריינגעפּאַסט, ווייל ער האָט שוין מער נישט געקאָנט צוקוקן די הונגערבליקן פון זיין פרוי און קינדער. ער איז אַוועק איינשטעלן זיין לעבן, בכדי צו ראַטעווען אַנדערע דריי און אַמאָל נאָך צוהעלפן נאָך עמעצן, אַ חבר, אַ נאָענטן פריינד און סתם אַ מענטש, וואָס דאַרף און וויל אויך עסן, לעבן און איבערלעבן...

איינמאָל איז ער אַריין דערליידיקן אַן ענין אין גאָרפּישטשעטאָרג[1] און אַזוי אין שמועס מיטן דירעקטאָר, האָט ער באַמערקט זיך פאַרען צווישן

[1] שטאָטישער אָפּטייל פון שפּייז־באַזאָרגונג

די פעסער, קאַסטנס און סחורות עפּעס אַ קענטלעכן מענטש. ער האָט אים דורכדרינגלעך אָנגעקוקט און יענער, ווי אויף צו להכעיס, האָט אויסגע־מיטן זיין בליק. ער האָט אָבער נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון אים:

— יאָ, דאָס איז ער דאָך, ראובל פאַלק — האָט ער אַ פּאַרציטערטער פאַר זיך געשעפּטשעט — דאָס איז דאָך ער, מיט אַלע פּיטשעווקעס. נישט לאַנג געטראַכט האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו יענעם, וואָס איז געשטאַנען אָנ־געבויגן איבער אַ פעסל מיט דער פּלייצע צו אים, און אַ פריילעכער, מיט אַ ביסל אַ ציטערדיקער שטים אַ זאָג געטון:

— וואָס מאַכסטו, ראובל?

דער פּאַרשוין האָט זיך אַפילו אויף אים נישט אומגעקוקט.

— דערקענסט מיך נישט, ראובל פאַלק — האָט אַנציס זיך אויסגע־ווישט גוט די אויגן און זיך איינגעקוקט אין אים, וואָס האָט זיך אויסגע־גלייכט און געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים צו אים.

— ניין, איך ווייס נישט ווער איר זענט, איר מאַכט אַ טעות. איך הייס נישט ראובל פאַלק — האָט ער אַקצענטירט זיין נאָמען, זיך אויסגע־דרייט און אַוועק צו אַ צווייטן ווינקל פונעם גרויסן סקלאַד.

אַנציס איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער — ס'איז דאָך ער, יאָ ער: איך מאַך נישט קיין טעות. — ער איז צו צום דירעקטאָר פונעם סקלאַד דערליידיקן זיינע ענינים און אַנוויזנדיק אויף ראובלען געזאָגט:

— פּאַוועל אַלעקסייעוויטש, זיי אַזוי גוט און די פאַקטורעס וועסטו מיר צושיקן אין מיין ביוראָ מיט אָט דעם מענטש.

דער סקלאַד־דירעקטאָר האָט נישט באַנומען דעם גאַנצן ענין און אַזוי ווי ס'פירט זיך צווישן די נאַטשאַלניקעס און דירעקטאָרן, אַז איין האַנט וואַשט די צווייטע, האָט ער אַנציסן נאָכגעגעבן זיין בקשה און ראובל פאַלק האָט געבראַכט די פאַקטורעס צו אַנציסן אין ביוראָ. ווי נאָר אַנציס האָט אים דערזען, האָט ער שוין נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק אַז דאָס איז זיין חבר, ראובן פאַלק.

— ראובל, צוליב וואָס שפּילסטו די ראָל, זעסט דאָך, אַז איך האָב דיך דערקענט — האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין חבר, וואָס איז געשטאַנען ביי־דער טיר, גרייט אַוועקצוגיין נאָכן איבערגעבן אים די פאַקטורעס.

דער מענטש האָט געטענהט איינס:

— איר האָט אַ טעות, טאָווארישטש נאַטשאַלניק, אין לעבן טרעפֿן געגוג ענלעכע מענטשן, טאַטש וו׳טאַטש, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

— אָבער ס׳קאָן דאָך נישט זיין — איז אַנציס באַשטאַנען אויף זיינס.

יענער האָט אים נישט געענטפֿערט קיין איין וואָרט און איז אָן אַ גוטן טאָג אַוועק.

אַנציס, בטבע אַ גרויסער עקשן, האָט זיך נישט באַרויקט. דאָס איז ער און זאָל ער מיר נישט דערציילן קיין מעשה, און גלייך אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער געגומען דעם אַדרעס פֿון ראובל פֿאַלק, וואָס האָט גאָר געטראָגן אַן אַנדערן נאָמען, אַ צווייטן: משה זאַבלאָצקי, און זונטיק, אין וויכאָדנאָי[1] זיך אָוועקגעלאָזט צו יענעם אין זיין קיביטקע אין דער ניישטאָט, ביים אַבראַמאָווסקי־בולוואַר.

ער האָט ראובלען געטראָפֿן אַליין, אין אַ פֿאַרחושכטן צימערל, אַ באַוואַקסענעם, און אַ דערשטוינטן פֿון זיין וויזיט.

— צו וואָס שפּילן מיר די קאָמעדיע, ראובל — האָט אַנציס זיך איינגעעקשנט — דו זעסט דאָך, אַז כ׳האָב דיך דערקענט, פּראָווע נישט קיין פּוילע שטיק.

ראובל פֿאַלק האָט זיך איינגעבראָכן. ער האָט צוגעמאַכט די טיר פֿון זיין קיביטקע, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף דער איינציקער פֿאַרזשאַווערטער זאַוויעסע, צוגעלאָפֿן צו אַנציסן און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ געוויין, וואָס האָט געהאַט די ענלעכקייט צום געיאָמער פֿון אַ געפּלאָגטן און פֿאַרשטויסענעם הונט.

אַנציסן זענען די אויגן פֿייכט געוואָרן פֿון טרערן און אין קעל האָט אים גענומען שטיקן אַ קנויל, אין זיין מוח זענען דורכגעלאָפֿן פֿאַרשידענע טראַכטענישן וואָס האָבן זיך אים געדרייט ווי אַ קאַרוזעלע.

— אויך ער, דער גלייביקער, דער אידעאַליסט, דער טרייער ראובל פֿאַלק, איז שוין אויך צעבראָכן און צעמאַלן דאָ, אינעם לאַנד פֿון זיינע חלומות?

[1] רוטאַג

ראובל פֿאַלק איז געשטאַנען אַ געבויגענער און מיט אַ כריפּעדיק קול אויסגעהעשעט:

— מיט מיין „בורזשואַזער" היים פון אַמאָל האָב איך איבערגעריסן און די „פּראָלעטאַרישע" היים מיינע, די נייע, האָט מיר קיין רו נישט גע־געבן און היינט בין איך אַ צעבראָכענער מענטש נאָכן דורכמאַכן מיין אויסניכטערונג־פּראָצעס.

ביידע חברים זענען געבליבן שטיין אין טיפן שווייגן, ווי דערמאָנענ־דיק דעם אָנדענק פון אַ טויטן.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען צאַלע אַנציס:

— פֿאַרגעס אין אַלעם, ראובל, ס'איז מילחמה־צייט און בעת מילחמה קאָנען פֿאַרקומען עוולות און אויך נישט־פֿאַרשטענדענישן. ווען דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן — וועט אַלץ אויסגעגליכן ווערן.

ראובל פֿאַלק האָט זיך אויגנבליקלעך אָנגעצונדן ווי אַ צעהיצט שטיק פייער נאָך אַ לאַנגן טליִען אין אַש:

— דו שווייג, דו האָסט פֿאַר דער אידייע גאָרנישט געליטן, האָסט פֿאַר איר נישט געקעמפּט און נישט געזעסן אין תפיסה, טאָרסטו נישט רעדן. אָבער איך — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטון אין זיין איינגעפֿאַלענער ברוסט — איך מעג, כאָטש מע לאָזט נישט רעדן פריי. איך האָב געקעמפּט פֿאַר אַזאַ אידייע, וואָס האָט מיך, ווי אַ סך אַנדערע, מיט איר העליש פייער פֿאַרברענט אויף אַש...

ראובל פֿאַלק האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין אייזערן בעטל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצער זעלנערישער קאָלדרע, און פֿאַר זיין חבר, צאַלע אַנציס, האָט ער פריי געמאַכט דאָס איינציקע בענקל. מיט אַ שטיל קול, כדי קיין פרעמד אויער זאָל נישט דערהערן דעם מינדסטן שאָרך, האָט ער זיך מתוודה געווען פֿאַר אַנציסן:

— הער מיך אויס מיט קאָפּ. אין 1932 האָט מיך דער פּראָוואָדניק אַרי־בערגעוואָרפן איבער דער פויליש־סאָוועטישער גרענעץ און איז נעלם גע־וואָרן. איך האָב דערהערט אַ ווילד געשריי: — סטאָי, רוקי ווערך![1] צוויי

[1] שטיי, די הענט אין דער הייך!

זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן האָבן זיך אַ קער געטון אין מיין ריכ־טונג און באַפוילן: דאַוואַי, וו׳פעריאָד![1] כ׳האָב געפּרוווט ווייזן מיינע פּאַ־פּירן און אָנגעהויבן שטאַמלען. זיי האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט אַזוי גראָב און טעמפּ און פון דער געדיכטעניש פון וואַלד האָט זיך צעגאָסן זייער עכאָ:

— געגאַנגען, שפּיאָן, פּאָלסקי פּאַן, מ׳עט זיך שוין שפּעטער פונאַנ־דערקלייבן.

אין דער קאָמענדאַנטור איז עס געגאַנגען איינס און צוויי. דער סלע־דאָוואַטעל[2] האָט פאַרצייכנט מיין נאָמען, מיך געפרעגט אַזוינס וואָס כ׳האָב קיין העלפט דערפון נישט תופס געווען, צוגענומען אַלע מיינע דאָקומענטן און זאַכן, מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ צעלע. כ׳בין נישט געווען איינער. אַ סך יונגעלייט פון פוילן זענען שוין דאָרט געלעגן, באַוואָקסענע, אויסגעהונ־גערטע. זיי האָבן מיך גלייך געפרעגט צי כ׳האָב נישט וואָס צו רייכערן.

כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן הוילן דיל און טרערן האָבן זיך מיר אַ גאָס געטון ווי פון אַ קראַן.

איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט זיך אָפּגערופן צו אַ צווייטן, אַ נאָענטן שכן זיינעם:

— לאָז אים זיך אויסוויינען, וועט אים לייכטער ווערן.

ווייטער איז עס געגאַנגען נאָרמאַל. פון דער תפיסה — אין לאַגער. כ׳בין אָפּגעזעסן גאַנצע פינף יאָר. די ערשטע צייט האָב איך נאָך געפּרוווט עפּעס זאָגן דעם סלעדאָוואַטעל, האָט ער מיר מיט אַ שטאַרקער פויסט פאַר־מאַכט דאָס מויל און זיך פונאַנדערגעשריגן: מאַלטשי, טי פּאָלסקי שפּיאָן! איך בין געזעסן אַ רויקער און געשוויגן, נישט ווי אַלע אַנדערע מיינע מיט־חברים אין לאַגער, וואָס האָבן אַנטוישטע שוין געקוקט דערווירקלעכקייט אין די אויגן. כ׳האָב געדולדיק געשוויגן און געוואַרט. ווי נאָר כ׳וועל אַרויסקומען וועל איך גיין דאָרט ווו מע דאַרף און אויפקלערן דעם טעות. ס׳קאָן דאָך נישט זיין, איך, ראובל, אַ שפּיאָן! איך האָב דאָך אַוועקגעגעבן אַזוי פיל כוחות דער אידייע, אָרגאַניזירט מאַסוווקעס, געהאַנגען רויטע

---

1 געגאַנגען פאָרויס

2 אויספאָרש־ריכטער

פענער אויף טעלעגראַף־סלופעס, אַגיטירט די יוגנט, אָרגאַניזירט שטרייקן, און דאָ, אין מיין לאַנד, זעצט מען גאָר איין דערפאַר אין תפיסה? איך האָב געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע עינויים, אַלע נגישות און באַליידיקונגען. כ׳האָב אין לאַגער געאַרבעט שווערער און ביטערער ווי אַלע אַנדערע און זיך געטראַכט: שפּעטער וועט מען זיך פונאַנדערקלייבן...

דער סראָק פון די פינף יאָר האָט זיך געענדיקט. מיין לאַגער האָט זיך געפונען אַן ערך אַ 40 קילאָמעטער פון מאָסקווע. אַרויס פון דאָרט בין איך אין אַ מאָדנעם הילוך: אַ בראָדיאַגע מיט צעדריוולטע הויזן, מיט צעריסענע שיך אויף מיינע פאַרוונדעטע פיס, אַ באַוואָקסענער, נישט בעסער ווי איצט, און היידאַ צופוס קיין מאָסקווע, אויפקלערן דעם ענין, דער טעות מוז ווערן אויפגעקלערט.

— אַי, טייערער מיינער, צו וואָס נאָך דערציילן ווייטער: אַלע טירן זענען געווען פאַרמאַכט פאַר מיר. ווען כ׳בין פאַרביי דעם קרעמל, האָבן צוויי זעלנער מיט אויסגעשפּיצטע ביקסן צו מיר בייז אַ געשריי געטון: אודיעראַי אָט סיודאַ.[1] איך בין געגאַנגען אין קאָמיגטערן. ער האָט נאָך דעמאָלט עקזיסטירט, זיך דערשלאָגן צו איינער אַן עלטערע פרוי וואָס האָט מיך אויפגענומען. אָנגעקוקט מיט צאַרטע באָבעשי־אויגן און נאָכן אויסהערן מיך אַ זאָג געטון:

— גיי אָרדן זיך איין אויף אַן אַרבעט און פאַרגעס אין אַלעם, פאַר־שטייסט מיין קינד — אַ שטילע מיט אַ גלאַנציקער טרער אין אויג האָט זי מיך צובאַגלייט ביז דער טיר.

אָבער כ׳האָב נאָך אַלץ געגלייבט, אַז ערגעץ דאָ זיצט נאָך אַ מענטש און וואַכט איבער אַלץ און פאַרריכט די עוולות. אָבער אַ נעכטיקער טאָג. דער אידעאַליסט אין מיר האָט געקעמפט מיטן מענטשן אין מיר, וואָס האָט געוואָלט עסן, טרינקען און שלאָפן. דער מענטש האָט געזוכט דאָס זייניקע, און מאָסקווע — די שטאָט פון מיינע חלומות — האָט פאַר מיר גאָרנישט צוגעגרייט. מיין ספּראַווקע פון לאַגער האָט קלאָר געזאָגט, אַז איך טאָר

[1] אַוועק פון דאַנען!

נישט וווינען אין קיין רעזשימנע שטעט, אין מאָסקווע, די הויפּטשטאָט, אַוודאי נישט.

דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די עפּאָפּייע. ווי דער ערגסטער וואַגאַבונד האָב איך זיך געשלעפּט איבער צוגן, פּאַסאַזשירנע און טאָוואַרנע. נישט איין מאָל האָט מען מיך אַראָפּגעשלעפּט אין דער באַנמיליץ, גערפּאַרשט, צעשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן. נאָך לאַנגע חדשים וואָגלען און וואַנדערן, בין איך אַ הונגעריקער און פאַרלייזיקטער אָנגעקומען קיין דזשומאַ, אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון סאַמאַרקאַנד. אויפן וועג האָב איך שוין פאַרלוירן אַלע דאָקומענטן מיינע. אין דער דזשומער מיליץ האָט מען מיך געפרעגט ווי איך הייס. כ׳האָב געענטפערט: יאַנקל זאַבלאָצקי און מיט איין קנאַק איבערגעריסן מיט מיין פאַרגאַנגענהייט. אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער האָב איך זיך געוואַלגערט ביי אַלע מיסטאָפּפאַלן, געזוכט מיט וואָס זיך צו דערנערן און לסוף אַריינגעפאַלן אין סאַמאַרקאַנד. אין פּישטשעפּראָמטאָרג פאַרדין איך סך־הכל 150 רובל אַ חודש. אָבער כ׳לעב פאַר דעם געלט. כ׳גנבע נישט, טרינק נישט קיין טיי מיט קישמיש, עס נישט קיין ווייסע לעפּיאָשקעס. איך מאַטער זיך. האָב אין זיך באַקעמפט צוויי גרויסע תאוות: דעם אידעאַליסט און דעם מענטשן, און אַט אַזוי לעב איך.

ביידע האָבן זיך אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט אין דער פינצטער און אָפּגעזיפצט. ראובל פאַלק האָט אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע צוויי שטיקלעך אָפּגעשניטענע ציטונג־פּאַפּירלעך, דערלאַנגט איינס אַנציסן און אַנגעשאָטן מאַכאָרקע. אַן אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט באַלויכטן די חשכות אינעם צימערל.

ראובל פאַלק האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בעטל, שטיל צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר, ווי ער וואָלט געוואָלט פּאַקן אויף דער הייסער מינוט אַ נישט־געבעטענעם צוהערער און אַ צופרידענער אַ שמייכל געטון:

— פאַרשטייסט, אַנציס — האָט ער פאַרציִנעדיק שטאַרק דעם ביטערן מאַכאָרקע־רויך, אין דער שטיל ווי סודותדיק געשעפּטשעט מער צו זיך ווי צו זיין חבר — דורות קעמפער האָבן זייערע קעפּ געלייגט אויפן מזבח פון זייערע אידעאַלן, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ און אַלעם, בכדי צו ברענגען גליק און ווילטאָג דער געפּלאָגטער מענטשהייט. און וואָס

מיינט עס אידייען, האַ? אַלע אידייען דרייען זיך אַרום איין און דער זעלבער זאַך. אַלע ווילן איינס: אויסבעסערן און פאַרשענערן דאָס מענטשלעכע לעבן: מע זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן שווער, עסן צו דער זעט, וווינען אין אַ באַקוועמער מענטשלעכער דירה, ליגן אין אַ ריין בעט. נו, און די אַלע איבעריקע זאַכן, זיך גוט אָנטון, לערנען, דערלערנען און פאַרווײַלן זיך. דאָס איז דאָך אַלץ געמאַכט געוואָרן לטובת דעם מענטש, דעם יחיד. גלייכהייט, ברידערלעכקייט, יושר און פרייהייט זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף די פענער פון דער רעוואָלוציע. הונדערטער טויזנטער זענען געלאָפן אין אַוואַנגאַרד. און וואָס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט, האַ? — האָט ער אַ שמיץ געטון דעם אויסגעברענטן מאַכאָרקע־ציגייער וואָס האָט שוין אָנגעהויבן סמאַליען צווישן די פינגער — פונעם אַרבעט־פּעזיקן האָט מען געמאַכט אַ שמאַטע און די קליקע לעבט אַ גוטן טאָג. איך געדענק, ווען כ׳האָב געאַרבעט אין אַ קאָלכאָז האָט מען איין מאָל געבראַכט פון דער מילכפאַרעם אַ ליימענע שיסל מיט פרישע פוטער און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש פונעם זאַוומאַג. האָט דער פּרעדסעדאַטעל — אַ הויכער, יונגער אוזבעק, עלעגאַנט אָנגעטון, — אַרײַנגערוקט אַ לאַפּע אין דער פוטער, געשטופּט שטיקערווייז אין מויל און לסוף באַשמירט זיינע גלאַנציקע גאַרמאָשקע־שטיוועלעך. אַרום זענען געשטאַנען אוזבעקן מיט הונגערגלי אין די אויגן, פחדימדיקע ווי פאַרן טויט און געשוויגן. דער פּרעדסעדאַטעל האָט זיך אויף זיי אַפילו נישט אומגעקוקט און איז אַרויס פון סקלאַד. אָט אַזוי, גוטער ברודער, זעט עס אויס. מיר האָבן געקעמפט צו פאַרשענערן דאָס לעבן פון די יחידים, און אונדז, די קעמפער, האַלט מען פאַר יאָלדן, פאַר שפּיאָנען. עך, ברודערקע, אומזיסט האָבן מיר געלייגט די קעפּ, רעוואָלטירט קעגן טאַטע־מאַמע, זיך פאַרביטערט דאָס לעבן, געמיינט אַז מיר גייען דער זיסקייט אַנטקעגן, און איין מויל, אין אַלע אברים, אינעם גאַנצן לייב און לעבן איבלט און ברענט מיט פאַסקודנער ביטערקייט און עקל צו זיך אַליין און צו דער גאַנצער וועלט.

אין דעם אָפענעם טירשפּאַלט האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ בליאַסק פון דער צעהעלטער לבנה און באַלויכטן די פנימער פון די צוויי חברים וואָס זענען געזעסן פאַרדמיונטע און פאַרזאָרגטע מיט ביטערע גרימאַסן אויף די צעפלאַמטע פנימער.

— דערמאָנסט זיך, אַנציס — האָט ראובל פּאַלק אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט עפּעס אומאַנגענעמס — ווי דו האָסט געקוקט אויף מיר אין סקלאַד? ווען איך האָב דיך דערזען אין אַ פּרעכטיקער פּופּייקע, מיט גאַליפּע־הויזן און גלאַנציקע גאַרמאָשקע־שטיוועלעך מיט אַ טיפּיטייקע אויפן קאָפּ — אַ זייעריקער פון אויג, מיט אַלע פּיטשעווקעס און דאָס לאַכן דיינס מיט מיין דירעקטאָר — ביידע אָנגעזויפטע, אָנגעפּרעסענע — האָט עס מיך אָפּגעשטויסן פון דיר. אָבער אַז דו ביסט מיך געגאַנגען זוכן, אויס־געפינען מיין אַדרעס, כאָטש מיין נאָמען איז גאָר אַן אַנדערער און געקומען צו אַ פאַרלוירענעם ברודער, אַ חבר, וואָס איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, האָב איך געזען אַז דו ביסט נאָך נישט פאַרלוירן. דערפאַר האָב איך זיך פאַר דיר צערעדט ווי אַ ייִדענע, געעפנט פאַר די אַלע מיינע ווונדן און דיך געלאָזט פראַנק און פריי אַריינקוקן אין מיין צעפּייניקטער נשמה און אָנרירן די פּייערצייכנס, וואָס די צייט האָט אין מיר אויסגעקריצט. איצט פאַרשטייסטו שוין ווי אַזוי אַ מענטש קאָן זיך אַזוי מאַסקירן.

אינעם ליכט פון דער לבנה, וואָס האָט זיך פּאַסנוויז געמיניעט אויף די שמוציקע ווענט פון דער אָפּגעלאָזטער קויטיקער קיביטקע האָט אַנציס דערזען אַז דאָס פּנים פון זיין חבר איז אויסגעקרומט פון ווייטיק. אין לבנה־שיין האָט זיך געצייכנט זיין חברס געשטאַלט — מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ אויף דער דאַרער איינגעפאַלענער ברוסט און מיט לאַנגע אויס־געדאַרטע הענט, וואָס זענען אים מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן אויף די ציטערנ־דיקע קני.

— אַזוי זעט אויס — האָט צאַלע אַנציס אַ טראַכט געטון — אַ לאַמעד־וואָווניק אין ראַטנפאַרבאַנד.

נאָך אַ לענגערן שוויגן האָט זיך אָנגערופן צאַלע אַנציס:

— צו מיר האָבן זיי אין אָנהייב אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי, איך האָב זיך געמוזט פּראָלעטאַריזירן, גיין אויף איינעם אין די פאַבריקן און אַרבעטן ווי אַ שוואַרצאַרבעטער. דיין טאַטע, ראובל, איז צו אונדז יעדן טאָג געקומען און לאַנג געזעסן, געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט אין מיר געפונען אַ טרייסט אין דיר.

— ווי מיינסטו, צאַלע — האָט ער מיך איין מאָל געפרעגט — לעבט

נאָך ערגעץ מיין ראובל?... ווי אין וואַסער אַריין. ווען די חברימלעך זענען אַריין האָב איך אומעטום געשריבן און קיין תשובה נישט באַקומען, דו זעסט דאָס לעבן, האַ? אָט פאַר דעם האָט עס מיין ראובל געדאַרפט קעמפן, זיצן אין תפיסות און לסוף אַנטלויפן צו זיי, מיטהעלפן... אָט פאַר אַזאַ מין לעבן, האָט ער געדאַרפט אַנטלויפן פון לעבן?

ראובל פאַלק האָט זיך צעכליפעט ווי אַ קליין קינד.

— יעדן טאָג האָב איך אים געזען. דיין מאַמע האָט שוין נישט געלעבט. זי האָט שווער איבערגעטראָגן דיין אַנטלויפן פון דער היים. אַ שטילע ווי אַ טויב איז זי אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט.

*****

די גודאָקן פון אַלע זאַוואָדן און פאַבריקן האָבן זיך צערעוועט אין דער סוף־נאַכטיקייט. ווער גרילצנדיק און ווער פייפנדיק, ווער הוזשענדיק און ווער קרעכצנדיק האָבן זיי פאַרטריבן די לבנה פון בלאַסן הימל און אַרויסגעשלעפט צו דער אַרבעט מענטש און פערד.

ראובל האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ געל־בלייכן פנים, אַן אויסגעלאַשענער מענטש.

אַנציס האָט אַ שוידער געטון:

— מיין פרוי וועט זיכער מיינען, אַז מ'האָט מיך שוין ערגעץ־ווו פאַר־כאַפּט און איינגעזעצט אין תפיסה.

ביידע חברים האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און אַנציס האָט פאַרלאָזט די פינצטערע נאַרע פון זיין אָפּגעפּונענעם חבר.

אַנציס איז געלאָפן צו זיין אַרטעל אין זשעלעזנאָ־דאָראָזשנעם ראַיאָן. אויף דער גאַס איז געשטאַנען זיין פרוי מיט אַ בלייך פנים, אַ פינקלדיקע טרער פון פרייד האָט זיך צעשפּילט אין איר אויג ביים שיין פון די ערשטע אויפגייענדיקע שטראַלן פון פרישן טאָג.

די גאַנצע צייט ביי זיך אין קאַבינעט האָט צאַלע אַנציס נישט אויפ־געהערט טראַכטן וועגן זיין אומגליקלעכן, אויסגעשפּילטן חבר.

— אַ לאַמעד־וואָווניק — האָט אַנציס געשעפּטשעט צו זיך אַ תפילה. אין זיין זכות שטייט די וועלט און האָט נאָך אַ שטיקל קיום, מע דערמאָנט זיך כאָטש, אַז מע לעבט אין אַ עולם־התוהו. ווען נישט די דאָזיקע אויפ־ריכטיקע יחידים וואָלט זי זיך שוין געדאַרפט צעשאָקלען און פאַרשיטן אונטער אירע חורבות אַלץ און אַלעמען.

— אַ פאַרפאַלענער, אַן אַנטוישטער, אַ הונגעריקער, פאַרלייזיקטער און באַליידיקטער בראָדיאַגע — איינער פון די מאָדערנסטע היינטצייטיקע לאַמעד־וואָווניקעס...

קאַפּיטל עלף

אויפן שוואַרצן מאַרק

אַ שטענדיקער רעש און געטומל הערשט אויפן באַזאַר פון זשעלעזנאָ־דאָראָזשנעם ראַיאָן. אַלע געשטעלן זענען פאַרפולט מיט סוחרים, וואָס שטעלן אויס זייערע סחורות. אוזבעקן פאַרקויפן דאָ גרינוואַרג און פּירות. אוז־בעטשקעס האַנדלען מיט מילך, וואָס זיי פאַרקויפן אויפן גלאָז. קאַטיק,[1] פּוטער און אייער. רוסישע פרויען פאַרקויפן ווורשטן און הערינג, איינ־וואַלידן — מאַכאָרקע אויפן גלאָז, בענזין צו צינדמאַשינקעס און פּאַפּי־ראָסן. דער גאַנצער שטח פון באַזאַר איז אָנגעפולט מיט אַ גרויסער מענטשן־מאַסע. מע פאַרקויפט דאָ אַ בגד, שיך און שלייקעס — שמאַטעס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער מראה, פאַרב און פאַסאָן. קנעפּ ווערן דאָ געזוכט און פאַרקויפט פאַר גוט־געלט, אַ נאָדל, אַן איינציקער קנאָפּ, אַ צעטרענט שטיקל שטאָף, — אַלץ איז דאָ סחורה און אַלץ האָט זיין קונה.

די קליינע שפּאַנאַ — די שוואַרצע־שמוציקע אָפּגעריסענע קינדער — לויפן אַרום ווי פאַרסמטע מייזלעך איבער די געשטעלן, כאַפּן אַרויס פון אַ זאַק אַ מייער, שלעפּן אַרויס פון אַ קעשענע וואָס ס׳לאָזט זיך און איין שטענדיקן געיעג פון די קונים און פאַרקויפערס ווערן זיי געטריבן פון איין אָרט צום צווייטן.

דער געשטעל, ווו ס׳ווערט פאַרקויפט פלייש, איז פול איבער די ברעגן. דער פאַרקויפער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט די קונים. אין דער דערנעבנדיקער פּיוונושקע שטייט אַ האַרמידער פון די באַזאַר־קונים, מ׳עע זשלאָקעט וואָדקאָ און מע פאַרבייסט מיט שאַשליק.

שוואַרצהנעוודיקע אוזבעטשקעס, מיט פאַרפלאָכטענע צעפּלעך פאַר־

[1] זויערמילך

קויפן פון אונטער דער פאָלע לעפּיאָשקעס; אַרבעטער פון דערנעבנדיקן כלאָפּזאַוואָד פאַרקויפן זייערע נאַרמעס ברויט.

ביי די געשטעלן פון די מילך שטייען די שפּאַנאַ — די אָפּגעריסענע יאָטלעך — עסן לעפּיאָשקעס און פאַרטרינקען מיט פרישע הייסע מילך פון אוזבעקישע קרוגן.

***

— זעסט — זאָגט איטשע מאַזור צו זיינע חברים — אָט דאָרט יענעם אַלטיטשקן. אָט איז ער צו צום געשטעל פון אַלטן אוזבעק און געקויפט אַ קילאָ קאַרטאָפל פאַר 40 רובל, נעכטן און אייערנעכטן האָב איך אים געזען קויפן אויך צו קילאָ, האָט ער שוין אויסגעגעבן 120 רובל, און סך־הכל פאַרדינט ער אַלס אַכראַניק 85 רובל אַ חודש... און אָט דאָרט, זעט איר, שטייט אַ פרוי וואָס אַרבעט דאָ אינעם אַרטעל אַלס שניידערין און פאַר־קויפט אַ זעלנערישע גימנאַסטיאָרקע און דאָרט שטייט אַ פרוי וואָס פאַר־קויפט אַ פאַר גאַליפע־הויזן, יענע פאַרקויפט אַ נאָדל פאַר אַכט רובל, וואָס זי האָט אַרויסגעגנבעט פון איר מאַשין און אַ קלעצעלע פאָדעם פאַר 12 רובל און דאָרט זעט איר, לויפט פאַרשמייעט אַ נאַטשאַלניק פון אַן אַר־בעל און קויפט אויף אַלע נאָדלען און קלעצלעך פאָדעם. ער האָט נישט מיט וואָס צו אַרבעטן, גייט ער זוכן נאָדלען און פאָדעם אויפן באַזאַר, וואָס די אייגענע אַרבעטער האָבן אַרויסגעגנבעט פון זיין אַרטעל און פון אַנדערע אַרטעלן. און אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל.

— איר זעט דעם אָדעסער ייִד, אָט דעם גראָען אַלטיטשקן. ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן צו באַקן פאַנטשקעס און פאַרקויפט צו פינף רובל אַ שטיק. און אָט דאָרט פאַרקויפן רוסישע פרויען זיסן בוראַק און כאַלאַדיעץ. צו מיינסט קונים האָבן זיי: די שפּאַנאַ רינגלען זיי אַרום, שלינגען שטיקער זיספאַרברווינטן בוריק און נאָך דעם שטעקן זיי אַריין די הענטלעך אין די פרעמדע קעשענעס און שלעפן אַרויס די פאַר געלייזטע רובל און אַלע ווילע הייבט זיך אויף אַ מוראדיקער טומל:

— קאַראַבטשוק![1] כאַפּט דעם גנב!

---

[1] גנב

בצלאל טערקעל

*****

אין דער אַלטער שטאָט אויפֿן באַזאַר איז אַ שטענדיקער הוהאָ. פֿון פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין אָונט ווען ס׳ווערט פֿינצטער. דער גאַנצער פּלאַץ זעט אויס ווי אַ יאַריד פֿון טויזנטער מענטשן, בעיקר אוזבעקן פֿון די אַרומיקע קאָלכאָזן, וואָס ברענגען פּראָדוקטן לרוב. אויף זייערע געשטעלן ליגן אויסגעלייגט די בעסטע פּירות און ירקות און אַלע טאָג דאָס זעלבע. פֿון וואַנען נעמען זיי יעדן טאָג אַזוי פֿיל גוטע זאַכן, בעת זיי האָבן אַ קליין גערטנדל לעבן דער קיביטקע, וואָס קאָן קוים קלעקן פֿאַר זיך עפּעס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ אין צייט פֿון נויט.

אויף די טישלעך, ווו ס׳שטייען אויסגעשטעלט די מילך און קאַטיק, איז אַ שטענדיקער געזשום פֿון אַלערליי מינים פֿליגן, וואָס קומען פֿון מרחקים זיך דערכאַפּן ס׳האַרץ, קלעפּן אין ראַנדן פֿון גרויסע שיסלען און ערדענע קרוגן. די שפּאַנאַ און האַלבהונגעריקע מענטשן גייען פֿון טיש צו טיש, גלאָצן אויס זייערע אויגן צו די גוטע מאכלים און די סלינע רינט זיי פֿון די מיילער. מיט גיריק־זשעדנע בליקן, האַלב־פֿאַרתמטע נעמען זיי אַרום די שיסלען. די אוזבעטשקעס שרייען:

— קאַטש, קאַטש,[1] קאַראַבטשוק! און פֿאַרשטעלן מיט די עלנבויגנס די שיסלען.

באַלעבאָסטעס, מיט גרויסע געשטריקטע קוישן, קויפֿן איין מילך און אייער, פּוטער און קעז, פֿלייש און פּרוכטן, און גייען צופֿרידענע אַהיים צו זיך — גרייטן מיטיק פֿאַר דער מישפּחה ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

אין מיטן פֿון די געשטעלן אויפֿן לאַנג ברייטן הויף, אַרומגעצוימט מיט אַ פֿאַרקאַן שטייען הונדערטער מענטשן צונויפֿגעדרענגט און האַלטן יעדער אַ חפֿץ: פֿון נייע זאַכן ביז אַלטע שקראַבעס, צעריסענע שיך, קאַ־לאָשן און די מערסטע האַלטן היגטער דער פֿאָלע אַ האַלבן אָדער אַ קילאָ ברויט, וואָס מע פֿאַרקויפֿט אָוועק פֿון מויל, כדי צו קאָנען קויפֿן עפּעס אַנ־דערש. די דאָזיקע קניה ווערט געמאַכט אויפֿן אויג, מע טרויט אָן די וואָג,

---

[1] אָוועק, אָוועק

ווייל ס׳איז נישטאָ ווו צו וועגן. די מערסטע קויפער פון אַלע זאַכן זענען די אוזבעקן, וואָס שלעפּן אַרויס קנאַקעדיקע טשערוואָנצעס און צאָלן גלייך נאָכן דינגען זיך אַ היפּשע ווײַלע.

אין זייערע קיביטקעס ווערן די קופּערטס, מיט אייזן באַשלאָגן, פולער און אָנגעשטאָפּטער פון טאָג צו טאָג.

*****

דער גאַנצער מיסחר איז איינגעשטעלט מיטן לעבן. נישט אַלע מאָל געלינגט עס און ס׳גייט אַדורך גלאַט. פון צייט צו צייט גיט די מיליץ אַ ריגל אָפּ דאָס טויער און זי מאַכט אַן אַבלאַווע. זיי כאַפּן צו וואָס זיי קאָנען, און די פאַרקויפער — דאָס רוב אַרעמעלייט — וואַרפן אַלץ אַוועק און לאָזן זיך לויפן איבערן ליימיקן פאַרקאַן, אַנטרינען צו ווערן פון דער מיליץ און פון תפיסה.

רו:יק שטייען בלויז די אוזבעקן און אוזבעטשקעס ביי זייערע געשטעלן, לאַכן צו זיך און רעדן זיך דורך, ווי קיין מאָל גאָרנישט.

נאָך דער אַבלאַווע כאַפּן זיך די מיליציאָנערן צו די געשטעלן פון די פּרוכטן, פאַרבייסן געמיטלעך און לאָזן זיך ווײַלגיין אויפן אָפּגעליידיקטן מאַרק.

שפּעטער צו, ווען זיי גייען אַוועק פונעם באַזאַר, שטעלט זיך צוריק איין די זעלבע אָרדענונג און דער זעלבער סדר ווי פרי:ער. אַלץ גייט מיטן נאָרמאַלן גאַנג. מע האַנדלט און מע וואַנדלט. יעדער קויפט און פאַרקויפט און די אָנגעשטעלטע פון ראַיספּאָלקאָם גייט מיטן טאַש אויפן אַקסל און מאָנט איין דעם שטייער פון שטיין אויפן מאַרק, וואָס גייט אַריין אין דער קאַסע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון סאַמאַרקאַנד.

ביי די געשטעלן, ווו מע פאַרקויפט מאַכאָרקע, זעצן זיך צו אינוואַלידן אויף די טישן, נעמען אַרויס פלעשער בראָנפן און מאַכן אַ כוסה, זוינטשן זיך איינע די צווייטע און ווען זיי ווערן גוט בגילופין, הייבן זיי אָן צו זידלען פאַרבייגייענדיקע י:דן און מאַכן פּאַמאַטערעס מיט אַנטיסעמי־טישע שטעכווערטלעך.

אַלע שטייען און לאַכן. די איינציקע מיליציאַנערן, וואָס באַווייזן זיך ווידער נאָך דער אַבלאַווע, שמייכלען גוטמוטיק צו יעדן איינעם, צווינקענ־דיק מיט אַן אייגל. אויך זיי זענען שותפים צום פאַרדינסט.

פון דער דערנעבנדיקער פּיוונושקע, וואָס געפינט זיך ביים געשטעל מיט פלייש, דערטראָגן זיך ריחות פון געבראָטענעם שאַשליק און שיכורע געזאַנגען.

פון דער פלייש־יאַטקע טראָגן זיך מיט געזשום הונדערטער און הונ־דערטער פליגן מיט רויטע פּיסלעך.

אַלץ גייט נאָרמאַל, ס׳שטימט דער חשבון. דער באַזאַר האַלט אָן זיין טאָג־טעגלעכן ריטמישן געלייף, ווי אין אַלטע גוטע פאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן.

***

צאַלע אַנציס איז געשטאַנען אויפן באַזאַר לעבן דעם מאַכאָרקע־פאַר־קויפער, געראַסימאָוו, וואָס האָט זיך שוין צוריקגעקערט פונעם פראָנט אַ קאָנטוזשירטער מיט איין האַנט, דער לינקער. דער רעכטער אַרבל באַמ־בלט זיך לײדיק ביי דער זייט.

ער האָט אָנגעגאָסן אין זיין צינדערל בענזין, פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע און פאַרצײַענדיק וואָלקנס־רויך באַטראַכט דעם אַרום:

— אָט גייען ווייבער פון נאַטשאַלניקעס און דירעקטאָרן מיט פול־אָנגעפּאַקטע קוישן עסנוואַרג. זיי לויפן פון איין געשטעל צום צווייטן און קויפן, פלייש, הערינג, ברויט. ס׳פעלט זיי נאָר די באַגלייטונג פון אַ דינסט. און אָט שטייט די הויכע לאַלע מיט אַ גימנאַסטיאָרקע אויף דער האַנט און אַ צווייטע אַרבעטערין פון אַרטעל, קלאַוואַ און אָט איז רובין, וואָלאָסאָוואַ און נאָך אַ סך. און זע ווי קונציק זיי האָבן עס געמאַכט. מ׳האָט גאָרנישט באַמערקט ווי זיי טראָגן עפּעס אַרויס.

סעראַפימאָוו האָט אָנגעקוקט אַנציסן און ווי אַרויסגעלייענט זיינע מחשבות:

— און מיר זענען כשר, האַ? טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק? איך, דער מאַכאָרקע־פאַרקויפער און דו, דער קויפער. אַ גלעזעלע מאַכאָרקע קאָסט

דאַך זעקס רובל און ווי רייכערט נישט אויס דער מינדסטער אַ גלעזל אַ טאָג, איז פאַרן חודש גאַנצע 180 רובל און וויפל פאַרדינט אַן אַרבעטער אַ פאַר הונדערט רובל, נו און אויף ברויט, אַ זופּ אין סטאָלאָווע. אַזוי איז עס, בראַטאַק! איינער גנבעט אויף אַ שטיקל ברויט און דער צווייטער אויף אַ קילאָ פלייש און אַז מ׳האָט שוין פלייש, וויל מען וואָדקאַ און אַז מ׳האָט שוין וואָדקאַ, וויל מען... עט, לאָמיר בעסער נישט טראַכטן דערפון...

אַנציס האָט אויפגעהויבן זיין וויזפינגער און אָנגעוויזן:

— אָט דער, זעסט, דער פאַרקויפט געגנבעטע נאָדלען פון מאַשין, דער אַ קילאָ ברויט, פון אָפּגעקויפטע קאַרטלעך, דער אוזבעק — אַ הענגל וויינטרויבן, געגנבעטע פון קאָלכאָזנעם פעלד, און דער מיליציאָנער כאַפּט ביי דעם עפּעס, ביי יענעם עפּעס. ער דאַרף דאָך אויך לעבן...

— נעם צו דעם וויזפינגער, ער קאָן אויסוואַקסן אַזוי גרויס ווי די גאַנצע וועלט. מע קען נישט וויסן אויף וועמען אָנצווייזן. די וועלט איז געגליכן צו אַ שפּיטאָל, ווער ס׳כאַפּט אַריין אַ קרענק — אינטערנירט זיך און דאָ, וועמען מען כאַפּט אונטער — גייט זיצן. אומעטום פאַלן קרבנות...

— פוי, — האָט סעראַפימאָוו אויסגעשפּיגן דעם לעצטן שטיקל מאַכאָרקע — געלוינט אָוועקצוגעבן אַ האַנט פאַר דער דאָזיקער פּאַסקודסטווע.

אויפן מאַרק האָט געררוישט ווי אין אַ בינשטאָק. יעדער איינער האָט אויף זיין שטייגער געקעמפט צו פאַרקויפן עפּעס, צו קויפן, צו דערהאַלטן די נשמה. קיינער טראַכט דאָ גאַרנישט וועגן דעם וואָס ס׳קאָן באַלד געשען, כ׳איז פונקט ווי מיטן טויט, וועמען ער כאַפּט אָן — איז פאַרפאַלן. אָבער כל־זמן מע לעבט דאַרף מען עסן און געניסן.

— אַזאַ איז דאָס געזעץ.

אַזוי האָט אָפּגעפּסקנט סערגיי סעראַפימאָוו, וואָס האָט שוין אָוועקגעגעבן פון זיך אַלץ, אָבער עסן וויל ער. פאַרקויפט ער מאַכאָרקע און בענזין פאַר צינדמאַשינקעס און צייטונגען וואָס מע קאָן אין די אָפיציעלע קיאָסקן נישט באַקומען, ווייל דאָרט קאָסט עס, אויב ס׳איז פאַראַן, 20 קאָפּיקעס און ביי אים באַקומט מען עס פאַר פינף רובל...

און די רובלס, בראַטאַק, מוז מען גנבענען...

— אַזוי איז דאָס לעבן און באַלשע ניטשעוואָ, מער גאָר נישט.

קאַפּיטל צוועלף

עד, האָבן זיי געטאַנצט!...

אוי, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון יענעם טאָג!...

די שענסטע מלבושים וואָס יעדער האָט געהאַט האָט ער אַרויפגעשלעפּט אויף זיך. מ'האָט זיך אויסגעצירט אין עסיק און האָניק. אַ קלייניקייט, היינט האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה. דער גרעסטער שונא פון דער מענטשהייט איז באַזיגט געוואָרן.

די שטאָט שטייט אָן אויסגעצירטע און פאַרפּוצטע מיט פענער. די גאַס טובלט זיך אין גרינס. מוזיק פאַרהילכט די גאַסן. זעלנער מאַרשירן אין מושטער און קלאַפּן אָפּ אין טאַקט די באַטשוועקעטע שטיוול.

שלום אויף דער וועלט! שלום! שלום!

די לבנה באַצירטע אין ווייסע וואָלקנדלעך, באַזוימט מיט מיליאָנען שטערן — איז אַרויס אויפן הימל. אויך זי באַטייליקט זיך אינעם גרויסן יום־טוב.

אויף דער וועראַנדע פון העלענאַ פּעטראָוונאַ קומען זיך צונויף געסט. דער איינציקער עלעקטרישער לאָמפּ, באַצירט מיט קאָלירטע פּאַפּירן, לייכט און שעמערירט. דער רויטער קאַגאַר־וויין פינקלט אין דער קאַראַפינקע. קאָלירטע פלאַטערלעך זשומען און רוישן אַרום דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ.

פון נישט וויטן וואָקזאַל־בנין דערטראָגט זיך דאָס געקלאַנג פון לייכטער מוזיק.

סודות־פול שוויגט די נאַכט און נעמט אויף דעם גרויסן ניצחון.
שלום אויף דער וועלט!

***

אַלע שכנים זענען זיך צונויפגעקומען אהער צו פייערן דעם גרויסן יום־טוב.

אַנאַ סאַמוילאָוונאַ האָט זיך עוואַקוירט פון ראָסטאָוו גלייך ביים אָנקום פון דער דייטשער אַרמיי. איר מאַן, דער קאַפּיטאַן, איז גלייך דעם ערשטן טאָג פון מילחמה־אויסברוך אַוועק אויפן פראָנט און ביז היינט האָט זי נישט פון אים קיין שום ידיעה, ווי אין וואַסער אַריין. זי באַגריסט זיך מיט אַ טרויעריקן גלאַנץ אין די אויגן מיט אַלע איבעריקע.

די שכנטע מוכין, אַ שטאַלטנע הויכע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אויס־געדאַרט פון שווערער פּראַצע. אַ פאַרזאָרגטע מאַמע, אַ פאַרצאַרנטע: איר בן־יחידל סאַשע, אַ טאַנקיסט, איז אין די ערשטע טעג מילחמה מאָביליזירט געוואָרן און זי האָט שוין באַקומען פון דער העכסטער מיליטערישער ליי־טונג אַ טעלעגראַמע: אַז ער איז העלדיש געפאַלן ביים פאַרטיידיקן דאָס פאַטערלאַנד.

העלענע וולאַסאָווע, אַ יונגע פרוי נאָך, אַ פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה. איר מאַן איז אַוועק קעמפן אויפן פראָנט און פאַרשוווּנדן, ביז היינטיקן טאָג האָט זי נישט קיין שום ידיעה פון אים. זיין גורל איז אומבאַוווּסט.

די הויכע אויסגעדאַרטע לאַלע קוטשעריאַוויך, אַ שטענדיק בייזע און פאַרזאָרגטע, איז איצט אַריינגעקומען אַ צעשטראָלטע, צוזאַמען מיט איר טעכטערל טאַטיאַנאַ, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. זי האָט שוין דורכגעמאַכט אַלע צרות און זיך צוגעוווינט צו איר גורל. אין די ערשטע טעג פון דער מילחמה האָט זי באַקומען אַ מעלדונג, אַז דער מאַן אירער איז אומגעקומען אויפן פראָנט ווי אַ העלד. זי האָט געוויינט און זיך אויסגעוויינט די אויגן און זיך צוגעפּאַסט צו איר גורל, דעם גורל פון אַ סך אַזעלכע ווי זי.

די הויפּט־מחותנתטע איז אָבער געווען די אַלטע שכנה שאַשקאָווא. זי האָט קיינעם נישט אויפן פראָנט. איר איינציקער זון איז נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע קראַסנאָוואָדסק און איר טאָכטער פוילט שוין יאָרנלאַנג אין אַ לאַגער פאַר האָבן טענות צו דער מאַכט. זי איז געווען אַ טראַציקע און געהאַט אַ מויל אויף שרויפן, האָט זי געזאָגט דאָס וואָס מע טאָר נישט און זיצט שוין באַלד צען יאָר. אָבער ס'איז שלום אויף דער וועלט און שכנים קומען זיך צונויף פייערן דעם יום־טוב, איז זי געקומען כאַפּן אַ כוסה און

זיך אַנטרינקען ביז פאַרגעסן, זי איז די ערשטע און אַלע זעען זי גערן. זי מאַכט פריילעך אַלעמען און זיך אַליין און מע פאַרגעסט אין די צרות.

דער עוואַקויִרטער קיִעווער אַלטער שניידער, איציק ווייסמאַן, וועמענס זון — אַ הויכע שישקע אין דער אַרמיי — שרייבט צו אים בריוו, איז אַריינגעקומען, צוזאַמען מיט זיין אַלטער קראַנקער פרוי, זיך משמח זיין מיטן גרויסן טאָג. זיי האָבן אפשר אין גיכן צו קאָנען צוריק אַהיימפאָרן צו זיך אין קיִעוו.

די אויפּרוימערין פונעם וואָקזאַל, געניאַ, איז די סאַמע גליקלעכסטע. איר מאַן, איז געוואָרן מאָביליזירט מיט אַ יאָר צוריק, לעבט און איר זון, אַ טאַנקיסט, האָט זיך אויסגעצייכנט אויף די פראָנטן און קומט צוריק ווי אַ העלד. אַ גליקלעכע מאַמע. איינע פון געציילטע. שיינט זי פאַר פרייד און באַגריסט זיך גאָר האַרציק מיט אירע שכנות.

דער איינציקער מאַנצביל אויף דער שמחה איז איציק ווייסמאַן. אַלע איבעריקע זענען פרויען, פאַראיינזאַמטע.

שאַשקאָווא האָט נישט לאַנג געוואַרט. זי האָט אַ שמייכל געטון צו דער קאַראַפינקע מיטן וויין, ליבלעך אַ ווונק געטון צו דער גאַסטגעבערין העלענאַ פעטראָוונאַ און באַלד זיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז רויטן קאַגאָר. די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און שטיל אין זיך האָט זי אַנגעהויבן ברומען אַ מעלאָדיע. די שכנטעס האָבן שטיל צווישן זיך נאָך גערעדט. שאַשקאָווא האָט אַריינגעגאָסן נאָך אַ גלאָז און פאַרבעטן די שכנטעס מיטצוהאַלטן:

— אַנוקאַ, סאָסיעדקעס,[1] לאָמיר אַ טרונק געבן לכבוד דעם גרויסן נצחון.

אַלע האָבן אָנגעגאָסן גלעזער. דער רויטער וויין האָט זיך צעשעמע־רירט מיט טויזנטער קאָלירן קעגן פייער.

שאַשקאָווא איז שוין געוואָרן בגילופין. זי האָט זיך אַליין העכער און שטאַרקער פונאַנדערגעזונגען, אויפן העכסטן קול. אין דער אַרומיקער שטילקייט פון פיאַנערסקע־געסל, אַן אַרומגערינגלטס מיט טיפע לאַנגע

---

[1] אַ נו, שכנטעס.

היילן, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן שאַקאַלן, נישט ווייט פון רוסישן צמענטער, האָט איר קול דורכגעדרונגען דער געהיימנישפולער שטילקייט.

שאַשקאָוואַס קול האָט זיך אַ הייזעריקס צעטראָגן איבער די אַרומיקע היילן. די שכנטעס האָבן איר צוגעהאָלפן, צוברומענדיק אין דער שטיל.

זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און געשריגן ווי באַנומען:

— וואָס שווייגט איר היינט ווען די מילחמה האָט זיך פאַרענדיקט? מיר זענען דאָך די גליקלעכסטע. אייערע מענער וועלן צוריקקומען און מיין טאָכטער אויך. אַנוקאַ סאָסיעדקעס, לאָמיר טרינקען און פאַרטרינקען די צרות.

העלענאַ פּעטראָוונאַ איז גיך צוגעלאָפן צו שאַשקאָוואַן, פאַרשטעלט איר מויל מיט דער האַנט און מיט שרעק אין די אויגן זיך אַ בייזער געטון:

— מע טאָר נישט אַזוי, סאָסיעדקע, רעדן קעגן דער וולאַסט[1]. שטיל זאָל זיין, איר זענט מיין גאַסט, מוזט איר זיך האַלטן סטאַטעטשנע.

די אַלטע האָט מיט פאַרנעפּלטע שיכורע אויגן אָפּגעמאָסטן איר גאַסט־געבערין פון אויבן ביז אַראָפּ, זיך אַנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז קאַגאַר־וויין און פאַרביסן מיט אַ שטיקל כאַלאַדיעץ.

— נו, נו, בייזער זיך נישט טייערע סאָסיעדקע, עס וועט שוין רעכט זיין. זיי אויף צעפּיקעניש וועלן מיר זשלאָקען און הוליען ביזן גראָען טאָג אַריין. אַנוקאַ, סאָסיעדקעס, וואָס שווייגט איר? לאָמיר אַ זינג־טון און דו, סטאַריק,[2] אָך און וויי, דער איינציקער מאַנצביל צווישן אַזוי פיל באַבעס, שטייט ווי אַ נעכטיקער, אַ נישטאָיקער. טרינק, זשלאָקע! לאָמיר זען צי דו טויגסט נאָך צו עפּעס.

דער אַלטער וויימאַן האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר.

שאַשקאָוואַ האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר פאַרשיכורטע אויגן און שפּאָטיש אַ לאַך געטון:

— אַן אונדזעריקער, בראַטאָק, וואָלט נישט געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם. ער וואָלט זיך שוין לאַנג אָנגעשיכורט און די באַבעס פאַרשלעפּט אין טאַנץ. און דו? האַ, גאָרנישט? עך, טשודאַק!...

---

1 מאַכט

2 אַלטער

די הויכע דאַרע מוכינאַ, וואָס איז פריִער געזעסן אַ שטיל־פאַרחלומטע און פאַרבענקטע, האָט זיך צוגעכאַפּט צום גלאָז און אים אָנגעגאָסן פול ביז אַריבער דעם ווירעך, מיט סאַמאַגאָן. ווי אַ געניטע שיכורטע אַ שמעק געטון און גלייך אַריינגעצויגן אין האַלדז. זיך אַ טרייסל געטון, פאַרצמאָ־קעט מיט די ליפּן, געכאַפּט אַ שטיקל שוואַרץ ברויט און געשמעקט דערצו און מחייהדיק אָפּגעאָטעמט. זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אָנגעגאָסן אַ גלאָז קאָגאָר און זיך הייזעריק צעכריפּעט:

— סאָסיעדקעס, לאָמיר טרינקען! לאָמיר פריילעך זיין! אפשר וועט דער סוף פון דער מילחמה ברענגען אַ ביסל פאַרלייכטערונג פאַר אונדזער שווערגעפּרוווטן נאַראָד.

די שכנטעס האָבן זיך אָנגעגאָסן גלעזער און זיך צוגעוווּנטשן, זיך קושנדיק איינער מיט דער אַנדערער.

פּונקט צוועלף ביינאַכט האָבן זיך די גלעקער אויפן קרעמל־טורעם צעקלונגען מוטיקע און שטאָלצע און דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס זיך דער־שלעפּט אַהער אין וויטן סאַמאַרקאַנד. אין די אַרומיקע היילן האָבן זיך אויפן גלעקער־געקלאַנג צעוואָיעט די שאַקאַלן און זיך פאַראייניקט מיטן געביל פון די הינט אין די אַרומיקע קאַלכאָזן.

באַלד האָבן זיך דערהערט טענער פון לייכטער מוזיק. שאַשקאָווע האָט זיך אַ וואַקלענדיקע אויף די פיס אויפגעשטעלט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע און באַלד צו אַ צווייטער שכנטע, העגט האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ. מיט געבויגענע קעפ האָבן זיי זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ.

אין די אָנהייב־מאַיִקע טעג, ווען אַלץ האָט שוין געפרייעט פון היץ, האָט נאָך דער אַלטער ווײמאַן געטראָגן וואַליקעס. דאָס רוב פרויען האָבן געטראָגן טאַפּקעס, געמאַכטע פון שמאַטעס, און די אַלטע שאַשקאָווע האָט געטראָגן אַ פּאָר אַלטע קאַלאָשן. די מוכינאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן אירע אַלטע שקראַבעס פון די פיס און זיך אָוועקגעלאָזט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אין טאַנץ.

קאָפּ צו קאָפּ, אַקסל צו אַקסל, מיט פריידיק־צעגלאַנצטע אויגן, מיט פאַרפלאָכטענע הענט האָבן זיך פיס געהויבן ווילד, מיט עקסטאַז, זיך צע־

האַפּקעט אַלץ שטאַרקער און פון מינוט צו מינוט איז דער טאַנץ אַלץ מער געשטיגן און איבער אַלעם האָט זיך געהערט דאָס שיכורע צעכריפּעטע קול פון דער אַלטער שאַשקאָוואַ:

— אַנוקאַ, באַבעס, הייבט זיך, שטאַרקער, שטאַרקער, אַז טאַנצן זאָל זיין געטאַנצט. זי האָט זיך אַ לאָז געטון צום אַלטן זאַדאַשליוון ווײמאַן, וואָס האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם, אים אַריינגעשלעפּט צווישן דער מחנה ווייבער אין צעהוליעטן קרייז.

די שיכורע קולות האָבן זיך צעטראָגן ווי ווייט און פון די אַרומיקע קיביטקעס זענען זיך צונויפגעלאָפן פרויען מיט קינדער. זיי האָבן געפּליעס־קעט מיט די הענט צום טאַקט פון די טאַנצנדיקע באַבעס.

באַלד האָט זיך דער טאַנצנדיקער עולם אַראָפּגעשלייכט פון דער ווע־ראַנדע און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שגעונדיקן טאַנץ אויפן צעליימיקט־האַרטן ברוק פון דער גאַס. צענדלינגער טירן פון קיביטקעס האָבן זיך צע־עפנט. מענגעס מענטשן זענען אַרויס אויף דער גאַס אַנטקעגן מיט צע־כראַסטעטע אָרעמס מיטן פייערל־נצחון אין די אויגן און זיך אַריינגעלאָזט אינעם טאַנץ.

די אַלטע שאַשקאָוואַ האָט זיך שטאַרקער צעכריפּעט און פאַרקאַשערט איר ספּודניצע ביז אַרויף צו די קנעכל. זי האָט יעדע ווילע אַריינגעשלעפּט אין טאַנץ אַלץ פרישע און פרישע מענטשן, מענער און פרויען, יונג און אַלט, קינדער און זקנים, אַלע האָבן זיך צעטאַנצט, דעם פריידיקן נצחון־טאַנץ.

אויס מיט דער מילחמה! מע וועט שוין מער נישט שלעפּן זייערע מע־נער און קינדער אויף די פראָנטן!

פריידיקע מאַמעס האָבן מיט פאַרבענקטע אויגן פול מיט טרערן געזען אין זייער דמיון די מענער און זין וואָס וועלן שוין צוריק נישט קומען, און גליקלעך צעשטראַלטע מיט צאַפּלדיק־דערוואַרטער בענקשאַפט זענען געשטאַנען מאַמעס און ווייבער, האַפנדיק אין גיכן צו זען זייערע ליבסטע, וואָס זענען על־פּי־נס אַרויס גאַנץ און געזונט פונעם שרעקלעכן פייער.

שלום! שלום אויף דער וועלט!

שאַשקאָוואַ האָט פאַרגעסן אירע ווייטיקן און תרעומות צו די מאַכט־

האָבער, אַבי זי האָט היינט, לכבוד אַזאַ גרויסן טאָג, געטרונקען אַ סך און זיך נאָך צעטאַנצט.

זי האָט אויפגעהויבן נאָך העכער איר שטים און ווי אַ זאַפּיעוואַלע זיך צעזונגען:

— זאַפּריגאַיטיע כלאָפּצי קאָני!...

אַ גרויסער צעכוואַליעטער מענטשן־כאָר האָט זיך דבקותדיק פאַר־כליניעט מיטן ליד, וואָס האָט מיט זיין ברייטקייט זיך צעגאָסן ווי אַ צע־שטורעמטער טייך.

די גאַנצע גאַס האָט זיך איינגעקוקט פאַרגאַפּט אינעם צעשטורעמטן מענטשן־ים, וואָס האָט זיך צעגאָסן מיט פרייד, היינט, אין טאָג פון סוף פון דער מילחמה.

הענט האָבן צוגעפליעסקעט, פיס באַטאַפּקעוועטע, באָרוועסע, באַוואָ־ליקטע; הענט מאַזאָליעדיקע, צעקאַרבטע רוקנס צעהויקערטע, גופים שוויי־סיקע האָבן זיך באַהאָפטן אין איינעם און אויסגעזונגען די גרויסע פרייד, האָפנדיק אויף בעסערע גליקלעכע צייטן.

שלום! שלום אויף דער גאַנצער וועלט!...

קאַפּיטל דרייצן

נישט־פאַרווירקלעכטע חלומות

מעכעלע סקורעצקי, וואָס האָט געשטאַמט פון פינטשעוו, איז געווען אַ קליין דאַר יידל, אַ נישט־דערבאַקענער, און פסח שניידער, אַ ראָוונער יונגערמאַן, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער.

ביידע זענען געוואָרן אַרבעט־חברים. זיי האָבן געאַרבעט ביי איין פאַך, געוווינט אין איין קיביטקע, געגעסן פון איין טעפּל און געשלאָפן אין איין בעטל.

צוויי חברים זענען זיי געווען. צוויי גוטע איבערגעגעבענע חברים.

איינער פאַרן אַנדערן איז גרייט געווען צו גיין עק וועלט. דאָס געלט האָבן זיי געהאַלטן צוזאַמען. איינער האָט נישט געגעסן קיין ביסן אָן צווייטן.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט מאַלעריי. אַלע קיביטקעס, פּריוואַטע שטובן, אַלע אַמטן און אינסטיטוציעס, אַרטעלן און פאַבריקן האָבן זיי גע־פאַרבט און געמאָלן. פסח שניידער האָט געמאָלן אויך שילדן און באַפּוצט די אַריינגענג פון די אַמטן מיט גאָלדיק־גלאַנציקע אותיות.

אמתע ברידער. זעלטן ווו צו טרעפן אַזעלכע טייערע איבערגעגעבענע ברידער. אין פייער און אין וואַסער זענען זיי געווען גרייט צו גיין איינער פאַרן אַנדערן — מעכעלע פאַר פסחן און פסח פאַר מעכעלען.

***

די ערשטע צייטן, ווען זיי זענען ביידע געקומען קיין סאַמאַרקאַנד, האָבן זיי דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרעם. דער קליינגעוויקסיקער מעכעלע האָט אין דער היים, אין פינטשעוו, געלאָזט ווייב און קינד, בעת ער איז אַנטלאָפן פון דייטש קיין ביאַליסטאָק. ווען מ׳האָט אַרויסגעשיקט די פּלי־

טים איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער און דווקא אין איינעם פֿון די שווידערלעכסטע. אַ שטילער, רויִקער און צוריקגעהאַלטענער האָט ער געטראָגן דעם יאָך פֿון דער שווערער אַרבעט מיט געדולד און אויסהאַל־טעוודיקייט. ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויף דער אַמנעסטיע און זיך קוים מיט צרות דערשלעפּט קיין סאַמאַרקאַנד. נישט ווייניק שווערקייטן איז מעכעלע אויסגעשטאַנען. ער האָט זיך געוואַלגערט איבער פֿאַרשידענע קי־ביטקעס, נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַרן שלאָפֿן. מיט הונגערי־קע זשעדנע אויגן געבעטלט אַ שטיקל ברויט. ער האָט צוגעטראָגן אַ פּעקל. אויסגעקערט אַ לאָקאַל, צוגעהאָלפֿן אין שווערער אַרבעט און קוים גע־שלעפּט די פֿיס.

פּסח שניידער איז אין ראָוונע געווען אַ באַלעבאַטיש זינדל. ער האָט נישט געהאַט קיין זאָרגן און דאגות. ווען די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען זיין שטאָט, איז ער געזעסן אין אַ ישיבה און געלערנט. מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבן און איז געווען צופֿרידן פֿון די באַ־פֿרייער.

מיט אַ טאָג פֿריִער, איידער די היטלערישע אַרמיי האָט זיך אַריינגע־ריסן קיין ראָוונע, איז אים געלונגען זיך צו עוואַקויִרן און שלעפּנדיק זיך לאַנגע וואָכן, איז ער אַ הונגעריקער און אויסגעשעפּטער אָנגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד.

ער האָט פֿרייער אָפּגעאָטעמט. ווייט פֿון די פֿראָנטן, אין טיפֿן הינ־טערלאַנד, איז דאָס לעבן געפֿלאָסן נאָרמאַל. די מענטשן זענען אַרומגעגאַנ־גען זיכערע און רויִקע. די באַזאַרן זענען געווען פֿול מיט כּל־טוב. וואָס אַ מענטש האָט נאָר אַרויסגערעדט פֿון מויל האָט מען געקאָנט באַקומען.

פּסח שניידער האָט זיך געוואָרפֿן צו אַלע שווערע אַרבעטן. כּדי צו פֿאַרדינען אויף זיין אויסקומעניש. די ערשטע צייטן איז אים דאָס אַלץ שווער אָנגעקומען, אָבער ביסלעכווייז איז זיין לאַגע געוואָרן לייכטער און בעסער.

פּסח שניידער איז געקומען קיין סאַמאַרקאַנד פֿון די סאַמע ערשטע. די היגע איינוווינער. די אוזבעקן, זענען געווען פֿריינדלעך, מכניס־אורח־דיקע. זיי האָבן זיך אינטערעסירט צו וויסן פּרטים פֿון די מילחמה־געשעע־

נישן, און דער עיקר האָבן זיי געקוקט ווי אויף בייז־ווונדער אויף די ניי־געקומענע מיט זייער אָנגעטועכטס, וואָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן שטוינונג. צום ערשטן מאָל האָבן זיי געזען מענטשן אָנגעטון אַזוי גוט און אַז מע האָט זיי באַוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון דער פאַמיליע, אָדער פון זיך, האָבן זיי געפרעגט: צי זענען עס נישט אַ מאָל קיין גרימירטע ליאַלקעס.

אין עטלעכע חדשים שפּעטער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט לאַנגע עשאַלאָנען וואָס האָבן געפירט מאַסן מענטשן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט צעדריוולטע פּופּייקעס, מיט וואַטע־הויזן, פון וועלכע ס׳האָבן זיך געשלעפּט צויטן. אויסגעהונגערטע מענטשן מיט אַן אומצוטרוי־פייערל אין די אויגן. מענטשן וואָס זענען געלאָפן איבער וואַקזאַלן, גענישטערט מיט די אויגן און געזוכט פון וואָס טועם צו זיין.

פון איינעם פון די דאָזיקע עשאַלאָנען איז אַראָפּ אַ קליין מענטשעלע, אַ דאַרס, אַן איינגעהויקערטס מיט צעשראָקענע אויגן, בלאַס און מאַט, מיט צעצויטע בגדים — מעכעלע סקורעצקי פון פינטשעוו.

די שטאָט איז געשטאַנען אַ ליכטיקע, אַ העלע, באַגאָסן מיט זון און האָט פראַסטיק־קאַלט באַגעגנט די ניי־געקומענע.

די מילחמה איז געווען אין פולן ברען. דאָרטן ווייט אויף די פראָנטן האָט זיך געגאָסן בלוט ווי וואַסער. שטעט און דערפער זענען אָפּגעווישט געוואָרן. מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. דאָס פייער האָט זיך אַלץ שטאַרקער צעבושעוועט.

צווישן די ניי־געקומענע פליטים — די פאַרשיקטע אויף פּאָסיאָלקעס און לאַגערן — און די אַלטע פליטים פון די עוואַקויִרטע געביטן, האָט נישט געהערשט קיין שלום־בית. די ערשטע קריג־קרבנות, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון סאָוויעטישע פּעסער און די עוואַקויִרטע — אויך געוועזענע פּוילישע בירגער וואָס האָבן פריוויליק גענומען סאָוויעטישע פּעסער — האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. די פאַרשיקטע האָבן זיך באַטראַכט פאַר פּוילישע בירגער און די מאַכט האָט זיי אַפילו אָנערקענט ווי אַזעלכע, און די, וואָס האָבן געהאַט סאָוויעטישע פּעסער, האָבן זיך געהאַלטן מן־הצד איינער פון אַנדערן. אַ גרויסע מחיצה האָט געהערשט צווישןביידע צדדים.

פּסח שניידער דער עוואַקויִרטער מיט אַ סאָוויעטישן פּאַס און מעכעלע

סקורעצקי אַ פֿאַרשיקטער און באַפֿרייטער פֿון אַ לאַגער האָבן נישט גע־קוקט אויף דער מחיצה, זיך דערגענטערט און געוואָרן חברים צווישן זיך.

סקורעצקי, וואָס איז געווען אין דער היים אַ גלעזער און פסח שניי־דער וואָס האָט זיך אויסגעלערנט מאַלעריי האָבן פֿאַרלייגט אַ שותפֿות. פֿון טאָג צו טאָג האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט זייער פֿריינדשאַפֿט, וואָס מע זעט עס זעלטן. דער הונגער האָט זיך פֿון זיי אָפּגעטון. זיי האָבן שוין געהאַט זאַט צו עסן און אַ באַקוועמע קיביטקע. זיי האָבן זיך איינגעהאַנדלט בגדים און געקריגן אַ מענטשלעך אויסזען.

***

דער הויכרעדער אויפֿן סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל־בנין האָט יעדן טאָג געמאָלדן מיט באַגייסטערונג אַז די רויטע אַרמיי שליידערט אַרויס פֿון אירע גרענעצן די נאַצישע האָרדעס. יעדעס מאָל זענען אָנגערופֿן געוואָרן אַנדע־רע שטעט וואָס זענען צוריק דעראָבערט געוואָרן. גענומען פֿון באַקאַנטע שטעט, היימישע און נאָענטע.

צוגלייך מיטן אָפּנעמען די שטעט האָט מען זיך דערוווּסט שוידערלע־כע ידיעות וועגן אומקום פֿון גאַנצע עדהס. פּליטים האָבן שוין באַקומען ענטפֿערס אויף זייערע בריוו, אַז די אַדרעסאַטן זענען אַוועקגעפֿירט גע־וואָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן ידיעות — איינע שרעקלעכער פֿון דער צווייטער. גאַנצע שטעט זענען פֿאַר־ניכטעט געוואָרן, אָבער די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז נישט געווען. אַלץ איז חרוב ונחרב.

מיט גרויס טרויער זענען די דאָזיקע ידיעות אויפֿגענומען געוואָרן. יעדער איינער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז אפֿשר איז אים דאָס אומגליק נישט געשען. אפֿשר האָט זיך ווער פֿון זיינע נאָענטע געראַטעוועט.

— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן — האָט פּסח שניידער געטענהט פֿאַר זיין חבר מעכעלע סקורעצקי וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַ שטילער און מרה־שחורהדיקער. זיין מוח האָט שווער באַנומען דעם גאַנצן ענין — ס׳איז אמת, אמת. נישטאָ פֿאַר אונדז קיין שום טרייסט.

פסח שניידער האָט שווער איבערגעלעבט דעם מאָמענט. אַט האָט ער שוין ידיעות, אַז זיין שטאָט איז באַפרייט. ער האָט שוין אַפילו באַקומען אַן ענטפער פון מאַגיסטראַט, אַז די ייִדן זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג. ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן די נעכט זיך דער־מאָנענדיק אין זיין יוגנט און זיין לעבן אין דער דאָזיקער טייערער שטאָט.

אַלע פּוילישע ייִדן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויעריקטע און באַזאָרג־טע. אין האַרצן האָט גענאָגט דער וואָרעם. מ'האָט געציטערט איבערן גורל פון די אייגענע. ערגעץ ווו אין אונטערבאַוווסטזיין האָט געטליִעט אַ האָפע־נונג, אפשר, אפשר איז עס נישט אמת.

***

דער ערשטער איינדרוק וועגן די שוידערלעכע ידיעות האָט זיך אויס־געוועפּט. באַלד איז אָנגעקומען די פריידיקע ידיעה, אַז אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער וועלן רעפּאַטריאירט קיין פּוילן. דער אוקאַז איז געווען אַ לאַנגער און פאַרפּלאָנטערטער. יעדער איינער האָט אים געטייטשט און אויסגעטייטשט אַנדערש. נאָר איין זאַך איז קלאָר געווען: דער מאָמענט פון אַהיימפאָרן איז נישט ווייט.

אַ געמיש פון טרויער און פרייד האָט אַלעמען אַרומגענומען. מ'איז געלאָפן אין די קלובן פון ז. פּ. פּ., מ'האָט געזוכט אויפקלערונגען און אויס־טייטשונגען. אָבער קיינער איז נישט געווען ביכולת אין גאַנצן צו דערפרייען דאָס האַרץ.

אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע. פיבערדיק זענען די פּליטים געשטאַנען אין די רייען און געוואַרט אויף דער ריי רעגיסטרירט צו ווערן. דאָס מאָל אַ רעגיסטראַציע אויף צוריק: אַהיים.

די היים האָט זיך אַ פאַרנעפּלטע אויסגעשיילט אין זכרון. שוין באַלד פינף יאָר אין וואַנדער. נישט די זעלבע מענטשן וואָס אַמאָל — אָפּגעריסענע און אויסגעוואָרצלטע. פאַר יעדן האָט אומקלאָר אויפגעטויכט דאָס בילד פון דער היים, בפרט נאָך איצט — נאָך די אַלע גרויליקע ידיעות.

קיינער האָט אָבער דאָ נישט געוואָלט בלייבן. קיינער האָט מער נישט

געוואָלט לעבן אין די באַדינגונגען און זיין אויסגעשטעלט אויף נסים. דאָס לעבן דאָ איז נישט געווען זיכער. כדי צו מאַכן אַ לעבן האָט מען געמוזט טון נישט קיין ראַיעלע זאַכן און ס'איז שוין מיאוס געוואָרן איינצושטעלן דאָס לעבן.

יעדער איינער האָט זיך געריסן צו זיין צווישן די ערשטע, בכדי צו קענען פאָרן אין דער ערשטער ריי, מיטן ערשטן עשאַלאָן.

אַ גרויסע צאָל פּליטים האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויפן דאָזיקן גליקלעכן מאָמענט פון פאָרן לעגאַל אַהיים. זיי האָבן געזוכט אַלע מיטלען און טריקן צו פאָרן אויף אייגענער האַנט. דאָס האָבן געקאָנט אויספירן די איינצל־מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פעק און וואַליזעס. זיי האָבן אַלץ ליקווידירט, באַקומען וויזאָוון קיין קיעוו, כאַרקאָוו, ראָסטאָוו און אַנדערע באַפרייטע שטעט, אויסגעאַרבעט לינקע פּראָפּוסקן וואָס מ'האָט דאָ באַקומען פאַר שיינע טויזנטער צו קאָנען קריגן אַ באַנבילעט און געצויגן אין וועג, אַלץ נענטער צו די גרענעצשטעט, נענטער צו דער היים...

די מישפּחה־מענטשן האָבן געוואַרט.

די ז. פּ. פּ. האָט געפירט אַ פיבערדיקע אַרבעט. יעדער האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביי די באַאַמטע, כדי מע זאָל קאָנען געניסן פון פאַרשידענע הנחות און פּריווילעגיעס. די פאַרוואַלטונג האָט גערופן דעם עולם אויף פאַרזאַמלונגען און פאַר זיי געהאַלטן רעפעראַטן פול מיט לויב פאַר דער סאָוויעטנמאַכט און מיט התפּעלות גערעדש וועגן דער נייער פּוילישער רעגירונג וואָס האָט זיך געשאַפן אין לובלין.

ווי שווער ס'איז געווען אויפן האַרצן האָט דאָך די דאָזיקע ידיעה אַרויסגערופן אַ סך האָפענונגען ביי די פּליטים.

פּסח שניידער, דער געוועזענער ראַוונער ישיבה־בחור, האָט נאָך נישט פאַרלוירן דעם בטחון אין גאָט. ער האָט די דורכגעגאַנגענע יסורים אויפגענומען שטילשווייגנדיק און זיך געטרייסט, אַז גאָט ווייסט העלפן, דער רבונו־של־עולם האָט פאַרט נישט דערלאָזט צום דאָזיקן גרויסן פאַרברעכן פון פאַרברענען אַלע יידן.

— ס'קאָן נישט זיין, ס'איז נישט ריכטיק. דאָס וויל מען אונדז שווער מאַכן דאָס האַרץ און צעשטערן דאָס ביסל גליק פון אמתער באַפרייונג.

איר וועט זען, מיר וועלן נאָך געהאָלפֿן ווערן. מע וועט אונדז איצט נאָך דער מילחמה אַוועקגעבן ארץ־ישראל און מיר וועלן ווערן אַ פֿאָלק צוגלייך מיט אַלע פֿעלקער.

פסח שניידער האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין גלויבן און ענטו־זיאַזם. אַ נייע הויט איז אָנגעוואַקסן אויף אַ סך מענטשן. וועגן דעם וואָס יעדער האָט פֿריִער מורא געהאַט צו טראַכטן און רעדן, האָט מען איצט אַרויפֿגעבראַכט אויף די ליפּן. יעדער האָט נאָך גוט געדענקט די צייטן פֿון פּאַסיאָלאָק און אויך דאָ אין שטאָט, ווען אַלעקסייעוו, דער נאַטשאַלניק פֿון נ. ק. ג. ב. האָט צו זיך גערופֿן אין די נעכט פֿאַרשידענע מענטשן און נאָר געוואָלט דערגיין די פּאָליטישע אָנגעהעריקייט פֿון די פּליטים. דער עיקר האָט ער געשנאַפּט און געזוכט ציוניסטן, און דאָ גאָר אומגעריכט האָט פּסח שניידער דער ערשטער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ קראַמאָלע. דער געוועזענער ישיבה־בחור האָט אָנגעצונדן אַ פֿלאַם אין די נשמות.

— ס׳קאָן זיין, — האָט אים איינער, אַ פּליט פֿון דער ריי, געענטפֿערט — ס׳לייגט זיך אויפֿן שכל. נאָך דעם ווי מיר האָבן אַזוי פֿיל געליטן און דורכגעמאַכט, וועט איצט די וועלט איינזען אונדזער עלנטקייט און קאָמפּענ־סירן פֿאַר אַלץ.

— יאָ, יאָ — האָט שוין פּסח שניידער אַלץ אָנגעהויבן גלייבן אין זיין געדאַנק. איר וועט זען, אַז נאָך נישט אַלץ איז פֿאַרלוירן. מיר וועלן דאָס אויך דערגרייכן. אַנדערש האָט נישט געלוינט אונדזערע ליידן און פּיין. איך האָב בטחון — האָט ער פֿאַרגלאָצט די אויגן צום סופֿיט און צוגע־פּליעסקעט מיט די הענט.

***

מע פֿאָרט שוין צוריק אַהיים. קוים זיך דערוואַרט די גליקלעכע שעה!

מעכעלע האָפֿט צוריק צו געפֿינען זיין ווייב און קינד אין פּינטשעוו און פּסח שניידער גלייבט נאָך צו טרעפֿן דאָרט זיינע עלטערן, אפֿשר האָט אים דאָס אומגליק אויסגעמיטן.

מעכעלע האָט זיך צוגעגרייט צו דער רייזע מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט ער געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן. געקויפט בעסערע בגדים, אויסגעמייסטרעוועט אַ קעסטל מיט אַ צווייטן דעק, אויסגעטוישט זיינע רובלס אויף דאָלאַרן און עס גוט באַהאַלטן. אויך פסח האָט זיך באַזאָרגט, צוזאַמען האָבן זיי עס געמאַכט. ביידע האָבן זיך גלייך רעגיסטרירט, פסח שניידער האָט אויסגענוצט זיין פּראָטעקציע צו קענען פאָרן מיטן ערשטן עשאַלאָן.

— וואָס פריִער איז בעסער — האָט ער געזאָגט צו מעכעלען — מע דאַרף שטענדיק דאָ זיין פון די ערשטע. די ערשטע באַקומען און די איבע־ריקע קאָן מען אַמאָל זאָגן, ווי אין די אַטשערעס — ניעט. ס׳איז מער נישטאָ.

ער האָט געפּועלט. ביידע חברים פאָרן מיטן ערשטן עשאַלאָן. זיי גייען אַרום צופרידענע און גליקלעכע.

די טעג זענען געווען פריידיקע און זאָרגלאָזע. מ׳האָט נישט געאַרבעט. פאַר נאַטשאַלסטווע האָט מען זיך נישט געשראָקן. מ׳האָט גערעדט וואָס מ׳האָט געוואָלט, פריי און אָפן. אַ קלייניקייט, פּוילישע בירגער וואָס פאָרן צוריק אַהיים. די אוזבעקן און רוסן האָבן זיי אָנגעקוקט מיט קנאה, און נישט איינער פון זיי האָט מקנא געווען די פּוילישע ייִדן.

די פּליטים זענען אַרומגעגאַנגען אָנגעטון יום־טובדיקע און געוואַרט אויפן מאָמענט ווען מע וועט צושטעלן דעם ערשטן עשאַלאָן אויף דער באַן־סטאַנציע.

מיט אומגעדולד האָט יעדער דערוואַרט דעם דאָזיקן גליקלעכן טאָג.

מעכעלע סקורעצקיס אויגן, וואָס זענען שטענדיק געווען אַרונטערגע־לאָזט צו דער ערד, האָבן באַקומען גלאַנץ און האָפערדיקייט. אַ קלייניקייט: ער פאָרט אַהיים צו זיך קיין פינטשעוו...

***

מע פאָרט שוין טאַקע מיטן עשאַלאָן אַהיים. ס׳איז לעבעדיק און פריי־לעך. ייִדן פאָרן פול מיט האָפענונג און זינגען אין די וואַגאָנען.

אויפן סאַמאַרקאַנדער וואָקזאַל איז יום־טוב. נאָך קיין מאָל האָבן די אָרטיקע איינוווינער נישט געזען אַזאַ מין ספּעקטאַקל. יונג און אַלט פון

די אַרומיקע קיביטקעס זענען אָנגעלאָפן אויף בייז־ווונדער צו באַטראַכטן די פריידיקע מענטשן אין די וואַגאָנען.

ווי נאָר דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן פייף און אַ שלעפּ געטון דעם צוג האָט אַ הילכיקער הוראַ פון די צוויי טויזנט מענטשן אין עשאַלאָן אויפגעטרייסלט דעם וואָקזאַל. באַלד דערנאָך האָט אַ הילכיקער כאָר, ווי אַרויסגעזונגען די התקווה.

אינעם פינפטן וואַגאָן האָבן זיך איינגעלאָקעױעט די צוויי גליקלעכע חברים — פּסח שניידער און מעכעלע סקורעצקי. דער לאָקאָמאָטיוו האָט האַסטיק אַוועקגעטראָגן דעם גאַנצן עולם, ווייט צוריק צו זיך אין די היימען...

***

אויף יעדער באַן־סטאַנציע, וווּ נאָר דער עשאַלאָן איז געבליבן שטיין, זענען די פאַרנדיקע אַראָפּ קויפן שפּייז פאַר זיך און די פאַמיליעס.

מעכעלע סקורעצקי און פּסח שניידער זענען שטענדיק געווען פון די ערשטע. זאָרגלאָזע און פריילעכע זענען זיי געלאָפן איבער די וואָקזאַלן און וואָס מ׳האָט נאָר באַקומען האָבן זיי געקויפט. זיי זענען אַראָפּ אין באַנבופעטן, זיך געזעצט עסן, און געלעבט זאָרגלאָז. זייער הייסער ווונטש צו פאָרן איז מקוים געוואָרן — האָבן זיי זיך געלאָזט ווילגיין פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער שווערן לעבן.

דער צוג איז געבליבן שטיין אויף אַ סטאַנציע פאַר טשקאַלאָוו. פּסח שניידער מיט מעכעלען זענען אַראָפּ אין בופעט. דערווייל האָט זיך אויפגעהויבן דער באַנסיגנאַל און דער עשאַלאָן האָט אָנגעהויבן רירן. ביידע חברים זענען אַרויסגעלאָפן האַסטיק פון בופעט און זיך געלאָזט צום אָפּגייענדיקן עשאַלאָן. דער ערשטער האָט אַריינגעטאַנצט פּסח שניידער. מעכעלע סקורעצקי איז געלאָפן מ׳טן עשאַלאָן גלייך און פּסח שניידער האָט אים געגעבן ביידע הענט און געוואָלט אַריינשלעפּן אינעווייניק. דער צוג האָט אָנגעהויבן שנעלער צו גיין. שניידער האָט געשלעפּט פאַר די הענט סקורעצקען צו זיך, אָבער לסוף האָט פּסח שניידער פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און איז אַרויסגעפאַלן פון לויפנדיקן צוג, וואָס האָט אים אָפּגעשניטן ביידע

פיס. מעכעלע סקורעצקי איז געבליבן ליגן טויט אַ צעטרעשטשעטער פון די רעדער.

אויף די געוואַלדן פון גאַנצן עולם, וואָס האָט עס צוגעזען, איז דער עשאַלאָן געבליבן שטיין. אַ שווידער האָט אַרומגענומען אַלץ און אַלעמען. מעכעלע סקורעצקי איז געלעגן אַ שטומער מיט געשלאָסענע ליפּן און ברייט־אויפגעריסענע אויגן פון פאַרוווּנדערונג. פסח שניידער איז געלעגן מיט צוויי אָפּגעשניטענע פיס, מיט אַ פאַרקרימטער גרימאַסע און ברייט־אויסגעקוילערטע אויגן און געשריגן מיט באַנומענע כוחות:

— שיסט מיך! שיסט מיך! איך קאָן נישט אויסהאַלטן די יסורים!...

פון וואָקזאַל־אַמבולאַטאָריע זענען אַרויסגעקומען אַ דאָקטער מיט צוויי סאַניטאַרן, צוגענומען פסח שניידערן און אים אַריינגעטראָגן אין איינעם פון די באַן־בנינים.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך טרויעריק צעפּייפט. די אַלע מענטשן פון עשאַלאָן זענען געשטאַנען ביי די אָפענע טירן, מיט טרויעריק־אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער אַלטער ר׳ משה רובין פון פינפטן וואַגאָן, האָט הויך אויפן קול געזאָגט קדיש.

אַ טרויער האָט באַהערשט דעם גאַנצן עשאַלאָן. יעדער איז געזעסן פאַרזונקען אין טיפע מחשבות.

***

נישט דערלעבט. נישט מעכעלע וואָס האָט אַזוי געגאַרט זען זיין פרוי און קינד און נישט פסח שניידער, וואָס האָט געהאָפט צו טרעפן זיינע עלטערן ביים לעבן. ער האָט געמיינט, אַז אים האָט דער גורל געשוינט און אויסגעמיטן.

ביידע האָבן נישט דערלעבט צו זען מיט זייערע אויגן כאָטש די חרובע היימען זייערע און גיין אויף קבר־אָבות.

דער עשאַלאָן האָט געשניטן פאָרויס, מיטפירנדיק די זאַכן מיטן זאָרגפעלטיק־געמאַכטן הילצערן קעסטעלע מיט די אָפּגעשפּאָרטע פינף הונדערט דאָלאַר, וואָס זענען געבליבן ליגן צווישן דעם טאָפּלטן הילצערנעם ווענטל וואָס מעכעלע האָט געפירט אַ מתנה פאַר זיין פרוי און קינד...

קאַפּיטל פערצן

כ׳וועל דיר אַ מעשהלע דערציילן, מיין קינד...

...שפּאַר־צו דיין קעפּעלע אין טאַטנס שויס, טייער חנהלע. דער טאַטע וועט דיר אַ מעשהלע דערציילן און אַז דו וועסט עלטער ווערן זאָלסטו עס דערציילן דיינע קינדער און זיי אָנזאָגן, פאַר זייערע קינדס־קינדער איבער־צוחזרן עס לדור־דורות.

אין מדינת פּוילן זענען געווען אַ סך שטעט און שטעטלעך פול מיט ייִדיש לעבן, מיט אַ סך קינדער און יוגנט, וואָס האָבן געלערנט און געאַר־בעט און זיך געגרייט צו בויען אַ צוקונפט און שפּינען אַ לעבן אויף ווייטער.

אין איינער פון די דאָזיקע ייִדישע שטעטלעך האָט דיין טאַטע זיך געהאָדעוועט, געוואַקסן און געוואָרן אַ מענטש. ער איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ גרויסער פאַרצווייגטער מישפחה, מיט באָבעס און זיידעס, מומעס און פעטערס, ברידער און שוועסטער, שוועסטערקינדער און גליד־געשוועסטערקינדער. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט שולן און בתי־מדרשים און איבער אַלעם — די גרויסע געמויערטע שול, וואָס איז געווען העכער פון אַלע שטעטלשע הייזער. ווו דו האָסט דיין בליק געווענדט האָסטו געזען הויכע לאַנגע פענצטער און איר רויטגעפאַרבטן דאַך.

צוועלף טויזנט איינוווינער האָט דאָס שטעטל פאַרמאָגט, פון זיי אַכט טויזנט ייִדן, די איבעריקע פיר טויזנט שכנים — פּאָלאַקן, אוקראַינער און מערסטנטייל ווייסרוסן האָבן געלעבט אין גוט־שכנהשאַפט, געהאַנדלט מיט די ייִדן, באַשטעלט ביי זיי קליידער און שיך און אַלץ אין וואָס זיי האָבן זיך געניטיקט.

אַזוי איז עס געגאַנגען לאַנגע יאָרן, ביזן שותפות פון צוויי רעגירער

פון צוויי לענדער: איינער, אויף וועמענס פּאַן ס'איז געווען אָנגעשריבן: רציחה און גזילה האָט זיין האַנט געגעבן צו דעם, אויף וועמענס פּאַן ס'איז געווען אָנגעשריבן: פרייהייט, ברידערלעכקייט און גערעכטיקייט. און די וועלט האָט זיך ממש איבערגעקערט. די רציחה און מאָרד האָט פאַרווישט די פרייהייט און ברידערלעכקייט. די וועלט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין פלאַם־פייער און האָט אין דער ערשטער ריי פאַרברענט די יידן. די גרעסטע טייל פון זיי איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָס, אין לאַגערן, ווו זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות, זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט, טיפוס און פּיין, באַגראָבן געוואָרן, און זייער געביין איז נישט צו געפינען.

און דיין טאַטע, מיין קינד, האָט פאַרלוירן אַלץ און אַלעמען, נאָר דאָס וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אין שטורעם, דיין מאַמען און דיינע צוויי שוועס־טערלעך האָט ער דורך אַלע געוויטערן און פאַרפּלייצונגען מיט גרויס מי דורכגעטראָגן, אויסגעוועזן מיט זיי אויף סיביר, אויפן וויטן צפון, פאַר־וואָגלט געוואָרן אין מיטלאַזיע, ווו די וועלט האָט אַן עק. אויסגעהונגערטע און צעפייניקטע, פאַרשמאַכטע און פאַרבענקטע האָבן זיי דערלעבט דעם סוף פון דער מלחמה און זיך אומגעקערט אַהיים, אַנטרעפנדיק בלויז חור־בות און יאָמער. פון גאַנצן שטעטל, האָט דיין טאַטע בלויז געטראָפן איי־נעם, זיינעם אַ יוגנט־חבר, בערל אַרקין, וואָס האָט איבערגעלעבט די געט־טאָס, די לאַגערן און קרעמאַטאָריעס — איינעם בלויז פון אַ פאַרשוווּנדן און אומגעבראַכט לעבן.

זאַלבעצווייט האָבן זיי געשפּאַנט ווי אבלים אויף די חורבות פון דער אַלטער היים.

***

דערווייל האָט זיך דער צוג געטראָגן אין וועג. אין שטילקייט פון פרי־מאָרגן האָט אַ קיל ווינטל אַריינגעבלאָזן אין וואַגאָן מיט די אויסגעהאַקטע שויבן. ביידע חברים זענען געזעסן אַפּגערוקט איינער פון צווייטן. מ'האָט געציטערט פאַר אַ בייז דורכדרינגלעך אויג. נאָך נישט זיכער זענען געווען די פּוילישע וועגן. די פּוילישע „וואַלד־יינגלעך" האָבן נישט געקאָנט צו־קוקן וואָס ס'האָט זיך נאָך דער מלחמה אַפּגעיאָוועט אַ קליין הייפעלע

ייִדן, זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי מאָנען זייערע דירות. האָבן זיי אָפּגעשטעלט צוגן אין מיטן געלויף, געזוכט ייִדן, זיי אַרויסגעשלעפּט פון די וואַגאָנען, אויסגעטון נאַקעט און דערמאָרדעט.

אין וואַגאָן איז שטיל. די פּאָלאַקן זענען געזעסן איינגענורעט זיכערע און זעלבסטצופרידענע, געכראָפּעט און געפּייפט מיט דער נאָז. רו׳ק איז געווען זייער לעבן, פרי׳ער ביים דייטש און אוודאי איצט, נאָך דער באַ־פרייונג.

דיין טאַטע, מיין קינד, האָט אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגע־טון, פאַרנדיק פון וואַרשע אין זיין געבוירן־שטאָט. אים האָט פאַרפאָלגט דער געטאָ מיט די קופּעס ציגל וואָס פּאָלאַקן האָבן צונויפגעלייגט, ניש־טערנדיק און גראָבנדיק אָן אויפהער. דאָס האָבן זיי געזוכט ייִדיש גאָלד. נאָך איצט, נאָך דער שווידערלעכער קאַטאַסטראָפע האָבן זיי געזוכט וואָס צו רויבן און שלעפּן פון פאַרבליבענעם ייִדישן האָב און גוטס.

אַ סוף, אַ סוף צו דעם אַלעם! נאָך וואָס זוכן? איז דען עפּעס פאַרבליבן?

ס׳איז געוואָרן ליכטיקער. די זון האָט זיך אַריינגעריסן דורך די האַלב־פאַרשטעלטע וואַגאָן־פענצטער און אויפגעוועקט די פּאַסאַזשירן.

דער צוג דערנענטערט זיך שוין צו דיין טאַטעס שטאָט. עס טויכן שוין אַרויס די שפּיצן־דעכער פון די הייזער. ס׳האָט אַ בלענד געטון מיט איר הויכקייט די גרויסע שטאָטשול, וואָס איז געשטאַנען מיט אויפגעבערענטע פענצטער ווי אויסגעשטאָכענע אויגן און ווי אַ געשפּענסט נאָכגעיאָגט דעם איילנדיקן צוג צום וואָקזאַל.

דער צוג איז געבליבן שטיין. אָט איז די ראַמפּע, ווו ס׳איז געשטאַנען דער עשאַלאָן וואָס האָט דיין טאַטן אָוועקגעפירט קיין סיביר. פון דאַנען האָבן אים באַגלייט די פאַרטרערטע און פאַרטרויערטע אויגן פון דיין זיידן, מיין קינד.

דער וואָקזאַל איז דער זעלבער, אָט פּונקט ווי אין יענע טעג, נאָר די פענצטער זענען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. פרישע פּנימער וואַרפן זיך אין די אויגן, נייע מענטשן וואָס מ׳האָט דאָ פאַר דער מלחמה נישט געזען. די ייִדישע איזוואָשטשיקעס זענען דאָ מער נישטאָ. שטיל און אומהיימלעך, כ׳פעלט דער גערויש און טומל פון ייִדן.

ווו מ׳האָט נאָר געוועגדט די בליקן האָבן פאַרפאַלגט הויכע אויסגע־ברענטע פענצטער פון דער שול.

מיט אונטערגעהאַקטע פיס, קוים זיך שלעפנדיק, האָבן די צווי לע־בנגעבליבענע חברים געטראָטן דעם היימישן באָדן. יעדע סטעזשקעלע און ווינקל האָבן דערמאָנט אין אַמאָליקע גוטע צייטן. די זעלבע גאַסן און טראָ־טואַרן, די זעלבע הייזער זענען געשטאַנען אין פרימאָרגן מיט צעעפנטע פענצטער און געוווּנקען, אָבער פון דאָרט האָבן אַרויסגעקוקט פרעמדע אויגן. אויף די גאַניקעס האָבן זיך געלופטערט קישנס און פערענעס — יידישע, אָפּגעירשנטע פון יידן. די אַלע גוטבאַקאַנטע טירן און גאַניקעס, פענצטער באַהאַנגען מיט פאַרהאַנגען האָבן געשטאָכן און געבריט.

נישט אַזוי האָט זיך דיין טאַטן, מיין קינד, אויסגעוויזן די געגאַרטע באַפרייונג. נישט אַזוי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט ווען אויסזען דער מאָ־מענט פון באַטרעטן די היימישע ערד. ווי אַ גנב האָט ער זיך געשלייכט, מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן, זיך געשראָקן צו באַגעגענען מיט עמע־צנס אַ בליק.

אויפן מאַרק האָט ער געטראָפן די זעלבע קראָמען, די זעלבע ביידלעך ווו ס׳האָבן געמיסחרט, געהאַנדלט, געיאָגט און געוואַנדלט די יידן. אַלץ ווי געווען, נאָר קיין יידן זענען מער נישט געווען.

ער איז אַוועק צו דער שול.

די יידישע הייזקעס אַרום דער שול זענען נישטאָ. דער אַלטער און נייער בית־המדרש זענען אויסגעגליכן מיט דער ערד, פאַרדעקט מיט ווילד גראָז. שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָ האָבן יידן אַמאָל געלעבט, גע־דאַוונט, געפּראַוועט חתונות און בריתן.

די גרויסע שול מיט אירע אויסגעהוילטע פענצטער־לעכער האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער גרייס. אינעווייניק איז אָנגעשטאַנען אַ טומל און האַרמידער. פּויערים זענען אַריין און אַרויס, פורלעך זענען צוגעפאָרן און אויסגעלאָדן סחורות.

דער טאַטע מיט זיין חבר זענען אַריין אינעווייניק. אים האָט אַ ריס געטון ביי דער נשמה. די גרויסע שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרק. די געוואָלדן פון די פּויערים רייסן זיך צום הויכן געוועלבטן סופיט.

איבער דער גאַנצער לענג זענען אויסגעשטעלט סטראַגאַנעס מיט שינקע און קאַלבאַס, פּוטער און קעז, מיט תבואות און פּרוכטן.

דיין טאַטע האָט אַ קרעכץ געטון. אַ מאַרק! פאַרוואַנדלט די גרויסע ייִדישע שול אין אַ מאַרק פון טריפה־פליייש. אַ באַליידיקונג האָט אים אַרומ־גענומען. דער צער פון דער גרויסער שול האָט אים דורכגענומען אַלע זיינע אברים. אַזוי פאַרשעמען און פאַרשוועכן אַ שול, פון וואַנען דורות ייִדן האָבן געשיקט זייערע תפילות צו גאָט אין הימל; ווו חזנים האָבן אויסגע־ציקלט די האַרציקסטע ייִדישע ניגונים. דער אָרון־קודש איז געשטאַנען אַ צעכראַסטעטער, מיט אָפענע טירן וואָס זענען געהאַנגען אויף די זאַוויאַסעס, ווי מענטשן אויף די תליות. פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַזאַ שטו־מער צער. אַ דורות־לאַנגער געוויין פון אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן.

— מנוּוולים! — האָט זיך פון דיין טאַטנס ברוסט אַרויסגעריסן אַ גע־שריי, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אינעם געטומל פון די פּויערים — קיין אַנ־דער אָרט ווו צו מאַכן אַ מאַרק האָבן זיי נישט געהאַט, ס׳פעלן דען אַנדערע פּלעצער? אַ באַליידיקטער און טיף־געקרענקטער האָט ער זיך אַרויסגע־שלייכט פון דער שול און ווי אַ וואַנזיניקער אַנגעהויבן לויפן, וויטער און וויטער — נישט צוצוקוקן די דאָזיקע שאַנד.

***

דיין זיידנס הויז, מיין קינד, איז געשטאַנען צענומען, אויסגעגלייכט מיט דער ערד. קיין ציגל איז אַפילו נישט געבליבן. דאָס הויז ווו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, געלעבט און געהאַפּט, אויסגעוואַקסן און גרויס געוואָרן, — דאָס הויז ווו ס׳האָבן געלעבט זיינע אייגענע און טייער־סטע איז אָפּגעווישט געוואָרן, נישט געלאָזט קיין שפּורן נאָך זיך, קיין זכר דערפון איז נישט געבליבן. אַ שטראָם הייסע טרערן האָט באַנעצט זיין פּנים, — טרערן פון אַ פאַריתומטן אויפן אומבאַוווּסטן קבר פון די אייגענע.

ער איז נאָך לאַנג געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט. שווער געוועזן זיך צו דערווייטערן פון דאַנען. ער האָט געפילט, אַז דאָ איז זיין אָרט. ווי גוט

וואָלט געווען זיך צו באַהעפטן מיט דער דאָזיקער טייערער ערד, ווו ער האָט יאָרנלאַנג געטראָטן און ווו ס'האָבן געטראָטן די פיס פון זיינע נאָענטע און אייגענע. ער איז אין אַנמאַכט געפאַלן ווי אַ שטיין אין טיפן הויכן גראָז און דערפילט דעם אָפּהילך פון די טריט פון זיין פאָטער, מוטער, שוועס־טער און אַלע קרובים. ער האָט ווי לעבעדיק דערפילט דעם הויך פון זייער אָטעם, ס'האָט אַ ווייע געטון מיט היימישקייט. פאַר זיינע נאָזלעכער האָט זיך דערטראָגן דער גערוך פון היימישע מאכלים, דער געקלאַנג פון כלים. ער האָט זיין קאָפּ איינגעטוליעט אין דער ערד, ווי ער וואָלט געוואָלט גע־פינען אַ שפור פון אַ פאַרלוירן לעבן, דערגיין דעם סוד פון אומקום און דערפילן דעם לעבעדיקן אָטעם פון די וואָס זענען אַוועק דעם לעצטן וועג.

וואָס האָבן זיי דעמאָלט געפילט? וואָס האָבן זיי געזאָגט אין לעצטן מאָמענט? צי האָבן זיי אים דערמאָנט? דאַן ווען ער — דיין טאַטע — האָט זיך אין אַנגסטן געוואָרפן צו דערהאַלטן זיין אייגן שטיקל לעבן און זיך אויפגעהאַלטן בלויז מיט דער האָפענונג צו קומען אַמאָל אַהער, זענען זיי דאָן אומגעקומען. פאַר וועלכע חטאים, פאַר וועמעס זינד?

דאָס הויך־אַנגעוואָקסענע גראָז האָט זיך צעוויגטביים באַריר פון לייכטן ווינטל. די גאַס איז געלעגן אַ געשטאָרבענע. קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך נישט באַוויזן פון די שכנישע פענצטער. אַ שטילער קדיש האָט זיך דערטראָגן צום האַלב־אויפגעוואַכטן געהער זיינעם. דאָס האָט זיין חבר, דער גערעטעוועטער פון די קאַלך־אויוונס, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אויסגעוויינט אַ קדיש נאָך זייער ביידנס היים.

שטיל און סודותדיק האָבן געמורמלט די הויכע גראָזן אויפן אָפּגע־ברענטן פונדאַמענט פון זיין פאַרלוירענער און צעשטערטער היים...

**
*

...דיין טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעוויטיקטער און צעבראָכענער. די אויגן זענען אים געווען פאַרנעפּלט, אין קאָפּ האָט גערוישט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, קוים געשלעפּט די פיס זיינע, געטראָטן אויף די זעלבע טראָטואַרן אויף וועלכע ער איז געגאַנגען אַלע יאָרן. ווי גליקלעך ער איז

דאַן געווען! יעדעס ביימעלע דאָ איז געוואַקסן צוגלייך מיט אים, און היינט — — —

נייע שכנים און קינדעריש געזאַנג און שטיפעריי פאַרפולט די אויפ־געוואַכטע גאַסן. אין אַלע צעעפנטע טירן שפּילן זיך קינדער, העל־בלאָנדע, מיט פלאַקסענע האָר און בלאָע אויגן, מיט פאַרריסענע בעזלעך. דער האַר־מידער איז דאָ גרויס, פּונקט ווי ס׳וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט גע־שען קיין שום זאַך.

ביידע חברים זענען געגאַנגען — אויב קיין לעבעדיקע זענען שוין נישטאָ — אויף אַ באַזוך צו די טויטע. זיי האָבן זיך פאַרנומען צו דער גאַס וואָס פירט צום בית־עלמין, וווּ ס׳האָבן אויך געוווינט דיין טאַטנס באָבעס און זיידעס מיט זייערע מישפּחות. דער באָבע ראַכקעס הויז, וואָס איז געשטאַנען לעבן שולחן־ערוך בית־מדרש איז איינגעלייגט, דער באָבע דאָבעס מויערל ליגט אין חורבות, אַלדאָס איבעריקע אויף דער דאָזיקער גאַס איז גאַנץ. קיין זאַך איז נישט צעשטערט.

זאָשע סאַוויצקאַ, אָדער ווי די קינדער האָבן זי גערופן: די ציגיינערין, די שוואַרצע אַלטע זאָשע, וואָס האָט אויפעצויגן דיין פאָטער, און וואָס האָט שבת די פעטשערעס געהייצט ביי אַלע יידן אין געסל, האָט זיך באַוויזן אין גאַס. זי איז געגאַנגען פון ברונעם — אַ שלאַנקע און אַ גלייכע — נישט געקוקט אויף אירע אַריבער אַכציק יאָר, אָנגעהאַנגען צוויי עמערס וואַסער אויף אַ קאָראָמיסלע. זי האָט מיט אירע שוואַכע אויגן לאַנג־לאַנג נאָכגע־קוקט די צוויי מענטשן, וואָס זענען איר פאַרגעקומען קענטלעך, און ווי נאָר זי האָט דערקענט דיין טאַטן האָט זי פון גרויס איבערראַשונג אַרויס־געלאָזט די צוויי פולע עמערס וואַסער, וואָס האָבן זיך צעגאָסן איבערן שטיינערנעם ברוק. זי איז צוגעלאָפן צו דיין טאַטן, אים צערטלעך אַרומ־גענומען און זיך צעהעשעט אין אַ גרויס געכליפּעריי.

— לעבסט? דו לעבסט? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אירע פייכטע אויגן, אים ווידער אַרומגענומען און זיך ווידער צעוויינט אויפן קול.

— דייניקע לעבן קיינער נישט! אַלע, אַלע, ביז איינעם אומגעבראַכט, פון קליין ביז גרויס. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, גוטע שכנים געווען.

די אַלטע זאָשע סאַוויצקאַ האָט ביידע חברים אַריינגענומען צו זיך

אין איר קליינער איינגעפאַלענער כאַטע. די זעלבע אַלטע שקראַבעס מעבל זענען נאָך געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט ווי מיט יאָרן צוריק.

— דיינע ביידע באָבעס האָב איך אין געהיים געטראָגן עסן אין געטאָ, זיי האָבן כסדר געהונגערט. זיי האָבן מיר אַרויסגעגעבן יעדעס מאָל זייערע קישנס און לייכטער און כ׳האָב דערפאַר געקויפט פאַר זיי ברויט. מ׳האָט זיי אַלעמען אַרויסגעפירט אין קעלבאַסיני און פון דאָרט קיין אוישוויץ. קיינער איז פון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

— אָרעמע באָבעס מיינע, — זיי האָבן די קישנס אָפּגעגעבן פאַר ברויט. לאַנגע יאָרן, מיידלוויז, האָבן זיי אין די נעכט געפליקט גענדזענע פעדערן און צונויפגעקליבן אַן אויסשטייער. די זילבער לייכטער האָבן זיי אָפּגעגעבן, די לייכטער אין וועלכע זיי האָבן געצונדן די שבת־ליכט און אויסגעבעטן ביי גאָט פרנסה און געזונט פאַר זייערע מישפחות. אָרעמע באָבעס מיינע! זיי זענען געגאַנגען דעם לעצטן וועג אין די גאַז־אויוונס אַריין, צוזאַמען מיט זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך.

דער טאַטע דיינער איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט און זיך צוגעהערט צו דער אַלטער זאָשעס רייד. ווי האָט ער עס געקאָנט אויסהאַלטן?

— זיי האָבן אָפּגעלעקט אַ ביינדל, אַלע מיינע שכנים — האָט זאָשע דערציילט — זיי האָבן געשלעפּט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען מ׳האָט פאַרטריבן די ייִדן אין געטאָ, האָבן זיי פאַרכאַפּט די בעסטע דירות מיט די מעבל. צום צווייטן מאָל, ווען מ׳האָט זיי פאַרלאָדנט אויף פורלעך און אוועק־געפירט צום גראָדנער שאָסיי — קיין קעלבאַסיני, האָבן אַלע פּאָלאַקן אויס־געפּלינדערט דעם געטאָ און אָנגעפּולט זייערע שטובן. זיי האָבן אַפילו די אַלטע הייזער צענומען און זיך באַזאָרגט מיט האָלץ.

— ווי קומט עס, זאָשע, וואָס איר זיצט נאָך אין אייער אַלטער כאַטע? אייער יאַנעק האָט זיך נישט אויסגעטויגט ווי אַלע אַנדערע?

— יאָ — האָט זיך די אַלטע מודה געווען — מיין זון, יאַנעק, האָט פאַרכאַפּט קאַרל דירעקטאָרס שטוב, אָבער מיר האָבן מורא אַרויסצוציִען פון דער אַלטער כאַטע, טאָמער וועט קאַרל דירעקטאָר קומען צוריק און עס צונעמען ביי אונדז. לעצטנס יאַוועט זיך אָפּ ייִדן, גיבן אַן אין געריכט און נעמען צוריק אָפּ זייערע הייזער. אָט דאָ נישט לאַנג איז געקומען יאָסל

קאַפּלינסקי, דעם וואַסער־פּירערס זון. ער האָט זיך געמישפּט אַ לענגערע צייט און יאַן זאַפּאַלסקי האָט אים געמוזט באַצאָלן פֿאַר דער שטוב. ווי מיינסטו — האָט זיך זאָשע געווענדעט צו דיין טאַטן — לעבט קאַרל דיי־רעקטאָר?

— ניין, זאָשע, קאַרל דירעקטאָר איז אומגעקומען, ער וועט שוין זיי־כער נישט צוריקקומען. קאָנסט רו׳ק דאָרט ווינען, האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן — האָט ער איר געענטפֿערט — זייער ווייניק אונדזערע זענען געבליבן לעבן. קוים צוויי נפשות פֿון גאַנצן שטעטל. איר קאָנט שלאָפֿן רו׳ק — האָט ער איר גאַליק געענטפֿערט — כאָטש זי, זאָשע, האָט ווייניק געגאָסן פֿון ייִדישן האָב און גוטס, זי האָט זיך נישט אויסגעטויגט.

— אַלע, אַלע, — האָט די אַלטע זאָשע אויפֿריכטיק פֿאַרגעזעצט — ווער ס׳האָט געהאַט הענט און פֿיס האָט גערויבט און געשלעפּט. די וואָס האָבן אין געהיים צוגעטראָגן עסן פֿאַר אַ באַקאַנטן ייִד אין געטאָ, האָבן זיך גוט געהייסן באַצאָלן. אַלץ איז געווען ווייניק. רויב און פּלינדער איז אָנגעגאַנגען אָפֿן. די דייטשן האָבן נישט געשטערט. מ׳האָט דאָ געלעבט אַ גוטן טאָג. די פּויערן פֿון די אַרומיקע דערפֿער האָבן אַוועקגעוואָרפֿן זייערע גאַספּאָדאַרסטוועס און געקומען אין שטאָט אַריין פֿאַרכאַפּן דירות און מעבל. זיי האָבן זיך אויסגעטויגט צום געשעפֿט. נישט אומזיסט האָבן זיי צוגע־האָלפֿן דעם דייטש. ס׳האָט זיך אָפּגעצאָלט.

— ווי קומט עס, פּאַני זאָשאַ, וואָס כמעט אַלע ייִדישע הייזער שטייען גאַנץ און זענען באַוווינט, אויסער מיינע באָבעס צוויי הייזער זענען צע־לייגט?

— געדענקסט דאָך זיכער דיין פֿעטער לייזער, נו, און זיין ייִנגסטן זון, גדליה, דערמאָנסטו זיך? דער וואָס האָט געאַרבעט אויף דער פּאָסט, ווען די סאָוויעטן זענען דאָ געווען, איז געווען יענער כוואַט. אַן אומדער־שראָקענער האָט ער געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין. ווען ער האָט אין געטאָ געאַרבעט אין פֿיינבערגס לעדער־פֿאַבריק, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט אַריינגעוואָרפֿן דעם דייטשן דירעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק אין אַ טשאַפּ אַריין און אים דערטרונקען. ביינאַכט האָט ער זיך אַרויס־געגנבעט פֿון געטאָ און ער מיט נאָך אייניקע חברים זיינע האָבן זיך פֿאַר־

באַריקאַדירט אויפֿן בוידעם פֿון דיין באָבעס הויז כּ,אָטש דאָרטן האָבן שוין געוווינט פּוילישע שכנים.

— די געסטאַפּאָ האָט אים אַרומגעזוכט — האָט זאָשע דערציילט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, — און צום סוף דערשנאַפּט זיין באַהעלטע־ניש. זיי האָבן אַרויסגעטריבן פֿון דאָרט אַלע שכנים, און אַרומגערינגלט דאָס הויז פֿון אַלע זייטן. גדליה מיט זיינע חברים האָבן זיך אַזוי לייכט נישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן געשאָסן אויף די דייטשן. איין דייטש איז געפֿאַלן טויט און עטלעכע האָט מען אָוועקגעשלעפּט פֿאַרוווּנדיקטע. זיי האָבן צום סוף אויפֿגעריסן דאָס הויז מיט דינאַמיט און אַלע זענען אומגעקומען.

— גאַנץ גלייך געטון. אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ. הלוואי וואָלטן אַלע אַזוי געטון — און פֿאַר זיינע אויגן האָט אויפֿגעטויכט דאָס פּנים פֿון קליינעם אומדערשראָקענעם גדליה, מיט זיין געלאָקטער טשופּרינע און איז אויס־געוואַקסן אין געשטאַלט פֿון אַ גרויסן העלד.

— דער באָבע ראַכקעס הויז איז פֿאַרברענט געוואָרן אין דער זעל־בער צייט, ווען די דייטשן האָבן פֿאַרברענט דעם שולחן־ערוך־בית־המדרש.

***

אין דער נידעריקער כאַטקע איז אַריינגעקומען זאָשעס איינציקער זון, יאַן, אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער, אַ בייזער. ער האָט זיך באַגריסט מיט ביידע ייִדן, מיט וועלכע ער האָט זיך קינדווייז געשפּילט אויף דער זעלבער גאַס.

— איר לעבט? — האָט ער זיך געוווּנדערט — ווי אַזוי האָט איר זיך דערשלעפּט צוריק אַהיים? — איז ער געוווען טשעקאַווע צו וויסן — די מאַסקאַלעס האָבן אייך נישט דערמאָרדעט?

— דו זעסט דאָך, יאַן, מע דערלעבט צו אַלע צרות — האָט אים דיין טאַטע, מיין קינד, סתם אַזוי געענטפֿערט. ער האָט דערפֿילט, אַז אויך דער דאָזיקער געוועזענער שכן זיינער האָט פֿאַרפֿלעקטע הענט פֿון ייִדיש בלוט. זיין צורה האָט אויסגעדריקט אַזוי פֿיל חוצפּה און אומפֿאַרשעמטקייט אַז אַ פּחד איז באַפֿאַלן די צוויי חברים.

— בלייבט ביי אונדז נעכטיקן — האָט זאָשע פאַרגעלייגט — רוט זיך אויס אַ ביסל.

— ניין — האָט ער דערווידערט — איך פאָר באַלד אַוועק. איך קאָן דאָ נישט בלייבן. כ׳האָב שוין אַלץ געזען... לענגער וועט עס מיין האַרץ נישט איבערהאַלטן...

די אַלטע זאָשע האָט צוגעטראָגן צום טיש ברויט מיט פּרוכטן.

— ניין, טייערע פּאַני זאָשאַ, איך קאָן נישט עסן, ס׳וועט אין האַלדז נישט קריכן — האָט ער דערווידערט — מיר וועלן נאָר צוגיין אויפן בית־עלמין, זען וואָס עס מאַכן די טויטע און גיין צו דער באַן.

בערל אַרקין האָט געגעבן אַ צי דיין טאַטן פאַרן אַרבל און אַ ווונק געטון:

— לאָמיר גיין!

דער בליק פון יאַנס אויגן האָט קיין גוטס נישט געזאָגט. דאָ בלייבן מאַר מען נישט. אַליין צווישן אַזאַ סטאַדע וועלף, זיי קאָנען אָפּטון דאָס ערגסטע, אַפילו דער געוועזענער שכן יאַנעק אַליין, מיט וועמען מ׳האָט זיך קינדוויז געשפּילט, קאָן דורכפירן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט פון אָפּרוימען אַ ייִד פון וועג און אַפילו זיך נישט אַ קרום טון דערביי.

— איר קאָנט רויִק וווינען אין קאַרל דירעקטאָרס הויז — האָט זיך דיין טאַטע סאַרקאַסטיש אָנגערופן — ער לעבט נישט. ער איז אומגעקומען. קיינער וועט זיך מיט אייך נישט מישפּטן, קיינער וועט אייערס, וואָס איר האָט זיך אַזוי לייכט דערוואָרבן, נישט צונעמען.

יאַן סאַוויצקי האָט אויףביידן געוואָרפן אַ פיינטלעכן בליק, וואָס האָט זיי נאָך געבריט און געשטאָכן ווען זיי זענען שוין געשטאַנען אויף יענער זייט טיר...

***

דער גאַנצער בית־עלמין איז חרוב ומוחרב. דער שטיינערנער פּלויט איז פונאַנדערגענומען, די מצבות — איינגעלייגט, די מאַרמאָרפּלאַטן פון די נגידישע מצבות אַראָפּגעריסן. אין טיפן הויכן גראָז פּאַשען זיך חזירים, קי און פערד. די חזירישע שנוקעס ראַיען און גראָבן אין דער ערד און

מיט זייערע חזרישע קוויטשערייען וועקן זיי איבער די טויטע. דאָס הייליקע אָרט איז פאַרשוועכט פון הירזשען פון פערד, מעקען פון קי און מרוטשען פון חזירים.

בערל אַרקין איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער און דערצאָרנטער. נאָך וויי־ניק וואָס מ׳האָט די לעבעדיקע געשענדט און פאַרניכט, לאָזט מען אויך די טויטע נישט צורו. נאָך היינט, נאָך דער מלחמה, ווערט די דאָזיקע חזירייַ באַגאַנגען עפנטלעך און ס׳איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל רעאַגירן און פּראָטעסטירן.

אַן אַלטער פּויער, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע יונגע שקצים, איז גע־זעסן אָנגעשפּאַרט אויפן צעבראָכענעם פּלויט, רייכערנדיק זיין ליולקע־ציבעק און נאָכגעשפּירט מיט זיינע אויגן די צוויי מאָדנע געסט וואָס זענען זיכער געקומען פון יענער וועלט...

— העי, אַלטער, — האָט זיך בערל אַרקין צעבייזערט — ס׳פּעלט דען אָרט ווו צו פּאַשען בהמות ווי נאָר דאָ? ווי שעמסטו זי נישט, ביסט דאָך זיכער אַ גלויביקער קריסט, האָסט נישט קיין מורא פאַר גאָט?

דער אַלטער פּאַסטעך האָט זיך שפּאָטיש צעלאַכט:

— עס פעלט טאַקע נישט קיין אָרט, נאָר דאָ איז גוטע פּאַשע און ס׳איז מיר דאָ באַקוועמער. ס׳מאַכט נישט, די טויטע זשידקעס וועלן עס איבער־טראָגן, וואָסי, ס׳פּאַסט זיי נישט? היינט האָב איך שוין פאַר זיי נישט קיין מורא. נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען זייער קריוודע. פאַרכאָטי זשידקעס — און זיך צעלאַכט מיט זיין אָנציינערדיק מויל און די שקצים האָבן זיך צעהירזשעט ווי די פערד.

דיין טאָטע, מיין קינד, האָט דערזען אַ שדיש בלינצל אין זיין חברס אויגן. ער איז שנעל אַריינגעלאָפן אין הויז פונעם גוייִשן בית־עלמין־וועכ־טער, וואָס האָט דערפאַר באַקומען געצאָלט פון די אַמעריקאַנער לאַנדס־לייט, בכדי ער זאָל פאַרטרייבן די חוצפּהדיקע פּאַסטעכער.

בערל אַרקין האָט געענטפערט די פּאַסטעכער און ס׳איז צווישן זיי אַנטשטאַנען אַ געשלעג. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיי, געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז איינער פון זיי האָט אַרויס־געכאַפּט אַ מעסער און אַריינגעזעצט אין זיין האַרץ. אַ כאָרכלענדיקער איז

ער געפאַלן אין טיפן גראָז. ווען דיין טאַטע איז אַרויס מיטן וועכטער איז שוין קיינער פון די פאַסטעכער נישט געווען, און זיין חבר, וואָס האָט דורכ־געמאַכט אַלע גרוילן פון דער מילחמה, איז געלעגן אַ שטומער מיט אויפ־געריסענע אויגן, מיט אַ פרעגצייכן אין די שוואַרצאַפּלען: — פאַרוואָס איז עס אים געקומען?

אויפן זעלבן אָרט, ווו זיין חבר איז אומגעקומען, האָט דיין טאַטע אויסגעגראָבן אַ קבר, דער וועכטער ביזיוק, דער פאַרמילחמהדיקער גמינע־באַאַמטער, האָט געגעבן אַ ליילעך פאַרן מת און אויפן יידישן בית־עלמין, וואָס האָט שוין זייט אַ צענדליגג יאָר נישט אויפגענומען קיין מת, אין איצט צוגעקומען אַ פרישער קבר.

דיין טאַטע האָט שטיל געזאָגט קדיש און אַן איינציקע טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויפן פרישן אויסגעגראָבענעם בערגל ערד. ווו נעמט מען נאָך טרערן?

די זון איז אַ צונטער־רויטע פאַרגאַנגען הינטער די בית־עלמין־ביי־מער, אַנגעצונדן דעם גאַנצן מערב־ראַנד פון הימל, און נישט פאַרברענט די וועלט.

מיט אַ שוימיקן כעס אויף די ליפּן, האָט דיין טאַטע נאָכגעוואָרפן אַ קללה:

— אומווירדיקע נפשות, נאָך וויניק קרבנות געהאַט? נאָך איין קרבן האָבן זיי געדאַרפט צו פאַרפולן דאָס מעסטל. פאַרשאָלטן זאָלט איר זיין אויף אייביק!

דיין טאַטע, מיין קינד, האָט אָנגעהויבן האַסטיקער צו שפּרייזן, אַן אינערלעכער כוח האָט אים שנעל געיאָגט: אַוועקגיין פון דאַנען! אַנטלויפן! אַנטרינען! עפּעס אַן אומהיימלעך געפיל האָט אים באַהערשט. ער האָט אָפּ־געפילט אין די אינגעווײדן פון דער ערד דאָס זידן און קאָכן פון בלוט. דער אָפּהילך פון זיינע טריט האָט זיך באַהעפט מיטן לעצטן טראָט פון די אומ־גליקלעכע וואָס האָבן געשפּאַנט זייער לעצטן וועג.

ביי יעדער שטוב, וואָס ער איז פאַרביי געגאַנגען, האָט ער געזען אין דמיון יידן, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געוווינט. ער האָט גוט געדענקט זייערע נעמען. יעדער נאָמען באַזונדער איז אים אויפגעקומען אין זכרון. יעדער

איינער האָט געמאָנט נקמה, און מיט אויסגעדאַרטע געל־פּאַרגליווערטע און צעסמאַליעטע פינגער געטייטלט און געשטאָכן:

— זעט, אונדזער צוגערויבט האָב און גוטס, אונדזער יאָרנלאַנגע שווערע האָרעוואַניע, אַלץ האָבן די רוצחים צוגערויבט און צעפּלינדערט און מיט פריידיקע אויגן, צופרידענע נאָכגעקוקט אונדזער טויטנמאַרש און היינט זיצן זיי רויק און לעבן אַ גוטן טאָג... וועלן זיי קיין מאָל נישט ווערן געמישפּט?...

***

די נאַכט איז גיך צוגעפאַלן. די לעצטע נאַכט אין דער אַלטער היים. אַ קאַלטע לבנה האָט שפּאַצירט אויפן העל־אויסגעשטערנטן הימל. פּונקט ווי קיין מאָל גאָרנישט איז זי געגאַנגען איר וועג, פאַרדעקט אַלע אומרעכטן פון דער וועלט און זיי באַזילבערט מיט איר אָפּגלאַנץ.

דער צוג האָט גערירט פון אָרט. דער לעצטער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט אים אויפגעשוידערט. ער האָט מיט זיין פאַרנעפּלטן מאַטן בליק אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן אַרום. דער הויכער שולדאַך, פאַרגאָסן ווייס מיט לבנה־שיין, די אויסגעהוילטע פענצטער־אויגן האָבן אים טרויעריק שטאַר אָנגעקוקט צום געזעגענען, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן און געמאָנט:

— אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער? צווישן פויערן וואָס האַנדלען מיט טרפות צווישן אונדזערע הייליקע ווענט? בעסער וואָלטן מיר אין גאַנצן פאַרברענט געוואָרן ביזן פונדאַמענט, אַז קיין זכר זאָל פון אונדזער פאַרשוועכטער הייליקייט נישט בלייבן.

די שול האָט אים אָנגעהויבן טאַנצן פאַר די אויגן, זי האָט נאָכגעיאָגט דעם צוג, וואָס האָט איינגעהאַלטן פאַר שרעק זיין געלויף. די שול איז געווען באַלויכטן, אַלע גרויסע לאָמפּן — אָנגעצונדן, פון עק ביז עק, גרויסע וואַקסענע ליכט האָבן פלעמלענדיק זיך געריסן אויף אַרויף. אויף דער בימה איז געשטאַנען דער רב מיט די גבאים און אַרום זיי זיין חבר בערל אַרקין, אַן איינגעהילטער אין ביזיוקס ליילעך, וואָס ער האָט ביי אים היינט גענומען. דער גרויסער עולם אין שול איינגעהילט אין טליתים, האָט גע־

פליעסקעט מיט די הענט. הויך און דונערדיק האָט אָפּגעקלונגען דעם רבס באַגריסונג:

— זיי געבענטשט ר׳ דב ב״ר אייזיק, מיר זענען גליקלעך וואָס נאָך אַזוי פיל יאָר האָבן מיר דעם ערשטן מת. די טויטע גופים פון אונדזער גאַנצער עדה־הקדושה זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, וואָס זיינע שטויבעלעך זענען צעשאָטן איבער אַלע עקן וועלט און ס׳איז נאָך דערוויילע נישטאָ קיין גואל־הדם, נישטאָ ווער ס׳זאָל די אַשן צונויפזאַמלען און ברענגען צו קבר־ישראל....

דער צוג לויפט און נאָך אים — די שול.ביידע דרייען זיך אין ווילדן גאַלאָפּ. ס׳האָט זיך אויסגעמישט הימל און ערד, צוג און שול. דיין טאַטן האָט געשווינדלט פאַר די אויגן ביז חלשות... און דער צוג האָט אַלץ ווייטער געשניטן זיין וועג.

***

...דיך שרעקט, מיין קינד, דיין הערצעלע ציטערט דיר און די אייגעלעך זענען אָנגעפילט מיט טרערן. ווײסט זיכער היינטיקע נאַכט נישט שלאָפן, ס׳וועלן אין דיר אויפטויכן די אַלע שרעקלעכע בילדער וואָס דיין טאַטע האָט דיר היינט דערציילט. אָבער ס׳מאַכט נישט אויס. אַ ייִדיש קינד מעג צוליב דעם נישט שלאָפן אַ נאַכט. דיין טאַטע שלאָפט שוין באַלד צוויי צענדלינג יאָר נישט רויִק אַ נאַכט. די אַלע בילדער און קאָשמאַרן טויכן אים אויף אין שלאָף און אַ צעצאַפּלטער דערוואַכט ער מיט צעשראָקענע אויגן. פאַר זיינע אויגן שטייען הונדערטער און הונדערטער מענטשן, מיט וועלכע מ׳האָט צוזאַמען דורכגעמאַכט אַ וועג אין לעבן. ער זעט פאַר זיך די צענדלינגער מתים וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט און אין דער פרי האָט מען זיי אויף דער גאַס אַרויסגעטראָגן, צוגעדעקט מיט אַ ציַיטונג און געוואַרט מ׳זאָל זיי קומען צונעמען.

...ער זעט די אָנגסט־פייערלעך אין קינדערשע אייגעלעך, קליינטשיקע קינדער וואָס האָבן קוים די ערשטע פאַר ווערטער אַרויסגעשטאַמלט, מיט אויסגעצויגענע הענטעלעך געבעטלט אַ שטיקל ברויט. און קינדער מיט צעשפּאָלטענע קעפּעלעך אין מויערן, און לעבעדיק באַגראָבענע...

איצט איז דיר פאַרענטפערט געוואָרן די פראַגע, וואָס דו האָסט דיין טאַטן געשטעלט, פאַרוואָס האָט גיטעלע אַזאַ אַלטיטשקן זיידן און פּייגעלע — אַן אַלטיטשקע באָבע און אַ מומע און אַ פעטער. איצט פאַרשטייסטו שוין; ווינציק זענען דאָ גליקלעכע, דאָס רוב איז פאַריתומט און עלנט.

...טוליע שטאַרקער צו דיין קעפּעלע, חנהלע, אין דיין טאַטנס שויס און געדענק דאָס אַלץ וואָס ער האָט דיר דערציילט, אַז דו וועסט אויסוואַקסן זאָלסטו עס געדענקען און פאַר דיינע קינדער דערציילן, זיי זאָלן עס איבערגעבן זייערע קינדער לדור־דורות...

***

חנהלע האָט אויפגעהויבן איר קעפּעלע. אַ פּאָר גלאַנציקע טרערעלעך האָבן אַרויסגעפינקלט פון אירע אייגעלעך:

— שוין ווייטער? זיי קריכן שוין ווייטער די שלעכטע מענטשן? זיי ווילן אונדז שוין ווידער שלעכטס טון? איך האָב געלערנט אין דער שולע וועגן דעם מיגדל־בבל. די מענטשן האָבן זיך שוין געפּרוווט רייסן אַמאָל צו די הימלען אַרויף און דעם סוף ווייסן דאָך אַפילו קינדער: גאָט האָט צעמישט זייער שפּראַך און זיי האָבן זיך אויסגעשאָכטן איינס ס'אַנדערע.

— דאָס איז דערפאַר, מיין קינד, ווייל אין יענע יאָרן איז גאָט געווען אַ שטאַרקער און די מענטשן האָבן פאַר אים מורא געהאַט.

— און היינט?

— היינט? ווער ווייסט! אפשר זענען די מענטשן שטאַרקער געוואָרן און האָבן גאָר נישט קיין מורא פאַר קיינעם...

— פאַר גאָט אויך נישט?

— ניין, פאַר גאָט אויך נישט...

די לבנה האָט זיך אָפּערגערוקט פון הינטערן דאַך — אַ באַזילבערטע ווי אַ פריש־געשליפן מעסער, אָט וועט זי באַפאַלן און שעכטן, איבערשניידן דעם האַלדז...

פּאַריס, — אַנציסעס טרייער הונט, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אַן איינגעגנורעטער מיט דער שוואַרצער מאָרדע ביי זיינע פיס — האָט זיך

ראַשיק אַ ריס געטון פון אָרט, פאַרריסן די מאָרדע צו דער לבנה און מיט בלוטפאַרלאָפענע אויגן רציחהדיק זיך צעבילט:

— אויף וועמען לויערסטו מיט דיין בלאַנקעדיק מעסער? וועמען ווילסטו קוילענען? וואָלסט זיך געמעגט שעמען אין דיין ווייטן האַלדז אַריין!... דו — מיט אַן אָנגעשאַרפט מעסער? דיך האָבן דאָך באַזונגען די פאָעטן... דו קוילעסט אויך? פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? איך קאָן נישט פאַרליידן קיין עוולות — ביל איך:

האַו!... האַו!... האַו!...

סוף פסוק

דאָס בוך האָב איך געשריבן אויפן סמך פון נאָטיצן, וואָס איך האָב געמאַכט נאָך אין סאַמאַרקאַנד. אַ טייל קאַפּיטלעך האָב איך געשריבן אין פּאַריז און אַ גרויסן טייל — אין די לאַנגע טעג אין שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך אַלע מיינע וואַנדערונגען זיין אָפּגעזונדערט, איזאָלירט אין אַ סאַנאַטאָריע. ליגנדיק אַליין, אַ פאַר־לאָזענער פון פריינד און ידידים, האָב איך נאָכגעטראַכט און געזען אין מיין דמיון דאָס אַלץ וואָס איז מיר אויסגעקומען צו זען בעתן וואַנדער: היימישע הייזער אין דער היים נאָך; קאַלכאָזנע שטיבלעך, קיביטקעס און כאַטעס — אויף דער פאַרשיקונג, אויפן וויטן צפון, און נאָך דער „באַפרייונג" — אין ביטלאַזיע; אין הייזער פון אַרבעטער, דירעקטאָרן און נאַטשאַלניקעס. אומעטום האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אויגן אָן גלאַנץ, מיט פרעגנדיקע בליקן. כ׳האָב נישט געזען קיין מענטשן מיט לאַכנדיקע פּנימער, גיכער מיט אַ גרימאַסע, מיט שרעק אין די שוואַרצאַפּלען. אַלע האָבן אויסגעזען ווי איין גרויסער פרעגצייכן:

— פאַרוואָס?...

ווו וועט זיך געפינען אַזאַ בריה אויף גאָטס וועלטל וואָס זאָל קאָנען פאַרענטפערן אָט די גרויליקע פראַגע: — פאַרוואָס קומט עס אונדז אַזאַ גזר? אַזאַ גורל? צו שרעקן זיך טאָג און נאַכט איבערן אייגענעם לעבן?

איך האָב אינעם בוך בלויז געענדערט נעמען פון מענטשן. אַלץ וואָס כ׳האָב דערציילט איז דער ריינער אמת.

איך בין זיך מודה, אַז דאָס בוך האָב איך געשריבן מיט ציטער און יראת־הכבוד, אין אָנדענק פון די אומזיסטע קרבנות. איך האָב קיינעם נישט געוואָלט באַליידיקן, ווײ־טון. נישט די רעגירער און נישט די אונטערטאַנען. אָן בייז בלוט, אָן פארזענלעכן חשבון האָב איך איבערגעגעבן די פאַקטן.

פשוט צוליב דעם ס׳זאָל בלייבן לזכרון פאַר דער צוקונפט. די נייע דורות זאָלן זיך איבערצייגן, אַז דער קאַמף פון אונדזער דור פאַר אַ שענערער וועלט, האָט בלויז אָפּגעווישט פון דער אויבערפלאַך די וואָס האָבן גע־קעמפט, געגלייבט און זיך איינגעשטעלט פאַרן אמת.

ס׳איז נישט קיין פעסימיזם און נישט קיין אפיקורסות. אָט אַזוי איז דאָס לעבן, אַזוי זענען די פאַקטן. אַזוי זעט עס אויס, ווען מיטן מענטשלעכן לעבן פירן אָן אַזעלכע וואָס מיינען אַז זיי קומט אַלץ און דעם אַנדערן גאָר־נישט.

בוענאָס־איירעס, 30טן מאַי 1960, אין סאַנאַטאָריע.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַבּרהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) ח. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציילין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. גודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַבּרהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד"ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) ד"ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד"ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָוו (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד

75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשארני — ווילנע

79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)

80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך

82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)

84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע

93) שמעון הארענטשיק — אין געדויש פון מאשינען (ראמאן)

94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)

95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)

99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין

100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)

101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע צייטונג", בוענאס־איירעס, 1955).

102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע

103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)

105־106־107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געאטעמט מיטן ווינט (ראמאן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).

112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) פנחס שטיינוואקס — ייִדן צום געדענקען

115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)

116) מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זייטן פלויט

117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן

118) ש. בערלינסקי — ירושה

(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)

119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום

120) יוסף אַקרוטני — סוף קאַפּיטל

121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט

122) בער י. ראָזען — פאַרטרעטן

123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן

124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פאַרטיזאַנען

126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען

(פרעמירט דורך דער באָריס סוראָוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)

128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאַש איז געפאָרן

129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)

(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)

131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין

(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)

132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות

133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן

134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ

135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פאַרטיזאַן

136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג

137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער

138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)

139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן

140) י. ל. וואַלמאַן — פוילישע ייִדן (ראָמאַן)

141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)

143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)

145) יאָנאָס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג

146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)

147) פנחס שטיינוואקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען

148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם (אויספאַרקויפט)

149) ראובן בן־שם — פוילן ברענט...

150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פנימער און מאַסקעס

151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער

152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זייט פאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה בריינסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
(פּרעמירט דורך דער צבי־קעסטל־פּרעמיע, מעקסיקע 1962)
162) ישראל עמיאָט — פאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) הערשל ה. ווײנרויך — קאַמיסאַרן (ראָמאַן)
165) ישעיה טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
166) אבורהם זאַק — אין אָנהייב פון פרילינג
167) שלמה שאַפּיראָ — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אַמו־דאַריאַ

עס גרייט זיך צום דרוק:

מלך ראַוויטש — צווייטער באַנד פון זכרונות
נינאַ טענענבוים — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף
ב. קאַנטאַראָוויטש — פאַרשווונדענע ישובים
ד״ר ל. וואולמאַן — יידישע דאָקטוירים אין פּוילן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 168

Copyright by

R. TERKEL, Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de abril de 1963, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S. R. L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

B. TERKEL

El sol se pone en el Amu-Daria

(MEMORIAS)

●

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1963